STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10485

DER VEG TSU FRAYHAYT

Arthur Schnitzler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארטור שניצלער

דער וועג צו פרייהייט

ראמאן

1918. ניו יארק. תרע״ט

Copyright 1918
by
JEWISH BOOK AGENCY, INC.

דער וועג צו פרייהייט

איבערזעצט פון דייטש דורך

א. רעגאלסקי און י. גארניצקי

אין אַ נעבעלדיגען פעברואר־טאָג, אויף אַ באַהן־סטאַנציע, בעת זיי האָבען ארומגעשפּאַצירט אהין און צוריק אויפ'ן פעראָן, ווארטענדיג אויפ'ן צוג קיין וויען, האָט נירענבערגער איהם דערצעהלט די געשיכטע פון אָט דער שוועסטער, וואָס האָט פון קינדווייז אָן געהאַט אַן אומגעהויערע ליידענשאַפט פאַר'ן טעאַטער, און שוין צו זעכצעהן יאָהר, דורכגעדרונגען מיט קינדערשען ראָמאַנטיזם, איז זי בשתיקה אַנטלאָפען פון דער היים. צעהן יאָהר נאָכאַנאַנד האָט זי געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט, פון טעאַטער צו טעאַטער, שטענדיג אין קלענערע ראָלען באַשעפטיגט, ווייל ניט איהר טאַלאַנט און ניט איהר שעהנקייט זיינען ניט געווען גענוג פאַר איהר אויסגעוועהלטען באַרוף; די גאַנצע צייט האָט זי אַלץ געהאַט דיזעלבע באַגייסטערונג און דיזעלבע זיכערקייט אין איהר צוקונפט, ניט קוקענדיג אויף אַלע ענטטוישונגען, וואָס זי האָט דורכגעלעבט, און אויף די צרות, וואָס זי האָט זיך אָנגעזעהן. אויף וואַקאַציע פלעגט זי אַמאָל קומען צו די ברידער, וועלכע האָבען דעמאָלט נאָך געלעבט צוזאַמען, פלעגט פאַרברייינגען אַ פּאָר וואָכען און אָן אַנדערס מאָל נאָר געצעהלטע טעג, פלעגט דערצעהלען וועגען די קליינשטעדטעלדיגע ביהנעס, וואו זי פלעגט אַרויסטרעטען, ווי דאָס וואָלטען געווען גרויסע טעאַטערס, וועגען איהרע קליינע ערפאָלגען, ווי דאָס וואָלטען געווען גרויסע טריאומפען, וועגען די אָרימע קאָמעדיאַנטען, מיט וועמען זי האָט געשפּיעלט, ווי וועגען גרויסע קינסטלער, וועגען די קליינע אינטריגעס, וואָס פלעגען דאָרטען פאָרקומען, ווי וועגען נעוואַלטיגע טראַגעדיעס פון ליידענשאַפט. און אָנשטאָט ביסלעכווייז צו איבערצייגען זיך, אין וואָס פאַר אַ קלאָגעדיגער סביבה זי האָט פאַרבראַכט איהרע טעג אַלס איינע פון די אומגליקליכסטע, האָט זי זיך פון יאָהר צו יאָהר אַלץ מעהר פאַרשכור'ט אין איהרע נאַלדענע חלומות. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז זי איז איינמאָל אַ קראַנקע און אין היץ־פיבער אהיים געקומען. איצט איז זי חדשים־לאַנג אָפּגעלעגען אין בעט, מיט גערויטעלטע באַקען, חלום'ענדיג אין היץ וועגען גליק און רוהם, וועלכע זי האָט קיינמאָל ניט דורכגעלעבט. אויף אַ ווייל געזונט ווערענדיג, איז זי פון בעט אויפגעשטאַנען און איז ווידער אוועק. דאַסמאָל האָט זי זיך אָבער שוין אין עטליכע וואָכען ארום אומגעקעהרט, אינגאַנצען צובראָכען, מיט'ן שטעמפּעל פון טויט אויפ'ן שטערען. דער

ברודער איז מיט איהר אוועקגעפאָהרען קיין דרום; אין אַרקאַ, אין מעראַן, צו די איטאַליענישע וואַסערען. און ערשט איצט, ליגענדיג אין די דרום'דיגע גערטענער אונטער בליהענדע בוימער, אָפּגעפרעמדט פון דעם טומעל, וואָס האָט זי אין משך פון יאָהרען באַרוישט און צודולט, האָט זי באַגריפען, אַז איהר לעבען איז געווען נאָר אַ פוסטער הו־הא אונטער אַן אויסגעמאָלטען הימעל, צווישען פּאַפּירענע ווענט, — אַז דער גאַנצער אינהאַלט פון איהר עקזיסטענץ איז געווען אַ משוגע'נער חלום. אָבער אויך די קליינע אַלטעגליכע פּאַסירונגען אין די געדונגענע צימערלאַך און אין די ביליגע האָטעלען, אויף די גאַסען פון די פרעמדע שטעדט, האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט אין איהר זכרון, ניט ווי ווירקליכע איבערלעבונגען, נאָר ווי סצענעס, אין וועלכע זי האָט אַלס שוישפּיעלערין אין ביהנען־ליכט מיטגעשפּיעלט, און בעת זי האָט געהאַלטען ביים דערנעהנטערען זיך צום קבר, האָט זיך אין איהר דערוועקט אַן אומגעהויערע בענקעניש נאָך דעם ווירקליכען לעבען, וואָס זי האָט פאַרזאַמט; און וואָס זיכערער זי האָט געוואוסט, אַז די וועלט איז פאַר איהר אויף שטענדיג פאַרלאָרען, אַלץ קלערער האָט זי איינגעזעהן די אומגעהויערע רייכקייט פון לעבען. און דאָס מערקווירדיגסטע איז געווען, וואָס אין די לעצטע וואָכען פון איהר לעבען האָט זיך מעשה שטן ביי איהר גראַד אַרויסגעוויזען דער טאַלאַנט, וועלכען זי האָט ביז אַהער אין דער ווירקליכקייט ניט געהאַט, און פאַר וועלכען זי האָט אומזיסט מקריב געווען איהר לעבען.

„מיר דוכט זיך נאָך היינט אויך", האָט נירענבערגער געזאָגט, „אַז איך האָב קיינמאָל ניט געהערט די גרעסטע שוישפּיעלערין אַזוי דעקלאַמירען פּערזען, פאַרשפּילען גאַנצע סצענעס, ווי דאָס האָט באַוויזען מיין שוועסטער עטליכע טעג פאַר'ן טויט אין דעם האָטעל־צימער אין קאָדענאַציאַ מיט'ן אויסזיכט אויף קאָמאָ־אָפּערע. „געוויס", האָט ער צוגעגעבען, „עס איז מעגליך, אַפילו וואַרשיינליך, אַז מיין זכרון נאַרט מיך אָפּ".

„פאַרוואָס דען?" האָט גאָרג געפרעגט, וועמען אָט דער סוף איז אַזוי געפעלען געוואָרען, אַז ער האָט ניט געוואָלט דערלאָזען, מ'זאָל איהם קאַלע מאַכען. און ער האָט זיך באַמיהט אויפצואווייזען נירענבערגער'ן, וועלכער האָט איהם מיט אַ שמייכעל געהערט, אַז

ער האָט ניט געקענט האָבען קיין טעות און אַז אין דער מערקווירדיגער מיידעל, וואָס איז באַגראָבען אין קאַדענאַביאַ, האָט די וועלט פאַרלאָרען אַ גרויסע שוישפּיעלערין...

דאָס זומער־הויז, וואָס געאָרג האָט געזוכט, האָט ער ניט געפונען, אַרומוואַנדערענדיג מיט נירענבערגער׳ן; פון מאָל צו מאָל, האָט עס אויסגעוויזען אַלץ שווערער צו געפינען עפּעס רעכטס. נירענבערגער האָט זיך אָפט געוויצעלט איבער געאָרג׳ן פאַר זיינע צו שטרענגע פאָדערונגען. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז געאָרג׳ן וואָלט זיך געוואָלט האָבען אַ ווילע מיט אַן אויסגעצייכענטען וועג אין דער פראָנט און אַ גאַרטען־טיר פון הינטען, וואָס זאָל פיהרען אין אַן אַל־פראָנטען אומבאַריהרטען וואַלד. צום סוף האָט געאָרג שוין ניט געגלויבט מעהר ערנסט אין דעם, אַז איהם וועט געלינגען איצט צו געפינען אַ הויז נאָך זיין וואונש, און ער האָט זיך פאַרלאָזען אויף דעם, אַז ער וועט שוין דאָס מוזען געפינען, בעת זיי וועלען זיך אומקעהרען פון דער רייזע. נויטיגער האָט עס זיך אַרויסגעוויזען, אַזוי שנעל ווי מעגליך, אָפּצורייידען מיט אַ דאָקטאָר; אָבער אויך דאָס האָט געאָרג אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג. דאָך איינמאָל אין אָוועגד האָט אַנאַ איהם דערצעהלט, אַז דערשרעקענדיג זיך פלוצלונג פון אַ נייעם אַנפאַל פון חלשות, האָט זי באַזוכט דעם דאָקטאָר שטאַובער און איהם ענטדעקט איהר לאַגע. ער איז געווען זעהר הארציג, האָט ניט אויסגעדריקט קיין שום פאַרוואונדערונג, האָט זי גאָר איינגאַנצען באַרוהיגט און נאָר אויסגעדריקט דעם וואונש צו זעהן געאָרג׳ן פאַר דער אָפּרייזע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט געאָרג באַזוכט דעם דאָקטאָר. די שפּרעך־שטונדען האָבען זיך נאָר וואָס געענדיגט. דאָקטאָר שטאַובער, ווי מען האָט געקאָנט פאַראויסזעהן, האָט איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך. עס האָט אויסגעזעהן, אַז ער באַטראַכט דעם ענין ווי אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, מיט וועלכער עס איז ניטאָ וואָס צו שעמען זיך; ער האָט גערעדט וועגען אַנאַ׳ן ניט אַנדערש ווי וועגען געאָרג׳ס יונגער פרוי; דאָס האָט געמאַכט אויף געאָרג׳ן אַ מאָדנעם איינדרוק, אָבער יעדענפאַלס ניט קיין אומאַנגענעמען. ווען זיי האָבען פאַרענדיגט זייער פּראַקטישען שמועס, האָט דער דאָקטאָר געפרעגט, וואוהין זיי דענקען צו פאָהרען. געאָרג האָט נאָך ניט

אויסגעארבייט דעם פּלאַן ; איינס נאָר האָבען זיי פעסט באַשלאָסען,
אַז דעם פריהלינג וועלען זיי פאַרברייגגען אין דרום, מסתמא אין אי־
טאַליען. דאָקטאָר שטאובער האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגענ־
הייט צו דערצעהלען וועגען זיין רייזע אין רוים מיט צעהן יאָהר צו־
ריק. ער איז דעמאָלט געווען, ווי שוין אמאָל פריהער, אין פּערזענ־
ליכער פאַרבינדונג מיט'ן אָנפיהער פון די ארכעאָלאָגישע אויסגראָ־
בונגען, און ער האָט דערצעהלט געאָרג'ן כמעט מיט אַ באַגייסטערטען
טאָן וועגען די נייעסטע ענטדעקונגען אויף דעם פּאַלאַטין, וואו ער
האָט אליין, אַלס יונגער מאַן, געמאַכט אייניגע אויספאָרשונגען און
האָט זיי פאַרעפענטליכט אין אַן ארכעאָלאָגישער צייטונג. דערנאָך
האָט ער ניט אָהן שטאָלץ באַוויזען געאָרג'ן זיין ביבליאָטעק, וואָס איז
באַשטאַנען פון אַ מעדיצינישער אָפּטיילונג און אַ קונסט־היסטאָרי־
שער. ער האָט זיך אָנגעשלאָגען צו אנטלייהען געאָרג'ן אייניגע זעל־
טענע ביכער צום איבערלייענען: אַ בוך פון יאָהר 1834 וועגען וואַ־
טיקאַנישע זאַמלונגען און אַ געשיכטע פון סיציליען. געאָרג האָט
זיך געפיהלט העכסט גליקליך, וואָס איהם שטעהט פאָר אזא אינטע־
רעסאַנטע רייזע. עס האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ מין בענקעניש נאָך
די גוט באַקאַנטע, אָבער לאַנג ניט געזעהענע געגענדען. האַלב־פאַר־
געסענע בילדער זיינען ארויפגעשוואומען אויף זיין זכרון : די פּיראַ־
מידע פון צעסטיוס האָט זיך אויסגעמאָלען פאַר איהם אויפ'ן האָרי־
זאָנט אין שאַרפע ליניעס, ווי ער האָט זי געזעהן אַלס אינגעל, בעת ער
איז רייטענדיג אין אָווענד געקומען צוריק אין שטאָדט צו־
זאַמען מיט'ן פּרינץ פון מאַקעדאָניען ; דער בין־השמשות'דיגער
קלויסטער, וואו ער האָט זיין ערשטע געליעבטע געזעהן געהן צו דער
חופּה, איז אויפגעשטאַנען פאַר זיינע אויגען ; אונטער אַ טונקעלען
הימעל האָט זיך דורכגעטראָגען צום ברעג אַ שיפעל מיט מאָדנע גע־
לע, שוועבעל־קאָלירדיגע זעגלען... ער האָט אָנגעהויבען צו ריידען,
ער האָט דערצעהלט וועגען די פיעלע שטעדט און לאַנדשאַפטען, וואָס
ער האָט אַלס אינגעל, אַלס בחור געזעהן ; ער האָט גערעדט וועגען
זיין בענקעניש נאָך אָט די פּלעצער, וואָס ער האָט אָפט געפיהלט
אַזוי שטאַרק, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ בענקעניש נאָך דער
היים ; ער האָט גערעדט וועגען זיין פרייד ארומצונעמען איצטער
מיט אַ רייפערען אויג אַלץ, נאָך וואָס ער האָט געבענקט,

וואָס ער געדענקט נאָך און וואָס ער האָט פאַרגעסען, דערצו נאָך פיעל נייעס, און דאָס מאָל אין אַ געזעלשאַפט פון אַ געליעבטער, וואָס איז פעהיג אַלץ צו פאַרשטעהן און צו געניסען און וואָס איז איהם אַזוי טייער. דאָקטאָר שטאַובער, וועלכער האָט געהאַלטען ביים אריינשטעלען צוריק אַ בוך אין שאַף, האָט זיך פּלוצלונג אומגעדרעהט צו געאָרג'ן, האָט איהם מילד אָנגעקוקט און געזאָגט :

„אָט דאָס געפעלט מיר".

און אַזוי ווי געאָרג האָט איהם אָנגעקוקט אַביסעל פאַרוואונדערט, האָט ער צוגעגעבען :

„אָט דאָס איז געווען דאָס ערשטע ווארימע וואָרט וועגען אייער באַציהונג צו אַנעלע'ן, וואָס איך האָב געהערט פון אייך אין משך פון אונזער שמועס. איך ווייס, איך ווייס, ס'איז ניט אין אייער נאַטור אויסצוגיסען דאָס האַרץ כמעט פאַר אַ פרעמדען מענשען, אָבער גראַד וויייל איך האָב דאָס פון אייך אייגענטליך ניט ערוואַרטעט, טוט עס מיר טאַקי אַזוי הנאה. ס'איז ביי אייך גלייך פון האַרצען ארויס, דאָס האָט מען באַמערקט. און עס וואָלט מיר באמת וועה געטאָן פאַר אַנעלען — ענטשולדיגט מיר, וואָס איך רופ זי אַלץ נאָך אַזוי אָן — ווען איך וואָלט געדאַרפט טראַכטען, אַז איהר האָט זי ניט אַזוי ליעב, ווי זי פאַרדינט דאָס".

„איך ווייס ניט אייגענטליך", האָט געאָרג קאַלט געענטפערט, „וואָס האָט אייך געגעבען דעם גרונד, הער דאָקטאָר, צו צווייפלען אין דעם".

„האָב איך דען געזאָגט, אַז איך צווייפעל ?", האָט שטאַובער גוטמוטיג געענטפערט. „אָבער, סוף כל סוף, האָבען שוין אַזעלכע זאַכען געטראָפען, אַז אַ יונגער מאַן, וואָס האָט פאַרשיידענעס דורכגעלעבט, זאָל ניט גענוג אָפּשאַצען אַזאַ אָפּפער. און דאָס איז דאָך פאָרט אַן אָפּפער, ליעבער באַראָן. מיר קענען שטעהן ווער ווייסט ווי העכער פון אַלע פאָראורטיילען — קיין קליינינגקייט איז דאָס נאָך אַלץ ניט, ווען אַ יונגע מיידעל פון אַ גוטער פאַמיליע ענטשליסט זיך אויף אַזאַ שריט. און איך וועל ניט באַהאַלטען פון אייך — אַנעלע'ן האָב איך דאָס, פאַרשטעהט זיך, ניט געלאָזט באַמערקען — אַז איך

בין כמעט א פאַרציטערטער געוואָרען, בעת זי איז דאָ אנומעלט געווען ביי מיר און האָט מיר דערצעהלט וועגען דעם".

„זייט מיר מוחל, הער דאָקטאָר", האָט געאָרג מיט כעס, אָבער העפליך געענטפערט, „ווען דאָס האָט אויף אייך אזא איינדרוק געמאכט, איז דאָס א סימן, אז איהר האָט זיך נאָך ווייט ניט דערהויבען איבער די געוועהנליכע פאָראורטיילען..."

„איהר זייט גערעכט", האָט שטאובער שמייכלענדיג געזאָגט, „אָבער איהר וועט מיר אפשר מוחל זיין מיין אָפּגעשטאַנענקייט, ווען איהר וועט נעמען אין באַטראַכט, אז איך בין אביסעל עלטער פון אייך און שטאַם פון אַן אַנדער צייט. און פון דעם איינפלוס פון א געוויסער עפּאָכע קען זיך אפילו א זעלבסטשטענדיג דענקענדער מענש... און איך ערלויב מיר צו האַלטען זיך זעלבסט פאַר אזא... ניט אינגאַנצען באַפרייען. דאָס איז טאַקי דאָס מערקווירדיגסטע. אָבער גלויבט מיר, ס'איז נאָך היינטיגע צייטען, אפילו צווישען די יונגע לייט, וואָס זיינען ערצויגען געוואָרען אויף ניטשע און איבסען, פאַראַן פונקט אזוי פיעל פיליסטערס, ווי מיט דרייסיג יאָהר צוריק; זיי ווייזען דאָס נאָר ניט ארויס, סיידען עס ריהרט אָן זייער אייגענע הויט, למשל, ווען מען פאַרפיהרט זייערע א שוועסטער, אָדער זייער פרוי דריקט אויס פּלוצלונג דעם פאַרלאַנג פריי צו געניסען דאָס לעבען... אַנדערע זיינען קאַנסעקווענט און שפּיעלען די ראָלע ווייטער... אָבער דאָס איז שוין מעהר א פראַגע פון זעלבסט־באַהערשונג, איידער פון וועלט־אַנשויאונג. צוריק רעדענדיג, אין די אמאָליגע צייטען, אפילו אין דער עפּאָכע, פון וועלכער איך שטאַם, ווען די באַגריפען זיינען געוועזען פעסט, ווען יעדערער האָט למשל געגוי געוואוסט: אז מ'דאַרף דרך־ארץ האָבען פאַר אַן עלטערען, אז ניט איז מען אַן אויסוואורף... אָדער: אז אמת'ע ליעבע קומט פאָר נאָר איין מאָל אין לעבען... אָדער: עס איז א פאַרגעניגען צו שטאַרבען פאַר'ן פאָטערלאַנד... אין דער עפּאָכע, ווען יעדער אַנשטענדיגער מענש האָט הויך געהאַלטען וועלכע עס איז פאָהן, אָדער לפּחות געהאַט עפּעס אויפגעשריבען אויף זיין פאָהן... גלויבט מיר, שוין דעמאָלט האָבען די אזוי גערופענע מאָדערנע אידעען געהאַט מעהר אנהענגער, ווי מען מיינט. מעהר נישט, די אָנהענגער פון מאָדערניזם האָבען דעמאָלט אליין דאָס ניט קלאָר באַגריפען, זיי האָבען אליין ניט געטרויט זייערע אידעען, און

האָבען אויף זיך אַליין געקוקט אין אַ געוויסער מאָס, ווי אויף פאַרדאַמטע אָדער אפילו פאַרברעכער. איהר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, הער באַראָן ? עס זיינען בכלל ניטאָ קיין נייע אידעען. עס איז נאָר פאַראַן אַ נייע מדרגה פון אידעען־ענטוויקלונג. אָבער מיינט איהר דען ערנסט, אַז ניטשע האָט ערפונדען דעם איבערמענש, איבסען האָט ערשט די ליגענס פון לעבען ענטדעקט, און אַנצענגרובער האָט ערשט אויסגעפונען דעם אמת, אַז עלטערן דאַרפען זעהן ערשט ווערט זיין דעם כבוד און ליעבע, וועלכע זיי פאַרלאַנגען פון זייערע קינדער ? ס׳הויבט זיך גאָר ניט אָן. אַלע עטישע אידעען זיינען פון שטענדיג אָן געוועזען. די וועלט וואָלט נשתומם געוואָרען, ווען מ׳וואָלט געוואוסט, וואָס פאַר פלאַך־קעפּ ס׳האָבען וועגען די אַזוי־גערופענע נייע, גרויסע אמת׳ען געטראַכט און אפשר זיי אַמאָל אויך אַרויסגעזאָגט לאַנג פאַר די זשעניען, ווען מיר פאַרדאַנקען די אמת׳ען, אָדער, ריכטיגער, וועמען מיר פאַרדאַנקען דעם מוט צו האַלטען די דאָזיגע אמת׳ען פאַר וואָהר. אָבער איך בין דאָ פּאַרקראָכען אָן אַ זייט, ענשולדיגט. אייגענטליך האָב איך געוואָלט נאָר זאָגען... און איהר וועט עס מיר גלויבען.. איך ווייס אַזוי גוט ווי איהר, הער באַראָן, אַז עס זיינען פאַראַן אומשולדיגע מיידלאַך, וואָס זיינען טויזענט מאָל מעהר פאַרדאָרבען פון די אַזוי־גערופענע "געפאַלענע", און אַז עס זיינען פאַראַן יונגע לייט, וואָס מ׳האַלט זיי פאַר אַנשטענדיג, און זיי האָבען אויף זייער געוויסען אַ סך שווערערע חטאים, ווי דאָס פאַרפיהרען אַ ליעבעס־פאַרהעלטנים מיט אַן אומשולדיגער מיידעל. און דאָך... דאָס איז די קללה פון מיין עפּאָכע..." האָט ער מיט אַ שמייכעל באַמערקט, "איך האָב זיך ניט געקענט העלפען : אינ׳ם ערשטען מאָמענט, ווען אַנעלע האָט מיר די געשיכטע דערצעהלט, האָבען אין מיין אַלטען קאָפּ אין זייער אַלטען טאָן געקלונגען געוויסע אומאַנגענעהמע ווערטער, וואָס האָבען אין זייער צייט אַ גאַנץ באַשטימטע באַדייטונג געהאַט, נאַרישע, אָפּגעלעבטע ווערטער, ווי... שאַרלאַטאַן... פאַרפיהרער... פאַרלאָזענע... און דאָס גלייכען. און דעריבער — איך מוז ביי אייך נאָכאַמאָל בעטען ענשולדיגונג, ווען איך קען אייך אביסעל נעהענטער — דעריבער בין איך דעמאָלט דערפון אַ פאַרציטערטער געוואָרען, אין וואָס אַ מאָדערנעם מענשען האָט אייגענטליך ניט געפּאַסט מודה צו זיין זיך.

אָבער, ערנסט גערעדט, באַטראַכט זיך גאָר, ווי וואָלט זיך צו דער זאַך פאַרהאַלטען אייער געשטאָרבענער פּאָטער, וועלכער האָט אַנעלען גאָר־ניט געקענט. ער איז דאָך געווים געוועזן איינער פון די קליגסטע מענשען און פון פאָראורטיילען אַזוי פריי, ווי מ'קען זיך נאָר פאָר־שטעלען... און ניט קוקענדיג אויף דעם, צווייפעלט איהר געווים ניט, אַז אויך ער וואָלט דערפון אַ פאַרציטערטער געוואָרען.“

ניט ווילענדיג האָט געאָרג אויסגעשטרעקט דעם דאָקטאָר די האַנט. דאָס אומגעריכטע און פלוצלונגע דערמאָנען אָן דעם געליעב־טען טויטען האָט אין איהם דערוועקט אַזאַ שטאַרקע בענקעניש, אַז עס איז איהם געוואָרען אַביסעל גרינגער אויפ'ן האַרצען, נאָר, ווען ער האָט אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דעם פאַרשטאָרבענעם. דער דאָקטאָר האָט אויך דערצעהלט וועגען זיינע באַגעגענישען מיט גע־אָרג'ס פּאָטער, על פי רוב צופעליגע: אויפ'ן גאַס, אויף זיצונגען אין דער אַקאַדעמיע פון וויסענשאַפט, ביי קאָנצערטען. ווידער איז אָנ־געקומען איינער פון יענע מאָמענטען, ווען געאָרג האָט זיך געפיהלט, ווי ער וואָלט עפּעס געזינדיגט אַנטקעגען דעם געשטאָרבענעם, און ער האָט זיך אינערליך געגעבען אַ שבועה צו האַנדלען אַזוי, אַז ער זאָל ווערט זיין צו דערמאָנען זיין נאָמען.

„גריסט אַנעלען פון מיר“, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, זעגע־נענדיג זיך מיט געאָרג'ן, „אָבער דערצעהלט איהר בעסער גאָרניט וועגען דעם, וואָס איך בין אַ פאַרציטערטער געוואָרען. זי איז זעהר עמפּינדליך, דאָס ווייסט איהר דאָך, און איצט איז דאָס וויכטיגסטע אָפּצוהיטען זי פון אומאַנגענעמע אויפרעגונגען. באַרעכענט זיך, ליע־בער באַראָן: איצט דאַרף מען טראַכטען נאָר וועגען דעם, אַז אַ גע־זונט קינד זאָל קומען אויף דער וועלט, דאָס איבעריגע אַלץ... נו, גריסט איהר האַרצליך פון מיר, לאָמיר האָפען, אַז זומער וועלען מיר זיך ווידער זעהן אַלע געזונט.“

געאָרג איז אַוועק מיט אַ פאַרשטאַרקטען באַוואוסטזיין פון זיינע התחיבות צו אַנאַ'ן, וואָס האָט זיך איהם איבערגעגעבען, און צו דעם קליינעם נפש'ל, וואָס דאַרף אין עטליכע חדשים אַרום דערזעהן דאָס ליכט פון דער וועלט. ער האָט לכתחילה געדענקט וועגען דעם אָנצו־שרייבען אַ צוואה און איבערלאָזען זי ביי אַ נאָטאַריוס. נאָכטראַכ־טענדיג האָט ער אָבער איינגעזונען, אַז עס וועט זיין בעסער, ווען ער

וועט אלץ דערצעהלען זיין ברודער, וועלכער איז דאך אינערליך איהם געווען דער נאהענטסטער פון אלע מענשען. אבער צוליעב דער מאָד־נער פּרעמדקייט, וואס האט געהערשט צווישען די ברידער, ניט קוק־קענדיג אויף זייערע ווארימע באציהונגען איינער צו דעם אנדערען, האט ער דאס פון טאג צו טאג אפּגעלייגט, ביז עס האט זיך דער־נעהנטערט די צייט פון פעליציאן'ס אוועקפאהרען אויף יאגד קיין אפריקא. א נאכט פאר דעם, אויפ'ן וועג פון קלוב אהיים, האט גע־אָרג דעם ברודער געזאגט, אז ער האט בדעה אין גיכען אוועקצופאה־רען אויף א לענגערע צייט.

„אזוי ? אויף ווי לאנג ווילסטו דען אוועקפאהרען ?" האט פעליציאן געפרעגט.

געאָרג האט דערפיהלט אין דעם טאן פון די ווערטער א געוויסען אפּקלאנג פון אומרוהיגקייט, און ער האט דערפאר געפונען פאר נוי־טיג צוצוגעבען :

"דאס וועט שוין אויף יאהרען זיין מסתמא מיין לעצטע גרעסערע רייזע. אין הערבסט, לאמיר האפען, וועל איך שוין האבען א זי־כערע שטעלע אלס קאפּעלמייסטער".

„דו האסט אלזא פעסט באשלאסען ?"

„יא, זעלבסטפארשטענדליך".

„עס פרעהט מיך זעהר, געאָרג, צוליעב פארשיידענע טעמים, ווי דו קענסט זיך אליין פארשטעלען, וואס דו האסט באשלאסען ערנסט נעמען זיך צו עפּעס. ס'איז אויך גוט, וואס עס האט זיך אזוי גע־מאכט, אז מיר ביידע פאהרען אוועק. ס'וואלט געווען אביסעל אור־מעטיג אויפ'ן הארצען, ווען איינעם פון אונז וואלט אויסגעקומען אוועקצולאזען זיך איבער דער וועלט אין דער צייט, ווען דער אנדע־רער וואלט זיך אפּגעשטעלט דא אליין".

געאָרג האט געוואוסט, אז דעם קומענדיגען הערבסט וועט פע־ליציאן באקומען א דיפּלאמאטען־שטעלע אין אויסלאנד, אבער איהם איז נאך ביזאהער קיינמאל ניט געווען אזוי קלאר, אז אין עטליכע חדשים ארום וועט מוזען קומען אן ענדע צו זייער לאנגיעהריגען ברור־דערליכען צוזאמענלעבען אין דעם אלטען הויז אנטקעגען דעם פּארק, יא, אז דאס איז אין א געוויסער מאס א סוף צו דער יוגענד. ער האט

דערזעהן פאר זיך דאס לעבען אין אן ערנסטער, כמעט א דראהענדי־גער געשטאלט.

„האסטו עפעס א באגריף, וואוהין זיי וועלען דיך שיקען ?", האט געארג געפרעגט.

„ס'איז פאראן א מעגליכקייט, אז מען וועט מיך שיקען אין אטען".

„וואלסטו צופרידען געווען פון דעם ?"

„פארוואס נים. די גזועלשאפט דארטען איז, ווי מ'זאגט, ניט אומאינטערעסאנט. בערנבורג איז דארטען געווען דריי יאהר, און האט זעהר ניט געהאט קיין חשק צו פארלאזען אטען. און דערביי האבען זיי דאך איהם אריבערגעפיהרט קיין לאנדאן, וואס דאס איז אויך ניט שלעכט".

זיי זיינען געגאנגען א ווילע שווייגענדיג און גענומען דעם וועג דורכ'ן פארק, ווי געוועהנליך. אין דער לופט ארום האט זיך ווי גע־שפירט די נאהענטקייט פון פריהלינג, כאטש אויף די לאנקעס האבען נאך געשימערט שמאלע, ווייסע שניי־פאסען.

„דו פאהרסט אלזא אין איטאליען ?" האט פעליציאן געפרעגט.

„יא".

„ווידער אזוי ווייט צום דרום, ווי פאראיאהרען פריהלינג ?"

„דאס ווייס איך נאך ניט".

זיי האבען ווידער א קורצע צייט געשוויגען. פלוצלונג פון דער טונקעלקייט האט זיך דערהערט פעליציאנ'ס שטים.

„האסט דו זינט דעמאלט געהערט עפעס פון גרייס'ן ?"

„פון גרייס'ן ?" האט געארג ווידערהאלט אביסעל פארוואונ־דערט, ווייל פעליציאן האט שוין זעהר לאנג ניט דערמאנט איהר נא־מען. „פון גרייס'ן האב איך מעהר נישט געהערט. מיר האבען אגב אזוי אפגעמאכט צווישען זיך. אין גענוא האבען מיר זיך אויף איי־ביג געזעגענט. ס'איז שוין אוועק מעהר ווי א יאהר צייט פון דער־מאלט..."

אויף א באנק, גאנץ אין דער פינסטער איז געזעסען א מאן אין א פוטער, מיט א צילינדער אין ווייסע הענטשקעס. אה, לאבינסקי, האט געארג געטראכט איין מינוט, אבער ער האט זיך גלייך דער־מאנט, אז יענער האט זיך דערשאסען... דאס איז שוין געווען ניט

דאָס ערשטע מאָל, וואָס איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער זעהט איהם. אויך אין באָטאַנישען גאָרטען אין פּאַלערמאָ, אין מיטען העלען טאָג, איז איינער געזעסען אונטער אַ יאַפּאַנעזישען בוים, ווען ער האָט אויף איין סעקונדע אַנגענומען פאַר לאַבינסקי׳ן. און דאָ ניט לאַנג, הינטער די פאַרמאַכטע פענסטער פון אַ פּיאַקער האָט זיך געאָרג׳ן אויסגעדוכט, אַז ער האָט דערזעהן דעם פּנים פון זיין געשטאָרבענעם פאָטער.

הינטער די נאַקעטע צווייגען האָבען זיך הייזער געזעהן. אין איינעם פון זיי האָבען די ברידער געוואָהנט.

„ס׳איז שוין צייט, אייגענטליך, צוצוטרעטען צו דער זאַך“, האָט געאָרג געטראַכט. און כדי אויף גיך איבערצוגעהן צום ענין, האָט ער אין אַ לייכטען טאָן אַ זאָג געטאָן:

„איך פאָהר אויך הייער ניט אַליין אין איטאַליען“.

„אַזוי, אַזוי“, האָט פעליציאַן געזאָגט און האָט געקוקט פאַר זיך.

אין דעמזעלבינגען מאָמענט האָט געאָרג געפיהלט, אַז ער האָט גענומען ניט דעם ריכטיגען טאָן. ער האָט מורא געהאַט, אַז פעליציאַן קען זיך אַ טראַכט טאָן: אָה, ער האָט שוין ווידער אַ ליעבע מיט עפּעס אַ פאַרדעכטיגער פּערזאָן. און ער האָט ערנסט געזאָגט:

„הער, פעליציאַן, איך דאַרף זיך מיט דיר וועגען עפּעס וויכטיגעס דורכשמועסען“.

„עפּעס וויכטיגעס?“

„יאָ“

„נו, געאָרג“, האָט פעליציאַן געזאָגט און האָט איהם פון דער זייט מילד אָנגעקוקט. „וואָס איז אַזוינס, דו קלייבסט זיך דאָך ניט חתונה האָבען?“

„אָ, ניין“, האָט געאָרג געענטפערט און איז באַלד אין כעס געוואָרען אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט אַזוי ענטשידען אָפּגעלייקענט די מעגליכקייט. „ניין, עס האַנדעלט זיך ניט וועגען חתונה, נאָר וועגען עפּעס פיעל וויכטיגערעס“.

פעליציאַן איז געבליבען אַ מאָמענט שטעהן.

„דו האָסט אַ קינד?“ האָט ער ערנסט געפרעגט.

„דערווייל נאָך ניט. דאָס איז דאָס טאַקי. דערפאַר פאָהרען מיר אַוועק“.

„אזוי“, האָט פעליציאַן געזאָגט.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון פּאַרק. ניט ווילענדיג האָבען זיי ביידע אַרויפגעקוקט צום פענסטער פון זייער הויז, פון וואַנען נאָך מיט אַ יאָהר צוריק דער פאָטער פלעגט זיי אָפּט באַגריסען. ביידע האָבען דערפיהלט מיט וועהטאָג, ווי זיי האָבען זיך ביסלעכווייז דער־ווייטערט איינער פון דעם אַנדערען זינט דעם פאָטערס טויט. מיט אַ לייכטען שרעק האָבען זיי געטראַכט וועגען דעם, אַז אויף ווייטער קען זיי דאָס לעבען נאָך טיעפער צושיידען.

„קום אַריין צו מיר אין צימער“, האָט געאָרג געזאָגט, ווען זיי זיינען אַרויף אויבען. „דאָרטען איז געמיטליכער“.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַקוועמען שטול לעבען שרייבטיש. אויפ'ן ברעג פון דעם קליינעם גרינעם לעדערנעם די־וואַן, וואָס איז געשטאַנען לעבען שרייב־טיש, האָט זיך פעליציאַן אָנ־געשפּאַרט און האָט זיך רוהיג צוגעהערט. געאָרג האָט איהם אָנגע־רופען דעם נאָמען פון זיין געליעבטער. ער האָט גערעדט וועגען איהר מיט גוטע, האַרציגע ווערטער און האָט געבעטען פעליציאַנ'ען, ער זאָל זיך אָננעמען פאַר דער מוטער און קינד אין פאַל, אויב מיט איהם זאָל וואָס טרעפען. וואָס ס'וועט נאָך איבערבלייבען פון זיין פאַרמעגען, געהערט, פאַרשטעהט זיך, דעם קינד, און די מוטער קען זיך באַנו־צען מיט די פּראָצענטען פונ'ם געלט, ביז דאָס קינד וועט ווערען פול־יאָהריג. ווען געאָרג האָט געענדיגט, האָט פעליציאַן נאָך אַ קורצען שווייגען געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

„נו, דו האָסט יעדענפאַלס ניט וועניגער האָפנונג אומצוקעהרען זיך בשלום און געזונטערהייט פון דיין רייזע, ווי איך פון אַפריקאַ, און דעריבער האָט אונזער שמועס געוויס נאָר אַ ריין אַקאַדעמישע באַדייטונג“.

„דאָס האָף איך נאַטירליך אויך. אָבער עס איז יעדענפאַלס פאַר מיר אַ באַרוהיגונג, פעליציאַן, וואָס דו ווייסט איצט פון אַלץ, און איך קען אין יעדען פאַל זיין אומבאַזאָרגט“.

„יאָ, געוויס, דו קאָנסט זיין פאָלקאָם רוהיג“.

פעליציאַן האָט דערלאַנגט דעם ברודער די האַנט. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צי־מער. צום סוף האָט ער געפרעגט:

„טראַכסטו ניט געזעצליך מאַכען דיינע באַציהונגען ?"

„דערווײַלע ניט. וואָס די צוקונפט קען ברענגען, קען מען דאָך ניט וויסען".

פעליציאַן איז געבליבען שטעהן.

„נו, יאָ..."

„דו וואָלסט געווען דערפאַר, איך זאָל חתונה האָבען ?" האָט געאָרג אויסגערופען מיט אַ געוויסער פאַרוואונדערונג.

„דורכאויס ניט".

„פעליציאַן, איך בעט דיך, זיי אויפריכטיג !"

„ווייסט דו, אין אַזעלכע ענינים טאָר מען זיך ניט אַריינמישען, אפילו ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַן אייגענעם ברודער".

„אָבער ווען איך בעט דיך, פעליציאַן. מיר דוכט זיך, אַז דיר געפעלט עפּעס ניט אין אָט דער געשיכטע".

„יאָ, זעהסט דו, געאָרג... דו ווערסט דאָך מיך ניט שלעכט אויס־טייטשען... איך וויים, פאַרשטעהט זיך, אַז דו טראַכסט ניט וועגען דעם צו איבערלאָזען זי, ווי זי שטעהט און געהט ; פאַרקערט, איך בין אפילו איבערצייגט, אַז דו ווערסט האַנדלען אַ סך נאָבעלער, ווי ווער עס איז אין דיין לאַגע. אָבער די פראַגע איז דאָך אייגענטליך די : צי וואָלסט דו זיך ניט אַריינגעלאָזט אין דער גאַנצער זאַך, ווען דו וואָלסט זיך אַפריהער באַקלערט וועגען די פאָלגען, וואָס וועלען דער־פון אַרויסקומען".

„יאָ, אויף דעם איז, פאַרשטעהט זיך, שווער צו ענטפערען", האָט געאָרג געזאָגט.

„איך מיין גאַנץ פשוט : ביזט דו טאַקי אויסען געווען... ניט צו מאַכען זי פאַר דיין פרוי, נאָר האָבען מיט איהר אַ קינד ?"

„מיין גאָט, ווער טראַכט וועגען דעם ? ווען מ'וואָלט דאָס אַב־סאָלוט געקאָנט פאַרמיידען — "

פעליציאַן האָט איהם איבערגעריסען.

„וויים זי, אַז דו טראַכסט גאָר ניט חתונה צו האָבען מיט איהר?"

„נו, דו גלויבסט דאָך ניט, אַז איך האָב איהר צוגעזאָגט חתונה צו האָבען".

„ניין. אָבער אַוועקלאָזען זי — דאָך אויך ניט".

„דאָס וואָלט געווען פונקט אַזוי אומאויפריכטיג, פעליציאַן. עס

איז צוגעגאנגען, ווי עס פאסירט אין אזעלכע זאכען, גאר אהן א שום פראגראם ביז'ן היינטיגען טאג".

„יא, דו ביזט גערעכט. די פראגע איז נאר, צי איז מען אין וויכטיגע לעבענס־פראגען ניט מחויב אין א געוויסער מאס האבען א פראגראם".

„מעגליך... אבער דאס איז קיינמאל ניט געוועזן מיין טבע, לייי־דער..."

פעליציאן איז געבליבען שטעהן פאר געארג'ן, האט געמאכט א פריינדליך געזיכט און האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ עטליכע מאל.

„דאס איז שוין אמת, געארג. דו ביזט דאך ניט אין כעס... אבער אז עס איז שוין געקומען צו רייד... איך קען דיר, פארשטעהסט זיך, ניט אנווייזען, ווי דו זאלסט זיך פיהרען אין לעבען..."

„אבער איך בעט דיך, פעליציאן... באמת... רייד גאנץ אפען, דאס טוט מיר הנאה..."

ער האט איהם א גלעט געטאן איבער'ן האנט, וואס איז געלע־גען אויפ'ן סאפא.

„נו, יא, עס איז ניטא מעהר פיעל וואס צו זאגען. איך מיין נאר, אז אין אלע זאכען פעהלט ביי דיר... א פראגראם. זעהסט דו, איך וועל דיר אנווייזען אויף אן אנדער וויכטיגען פונקט: איך פון מיין זייט בין איבערצייגט אין דיין טאלאנט, און פיעלע אנדערע אויך. אבער דו ארבייטסט דאך אזוי ווייניג, כמעט גארניט, איז דאס ניט אזוי? און פון זיך אליין קומט דאך ניט דער רוהם, ווען מען איז אפילו..."

„געוויס ניט. אבער ניט אזוי ווייניג ווי דו מיינסט ארבייט איך דאך, פעליציאן. נאר דאס ארבייטען ביי אונזערען איינעם געהט צו ניט אזוי גלאט. אפטמאל ביים שפאצירען, אפילו אין שלאף פאלט אריין איינעם אלערליי זאכען אין קאפ... און דערצו אין הערבסט..."

„נו, יא, לאמיר האפען, כאטש איך האב מורא, אז פון דיין גע־האלט וועסטו אין אנהויב ניט קענען לעבען. און אויף ווי לאנג דיין ביסעל געלט וועט סטייען, ביי דיין ארט לעבען, איז אויך א גרויסע פראגע. איך זאג דיר אויפריכטיג, ווען דו האסט מיר אפריהער אנ־גערופען די סומע געלט, וואס דו וואלסט געקענט איבערלאזען דיין קינד, האט מיך אויף אן אמת געכאפט א שוידער".

„האָב נאָר געדולד, פעליציאַן. אין דריי יאָהר ארום אָדער אין פינף, ווען מיין אָפּערא וועט פאַרטיג ווערען..." האָט ער געזאָגט, אי־ראָניזירענדיג איבער זיך זעלבסט.

„שרייבסט דו ווירקליך אַן אָפּערא, געאָרג?"

„איך הויב זי אַן אין גיכען".

„ווער פאַרפאַסט דעם טעקסט?"

„היינריך בערמאַן. איצט מאַכסטו געווים א זויערע מינע".

„ליעבער געאָרג, איך בין זעהר ווייט דערפון צו וועלען זאָגען דיר א דעה, אין וואָס פאַר א געזעלשאַפט דו זאָלסט פאַרברייננגען. עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז דו, ביי דיין גייסטיגער ריכטונג, קומסט אריין אין אנדערע קרייזען, ווי איך, און טרעפסט זיך מיט מענשען, וועלכע געפעלען מיר ניט אַזוי שטאַרק. אָבער, אָבער ווען דאָס ווערק פון הער בערמאַן איז נאָר שעהן, האָסט דו מיין ברכה... און הער בערמאַן נאַטירליך אויך".

„דער טעקסט איז נאָך ניט פאַרטיג, נאָר דאָס סצענאַריום".

פעליציאַן האָט זיך ניט ווילענדיג פאַנאַנדערגעלאַכט.

„אזוי זעהט עס אוים מיט דיין אָפּערא? צי איז נאָר דער טעאַטער שוין געבויט, פאַר וועלכען מען געהט דיר אָנשטעלען אַלס קאַ־פעלמייסטער".

„נו", האָט געאָרג אביסעל באַליידיגט געזאָגט.

„זיי מוחל", האָט פעליציאַן אָפּגעענטפערט. „איך צווייפעל באמת ניט אין דיין צוקונפט. איך וואָלט נאָר געוואָלט, אַז דו אַליין זאָלסט אביסעל מעהר ארבייטען פאַר איהר. איך וואָלט אזוי . . . באמת, געאָרג, איך וואָלט אזוי שטאָלץ געווען, ווען פון דיר וואָלט עפּעס גרויסעס ארויסגעקומען. און דאָס איז נאָר פון דיר אַליין אָפּ־הענגיג. ווילי אייסלער, וואָס איז דאָך זעהר מוזיקאַליש, האָט מיר אַנומעלט ווידער געזאָגט, אַז ער האַלט פון דיר מעהר, ווי פון אַלע איבעריגע יונגע קאָמפּאָזיטאָרען".

„ער נעמט עס פון די פאָר ליעדער, וואָס ער האָט געהערט?"

„יאָ, ער האַלט זיי פאַר אויסגעצייכענט. ס'האַנדעלט זיך דאָך ניט אום דער צאָהל".

„דו ביזט א וואוילער יונג, פעליציאַן. אָבער דו דאַרפסט מיך גאָר ניט ערמוטיגען. איך וויים שוין, וואָס עס שטעקט אין מיר, נאָר

פלייסיגער מוז איך טאקי ווערען, און די רייזע וועט אויף מיר גוט ווירקען. אזוי, אויף א געוויסער צייט אוועקגעהן פון דער געוועהנ־ליכער סביבה, דאס איז א גוטער מיטעל. דאס מאל איז עפעס אנדערס, ווי פאראיאהרען: עס איז דאס ערשטע מאל, פעליציאן, וואס איך בין צוזאמען מיט א פרוי, וואס שטעהט דורכאויס אויף דערזעלביגער מדרגה, ווי איך, וואס איז מיר מעהר, ווי... וואס איז מיר אן אמת'ע פריינדין. און דאס באוואוסטזיין, אז איך וועל א קינד האבען, און גראד פון איהר, איז מיר, ניט קוקענדיג אויף אלע דאגות, גיכער אנגענעהם".

„דאס פארשטעה איך זעהר גוט", האט פעליציאן געזאגט, בא־טראכטענדיג געארג'ן מיט ערנסט און ליעבע.

דער זייגער אויפ'ן שרייבטיש האט געשלאגען צוויי.

„א, שוין אזוי שפעט", האט פעליציאן אויסגערופען. „און מאר־גען פריה מוז איז זיך פאקען. נו, מארגען ביים עסען קענען מיר נאך וועגען אלץ דורכשמועסען זיך. אלזא, זיי געזונט, געארג".

„א גוטע נאכט, פעליציאן. איך דאנק דיר", האט ער הארציג צוגעגעבען.

„פאר וואס דאנקסט דו מיר, דו ביזט קאמיש, געארג". זיי האָ־בען זיך דערלאנגט די הענט און האבען זיך צוקושט, וואס האט שוין א לאנגע צייט ניט פאסירט צווישען זיי. געארג האט באשלאסען זיין קינד, אויב ס'וועט זיין א אינגעל, א נאמען צו געבען פעליציאן, און „דאס איז דאך געווים א מזל'דיגער נאמען", האט ער מיט פאר־געניגען געטראכט.

נאך דעם ברודערס אפפאהרען האט זיך געארג געפיהלט אזוי פארלאזען, ווי ער וואלט גאר קיינמאל קיין אנדער פריינד ניט גע־האט. דאס וואהנען אליין אין דעם גרויסען איינזאמען הויז איז איהם געוועז צו לאסט; ס'האט אויף איהם ארויפגעיאגט א טרויעריגע שטימונג, ווי אין דער ערשטער צייט נאכ'ן פאטערס טויט.

די טעג, וואס זיינען נאך געבליבען ביז צום אוועקפאהר, האט ער באטראכט, ווי אן איבערגאנגס־צייט, און איז ניט געווען אויפ־

געליינט עפּעס רעכטס אָנצוהויבען. די שעה'ן מיט דער געליעבטער אין צימער אַנטקעגען דער קירכע זיינען געוואָרען פּאַרבלאָז און טרוי־עריג. אין אנא'ס נשמה איז אויף קענטיג פאַרגעקומען א געוויסע פּאַרענדערונג. זי איז אָפּטמאָל געווען זעהר גערייצט, אַמאָל ווידער גאָר שוויינענדיג, כמעט מעלאַנכאָליש, און זייענדיג מיט איהר, פלעגט געאָרג'ן צייטענווייז אָנכאַפּען אזא אומעט, אז ער האָט זיך אָנגעהויבען צו שרעקען פאר די קומענדיגע חדשים, ווען איהם וועט אויסקומען צו זיין נאָר מיט איהר אליין. אמת, די רייזע אליין איז פאַרבונדען מיט א סך נייע איינדריקען, אָבער ווי וועט עס זיין אין די שפּעטערדיגע חדשים, ווען מ'וועט מוזען פאַרברייננגען רוהיג ער־געץ־וואו לעבען וויען? ער מוז א טראַכט טאָן וועגען עפּעס א געזעל־שאַפט פאר אנא'ן. ער האָט זיך נאָך אלץ ניט ענטשלאָסען צו ריידען מיט איהר וועגען דעם, ווען אנא אליין האָט איהם אָנגעזאָגט א נייעס, וואָס האָט אויף'ן איינפּאַכסטען וועג באַזייטיגט אַט די אלע שווע־ריגקייטען און פאר איינס נאָך אַן אַנדערע. אין דער לעצטער צייט באַזונדערס, זינט אנא האָט אויפגעהערט צו געבען מוזיק־שטונדען, האָט זי זיך ווידער באַפריינדעט מיט טערעזע'ן און איהר אלץ פאַרטרויט. אויף אזא אופן האָט אויך טערעזע'ס מוטער דערגאַנגען דעם סוד. זי האָט זיך פאַרהאַלטען צו אנא'ן א סך האַרציגער, ווי איהר איינענע מוטער, וואָס נאָך א קורצען מאָמענט פון פאַרשטעהן האָט זי זיך דערפיהלט באַליידיגט און האָט זיך מיט כעס און טרויער אָפּגעקעהרט פון איהר פאַרזינדיגטער טאָכטער. פרוי גאָלאָווסקי איז גרייט גע־ווען ניט נאָר צו וואָהנען צוזאַמען מיט אנא'ן אין דעם הויז אויסער'ן שטאָדט, נאָר זי האָט אויך צוגעזאָגט אויפצוזוכען, ווען זיי וועלען אַוועקפאָהרען, אַט דאָס קליינע הויז, וואָס געאָרג האָט ניט געקענט אויסגעפינען. כאָטש די פריינדליכקייט פון דער אלטער פרוי גאָלאָוו־סקי איז געווען זעהר באַקוועם פאר געאָרג'ן, דאָך איז איהם געווען אביסעל פיינליך צו פיהלען זיך אַנטקעגען איהר פאַרפליכטעט פאר דער דאָזיגער טובה. און דאָס, וואָס גראָד איהר, לעאָ'ס מוטער, צו־זאַמען מיט בערטאַלד'ס פאָטער איז באַשערט געווען צו נעמען אזא גרויסען אַנטייל אין אזא וויכטיגער געשעהענים אין אנא'ס לעבען, איז איהם, אין מאָמענטען, ווען ער איז געווען שלעכט געשטימט, אויסגעקומען כמעט קאָמיש.

דריי טעג פאר זיין אפפאהרען, אין א שעהנעם נאכמיטאג אין מערץ, איז געארג געגאנגען זעגענען זיך צו די עהרענבערגס. זינט יענעם ווייגאכטס־אווענד פלעגט ער נאר זעלטען קומען אהין, און זיינע שמועסען מיט עלזען האבען פון דעמאלט אן געטראגען נאר אן אומשולדיגען כאראקטער. ווי איינעם א פריינד, וואס וועט אזעל־כע באמערקונגען ניט פאלש אויסטייטשען, האט זי איהם אויסגעזאגט, אז זי פיהלט זיך וואס א מאל אלץ ערגער אין דער היים. ווי געארג האט שוין דאס אליין אפטמאל באמערקט, איז די שטימונג אין הויז געווען א באזונדערס געדריקטע צוליעב די שלעכטע באציהונגען צווי־שען פאטער און זון. ווען אסקאר, אין זיין נאכלעסיג־חוצפה׳דיגער האלטונג, פלעגט זיך באווייזען אין טיר און אנהויבען צו ריידען אויף זיין שטייגער אין דעם וויענער־אריסטאקראטישען טאן, פלעגט דער פא־טער איהם אפט אויסלאכען, אדער געבען אנצוהערעניש, אז צו זיין גאנצען אריסטאקראטיזם וואלט ער געקענט מאכען א סוף, פארקלענע־רענדיג אדער אוועקנעמענדיג פון איהם זיין געהאלט, וואס איז דאך אייגענטליך נאר טאשען־געלט. פארקערט, ווען זיין פאטער פלעגט אנ־הויבען צו ריידען אידיש, ווי ער האט עס אפט בכיון געטאן דוקא פאר פרעמדע מענשען, פלעגט אסקאר פארבייסען די ליפען און אפילו פאר־לאזען דעם צימער. דאך פלעגט עס אין דער לעצטער צייט נאר זעל־טען טרעפען, אז דער פאטער און זוהן זאלען גלייכצייטיג זיין אין ווין אדער אין נייהויז. זיי האבען כמעט ניט געקאנט פארטראגען איינער דעם אנדערען.

בעת געארג איז ארייגעגאנגען צו די עהרענבערגס, איז אין צי־מער געווען כמעט פינסטער. פון הינטער׳ן פיאנא האט ארויסגעלויכ־טען די מארמארנע סטאטוע פון איזיס, און די לעצטע שטראהלען פון דעם פארגעהענדיגען טאג האבען שוואך באלויכטען דעם ווינקעל, וואו מוטער און טאכטער זיינען געזעסען איינע אנטקעגען דער אנדערער. צום ערשטען מאל האט דער אויסזעהן פון דיביידע פרויען עפעס מאדנע געריהרט געארג׳ן. א פארגעפיהל האט איהם ארומגעכאפט, אז ער זעהט אפשר צום לעצטען מאל אט דאס בילד, און עלזע׳ס שמיי־כעל, מיט וועלכען זי האט איהם באגעגענט, האט ביי איהם ארויסגע־רופען אזא שמערצליך־זיסען געפיהל, אז ער האט אויף א מאמענט

א טראַכט געטאָן: וואָלט אפשר נאָך אַלעמען דאָ געוועזען דאָס גליק?...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען פרוי עהרענבערג, וועלכע האָט רוהיג זיך ווייטער פאַרנומען מיט איהר אויסנעהען. עלזע איז געזעסען אַנטקעגען; ער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און האָט זיך געפיהלט ווי אין דער היים. ער האָט דערצעהלט, אַז צוליעב דעם שעהנעם פריהלינגס־וועטער קען ער ניט ביישטעהן דעם נסיון, און ער האָט באַשלאָסען אָפּצופאָהרען פריהער, איידער ער האָט גערעכענט; זיין רייזע וועט זיך פאַרציהען מסתמא ביז שפּעט אין זומער אריין.

„און מיר וועלען הייער אין מיטען מאַי שוין אַריבערפאָהרען אין אוהאָף“, האָט די פרוי עהרענבערג געזאָגט. „אָבער דאַסמאָל ערווארטען מיר אייך זיכער ביי אונז“.

„אויב איהר זייט ניט פאַרנומען ערגעץ אַנדערש“, האָט עלזע צוגעגעבען, ניט מאַכענדיג קיין שום מינע.

נעאָרג האָט צוגעזאָגט צו קומען אין אויגוסט, אויף עטליכע טעג לכל הפחות.

זיי האָבען גערעדט נאָכדעם וועגען פעליציאַנ׳ען און ווילי׳ן, וועלכע זיינען מיט עטליכע טעג צוריק אָפּגעפאָהרען פון ביסקרא אויף יאַגד אין דער מדבר; וועגען דעמעטער סטאַנציִדעס, וועלכער האָט געוואָלט אין גיכען אויפגעבען זיין מיליטער־דיענסט און באַזעצען זיך אויף אַ פאַרם אין אונגאַרן, צום סוף וועגען היינריך בערמאַן, פון וועמען קיינער האָט ניט געהאַט קיין ידיעות פאַר די לעצטע וואָכען.

„ווער ווייסט, צי וועט ער זיך בכלל אומקעהרען קיין וויען“, האָט עלזע געזאָגט.

„פאַרוואָס זאָל ער ניט קומען צוריק? — וואָס פעלט אייך איין, פרייליין עלזע?“

„מיין גאָט, אפשר וועט ער חתונה האָבען מיט דער אַקטריסע און מיט איהר אַוועק איבער דער וועלט“.

געאָרג האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען... ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט ניט פון קיין אַקטריסע, מיט וועמען בערמאַן זאָל זיין אין פאַרבינדונג, און האָט זיך ערלויבט אויסצודריקען זיין צווייפעל, צי בערמאַן וועט בכלל ווען עס איז חתונה האָבען, מעג דאָס זיין אַ פּרינצעסין אָדער אַ צירק־רייטערין.

„ס׳וואָלט געווען אַ רחמנות אויף בערמאַנ׳ען“, האָט פרוי עהרענ־בערג געזאָגט, נים קימערענדיג זיך וועגען געאָרג׳ס פיינקייט, וואָס ער האָט זיך געמאַכט נים וויסענדיג פון בערמאַנ׳ס סוד. „בכלל געפין איך, אַז די יונגע לייט נעמען אַן אַזעלכע זאַכען אָדער צו לייכט, אָדער גאָר צו שווער“.

עלזע האָט צוגעגעבען:

„יאָ, עס איז מערקווירדיג. איהר זייט אַלע אין אַזעלכע זאַכען אָדער פיעל קליגער, אָדער פיעל נאַרישער, ווי אין אַלע אַנדערע זאַ־כען, כאָטש מ׳האָט דאָך אין אַזעלכע לעבענס־זאַכען געדאַרפט פאַר־בלייבען דערזעלביגער, ווי מען איז אין געוועהנליכע זאַכען“.

„ליעבע עלזע“, האָט געאָרג לייכט געזאָגט, “ווען עס האַנדעלט זיך אום ליידענשאַפטען...“

„יאָ, ו ו ע ן עס האַנדעלט זיך טאַקי אום זיי“, האָט פרוי עהרענבערג שטאַרק באַטאָנט.

„ליידענשאַפטען!“ האָט עלזע אויסגערופען. „איך גלויב, זיי זיינען אַזאַ זעלטענהייט, ווי אַלץ, וואָס איז גרויסאַרטיג אויף דער וועלט“.

„וואָס מיינסט דו, מיין קינד“, האָט פרוי עהרענבערג געזאָגט.

„איך האָב ווייניגסטענס אַזוינס אַרום זיך נים געזעהן“, האָט עלזע ערקלערט.

„ווער ווייסט, צי וואָלט איהר דאָס ענטדעקט“, האָט געאָרג גע־זאָגט, „ווען דאָס וואָלט אפילו פאָרגעקומען זעהר נאָהענט לעבען אייך. פון דער זייט קוקענדיג, זעהט אוים אַ לייכטער פלירט כמעט אַלץ איינס, ווי אַן ערנסטע ליעבעס־טראַגעדיע“.

„דאָס איז געווים נים אמת“, האָט עלזע געענטפערט. „ליידענ־שאַפט איז עפּעס אַזוינס, וואָס מוז „סוף כל סוף זיך זעלבסט אַרוים־געבען“.

„פון וואַנען זאָלסטו דאָס וויסען, עלזע?“, האָט פרוי עהרענ־בערג באַמערקט, „גראָד ליידענשאַפט קען זיך אַמאָל טיפער באַ־האַלטען, איידער עפּעס אַ קליין געפיהל, שוין צוליעב דעם אַליין, ווייל דאָ שטעהט פיעל מעהר אין קאָן“.

„איך רעכען, מיין ליעבע פרוי“, האָט געאָרג געזאָגט. „אַז דאָס איז זעהר אינדיווידועל. עס זיינען פאַראַן מענשען, ביי וועמען אַלץ איז

אנגעשריבען אויפ'ן שטערען, אויף אנדערע, פארקעהרט, וועט איהר קיינמאל גארנישט דערקענען, און דאס איז אפשר ביי זיי א באזונדער טאלאנט".

„און מ'קען איהם אויך ענטוויקלען, ווי אלע אנדערע טאלאנטען", האט עלזע געזאגט.

דער שמועס האט זיך אויף א ווייל אפגעהאקט, ווי עס טרעפט אפט, ווען הינטער אן אלגעמיינער באמערקונג לאזט זיך דייטליך דערקענען, אויף וועמען און וואס מען גיט אנצוהערעניש.

פרוי עהרענבערג האט אנגעהויבען א געשפרעך אויף א נייער טעמא.

„האט איהר עפעס פאר דער לעצטער צייט אנגעשריבען אינטע־רעסאנטע זאכען, געארג ?" האט זי געפרעגט.

„א פאר קלייניגקייטען פאר'ן פיאנא. אגב איז מיין קווינטעט אויך באלד פארטיג".

„דאס קווינטעט הויבט שוין אן באלד צו ווערען א מיף", האט עלזע אומצופריעדען געזאגט.

„עלזע", האט איהר די מוטער אפגעשטעלט.

„נו יא, ס'וואלט דאך באמת גוט געווען, ווען ער וואלט געווען מעהר פלייסיג".

„דאס זייט איהר געווים גערעכט", האט געארג געענטפערט.

„איך גלויב, אז אמאל האבען די קינסטלער מעהר געארבייט ווי איצט".

„די גרויסע", האט געארג צוגעגעבען.

„ניין, אלע", האט עלזע גע'טענה'ט.

„עס איז אפשר גוט, וואס איהר מאכט די רייזע", האט פרוי עהרענבערג געזאגט, קוקענדיג ערגעץ אין דער ווייט. „דא רייסט מען אייך אפ אפט פון דער ארבייט".

„ער וועט זיך אומעטום לאזען אפרייסען פון דער ארבייט", האט עלזע שטרענג געזאגט. „אפילו אין אינגלאו, אדער וואו ער וועט נים זיין דעם קומענדיגען יאהר".

„וועגען דעם האב איך גאר ניט געטראכט, אז איהר זאלט איצ־טער אוועקפאהרען", האט פרוי עהרענבערג געזאגט און א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ. „אייער ברודער וועט איבעראיאהר זיין אין סא־

פיאַ גאָרער אין אָטעם, און סטאַנצידעס אין אונגאַרן... עס איז באמת טרויעריג, וואָס די ליעבסטע מענשען צושפּרייטען זיך איבער אַלע שבעה ימים.

„ווען איך וואָלט געווען אַ מאַן", האָט עליזע געזאָגט, „וואָלט איך זיך אויך אוועקגעלאָזט איבער דער וועלט".

גערהאַרג האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

„איהר טרוימט אודאי וועגען אַ רייזע איבער דער וועלט אין אַ ווייסער יאַכטע: מאַדעירא, צייפּלאָן, סאַן־פראַנציסקאָ".

„אָ, ניין, איך וויל ניט זיין אָהן אַ פּראָפעסיע, אָבער וואַרשיינליך וואָלט איך אַ שיפס־אָפיצער געוואָרען".

„ווילט איהר ניט אַזוי גוט זיין", האָט זיך די פרוי עהרענבערג געווענדעט צו גערהאַרג'ן, „און שפּיעלען אונז עפּעס פון אייערע נייע זאַ־כען".

„מיט פאַרגעניגען".

ער איז אַרויס פון ווינקעל לעבען פענסטער אין דער טונקעלקייט פון'ם צימער. עליזע איז אויפגעשטאַנען און געמאַכט ליכטיג. גערהאַרג שפּיעלט זיין באַלאַדע. עליזע האָט זיך אוועקגעזעצט אין פאָטעל, אָנ־שפּאַרענדיג זיך מיט'ן האַנט אָן געלעהן און האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפ'ן האַנט; די האַלטונג איהרע, פון אַ געזעלשאַפטליכער דאַ־מע, מיט דעם שווער־מוטיגען געזיכט פון אַן אַלט־קלוג קינד, האָט געמאַכט אויף גערהאַרג'ן אַ מאָדנעם איינדרוק. ער איז היינט געווען ניט איבעריגס צופריעדען פון זיין באַלאַדע און ער האָט אַליין געוואוסט, אַז ער באַמיהט זיך צו פאַרבעסערען דעם איינדרוק דורך אַ צופּיעל אָנ־געשטרענגטעם שפּיעלען.

אין צימער איז שטיל אריינגעגאַנגען האַפראַט ווילט און האָט מיט'ן האַנט געגעבען אַ צייכען, אַז מען זאָל זיך ניט שטערען. ער איז געבליבען אַזוי שטעהן ביי דער טיר, אָנגעשפּאַרט מיט זיין גראָען, קורץ־געשאָרענעם קאָפּ אָן דער וואַנט, ביז גערהאַרג האָט געענדיגט מיט צו שטאַרקע אַקאָרדען זיין שפּיעלען. ווילט האָט זיך מיט אַלעמען באַ־גריסט און האָט גראַטולירט גערהאַרג'ן, וואָס ער איז אַ פרייער מאַן און קען איצט מאַכען אַ רייזע קיין דרום.

„איך קאָן דאָס לײדער ניט", האָט ער צוגעגעבען, „כאָטש אָפט

האָב איך דאָס געפיהל, אַז אין עסטרייך וואָלט זיך גאָרניט ענדערען, ווען איך זאָל אפילו א גאַנצען יאָהר ניט אריינשמעקען אין ביורא.

ער האָט, ווי שטענדיג, גערעדט וועגען זיין בארוף און זיין פאָטערלאַנד מיט איראָניע. פרוי עהרענבערג האָט איהם דערויף געענטפערט, אַז ס'איז גאָר ניטאָ אזעלכער, וואָס זאָל מעהר פון איהם ליעב האָבען זיין פאָטערלאַנד און זאָל זיך ערנסטער פון איהם באַציהען צו זיין בארוף. ער האָט מיט דעם מסכים געווען, האָט אָבער צוגעגעבען, אַז פאַר איהם איז עסטרייך אַן אומגעהויער קאָמפּליצירטער אינסטרומענט, וועלכער דאַרף זיין נאָר אין די הענט פון אַן אמת'ן קינסטלער, און וועלכער קלינגט אָפט אַזוי שלעכט נאָר דערפאַר, ווייל יעדער פּאַרטאַטש פּרובט אויף איהם ארויסווייזען זיין קונסט.

„און זיי וועלען אַזוי לאַנג קלאַפּען אויף איהם", האָט ער מיט טרויער געזאָגט, „ביז אַלע סטרונעס און דער גאַנצער אינסטרומענט וועט צופלאַצט ווערען אויף שטיקלאַך".

ווען געאָרג איז אַוועקגעגאַנגען, האָט איהם עלזע באַגלייט ביז אין פאָדער־צימער. איהר האָט זיך געוואָלט איהם זאָגען נאָך א פּאָר ווערטער וועגען זיין באַלאַדע. איהר איז באַזונדערס געפעלען געוואָרען דער מיטעלסטער טייל, וואָס איז פול געווען מיט אמת־אינערליכען פייער. זי האָט איהם געוואונשען א גליקליכע רייזע. ער האָט איהר געדאַנקט.

„אַלזאָ", האָט זי פלוצלונג געזאָגט, בעת ער האָט שוין געהאַלטען זיין הוט אין האַנט, „איצט, הייסט עס, דאַרף מען זיך אויף אַלע מאָל זעגענען מיט געוויסע טרוימען".

„וועלכע טרוימען?" האָט ער פאַרוואונדערט געפרעגט.

„מיט מיינע, פאַרשטעהט זיך, וואָס האָבען געדאַרפט אייך זיין ניט אינגאַנצען אומבאַקאַנט".

געאָרג איז געווען זעהר איבערראַשט. אַזוי דייטליך האָט זי נאָך קיינמאָל ניט גערעדט. ער האָט געשמייכעלט אין פאַרלעגענהייט און האָט געזוכט וואָס צו ענטפערען.

„וואָס ווייס מען וועגען דער צוקונפט", האָט ער ענדליך געזאָגט מיט א לייכטען טאָן.

זי האָט א קנייטש געטאָן מיט'ן שטערען.

„פאַרוואָס זייט איהר לפחות ניט אַזוי עהרליך צו מיר, ווי איך צו

איך ? איך ווייס דאָך, אַז איהר פאַהרט אַוועק ניט אַליין... איך ווייס אויך, ווער עס באַגלייט אייך... איך ווייס בכלל אַלץ. מיין גאָט, וואָס האָב איך דען אַלץ ניט געוואוסט, זינט מיר קענען זיך".

און געאָרג האָט געשפּירט אַן אויסדרוק פון וועהטאָג און צאָרן אין איהרע ווערטער. ער האָט געוואוסט: ווען ער זאָל מיט איהר אַמאָל חתונה האָבען, וואָלט זי איהם געלאָזט פיהלען, אַז זי האָט צו לאַנג געמוזט אויף איהם וואַרטען. ער האָט געקוקט פאַר זיך, געשוויגען, ווי אַ שולדיגער, און אין דערזעלביגער צייט ניט אָהן עקשנות. דאָ האָט זיך עלזע פּרעהליך פאַנאַנדערגעלאַכט, דערלאַנגט איהם די האַנט און נאָכאַמאָל געזאָגט:

„אַ גליקליכע רייזע".

ער האָט איהר אַזוי אַ דריק געטאָן די האַנט, ווי ער וואָלט נעדאַרפט ביי איהר בעטען מחילה פאַר עפּעס. זי האָט אַרויסגעריסען די האַנט, האָט זיך אָפּגעקעהרט און איז אַוועק צוריק אין צימער. עטליכע סעקונדען איז ער געבליבען שטעהן ביי דער טיר און איז נאָכדעם איילענדיג אַוועק אויף'ן גאַס.

דעמזעלביגען אָוונט האָט געאָרג צום ערשטען מאָל נאָך פיעל וואָכען ווידער באַגעגענט לעאָ גאָלאָווסקי'ן אין קאַפע. ער האָט געוואוסט פון אַנאַ'ן, אַז לעאָ האָט אין דער לעצטער צייט געהאַט פיעל אויסצושטעהן אין זיין מיליטער-דינסט; ספּעציעל האָט איהם פאַרפאָלגט מיט בייזקייט און אמת'ער שנאה יענער קאַפּיטאַן, וואָס האָט זיך אַליין אָנגערופען אַ „בעסטיע אין מענשען-געשטאַלט". געאָרג'ן האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען, ווי שטאַרק לעאָ האָט זיך געענדערט פאַר דער קורצער צייט, וואָס ער האָט איהם ניט געזעהן. ער האָט אויסגעזעהן שטאַרק פאַרעלטערט.

— עס פרעהט מיך, וואָס איך זעה אייך נאָכאַמאָל פאַר מיין אַוועקפאָהרען, — האָט געאָרג געזאָגט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען איהם ביים קאַפע-טיש.

— איהר פרעהט זיך, — האָט לעאָ געענטפערט, — וואָס איהר האָט מיך צופעליג געטראָפען, און ביי מיר איז דאָס געווען אַ באַדערפעניש אייך נאָכאַמאָל צו זעהן; דאָס איז די נפקא-מינא.

זיין שטים האָט געקלונגען נאָך אַ סך צערטליכער, ווי געוועהנליך. ער האָט גוטמוטיג, כמעט פאָטערליך געקוקט געאָרג'ן אין די

אויגען. אין דער מינוט האָט שוין געאָרג ניט געצווייפעלט, אַז לעאָ ווייס פון אַלץ; ער האָט זיך פאַרלאָרען אויף עטליכע סעקונדען, אַזוי ווי ער וואָלט גערדאַרפט זיך פאַר איהם פאַרענטפערען. ער איז אויף זיך אַליין אין כעס געוואָרען פאַר זיין פאַרלעגענהייט און איז געווען דאַנק־באַר לעאָ׳ן, וואָס יענער האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג. זיי האָ־בען כמעט דעם גאַנצען אָווענט גערעדט נאָר וועגען מוזיק. לעאָ האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגען געאָרג׳ס אַרבייטען און אין פאַרלויף פון דעם שמועס האָט געאָרג אויסגעדריקט זיין באַרייטווילליגקייט צו שפּיעלען פאַר לעאָ׳ן דעם קומענדיגען זונטאָג נאָכמיטאָג אייניגע פון זיינע נייע קאָמפּאָזיציעס. נאָר בעת זיי האָבען זיך געזעגענט, איז ביי געאָרג׳ן געבליבען אַן אַנגענעם געפיהל, אַזוי ווי ער וואָלט היינט מיט אַ מיטעלמעסיגען ערפאָלג אויסגעהאַלטען אַ טעאָרעטישען עקזאַמען, און אויף מאָרגען שטעהט איהם פאָר דער פּראַקטישער. וואָס וויל פון איהם אייגענטליך אָט דער יונגער מאַן, וואָס מאַכט פון זיך אַזוי, ווי ער וואָלט געווען רייף ניט נאָך זיינע יאָהרען? איז ער, געאָרג, מחויב איהם צו באַווייזען, אַז זיין טאַלאַנט באַרעכטיגט איהם צו זיין אַנאַ׳ס געליעבטער אָדער דער פאָטער פון איהר קינד? ער האָט געוואַרט אויף לעאָ׳ס וויזיט מיט אַן אינערליכען ווידער־שטאַנדס־געפיהל. איין מאָמענט האָט ער אפילו געטראַכט צו הייר סען זאָגען, אַז ער איז ניטאָ אין דערהיים. אָבער בשעת לעאָ איז אַריינגעקומען, פריינדליך און פּראָסט, ווי ער פלעגט זיך אָפט האָלט האָבען צו באַווייזען, איז געאָרג געוואָרען פיעל מילדער געשטימט. זיי האָבען געטרונקען טהעע, גערויכערט ציגאַרעטען. געאָרג האָט איהם באַוויזען זיין ביבליאָטעק, די בילדער, וואָס זיינען געהאַנגען אין דער וואָהנונג, אַנטיקען און געוועהר. און די עקזאַמען־שטימונג איז ביי איהם פאַרשוואונדען. געאָרג האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פּיאַנאָ. ער האָט געשפּיעלט עטליכע פון זיינע עלטערע זאַכען און אַ פּאָר נייע; אויך די באַלאַדע אַ סך בעסער, ווי נעכטען ביי די עהרענבערגס, נאָכדעם עטליכע ליעדער, און לעאָ האָט אָהן אַ שטים, אָבער מיט אַ זיכערען מוזיקאַלישען געפיהל אונטערגעהאַלטען די מעלאָדיע. צום סוף האָט ער אָנגעהויבען זיין קווינטעט נאָך דער פּאַרטיטור, ס׳איז איהם ניט געגאַנגען, און לעאָ האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט די נאָטען ביים פענסטער און האָט אויפמערקזאַם געלעזען.

— אייגענטליך ווייס מען נאָך גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט.

— אין אייניגע זאַכען פיהלט זיך אַ דילעטאַנט מיט זעהר פיעל גע־שמאַק, אין אַנדערע אַ קינסטלער אָהן אַ גענוגענדיגער טעכניק. אין די ראָמאַנסען פיהלט מען דאָס גיכער... אָבער וואָס... טאַלאַנט ?... איך ווייס ניט... אַז איהר זייט אַן איידעלע נאַטור, דאָס פיהלט מען יעדענפאַלס, אַ מוזיקאַליש־איידעלע נאַטור.

— נו, דאָס איז נאָך ניט אַזוי פיעל.

— דאָס איז אפילו אַביסעל ווייניג. אָבער ווייל איהר האָט דאָך נאָך אַזוי ווייניג געאַרבייט, באַווייזט דאָס גאָרנישט געגען אייך. ווע־ניג געאַרבייט און ווייניג דורכגעפיהלט.

— איהר רעכענט אַזוי...

געאָרג האָט זיך געמוזט אָנטאָן אַ כח, אום אַרויסצואווייזען אַ שפּאָטישען שמייכעל.

— אָ, דורכגעלעבט האָט איהר מסתמא זעהר פיעל, אָבער גע־פיהלט... ווייסט איהר, וואָס איך מיין, געאָרג ?

— יאָ, איך קען זיך שוין פאָרשטעלען. אָבער איהר האָט אַ גרויסען טעות. איך געפין גאָר, אַז גיכער האָב איך אַ געוויסע ניי־גונג צו סענטימענטאַליטעט, וועלכע איך מוז באַקעמפּפען.

— יאָ, דאָס איז דאָס טאַקי. סענטימענטאַליטעט איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין דירעקטען געגענזאַץ צום געפיהל, עפּעס אַזוינס, מיט וואָס מען וויל פאַרגלעטען די אייגענע געפיהל־לאָזיגקייט און אינערליכע קאַלטקייט. סענטימענטאַליטעט איז געפיהל, וואָס מ'האָט, אַזוי צו זאָגען, איינגעהאַנדעלט פאַר אַ ביליגען פּרייז. איך האָס סענטימענטאַליטעט.

— הם... און דאָך גלויב איך, אַז איהר אַליין זייט ניט גאַנץ פריי פון דעם.

— איך בין אַ איד, ביי אונז איז דאָס אַ נאַציאָנאַלע קראַנקהייט. די אַנשטענדיגע צווישען אונז אַרבייטען אויף דעם, צו פאַרוואַנדלען די סענטימענטאַליטעט אין בעס און צאָרן. ביי די דייטשען איז דאָס אַ שלעכטע געוואָהנהייט, אַן אינערליכע אָפּגעלאָזענקייט, אַזוי צו זאָגען.

— אַלזאָ ביי אייך קען מען דאָס נאָך ענטשולדיגען, ביי אונז ניט ?

— אויך קראַנקהייטען קען מען ניט מוחל זיין, ווען מען היט זיך ניט אָפּ פון זיי, וויסענדיג, אַז פון דער נאַטור איז מען גענייגט צו זיי. אָבער מיר הויבען אָן צו ריידען אַפאָריזמען, מיר געפי־נען זיך אַלזאָ אויף דעם וועג פון האַלבע־אָדער פערטעל־אמת'ען. לאָמיר זיך אומקעהרען צו אייער קווינטעט. דאָס טעמא פון אַדאַ־זשיאָ געפעלט מיר בעסער פון אַלץ.

נעאָרג האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— דאָס האָב איך אַמאָל אין פּאַלערמאָ געהערט.

— ווי ? — האָט לעאָ געפרעגט, — זאָל דאָס זיין אַ סיציליאַ־נישע מעלאָדיע ?

— ניין, פון די כוואַליעס פון ים האָט עס מיר אַרויסגעקלונגען, בעת איך האָב אין אַ פריהמאָרגען איינער אַליין געשפּאַצירט ביים ברעג. דאָס זיין איינער אַליין העלפט מיר בכלל צום שאַפען. אויך פרעמדע געגענדען. איך לייג דערום פאַרשידענע האָפנונגען אויף מיין רייזע.

ער האָט איהם דערצעהלט וועגען היינריך בערמאַנ'ס אָפּעראַ־סיוזשעטען און האָט איהם געבעטען, ווען היינריך וועט צוריק קו־מען, ווירקען אויף איהם, אַז ער זאָל זיך ערנסט נעמען פאַר דעם אָפּערא־טעקסט.

— ווייסט איהר נאָך ניט, — האָט לעאָ געזאָגט, — אַז זיין פאָטער איז געשטאָרבען ?

— איז דאָס אמת ? ווען ? פון וואַנען ווייסט איהר דאָס ?

— היינט אין דער פריה האָב איך דאָס געלעזען אין דער צייטונג.

זיי האָבען גערעדט וועגען היינריכ'ס באַציהונג צום געשטאָרבע־נעם, און לעאָ האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז ס'וואָלט אפשר בעסער געווען, ווען די עלטערן וואָלטען זיך אַמאָל עפּעס אָפּלער־נען פון זייערע קינדערס ערפאַהרונגען, אַנשטאָט צו פאַרלאַנגען, אַז יענע זאָלען זיך רק צופּאַסען צו דער קלוגשאַפט פון עלטערע מענ־שען. זיי האָבען גערעדט וועגען דער באַציהונג פון פאָטערס צו זייערע זיהן, וועגען עכטער און פאַלשער דאַנקבאַרקייט, וועגען דעם טויט פון געליעבטע מענשען, וועגען דעם אונטערשייד צווישען טרוי־ער און שמערץ, וועגען דער געפעהרליכקייט פון עראינערונגען און דער פליכט צו פאַרגעסען.

גערג האָט געפֿיהלט, אַז לעאָ האָט זיך טיעף אַריינגעטראַכט אין די אַלע ערנסטע פֿראַגען, אַז ער איז געווען איינזאַם און האָט גע־וואוסט, ווי אַזוי צו זיין איינער אַליין. ער האָט איהם כמעט ליעב געקראָגען, בשעת שפעט ביינאַכט האָט זיך הינטער איהם פֿאַרמאַכט די טיר. און דער געדאַנק, אַז דאָס איז געווען דער העלד פֿון אַנאַ׳ס ערשטע טרוימען, איז איהם געווען אַנגענעם.

די פּאָר טעג וואָס זיינען פֿאַרבליבען, זיינען פֿאַרגאַנגען שנע־לער, ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען, אין באַזאָרגען און איינקויפֿען אַלע און מאַכען אַלערליי פֿאָרבערייטונגען. אין איין אָוונט זיינען געאָרג און אַנאַ געפֿאָהרען באַזונדער צום וואקזאַל. דאָרט האָבען זיי זיך באַגעגענט און האָבען זיך אין שפּאַס זעהר העפֿליך באַגריסט, ווי ווייטע באַקאַנטע, וואָס האָבען זיך צופֿעליג דערזעהן.

— אָ, מיין פֿריילין, וואָס פֿאַר אַ גליקליכער צופֿאַל! פֿאָהרט איהר אפשר אין מינכען?

— יאָ, העד באַראָן.

— ווי גוט דאָס איז! און האָט איהר שוין אַן אָרט אין שלאָף־וואַגאָן, מיין פֿריילין?

— יאָ, הער באַראָן, בעט נומער פֿינף.

— זעהט וואָס פֿאַר אַ צופֿאַל! איך האָב נומער זעקס.

דאַן האָבען זיי גענומען געהן הין און צוריק איבער דער פּלאַט־פֿאָרם. געאָרג איז געווען זעהר גוט אויפֿגעלייגט, און איהם האָט גע־פֿרעהט, וואָס אַנאַ האָט אויסגעזעהן ווי אַן אינטערעסאַנטע אויסלענ־דערין אין איהר ענגלישען קלייד מיט דעם קליינעם רייזע־הוט און דעם בלויען שלייער. זיי זיינען דורכגעגאַנגען פֿאַרביי דעם גאַנצען צוג ביז צום לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז געשטאַנען אויסערהאַלב דער סטאַ־ציאָן און האָט אין אויפֿגערעגטע שטויסען געשיקט העל־גרויען דאַמף אַרויף צום טונקעלען הימעל. ווייטער אויף דער ליניע האָבען שוואַך געגליהט גרינע און רויטע לאַנטערנען. ערגעץ פֿון דער ווייט האָט זיך דערהערט אַ דערשראָקענע פֿייפֿעריי, און לאַנגזאַם איז פֿון דער פֿינ־סטערניש אַ צוג אַריינגעפֿאָהרען אין וואקזאַל. אַ רויט ליכט האָט זיך משונה׳דיג געוואָרפֿען אויף דער ערד הין און הער; צוערשט האָט עס אויסגעוויזען צו זיין מיילען ווייט, נאָר ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז עס פּלוצלונג געוואָרען זעהר נאָהנט. און אביסעל

ווייטער האָבן געשימערט די רעלסן און זיך פאַרלאָרן אין דעם אומזיכטבאַרן, זיינען אַוועקגעגאַנגען אין נאָהנטע און ווייטע ערטער, אין די נאַכט, אין דעם מאָרגן, אין דעם נעקסטן טאָג, אין דאָס אומ־ערפאַרשליכע.

אַנאַ איז אַריינגעגאַנגען אין קופע. גערג איז נאָך אַ ווײלע געבליבן שטעהן אין דרויסן און האָט זיך אַמוזירט, באַטראַכטענ־דיג די רייזענדע: אייניגע זיינען געווען אויפגערעגט און האָבן זיך געאיילט, אַנדערע האָבן זיך געהאַלטן רוהיג און מיט ווירדע, נאָך אַנדערע האָבן נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זיינען רוהיג. פאַר־שידען זיינען אויך געווען די באַגלייטער: עס זיינען געווען צווישן זיי טרויעריגע, פרעהליכע און גלייכגילטיגע.

אַנאַ האָט זיך אַרויסגעבויגען פון פענסטער. נעאָרג האָט מיט איהר געפלוידערט און האָט זיך געהאַלטען, ווי ער וואָלט גאָר ניט געוואָלט פאָהרען. אין דעם לעצטען מאָמענט איז ער אַריינגעשפרונ־גען אין וואַגאָן. דער צוג איז אָפּגעפאָהרען. אויף דער פּלאַטפאָרם זיינען געשטאַנען מענשען, אומפאַרשטענדליכע מענשען, וואָס זיינען געבליבען אין וויען; און פאַר זיי ווידער האָבען אויסגעוויזען אומ־פאַרשטענדליך די, וואָס זיינען איצט ווירקליך אַוועקגעפאָהרען. אַ פּאָר טאַשענטיכער האָבען געוועהט; דער שעף פון דער סטאַציאָן איז געשטאַנען מיט אַ וויכטיגער מינע און האָט נאָכגעשיקט דעם צוג אַ שטרענגען בליק; אַ טרעגער אין אַ בלוי־ווייס געשטרייפטער לייַ־ווענטענער בלוזע האָט הויך געהאַלטען אַ גרעלען סאַקוואָיאַזש און האָט גיעריג אַריינגעקוקט אין אַלע פענסטער. „מערקווירדיג, — האָט געאָרג אַ טראַכט געטאָן, — זיינען נאָך פאַראַן מענשען, וואָס פאָהרען אַוועק און לאָזען איבער אין וויען געלע סאַקוואָיאַזשען".

אַלץ איז פאַרשוואונדען, — טאַשענטיכלאַך, סאַקוואָיאַזש, דער סטאַ־ציאָנס־שעף, די געביידען ביים וואָקזאַל, דאָס העל־באַלויכטענע סיג־נאַל־הויז, די גלאָריעט, די שוואַכע פייערלאַך פון שטאָדט, די קליינע הוילע גאָרטענס ביי דער דאַמבע. און אַלץ ווייטער האָט דער צוג זיך געטראָגען דורך די נאַכט. געאָרג האָט זיך אָפּגעקערט פון פענסטער. אַנאַ איז געזעסען אין ווינקעל, אַוועקלייגענדיג איהר הוט און שלייער לעבען זיך. שטילע טרערען זיינען געראָנען איבער איהר געזיכט.

— אַנאַ, — האָט געזאָגט געאָרג און האָט זי אַרומגענומען און

געקושט איהר די אויגען און די ליפען, — אנא, — האט ער ווידער־האלט נאך צערטליכער און האט זי ווידער געקושט, — וואס ווינסטו? אלץ וועט דאך זיין אזוי גוט!

— דיר איז לייכט צו ריידען, — האט זי געזאגט, און איבער איהר שמייכלענדען געזיכט זיינען ווידער גערונען טרערען...

און אלץ איז ווירקליך געווען זעהר גוט. צוערשט האבען זיי זיך אפגעשטעלט אין מינכען. זיי האבען אומגעשפאצירט אין די הויכע זאלען פון דער פינאקאטעק און האבען ענטציקטע זיך אפגעשטעלט פאר די אלטע, טונקעל ווערענדע בילדער. זיי האבען געוואנדערט אין דער גליפאטעק צווישען מארמארנע געטער, קעניגען און העל־דען. און ווען אנא פלעגט פלוצלונג א מידע זיך אראפלאזען אויף א דיוואן, פלעגט זי פיהלען אויף זיך געארג'ס צערטליכען בליק. זיי זיינען געפאהרען דורכ'ן ענגלישען גארטען, אין די ברייטע אלייען, אונטער די נאך נאקעטע בוימער; יונגע און גליקליכע, האבען זיי זיך געדריקט איינער צום אנדערען און האבען מיט פארגניגען גע־קלערט, אז מען נעמט זיי אן פאר א יונגע פאר, וואס איז אויף דער האכצייט רייזע. זיי זיינען געזעסען איינער לעבען דעם אנדערען אין דער אפערא, ביי „פיגארא", „די מייסטערזינגער", „טריסטאן"; און זיי האט אויסגעוויזען, ווי איבער זיי וואלט פון די נעליעבטע טענער זיך געוועבט א דורכזיכטיגער שלייער און וואלט זיי אפגעשיידט פון די אנדערע. און זיי זיינען געזעסען ביי די שעהן־געדעקטע טישען אין די רעסטאראנען, האבען געגעסען, געטרונקען און געפלוידערט אין דער בעסטער שטימונג. און דורך וואונדערליכע פרעמדע גאסען זיי־נען זיי געגאנגען אהיים, וואו אין זייער געמיינשאפטליכען צימער האט אויף זיי געווארט די מילדע נאכט. א באק צו א באק פלעגען זיי בא־רוהיגטע איינשלאפען, און ווען זיי פלעגען זיך אויפכאפען, פלעגט צו זיי דורכ'ן פענסטער שמייכלען א פריינדליכער טאג, מיט וועלכען זיי האבען געקענט טאן וואס זיי ווילען. זיי האבען זיך בארוהיגט איינער אין אנדערען, ווי קיינמאל ניט פריהער, און האבען ענדליך איינגאנצען איינער דעם אנדערען געהערט. דאן זיינען זיי געפאהרען ווייטער, אנטקעגען דעם רוף פון פריהלינג; דורך צושפרייטע טאלען, אויף וועלכע דער שניי האט געגלאנצט און איז צורונען; דאן, ווי דורך א לעצטען ווייסען ווינטערטרוים, איבער דעם ברענער אין באצען,

וואו זיי האָבען זיך בייטאָג געבאָדען אין זונענשטראַהלען אויף דעם מאַרק־פּלאַץ. אין אַ פּסח־אָוועגט, שטעהענדיג אויף די אין ווינט גע־לופּטערטע טרעפּ פון דעם ברייטען אַמפיטעאַטער אין ווערא‏נא, האָט געאָרג ענדליך זיך דערפיהלט אין דער געווינשטער וועלט, וואוהין איהם איז איצט געוועזען באַשערט צו ברענגען אַן אמת־געליעבטע פרוי. פון רויטליך בלייכע ווייטען האָט איהם, צוזאַמען מיט די אַלע אייביגע עראינערונגען, וואָס געהערען אויך אַנדערע מענשען, געגריסט זיין אייגענע ווייטע קינדהייט; דער אָטעם פון די ווייטע טעג, ווען זיין מוטער האָט נאָך געלעבט, האָט שוין געציטערט דורך די פרעמדע און היימישע לופט. וועגענדיג האָט איהם אויפגענומען פריינדליך, אָבער אָהן באַזונדערען צויבער; זי האָט איהם אויסגעוויזען אַזוי גוט באַקאַנט, ווי ער וואָלט ערשט נעכטען זי געהאַט פאַרלאָזען. אויף דעם פּלאַץ פון הייליגען מאַרקוס האָבען זיך געגריסט מיט איהם אַ סך ווייטערע באַקאַנטע פון וויען און האָבען געוואָרפען נייגעריגע בליקען אויף די פאַרשלייערטע דאַמע אין ברייטען מאַנטעל, וואָס האָט איהם באַגלייט. נאָר איינמאָל שפּעט אין אָוועגט, ווען ער איז געפאָהרען אין אַ גאָנדעל דורך די שמאָלע קאַנאַלען, זיינען איהם די אומבאַוועג־ליכע פּאַלאַצען, וואָס האָבען אין אָלטעגליכען ליכט אויסגעזעהן ווי איינפאַכע באַצירונגען, ערשינען אין זייער שווערען גלאַנץ פון דער גאָלדענער פאַרגאַנגענהייט.

דאָן האָבען זיי פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג אין שטעדט, וואָס ער האָט ענטוועדער איינגאַנצען ניט געקענט, אָדער האָט קוים געדענקט, אַז איינגעלוויז האָט ער אָפּגעשטעלט זיך אין זיי אויף עטליכע שעה. אין אַ שטיקענד הייסען טאָג אין פּאַדוא זיינען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ האַלב־פינסטערע קירך און האָבען, געהענדיג לאַנגזאַם פון אַלטאַר צו אַלטאַר, באַטראַכט די איינפאַכע און הערליכע בילדער, אויף וועל־כע די הייליגע האָבען געוויזען זייערע וואונדער און האָבען דורכגע־ליטען זייערע מאַטערנישען. אין אַ טריבען, רעגענדיגען טאָג זיינען זיי אין אַ רוישיגער אָרימער קאַרעטע פאַרבייגעפאָהרען אַ שלאָס פון רויטען ציגעל. דער שלאָס איז געוועזען אַרומגערינגעלט מיט אַ גראָבען, וואָס איז געוועזען אָנגעפילט מיט שטעהענדיגען גרוי־גרינליכען וואַסער. זיי זיינען געפאָהרען איבער אַ מאַרק־פּלאַץ, וואו נאַכלעסיג געקליידעטע בירגער זיינען געזעסען פאַר אַ קאַפע־הויז. זיי זיינען געפאָהרען אי־

בער שטילערע און טרויעריגע גאַסען, וואו גראָז איז געוואַקסען צווי־שען די ניט־גלייכע שטיינער. און זיי האָבען געמוזט גלויבען, אז אָט די קלעגליך אויסשטאַרבענדע שטאָדט טראָגט דעם הויך־קלינגענדען נאָמען פעראַראַ. אין באָלאָניאַ, וואו די לעבהאַפטיג־אויפבליהענדע שטאָדט האָט געוויזען, אז מען שטעלט זיך דאָרט ניט צופרידען מיט דעם שטאָלץ פון פאַרגאַנגענער הערליכקייט, האָבען זיי לייכטער אָפּ־געאַטעמט. אָבער ערשט ווען געאָרג האָט דערזעהן די בערגלאַך פון פיעזאָלע, האָט ער דערפיהלט די נאָהנטקייט פון א צווייטער היי־מאַט. דאָס איז געווען יענע שטאָדט, וואו ער האָט אויפגעהערט צו זיין א איינגעל, וואו דער שטראָם פון לעבען האָט גענומען צירקולירען דורך זיינע אָדערען. אין אייניגע ערטער זיינען איהם אנטקעגען אויפגעשטאַנען עראינערונגען, וואָס ער האָט מיט קיינעם ניט געוואָלט טיילען. און אין דעם דאָס, וואו יענע פלאָרענטינער מיידעל האָט איהם געשיקט איהר לעצטען בליק פון אונטער איהר חתונה־שלייער, האָט ער מיט אנאַ'ן גערעדט נאָר וועגען דער אַלטלערכענפעלדער קירך, וואו זיי האָבען אין הערבסט צום ערשטען מאָל גערעדט וועגען דער איצטי־גער רייזע, וואָס איז אזוי אומבאגרייפליך שנעל געוואָרען א ווירק־ליכקייט. ער האָט אנגעוויזען אנאַ'ן דאָס הויז, וואו ער האָט גע־וואוינט מיט ניין יאָהר צוריק. אונטען זיינען נאָך געווען דיזעלביגע קראָמען, וואו זייגערמאַכער און הענדלער מיט קאָראַלען און שפּיצען האָבען אנגעבאָטען זייערע אַרטיקלען. אזוי ווי דער צווייטער עטאַזש איז געווען צום פאַרדינגען, וואָלט געאָרג אָהן שטערונג געקענט זעהן דעם צימער, וואו זיין מוטער איז געשטאָרבען. ער האָט אָבער לאַנג געקלערט, צי זאָל ער איבערטרעטען די שוועל פון דער וואוינונג. ערשט אין דעם טאָג פון אָפּפאָהרען, אזוי ווי ער וואָלט דאָס דאָך ניט געטאָרט פאַרבייפאָזען, איז ער אליין, אפילו ניט זאָגענדיג אנאַ'ן, ארויפגעגאַנגען די טרעפּ און איז אריין אין צימער. דער אלט־גע־וואָרענער פאָרטיע האָט איהם ארומגעפיהרט, ניט דערקענענדיג איהם. אומעטום איז נאָך געשטאַנען דיזעלביגע מעבעל; דער מוטערס שלאָפצימער האָט נאָך אויסגעזעהן פונקט ווי פאַר צעהן יאָהרען, און אין דעמזעלביגען ווינקעל איז געשטאַנען דאָסזעלביגע בעט פון ברוי־נעם האָלץ מיט דער טונקעל־גרינער, מיט זילבער געשטיקטער סאַמע־טענער דעקע. אָבער די געפיהלען, וואָס געאָרג האָט ערוואַרט, האָבען

זיך אין איהם ניט אויפגעהויבען. אַ מידע עראינערונג, אויבערפלעכליכער און פאַרבלאָזער ווי ווען עס איז, האָט זיך דורכגעטראָגען אין זיין נשמה. ער איז לאַנג געשטאַנען ביים בעט, וועלענדיג ארויסרופען אין זיך די עמפּינדונגען, צו וועלכע ער האָט זיך געפיהלט פאַרפליכטעט.

ער האָט געמורמעלט דאָס וואָרט „מוטער" און האָט זיך געפּרואווט פאָרשטעלען, ווי זי איז דאָ אין דעם בעט אָפּגעלעגען אזוי פיעל טעג און נעכט. ער האָט זיך דערמאָנט די שעה'ן, ווען זי האָט זיך געפיהלט בעסער, און ער האָט איהר געקענט פאָרלעזען אָדער שפּיעלען פאַר איהר אין אַ דערבייאיגען צימער אויפ'ן קלאַוויר. ער האָט געזעהן אין ווינקעל דעם קליינעם רונדען טיש, ביי וועלכען דער פאָטער און פעליציאַן פלעגען שטיל רעדען צווישען זיך, ווען די מוטער פלעגט נאָר איינשלאָפען. און ענדליך איז פאַר איהם קלאָר און נאָהנט, ווי אויף דער ביהנע, אויפגעשטאַנען דאָס בילד פון יענעם שרעקליכען אָוועגט, ווען דער פאָטער און דער ברודער זיינען אַוועקגעגאַנגען, און ער איז אַליין געזעסען ביי דער מוטערס בעט און האָט געהאַלטען איהר האַנט אין זיינער... ער האָט ווידער אַלץ דערזעהן און דערהערט, האָט זיך דערמאָנט, ווי נאָך אַ רוהיגען טאָג האָט זי פּלוצלונג גענומען זיך פיהלען שלעכט; ווי ער האָט שנעל געעפענט דאָס פענסטער, און צוזאַמען מיט דער וואַרימער מערץ־לופט האָבען זיך אריינגעריסען די רייד און געלעכטער פון פרעמדע מענשען; ווי זי איז נאָכדעם געלעגען מיט אָפענע, אָבער שוין אויסגעלאָשענע אויגען, — איהרע האָר, וואָס זיינען נאָך ערשט מיט אַ פּאָר סעקונדען צוריק אראָפּגעפאַלען איהר אין וועלען אויפ'ן שטערן און שלייפען, זיינען איצט פאַרפּלאָנטערט און טרוקען געלעגען אויפ'ן קישען, און איהר לינקע האַנט מיט ווייסע צוזאַמענגעקראַמפטע פינגער איז אראָפּגעהאַנגען פון בעט. מיט אַזאַ אומגעהויערער לעבעדיגקייט איז דאָס בילד פאַר איהם אויפגעשטאַנען, אַז ער האָט ווידער געקענט זעהן זיין איינענעם קינדערשען פּנים און הערען זיין לאַנג פאַרקלונגענעם געוויין... אָבער קיין פּיין האָט ער איצט ניט געפיהלט. דאָס איז דאָך שוין געווען אזוי לאַנג צוריק, — כמעט צעהן יאָהר.

“E bellisima La vista di questa finestra” (די שעהנסטע אויסזיכט פון אַט דעם פענסטער)—האָט פּלוצלונג געזאָגט דער פּאַרטיע הינטער איהם און האָט געעפענט דאָס פענסטער. און מיט אַמאָל ווי אין

יענעם לאַנג פֿאַרגאַנגענעם אָוונט, האָבען זיך פֿון אונטען אַריינגעריסען אין צימער מענשליכע שטימען, און אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט אין זיינע אויערען אָפּגעקלונגען די שטים פֿון זיין מוטער, ווי ער האָט זי דאַן פֿאַרנומען, אַ בעטענדע, אַ שטאַרבענדע... „געאָרג... געאָרג...“ און פֿון דעם טונקעלען ווינקעל, אויף דעם אָרט, וואו די קישענס זיינען דאַן געלעגען, האָט עפּעס בלייכס אַ שיין געטאָן פֿאַר איהם. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און האָט באַשטעטיגט: „בעליסימאַ וויסטאַ“. אָבער די שעהנע אויסזיכט איז געווען ווי באַדעקט מיט אַ טונקעלען שלייער. „מוטער“, האָט ער געמורמעלט, און נאָך אַ מאָל „מוטער“... אָבער צו זיין אייגענער פֿאַרוואונדערונג האָט ער דערביי ניט געקלערט וועגען דער, וואָס איז שוין לאַנג באַגראָבען און וואָס האָט איהם געבאָרען; צו אַן אַנדערער איז דאָס וואָרט געווען געווענדט, צו דער, וואָס איז נאָך קיין מוטער ניט געווען, וואָס וועט ווערען מוטער אין עטליכע מאָנאַטען אַרום... צו דער מוטער פֿון אַ קינד, וועמעס פֿאָטער ער איז. און פּלוצלונג האָט דאָס וואָרט גענומען קלינגען ווי עפּעס, וואָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען, וואָס איז נאָך ביז איצט ניט פֿאַרשטאַנען געוואָרען, ווי אין דער ווייט פֿון דער צוקונפֿט וואָלטען צוזאַמען מיט דעם וואָרט געקלונגען געהיימניספֿול זינגענדיגע גלאָקען. און געאָרג האָט זיך געשעמט, וואָס ער איז אָהער אַרויפֿגעקומען אַליין אין געהיים. איצט וועט ער אפילו ניט קענען דערצעהלען אַנאַ׳ן, אַז ער איז דאָ געווען.

אויפֿ׳ן אַנדערען טאָג אין דער פֿריה זיינען זיי אָפּגעפֿאָהרען נאָך רוים. און אין דער צייט, ווען געאָרג האָט פֿון טאָג צו טאָג זיך געפֿיהלט אַלץ היימישער, פֿרישער און פֿעהיגער אויפֿצונעמען נייע עמפּפֿינדונגען, האָט אַנאַ גענומען אַלץ מעהר ליידען פֿון שווערער מידקייט. אָפּטמאָל פֿלעגט זי בלייבען אַליין אין האָטעל, ווערענד ער פֿלעגט אומגעהן אין די גאַסען, וואַנדערען דורך דעם וואַטיקאַן, געהן אויפֿ׳ן פֿאָרום אין פּאַלאַטין. זי האָט איהם קיינמאָל ניט צוריקגעהאַלטען, אָבער ער פֿלעגט פֿאַר׳ן אַוועקגעהן פֿיהלען זיך פֿאַרפֿליכטעט צו טרייסטען זי און פֿלעגט זאָגען: „נו, דאָס וועט שוין בלייבען פֿאַר דיר אויף אַן אַנדערס מאָל, איך האָף, אַז מיר וועלען דאָ איינגיכען ווידער זיין“. דאַן פֿלעגט זי שמייכלען שלוי, ווי זי וואָלט שוין מעהר נאָר ניט געצווייפֿעלט, אַז זי וועט אַמאָל זיין זיין פֿרוי; און ער אַליין

האָט זיך געמוזט מודה זיין, אַז ער האַלט שוין מעהר ניט אַזאַ אויסוועג פאַר אוממעגליך. ער האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען אַז אין הערבסט וועלען זיי זיך צושיידען און געזעגענען זיך אויף אייביג. דאָך האָבען זיי איצט קיינמאָל ניט גערעדט קלאָר וועגען דער ווייטער צוקונפט. ער האָט מורא געהאַט צו רעדען וועגען דעם, און זי האָט געהאַלטען פאַר דאָס בעסטע ניט אויפצואַוועקען אין איהם אָט די מורא. און גראָד אין פאַרלויף פון אָט די טעג אין רוים, ווען ער פלעגט אָפט שטונדענלאַנג שפּאַצירען אַליין אין דער פרעמדער שטאָדט, האָט ער אַמאָל געפיהלט, ווי ער וואָלט אויף אַ ווײַלע באַהאַלטען זיך פון אַנאַ'ן, און דאָס איז איהם ניט געווען אומאַנגענעם. איין אָוועגט האָט ער אומגעוואַנדערט צווישען די רואינען פון קייזערליכען פּאַלאַץ, ביז עס איז טונקעל געוואָרען, און מיט דער שטאָלצער ענטציקונג פון דעם איינזאַמען וואַנדערער האָט ער געקוקט, ווי די זון פאַרגעהט אין קאַמפּאַניאַ. דאַן איז ער געפאָהרען אין דער לענג פון דער אַנטיקער שטאָדט־וואַנט אויף מאָנטע פּינטשיאָ ; און ווען ער איז געזעסען אָנגעלעהנט אין ווינקעל פון דער קאַרעטע און האָט געקוקט איבער די דעכער אויף דעם קופּעל פון סט. פּעטער'ס קירך, איז ער געווען איבערצייגט, אַז ער לעבט איצט דורך דעם שעהנסטען מאָמענט פון דער גאַנצער רייזע. ערשט שפּעט איז ער געקומען צוריק אין האָטעל און האָט געפונען אַנאַ'ן ביים פּענסטער, אַ פאַרוויינטע, אַ בלייכע, מיט רויטע פלעקען אויף די אַביסעל אויפגעבלאָזענע באַקען. גאַנצע צוויי שעה האָט זי פאַרבראַכט אין שרעק און אַנגסט, מיינענדיג, אַז מיט איהם האָט אַן אומגליק געטראָפען, אַז מען האָט איהם באַפאַלען און דער'הרג'עט. ער האָט גענומען זי באַרוהיגען, אָבער ער האָט ניט געקענט געפינען די הערצליכע ווערטער, אין וועלכע ער האָט זיך גענויטיגט, ווייל איהם האָט אויסגעוויזען, אַז ער איז ניט פריי און געבונדען אויף אַן אומווירדיגען אופן. זי האָט געפיהלט זיין קאַלטקייט און האָט איהם געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז ער ליעבט זי ניט גענוג ; ער האָט געענטפערט אויפגערעגט, כמעט פאַרצווייפעלט ; זי האָט איהם אָנגערופען האַרצלאָזער עגאָאיסט. ער האָט פאַרביסען די ליפּען, האָט גאָרניט געענטפערט און איז אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צימער. ניט איבערגעבעטען זיך, זיינען זיי געגאַנגען אין עסצימער, האָבען שווייגענדיג אָפּגעגעסען און זיינען

געגאַנגען שלאָפֿען, ניט זאָגענדיג איינער דעם אַנדערען „אַ גוטע נאַכט". דער קריעג האָט אַרויפֿגעוואָרפֿען אַ שאָטען אויף די נעקסטע עטליכע טעג. ערשט פֿאָהרענדיג נאָך נעאַפּאָל, אַליין אין דעם קופּע און אין דער פֿרייד איבער דעם נייעם פּעיזאַזש, וואָס האָט זיך געשפּרייט פֿאַר זיי, האָבען זיי זיך אינגאַנצען איבערגעבעטען. פֿון יענעם מאָמענט אָן האָט ער זי מעהר ניט איבערגעלאָזען אויף אַ מינוט; זי האָט איהם אויסגעוויזען ריהרענד אין איהר הילפֿלאָזיגקייט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון באַזוכען מוזעען, ווייל זי האָט איהם ניט געקענט באַגלייטען. זיי זיינען געפֿאָהרען צוזאַמען אויף שפּאַציר אויף דעם פּאָזיליפּ און אין ווילאַ נאַציאָנאַלע. אויף דער וואַנדערונג דורך פּאָמפּעי איז ער געגאַנגען לעבען איהר טראָגבעטעל, אַ צערטליכער און געדולדיגער מאַן; און וועהרענד דער פֿיהרער האָט געגעבען זיינע ערקלערונגען אויף אַ שלעכטען פֿראַנצויזיש, האָט געאָרג אָנגענומען און אַ קוש געטאָן אַנאַ'ס האַנט און האָט אין באַגייסטערטע ווערטער געפֿראַוועט איהר איבערגעבען אַ טייל פֿון דער ענטציקונג, וואָס ער האָט געפֿיהלט, זעהענדיג אָט די געהיימניספֿולע שטאָדט אָהן דעכער, וואָס איז גאַס נאָך גאַס, הויז נאָך הויז אַרויסגעטראָטען פֿון דער פֿינסטערניש פֿון איהר צוויטויזענדיאָהריגער פֿאַרזונקענהייט אַנטקעגען דעם אונפֿאַרענדערליכען ליכט פֿון דעם בלויען הימעל. און ווען זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אָרט, וואו איינינע אַרבייטער האָבען מיט פֿאָרזיכטיגע קלעפּ פֿון זייערע שאָפֿלען געהאַלטען אין אַרויסברענגען פֿון אַש אַ צובראָכענעם זייל, האָט ער אויף דעם אָנגעוויזען אַנאַ'ן מיט אַזעלכע לויכטענדיגע אויגען, ווי אָט די סצענע וואָלט געווען אַ געשאַנק, וואָס ער האָט שוין לאַנג געוואָלט איהר ברענגען, און ווי אין אַלץ, וואָס איז ביז איצט געשעהן, וואָלט ער געהאַט נאָר דעם איין ציעל: צו ברענגען זי אין דער איצטיגער מינוט צו אָט דעם אָרט און איהר געבען די מעגליכקייט צו זעהן אָט דעם וואונדער.

אין אַ טונקעל-בלויער מאַי-נאַכט זיינען זיי געלעגען אין צוויי זעגעלטוכענע שטולען אויפֿ'ן דעק פֿון אַ שיף, וואָס האָט זיי געפֿיהרט נאָך גענוא. אַן אַלטער פֿראַנצויז מיט העלע אויגען, וואָס איז ביים אָוועטברויט געזעסען אַנטקעגען זיי, האָט זיך לעבען זיי אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט און געווענדט זייער אויפֿמערקזאַמקייט אויף

די שטערען, וואָס זיינען געהאנגען ווי שווערע זילבערנע טראָפּענס אין דער אונענדליכקייט. אייניגע פון די שטערען האָט ער אָנגערופען מיט'ן נאָמען, העפליך און פריינדליך, ווי ער וואָלט עס געהאַלטען פאר זיין פליכט פאָרצושטעלען איינע פאר די אנדערע די לויכטענדע הימעלשע וואונדער און די יונגע פאָר. דאן האָט ער געזאָגט „א גוטע נאכט" און איז אראָפּגעגאנגען צו זיך אין קאיוטע. און געאָרג האָט געקלערט וועגען זיין איינזאמער רייזע אויף דעמזעלביגען וועג, אונטער דעמזעלביגען הימעל פאָריגען פריהלינג, נאָכדעם ווי ער האָט זיך צושיידט מיט גריים. ער האָט וועגען איהר דערצעהלט אנא'ן ניט אזוי פון אן אינערליכער באדערפניש, ווי פאָרצושטעלען לעבעדיג א באשטימטע געשטאלט, אָנרופען א נאָמען און מיט דעם באפרייען זיין פארגאנגענהייט פון יענעם געהיימניספולען שרעק, וואָס פלעגט אמאָל פאר אנא'ן איינהילען אָט די פארגאנגענהייט זיינע. אנא האָט געוואוסט וועגען לאבינסקי'ס טויט, וועגען געאָרג'ס געשפרעך מיט גריים אויף לאבינסקי'ס קבר, וועגען איהר אויפהאלטען זיך צוזאמען מיט געאָרג'ען אין סיציליען ; ער האָט אנא'ן אפילו געוויזען א פאָרטרעט פון גריים. און דאָך האָט ער מיט א לייכטען שרעק איינגעזעהן, ווי ווייניג אנא האָט געוואוסט וועגען יענער צייט פון זיין לעבען, וועגען וועלכער ער האָט גערעדט מיט איהר כמעט אינגאנצען פריי ; און ער האָט דערפיהלט, ווי אונמעגליך עס איז צו געבען א באגריף אן אנדער מענשען וועגען א צייט, וואָס אזי ניט דורכגעלעבט געוואָרען צוזאמען, וועגען דעם אינהאלט פון אזוי פיעל טעג און נעכט, וועמעס יעדע מינוט איז געווען אָנגעפילט מיט דער געגענוואַרט. ער האָט אויך איינגעזעהן, ווי אומבאדייטענד און נישטיג עס זיינען די קליינע אומאויפריכטיגקייטען אין זיין דערצעהלען אנטקעגען דעם אומפארניכטבארען אטעם פון ליגען, וואָס איז פארבאָרגען אין יעדער ערוואַרטונג אויפ'ן קורצען וועג פון איינעמס ליפען צו א צווייטענס אויערען. און ווען אנא וועט אמאָל וועלען דערצעהלען, אזוי אויפריכטיג ווי מעגליך, אן אנדער פריינד, אן אנדער געליעבטען וועגען דער צייט, וואָס זי האָט פארבראכט מיט געאָרג'ן, וואָס וועט אייגענטליך יענער קענען ערפאהרען ? ניט פיעל מעהר פון א געשיכטע, וואָס ער האָט שוין הונדערט מאָל געלעזען אין ביכער : א יונג מיידעל האָט געליעבט א יונגען מאן, איז מיט איהם

ארומגעפאָהרען ; אמאָל איז זי געווען גליקליך, און אמאָל איז איהר געווען לאַנגווייליג ; אמאָל פלעגט זי פיהלען, אז זי לעבט מיט איהם איין לעבען, און צייטענווייז פלעגט זי דאָך ליידען פון איינ־זאמקייט, און ווען זי וואָלט אפילו געפרואווט איהם אפּגעבען א רע־כענונג פון יעדער מינוט... דאָס וואָלט אָבער דאָך געבליבען א פאַר־גאַנגענהייט, וואָס קען ניט אומגעקערט ווערען, און פאַר דעם, וואָס האָט דאָס אליין ניט דורכגעלעבט, קען דאָס פאַרגאַנגענע קיינמאָל ניט זיין קיין ווירקליכקייט.

די שטערען האָבען געגלאַנצט איבער זיי. אנא'ס קאָפּ איז לאַנגזאם אראָפּגעזונקען צו זיין ברוסט, און ער האָט איהר צערטליך גענומען אין זיינע הענט. נאָר דאָס שטילע רוישען אין דער טיף האָט געוויזען, אז דאָס שיף באַוועגט זיך. זיי זיינען איצט געגאַנגען אַנטקעגען מאָרגען, היימאַט, צוקונפט. די צייט, וואָס האָט אזוי לאַנג שווייגענדיג גערוהט איבער זיי, האָט איצט גענומען קלינגען און זיך דרעהען. געאָרג האָט פּלוצלונג דערפיהלט, אז ער האלט שוין מעהר ניט זיין שיקזאַל אין זיינע הענט. אלץ איז געגאַנגען זיין וועג. און איצט האָט ער געפיהלט מיט'ן גאַנצען קערפּער ביז צו די האָר, ווי דאָס שיף אונטער זיינע פיס איילט אָהן אן אָפּהאַלט פאַר־ווערטס.

אין גענוא זיינען זיי געבליבען נאָר איין טאָג. ביידע האָבען געבענקט נאָך רוה ; געאָרג'ן האָט אויסער דעם געצויגען צו זיין ארבייט. זיי האָבען נאָר געוואָלט פאַרברענגען נאָך עטליכע וואָכען אויף אן איטאַליענישען לאַנדזעע און אָפּפאָהרען אהיים אינמיטען יוני. ביז דאַן וועט אויך זיין פאַרטיג דאָס הויז פאַר אנא'ן. פרוי גאָלאָווסקי האָט אויסגעפונען א האלבען טוץ פּאַסיגע הייזער און האָט געשיקט אנא'ן גענויע באשרייבונגען ; זי האָט געוואַרט אויף אנא'ס ענטשיידונג, און דערווייל האָט זי אויף יעדען פאַל ווייטער געזוכט. פון גענוא זיינען זיי געפאָהרען נאָך מילאַן, זיי האָבען שוין אָבער ניט געקענט פאַרטראָגען דאָס רוישיגע לעבען פון דער שטאָדט, און שוין אויפ'ן צווייטען טאָג זיינען זיי אָפּגעפאָהרען נאָך לוגאַנאָ.

דאָ האָבען זיי שוין פאַרבראַכט פיער וואָכען. און מאָרגען נאָך מאָרגען איז געאָרג געגאַנגען אויפ'ן וועג, וואָס האָט איהם אויך גע־פיהרט אין דער לענג פון דעם שעהנעם ברעג, דורך פּאַראַדיזאָ, צו

דעם בויג פון וועג, וואו ער האָט יעדעס מאָל ענטדעקט אַ נייע אויס־זיכט. זיי איז געבליבען נאָר עטליכע טעג דאָ צו פאַרברענגען. ווי גוט אַנאַ האָט זיך דאָ ניט געפיהלט פון אָנהויב אָן, איז עס דאָך גע־ווען צייט צו באַזעצען זיך נאָהנט פון וויען און לעבען רוהיג, ניט מורא האָבענדיג פאַר צופעליגקייטען. די טעג אין לוגאַנאָ האָבען אויסגעוויזען געאָרג׳ן ווי די בעסטע אין דער גאַנצער צייט, זינט ער איז אַפּגעפּאָהרען פון וויען. און אַמאָל, אין די שעהנסטע מינו־טען, פלעגט ער זיך פרעגען, צי איז אפשר ניט די צייט, וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט, די בעסטע צייט פון זיין גאַנצען לעבען. קיינמאָל האָט ער זיך ניט געפיהלט אַזוי פריי פון פאַרלאַנגען, אַזוי באַרוהינט אין אויסזיכט אויף די צוקונפט און אין דער עראינערונג, ווי דאָ; און ער האָט מיט פרייד געזעהן, אַז אַנאַ איז אויך פאָלשטענדיג גליק־ליך. אַ מילדקייט, פול ערוואַרטונג, האָט געלויכטען אויף איהר גע־זיכט, איהרע אויגען האָבען געבליקט פרעהליך און קלוג, ווי אין דער צייט, ווען געאָרג האָט געשטרעבט זי צו באַזיצען. אָהן אומרוהיג־קייט, אָהן אומגעדולד אין איהרע אויפבליהענדע מוטערליכע געפיה־לען, שטעלענדיג זיך העכער פון פאָראורטיילען און זאָרגען וועגען צו־קונפטיגע שוועריגקייטען, האָט זי אַ באַגליקטע געוואַרט אויף די גרוי־סע שעה, ווען זי וועט דער ערוואַרטענדער שעפונג דאַרפען אומקערען ווי אַ באַזעלטע באַשעפעניש דאָס, וואָס איהר לייב האָט איינגעזאַפּט אין זיך אין דעם האַלב אומבאַוואוסטען אויגענבליק פון גליק. מיט פרייד האָט געאָרג געזעהן, ווי אין איהר ווערט רייף די לעבענס־באַ־גלייטערין, וואָס ער האָט געהאָפט צו געפינען אין איהר, וואָס פלעגט אָבער צייטענווייז פון איהם פאַרשווינדען. אין געשפרעכען איבער זיינע אַרבייטען, וועלכע זי פלעגט זאָרגפעלטיג דורכזעהן, איבער דעם עצם פון געזאַנג, איבער אַלגעמיינע מוזיקאַלישע פראַגען האָט זי אַרויסגעוויזען מעהר וויסען און געפיהל, ווי ער האָט ווען עס איז גע־קאָנט פון איהר ערוואַרטען. און כאָטש ער האָט קיין סך ניט אָנגע־שריבען, האָט ער אָבער געפיהלט, ווי ער וואָלט אינערליך געמאַכט פאָרטשריט. מעלאָדיען האָבען אין איהם געקלונגען, האַרמאָניען זיינען געבאָרען געוואָרען; און מיט אַ טיפען פאַרשטעהן האָט ער דערמאָנט פעליציאַנ׳ס באַמערקונג אַמאָל, נאָכדעם ווי ער האָט מאָנאַטען לאַנג ניט געמאַכט קיין איבונגען מיט דער ראַפּיר, אַז זיין אָרעם וועט

פאַר דער צייט קומען אויף גוטע געדאַנקען. איצט האָט די צוקונפט אויך ניט אַרויסגערופן אין איהם קיין זאָרגען. ער האָט געוואוסט, אַז ווי נאָר ער וועט קומען אין וויען, וועט ער אָנהויבען ערנסט אַר־בייטען, און זיין וועג איז פאַר איהם געלעגען אָפען און קלאָר.

לאַנג איז געאָרג געשטאַנען ביים אויסבויג פון וועג. אַ קורצע, ברייטע לאַנדצונג, נעדיכט באַוואַקסען מיט קליינע, נידריגע בוימלעך, האָט זיך פון דאַנען אויסגעשטרעקט אין ים; און עטליכע טריט ווייטער איבער אַ שמאָלען שטעגעל איז געווען אַ הילצערנע באַנק, וואָס מען האָט ניט געקענט זעהן פון וועג, און אויף וועלכער געאָרג האָט ליעב געהאַט זיך צוצוזעצען אויף אַ ווײלע, איידער ער פלעגט זיך אומקערען אין האָטעל.

„ווי אָפט נאָך? — האָט ער איצט אַ קלער געטאָן געגען זיין ווילען. — אפשר פינף אָדער זעקס מאָל, און דאַן צוריק נאָך וויען".

— און ער האָט זיך געפרעגט, וואָס וואָלט געווען, ווען זיי קערען זיך ניט אום, ווען זיי באַזעצען זיך ערגעץ אין איטאַליען אָדער אין דער שווייץ און הויבען אָן אַ ניי לעבען מיט דעם קינד אין דער דאָפּעל־שער רוה פון דער נאַטור און דער ווייטקייט פון דער היים. וואָס וואָלט געווען ?... גאָרניט. קיינער וואָלט אפילו ניט שטאַרק גע־וואונדערט זיך. אין זיין אָדער אַנאַ'ס אַבוועזענהייט וואָלט פאַר קיינעם ניט געווען קיין פיינליכער, אומערזעצליכער פאַרלוסט. ביי דעם געדאַנק האָט ער זיך געפיהלט ניכער ערלייכטערט, איידער טרויעריג; איהם האָט נאָר פאַרדראָסען, וואָס אַמאָל פלעגט איהם דאָך איבערוועלטיגען אַ מין היימוועה, אַ מין בענקשאַפט אפילו נאָך איינצעלנע מענשען. און אפילו איצט, ווען ער האָט דאָ איינגעאָ־טעמט די ים־לופט און האָט געקוקט אין די בלויע ווייט פון דעם פרעמדען הימעל, פיהלענדיג די פרייד פון איינזאַמקייט און פריי־הייט, אפילו איצט האָט זיין האַרץ גענומען שטאַרקער קלאַפּען, ווען ער האָט געקלערט וועגען די וועלדער און בערגלעך אַרום וויען, וועגען רינג שטראַסע, דעם קלוב און זיין גרויסען צימער מיט דער אויסזיכט אויפ'ן שטאַדט־פּאַרק. עס וואָלט איהם באַנג געטאָן, ווען זיין קינד זאָל געבאָרען ווערען ניט אין וויען. פּלוצלונג איז איהם איינגע־פאַלען, אַז היינט מוז זיין אַ בריעף פון פרוי גאָלאָווסקי, און אַנדערע בריעף פון וויען, און ער האָט באַשלאָסען אַריבערצוגעהן אין פאָסט,

איידער ער קערט זיך אום אין האָטעל. ווייל דאָ, פונקט ווי אויף דער גאַנצער רייזע, האָט ער ניט אָנגעגעבען דעם אדרעס פון האָטעל, אום צו פיהלען זיך זיכערער קעגען אַלערליי צופעליגקייטען, וואָס קענען קומען פון דער אויסערליכער וועלט. פון וויען האָט מען איהם ניט פיעל געשריבען. אינהאַלטסרייכער פון אַלע, ניט קוקענדיג אויף זייער קורצקייט, זיינען געוועזען היינריך׳ס בריעף; און גענאַרי האָט געפיהלט, אז דאָס דארף מען ערקלערען ניט אזוי מיט דעם שריי־בערס באַדערפניש זיך ארויסצוזאָגען, ווי מיט דעם, וואָס ער האָט אין זיינע זאַצען געקענט אריינגעבען דעם אָטעם פון לעבען. פעּ־ליציאַנ׳ס בריעף זיינען געווען אזוי קאַלט, ווי ער וואָלט איגנאַנצען פאַרגעסען זייער אינטימען געשפרעך אין גענאַרג׳ס צימער און דעם ברודערליכען קוש, מיט וועלכען זי׳ האָבען זיך געזעגענט... „ער קען, נאַטירליך, אָננעמען, אז זיינע בריעף וועלען געלעזען ווערען אויך פון אַנאַ׳ן, — האָט גענאַרג געקלערט, — און איהם ווילט זיך ניט אויפדעקען פאַר אַ פרעמדער דאַמע זיינע פערזענליכע פאַרהעלט־ניסען און געפיהלען“. נירענבערגער האָט עטליכע מאָל קורץ גע־ענטפערט אויף גענאַרג׳ס קאַרטלעך, און אויף אַ בריעף פון רוים, אין וועלכען גענאַרג האָט מיט וואַרימקייט דערמאָנט זייערעביידענס שפּאַצירען אין אָנהויב פריהלינג, האָט נירענבערגער געענטפערט מיט איראָנישע ענטשולדיגונגען און האָט באַדויערט, וואָס אויף יענע וואַנדערוועגען האָט ער צופיעל דערצעהלט גענאַרג׳ן וועגען זיינע אייגענע פאַמיליען פאַרהעלטניסען, וואָס האָבען דאָך אַן אַנדער פּער־זאָן אבסאָלוט ניט געקענט אינטערעסירען. פון דעם אַלטען אייסלער איז אין נעאַפּאָל אָנגעקומען אַ בריעף, אין וועלכען ער טיילט מיט, אז מען קען ניט ערוואַרטען קיין וואַקאַנץ אויף דער דעטמאָלדער הויף־ביהנע, אז גענאַרג אָבער איז איינגעלאַדען פון גראַף מאַלניץ, ווי אַ געווינשטער גאַסט, צו די פּראָבען און פאָרשטעלונגען, ביי וועלכער געלעגענהייט נאָהנטערע פאַרהעלטניסען וואָלטען זיך געקענט פאַר־בינדען פאַר די צוקונפט. גענאַרג האָט העפליך געדאַנקט, אָבער ער איז ניט געווען געניינגט צו וואוינען לאַנג אין אַ פרעמדער שטאָדט ביי אַזעלכע אומקלאָרע אויסזיכטען; און ער האָט פעסט באַשלאָ־סען צו זוכען זיך אַ זיכערע שטעלע, ווי נאָר ער וועט אָנקומען אין וויען.

אויסער אָט די בריעף איז מעהר קיין פערזענליכע נאַכריכט ניט געקומען פון דער היים. די גרוסען, וואָס אַנאַ'ס מוטער האָט געהאַל־טען פאַר איהר פליכט צו שיקען געאָרג'ען אין איהרע בריעף צו דער טאָכטער, האָבען זיין הארץ ניט געריהרט, כאָטש אין דער לעצטער צייט זיינען זיי שוין מעהר ניט געווען אדרעסירט „דעם הערן באַראָן", נאָר „געאָרג'ן". ער האָט דאָך געפיהלט, אַז אַנאַ'ס עלטערן האָ־בען איינפאַך אָנגענומען, וואָס זיי האָבען ניט געקענט ענדערען, אָי־נערליך אָבער האָט דאָס זיי געדריקט, און זיי האָבען זייערע אָנ־זיכטען ניט געענדערט אין דער געווינשטער ריכטונג.

ווי געוועהנליך, איז געאָרג צוריק געגאַנגען ניט מיט'ן ברעג. דורך ענגע גאַסען, צווישען גאָרטען־ווענט, דאַן אונטער בויגענגאַנגען און ענדליך איבער אַ גרויסען פלאַץ, פון וואַנען דער ים האָט זיך ווידער געעפענט פאַר'ן בליק, איז ער ארויסגעגאַנגען צו דער פאָסט־געביידע, וועמעס געלע פאַרב האָט געגלאַנצט אין זון און געבלענדט די אויגען. אַ יונגע דאַמע, וועמען געאָרג האָט שוין פון ווייטען געזעהן געהענדיג הין און צוריק אויפ'ן טראָטואַר, האָט זיך אָפּגע־שטעלט, ווען ער איז צוגעקומען נעהנטער. זי איז געווען געקליידט אין ווייס און האָט געטראָגען אַ ווייסען זון־שירעם איבער אַ ברייַ־טען שטרוי־הוט מיט אַ רויטען באַנד. ווען געאָרג איז שוין געווען גאַנץ נאָהנט, האָט זי אַ שמייכעל געטאָן, און ער האָט דערזעהן אַ גוט באַקאַנטע געזיכט אונטער דעם ווייסען שלייער.

— איז דאָס מעגליך, פריילײן טערעזאַ ! — האָט ער אויסגערו־פען, אָננעמענדיג די אויסגעשטרעקטע האַנט.

— וואָס מאַכט איהר, באַראָן ! — האָט זי געענטפערט רוהיג, ווי זייער באַגעגעניש דאָ וואָלט געווען די זעלבסטפאַרשטענדליכסטע זאַך אויף דער וועלט. — ווי פיהלט זיך אַנאַ ?

— אַ דאַנק, זעהר גוט. איהר וועט זי דאָך יעדענפאַלס באַזוכען?

— אויב דאָס איז ערלויבט.

— איצט אָבער זאָגט מיר נאָר, ווי אַזוי זייט איהר געקומען אַהער ! איז דאָס דען... — זיין בליק האָט פאַרוואונדערט באַטראַכט איהר אויסזעהן, — אַן אַגיטאַציאָנס־רייזע ?

— דאָס קען איך אייגענטליך ניט זאָגען, — האָט זי געענטפערט און ארויסגעשטעלט איהר קין, און די באַוועגונג האָט איצט ניט גע־

מאכט איהר געזיכט העסליך, ווי געוועהנליך. — דאָס איז ניכער א וואקאציאָנס־רייזע. — און איהר געזיכט האָט געשיינט פון אן אינער־ליכען געלעכטער, ווען זי האָט דערזעהן געאָרג'ס בליק, געווענדט אויפ'ן טויער, פון וועלכען דעמעטער סטאַנציִדעס איז ארויסגעקומען אין א ווייס־שווארץ געשטרייפטען אַנצוג פון פלאַנעל. ער האָט באַ־גריסט געאָרג'ן, אויפהויבענדיג זיין ווייכע גרויע הוט, און האָט איהם געגעבין די האַנט.

— גוט מאָרגען, באַראָן, מיך פרעהט זעהר אייך צו זעהן ווידער.

— מיך פרעהט דאָס אויך זעהר, הער סטאַנציִדעס.

— קיין בריעף פאַר מיר ניטאָ? — האָט טערעזא זיך געווענדט צו דעמעטער'ן.

— ניין. טערעזא, נאָר עטליכע קארטלעך פאַר מיר, — און ער האָט זיי אריינגעלייגט אין קעשענע.

— זינט ווען זייט איהר דען דאָ? — האָט געאָרג געפרעגט און האָט זיך געמיהט אויסצוזעהן אזוי וועניג איבערראַשט ווי מעגליך.

— נעכטען אָוונט זיינען מיר אָנגעקומען, — האָט דעמעטער געענטפערט.

— דירעקט פון וויען? — האָט געפרעגט געאָרג.

— ניין, פון מילאַן. מיר זיינען שוין א וואָך אויף דער רייזע.

— צוערשט זיינען מיר געווען אין ווענעדיג, ווי אַלע פיהרען זיך, — האָט צוגעגעבען טערעזא, פאַררוכט איהר שלייער און גענומען דע־מעטער'ן אונטער'ן אָרעם.

— איהר זייט פיעל פריהער ארויסגעפאָהרען, — האָט דעמעטער געזאָגט. — איך האָב מיט א פּאָר וואָכען צוריק געזעהן אייער קאַר־טעל ביי די עהרענבערגערס „דאָס הויז פון די וועטיע, פּאָמפּעי".

— יאָ, איך האָב געהאַט א וואונדערליכע רייזע.

— און איצט וועלען מיר געהן אַביסעל באַטראַכטען די שטאָדט, — האָט טערעזא געזאָגט, — און מעהר דעם באַראָן ניט אויפהאַלטען. איהר געהט דאָך צו דער פּאָסט נאָך בריעף.

— אָ, מיט דעם קען איך וואַרטען. און מיר וועלען זיך דאָך יע־דענפאַלס זעהן ווידער?

— וועט איהר אונז פאַרשאַפען דאָס פאַרגניגען, — האָט דעמע־

טער געזאָגט, — און האָבן לאָנטש מיט אונז אין האָטעל „איראָפּאַ", וואו מיר שטעהען איין?

— א דאנק, אָבער דאָס איז אומבאַקוועם. אָבער... אָבער אפשר וועט איהר איינשטימען צו דינירען מיט... מיט אונז אין פּארק האָטעל? ארום האלב זיעבען, אויב דאָס איז פאר אייך באַקוועם. איך וועל הייסען גרייטען דעם טיש אין גאָרטען אונטער א וואונדער־שעהנעם פלאטאַנענבוים, וואו מיר עסען געוועהנליך.

— יאָ, — האָט געזאָגט טערעזאַ, — מיר נעמען אָן אייער איינ־לאַדונג מיט דאנקבארקייט. איך וועל אפשר קומען מיט א שעה פריי־הער, אביסעל צו פּלוידערען רוהיג מיט אנאַ'ן.

— זעהר שעהן, — האָט געזאָגט גערהאַרד, — זי וועט זיך זעהר פרעהען.

— אויף ווידערזעהן, באַראָן, — האָט געזאָגט דעמעטער און האָט איהם הערצליך געדריקט די האַנט. — גיט איבער מיין גרוס אין דער היים!

טערעזאַ האָט פרעהליך צוגעווינקט גערהאַרד'ן מיט די אויגען, דאַן איז זי מיט דעמעטער'ן אוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון ברעג.

גערהאַרד האָט איהר נאָכגעקוקט. „ווען איך וואָלט זי ניט געקענט,— האָט ער א קלער געטאָן,—וואָלט דעמעטער זי לייכט געקענט מיר פאָר־שטעלען ווי זיין פרוי, די געבאָרענע פּרינצעסין עקס. מערקווירדיג! אָט די צוויי..." דאַן איז ער אריינגעגאַנגען אין פּאָסט, האָט געפּאָ־דערט זיין קאָרעספּאָנדענץ און האָט זי איילענדיג דורכגעקוקט. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך איהם געוואָרפען אין די אויגען, איז געווען א קאַרטעל פון לעאָ גאַלאָווסקי. אויפ'ן קאַרטעל איז נאָר געשטאַנען: „איך ווינש אייך דאָס בעסטע, ליעבער גערהאַרד". דאַן איז געווען א קאַרטעל פון וואַלדשטיינגאַרטען אין פּראַטער: „מיר האָבן נאָר וואָס געטרונקען פאָר'ן געזונט פון אונזער ליעבען דעזערטירער. גוויי־דאָ שענשטיין, ראַלף סקעלטאָן, די ראַטענפּריילײַן".

די בריעף פון פּעליציאַן, פרוי ראָזנער און היינריך האָט גערהאַרד געוואָלט איבערלעזען צוזאַמען מיט אנאַ'ן אין הויז. אויסערדעם האָט ער געאיילט אהיים, צו דערצעהלען אנאַ'ן וועגען דעם אָנקומען פון דער זאָנדערבארער פּאָר. ער איז געווען ניט אינגאַנצען רוהיג, ווייל אנאַ'ס בירגערליכע אינסטינקטען פלעגען אמאָל ערוואַכען אויף

אַ גאַנץ אומערוואַרטעטן אופן. יעדענפאַלס האָט געאָרג באַשלאָסען צו דערצעהלען אַנאַ'ן וועגען דעם, אַז ער האָט איינגעלאַדען דעמעטער'ן און טערעזאַ'ן, אין אַזאַ טאָן, אַז דאָס זאָל אויסקומען אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך; און ער האָט זיך צוגעגרייט ענטשידען צו ענטפערען אויף איהרע איינווענדונגען, אויב זי וועט זיך פיהלען געקרענקט, געערגערט אָדער אונזיכער איבער זיין איינלאַדונג. ער אַליין האָט זיך זעהר געפרעהט, קלערענדיג וועגען דעם אָוועגט, דעם ערשטען אָוונט נאָך פיעלע וואָכען, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אויסשליסליך אין אַנאַ'ס געזעלשאַפט. ער האָט כמעט מקנא געווען דעמעטער'ען, וואָס איז איצט אַזוי פרעהליך און זאָרגלאָז געפאָהרען אויף אַ פאַרגניגענס־רייזע, ווי ער אַליין איז אַהער געפאָהרען מיט גריים. און טערעזאַ איז איהם איצט אויך געפעלען מעהר ווי ווען עס איז פריהער. וויפיעל שעהנע פרויען ער האָט ניט באַגעגענט אין פאַרלויף פון לעצטען מאָנאַט, האָט ער נאָך קיין איין מאָל ניט געהאַט פאַר זיך קיין ערנסטען נסיון, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אַנאַ האָט אַלץ מעהר און מעהר פאַרלאָרען איהר ווייבליכען חן. היינט האָט ער צום ערשטען מאָל דערפיהלט אַ בענקשאַפט נאָך נייע אומאַרמונגען.

באַלד האָט ער דורך די גראַטען פון באַלקאָן דערזעהן אַנאַ'ס העל־בלויע מאָרגענקלייד. ווי געוועהנליך, האָט ער געלאָזען וויסען וועגען זיך, פייפענדיג די ערשטע טאַקטען פון בעטהאָווענ'ס פינפטער סימפאָניע; און באַלד האָט איבער'ן פאַרענטש זיך באַוויזען דאָס בלייכע, צאַרטע געזיכט פון דער געליעבטער, וואָס האָט איהם באַגריסט מיט אַ שמייכלענדיגען בליק פון איהרע גרויסע אויגען. ער האָט איהר געוויזען דאָס פעקעל בריעף, זי האָט צופרידען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דאַן איז ער שנעל אַרויפגעקומען צו איהר אין צימער אויפ'ן באַלקאָן. זי איז האַלב געלעגען אויף אַ שטרויענעם שטול פאַר אַ טישעל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ גרינליכען טישטוך און אויף וועלכען איהר האַנט־אַרבייט איז געלעגען, ווי אַלעמאָל, ווען געאָרג פלעגט קומען צוריק נאָך זיין מאָרגען שפּאַציר. ער האָט איהר אַ קוש געטאָן אויפ'ן שטערען און אויף די ליפּען.

— וועמען מיינסטו האָב איך באַגעגענט ? — האָט ער האַסטיג אַ פרעג געטאָן.

— עלזאַ עהרענבערג, — האָט זי געזאָגט, גאָר ניט קלערענדיג.

— ווי פאַלט דיר דאָס איין? ווי אַזוי וואָלט זי אַהער געקומען?
— יאָ, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שלויען שמייכעל, — זי האָט דאָך געקענט נאָכפאָהרען דיר.
— זי האָט געקענט, אָבער זי איז ניט נאָכגעפאָהרען. טרעף ווייטער, — ביז דריי מאָל.
— היינריך בערמאַן?
— ווי קומט! איבריגענס, איך האָב פון איהם אַ בריעף. ווייטער.
זי האָט זיך פאַרטראַכט.
— דעמעטער סטאַנצידעס, — האָט זי דאַן געזאָגט.
— יאָ, האָסטו זיך שוין עפּעס דערוואוסט?
— ווי אַזוי קען איך וויסען? איז ער ווירקליך דאָ?
— צום טייוועל! דו ביזט אינגאַנצען רויט געוואָרען! אַהאָ!
ער האָט געוואוסט, אַז איהר איז אַמאָל געווען געפעלען דעמעטער'ס מעלאַנכאָליש־מעגליכע שעהנקייט, אָבער ער האָט ניט געפיהלט די קלענסטע אייפערזוכט.
— הייסט עס, ווירקליך סטאַנצידעס? — האָט זי געפרעגט.
— יע, סטאַנצידעס.
— אָבער ביי דעם בעסטען ווילען קען איך ניט איינזעהן, אַז דאָס זאָל זיין אַזוי זאָנדערבאַר.
— דאָס איז טאַקי ניט זאָנדערבאַר. אָבער ווען דו וואָלסט געוואוסט, מיט וועמען ער איז דאָ...
— מיט זיסי ווײנער.
— אָבער . . .
— איך מיין פאַרהייראַט... דאָס קען דאָך אויך פאָרקומען.
— ניין, ניט מיט זיסי און ניט פאַרהייראַט, נאָר מיט דיין פריינדין טערעזאַ און אַזוי אומפאַרהייראַט. ווי נאָר מעגליך.
— איז דאָס מעגליך?
— אַזוי ווי איך זאָג דיר, מיט טערעזאַ'ן. שוין אַ וואָך זיינען זיי אויף דער רייזע. וואָס זאָגסטו צו דעם? זיי זיינען געווען אין ווענעדיג און אין מילאַן. האָסטו עפּעס געוואוסט וועגען דעם?
— ניין.
— ווירקליך ניט?

—ווירקליך ניט. דו ווייסט דאָך, אז טערעזא האָט מיר נאָר איין מאָל אָנגעשריבען עטליכע ווערטער, און דו האָסט דאַן איבערגע־לעזען איהר בריעף מיט א געוויסען אינטערעס.

— די נאַכריכט האָט דיך עפּעס ניט געגוג ערשטוינט.

— נאָט מיינער, איך האָב אַלעמאָל געוואוסט, אז זי האָט א גור־מען געשמאַק.

— דעמעטער אויך, — האָט געאָרג אויסגערופען אין אַן איבער־צייגטען טאָן.

— א פאַרוואַנדשאַפט פון נשמות, — האָט געזאָגט אַנאַ, אויפ־הויבענדיג די ברעמען און האָט ווייטער געהעקעלט.

— און דאָס איז איצט די מוטער פון מיין קינד, — האָט געזאָגט געאָרג, פרעהליך שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

זי האָט מיט א שמייכעל א קוק געטאָן אויף איהם.

— ווען קומט זי צו מיר ?

— ארום זעקס אזייגער, דענק איך. און... און סטאַנצידעס וועט אויך קומען... אביסעל שפּעטער. זיי וועלען זיין ביי אונז צו מיטאָג. דו האָסט דאָך גאָרנישט געגען דעם ?

— פאַרקערט, מיך פרעהט דאָס זעהר, — האָט אַנאַ געזאָגט איינ־פאַך.

געאָרג איז געוועזען זעהר צופרידען. „ווען אַנאַ וואָלט דאָס אין איהר איצטיגען צושטאַנד באַגעגענט סטאַנצידעס'ען אין וויען !...

— האָט ער א קלער געטאָן. — ווי די ווייטקייט פון דער געוועהנליכער אומגעבונג באַפרייט דאָס און רייניגט !“

— וואָס האָבען זיי דיר דערצעהלט נייעס ? — האָט אַנאַ גע־פרעגט.

— מיר זיינען ביי דער פּאָסט ניט געשטאַנען קיין דריי מינוט צוזאַמען. ער שיקט דיר זיין גרוס.

אַנאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, און געאָרג'ן האָט אויסגעוויזען, ווי איהרע געדאַנקען וואָלטען ווידער אָנגענומען זייער געוועהנליכע ווענדונג.

— ביזט שוין לאַנג אויפגעשטאַנען ? — האָט ער האַסטיג א פרעג געטאָן.

— יאָ, איך זיץ שוין לאַנג דאָ אויפ'ן באַלקאָן. איך האָב אפילו

אביסעל געדרעמעלט, די לופט היינט איז אזוי ערמידענד. און גע־חלום׳ט האָב איך אויך.

— וועגען וואָס ?

— וועגען קינד.

— ווידער ?

זי האָט א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— דיזעלבע זאַך, וואָס לעצטען מאָל. איך זיץ דאָ אויפ׳ן באַל־קאָן און האַלט דאָס קינד אויפ׳ן ברוסט.

— וואָס איז דאָס געווען ? א אינגעל צי א מיידעל ?

— איך וויים ניט. א קינד. אזוי קליין און ליעב. וואָס פאַר א גליק דאָס איז געווען !... ניין, איך וועל עס ניט אוועקגעבען, — האָט זי געזאָגט שטיל, צומאַכענדיג די אויגען.

ער איז געשטאַנען אָנגעלעהנט אויפ׳ן פּארענטש און האָט גע־פּיהלט, ווי דער לייכטער נאָכמיטאָג ווינט שפּיעלט אין זיינע האָר.

— אויב דו ווילסט עס ניט אוועקגעבען, גיב עס ניט אוועק, — האָט ער געזאָגט, און אין קאָפּ איז איהם דורכגעלאָפען דער געדאַנק, צי איז ניט דאָס באַקוועמסטע צו הייראַטען מיט איהר ?... אָבער עפּעס האָט איהם ניט געלאָזען ארויסזאָגען דאָס אין דער הויך. זיי האָבען ביידע געשוויגען. די בריעף זיינען געלעגען אויפ׳ן טיש. ער האָט גענומען איין בריעף און האָט געעפּענט.

— לאָמיר זעהן צוערשט, וואָס דיין מוטער שרייבט, — האָט ער געזאָגט.

פרוי ראַזנער האָט געשריבען, אז אין דער היים איז אַלץ אין בעסטען צושטאַנד, אז אַלע פרעהען זיך, וואָס אנא וועט באַלד קומען צוריק, און אז יאָזעף איז אָנגעשטעלט אין דער אדמיניסטראַציאָן פון „פאָלקס קוריער” מיט א מאָנאַטליכען געהאַלט פון פופציג גולדען. ווייטער האָט זי איבערגעגעבען פרוי ביטנער׳ס אָנפראַגע, ווען אנא וועט קומען צוריק פון דרעזדען, און צי זי וועט אויף זיכער זיין צוריק אין הערבסט, ווייל אַנדערש וועט מען מוזען דאָך זיך באַזאָרגען מיט א נייער לעהרערין... אנא האָט זיך א ריהר ניט געטאָן און האָט גאָר־נישט געזאָגט.

דען האָט געאָרג גענומען היינריכ׳ס בריעף. אָט וואָס היינריך האָט געשריבען.

„ליעבער געאָרג, מיך פרעהט זעהר, וואָס איהר וועט באַלד קר מען צוריק ; איך שרייב דאָס אייך היינט, ווייל ווען איהר וועט דאָ זיין, וועל איך אייך קיינמאָל ניט קענען אַרויסזאָגען, ווי שטאַרק דאָס פרעהט מיך. מיט אַ פּאָר טעג צוריק, ווען איך בין אַליין געפאָהרען אין אָוועגט אויף אַ וועלאָסיפּעד אויפ'ן ברעג פון דאַנוי, האָב איך איינפאַך געבענקט נאָך אייך. וואָס פאַר אַן אומפאַרגעסליכער דופט פון איינזאַמקייט דאָס וועהט פון אָט די ברעגען ! איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב געהאַט אַן עהנליך געפיהל מיט פינף אָדער זעקס יאָהר צוריק, ווען איך בין איינמאָל געזעסען, אין וואָס מען רופט אַ פרעהלי־כער געזעלשאַפט, אין קעלער פון קלאָסטערנייבורגער מאָנאַסטיר, אין דעם גרויסען גאָרטען, פון וואַנען מען האָט געזעהן בערג און טאָלען אַרום. ווי פון די טיפען פון וואַסער שטייגט זי אַרויף, די איינזאַמ־קייט, וואָס שטעלט בכלל פאָר מיט זיך עפּעס אַנדערש ווי דאָס, וואָס מען מיינט געוועהנליך. יעדענפאַלס איז דאָס ניט קיין געגענזאַץ צו געזעלשאַפטליכקייט. יאָ, אפשר האָט מען גראַד צווישען מענשען דאָס רעכט צו פיהלען זיך איינזאַם. נעמט דאָס אָן ווי אַן אַפאָריזם, אַ הו־מאָריסטישע אומוואָהרשיינליכקייט און האַלט דאָס ניט פאַר וויכטיג. אומצוקערען זיך צו מיין רייזע אויפ'ן ברעג פון דאָנוי, — גראַד אין יענער שטיקענדער אָוועגט־שעה זיינען מיר געקומען אַלערליי גוטע איינפאַלען. און איך האָף אינגיכען צו קענען אייך דערצעהלען עפּעס אומגעוועהנליכעס וועגען עגידיוס, ווי מען האָט ענדליך אַ נאָמען געגעבען דעם טרויעריגען מאָרדלוסטיגען יונגען מאַן ; וועגען דעם טיפ־זיניג־אומדורכדרינגליכען פירשט ; וועגען דעם לעכערליכען הערצאָג העליאָדאָר, אונטער וועלכען נאָמען איך האָב די עהרע אייך פאָרצו־שטעלען דעם חתן פון דער פרינצעסין, און באַזונדערס וועגען דער פרינצעסין אַליין, וואָס שיינט צו זיין אַ פיעל מערקווירדיגערע פערזאָן, ווי איך האָב פריהער געדענקט.“

— דאָס באַציהט זיך אויפ'ן טעקסט פון דער אָפּערא ? — האָט אַנאַ געפרעגט און האָט אָראָפּגעלאָזען איהר אַרבייט.

— נאַטירליך, — האָט געאָרג געענטפערט און ווייטער געלעזען:

„אויסערדעם דאַרף איך אייך דערצעהלען, מיין ליעבער, אַז אין די לעצטע וואָכען האָב איך אָנגעשריבען איינציגע פאָרלויפיג ניט באַזונ־דערס אומשטערבליכע פערזען צום ערשטען אַקט, און דערוויי‏ל, דאָס

הייסט, אָהן אייער מוזיק, לויפען זיי איבער דער וועלט, ווי אומבאַפּלי־געלטע מלאכים׳לאַך. דער סוזשעט אינטערעסירט מיך אומגעוועהנ־ליך. און איך בין שוין אליין נייגעריג צו זעהן, וואוהין אייגענטליך ער וועט מיך פיהרען. אויך אַנדערע זאַכען האָב איך אָנגעהויבען... אָנגעצייכענט... פאַרקלערט. מיט איין וואָרט, רעדענדיג קורץ און פּרעך, איך פיהל, ווי אין מיר וואָלט זיך אָנגעהויבען אַ נייע צייט. דאָס קלינגט אָפּ נאָר פרעך. ווייל די קוימענקערער, די הענדלער מיט איטאַליענישער וואורשט, די פעלדפעבעלען האָבען דאָך אויך זייערע צייטען פון אויפבליהונג. אָבער מיר באַמערקען דאָס באַלד. וואָס איך האַלט פאַר זעהר וואַרשיינליך איז, אַז גאָר אין גיכען וועל איך אַרויפשטייגען, אָדער אַראָפּפאַלען, פון דער וועלט פון פאַנטאַזיע, אין וועלכער איך שוועב איצט אום, אין אַ העכסט רעאַלע וועלט. וואָס וואָלט איהר, צום ביישפּיעל, געזאָגט, ווען איך נעם זיך פאַר אַ פּאָלי־טישע קאָמעדיע ? און שוין פיהל איך, אַז דאָס וואָרט „רעאַל" איז ניט אינגאַנצען פּאַסיג. ווייל מיר דוכט, אַז פּאָליטיק איז דער פאַנ־טאַסטישסטער עלעמענט, אין וועלכען מענשען קענען זיך איבערהויפּט באַוועגען, אָבער זיי מערקען דאָס ניט... אפשר וואָלט מען געדאַרפט זיך נעמען פאַר דער זאַך גראָד פון דער זייט. דאָס איז מיר געקומען אויפ׳ן זין, ווען איך בין איינמאָל די טעג געווען אויף אַ פּאָליטישער פאַרזאַמ־לונג (ניט אמת, ערשט איצט זיינען מיר געקומען די געדאַנקען), יאַ, אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבייטער און אַרבייטערינען אין בריגיטענאו, וואו איך בין געזעסען לעבען מאַדעמואַזעל טערעזאַ גאָלאָווסקי און איך האָב געמוזט אויסהערען זיבען רעדען וועגען אַלגעמיינעם וואהל־רעכט. יעדערער פון די רעדנער, — טערעזאַ איז אויך געווען צווישען זיי, — האָט גערעדט אַזוי, ווי פאַר איהם פּערזענליך וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען קיין וויכטיגערע זאַך, ווי די לעזונג פון אָט דער פראַגע ; און איך גלויב, אַז קיינער פון זיי האָט ניט געפיהלט, אַז טיף אין דער נשמה איז איהם די גאַנצע פראַגע אויף דעם העכסטען גראַד גלייכגילטיג. טערעזאַ, פאַרשטעהט זיך, איז געווען שרעקליך אויפגעבראַכט, ווען איך האָב דאָס איהר געזאָגט. זי האָט מיר ער־קלערט, אַז איך בין אָנגעשטעקט מיט דעם גיפטיגען סקעפּטיציזם פון נירענבערגער׳ען, מיט וועלכען איך פאַרקער בכלל צו פיעל. זי רעדט וועגען איהם זעהר שלעכט, פון זינט ער האָט זי געפרעגט מיט עטליכע

וואָכען צוריק אין קאָפּע, צי זי וועט צו איהר נעקסטען הויכפּאַראַט פּראָצעס טראָגען אַ הויכע פּריזור, אָדער איינפּאַך פאַרלייגטע צעפּ. אָבער דאָס איז ריכטיג, אַז איך זעה זיך זעהר אָפט מיט נירענבערגער'ן. אין שווערע שעה'ן קען מען נאָך אייגעם אַזאַ מענשען ניט געפינען. אַ שאַד נאָר, עס זיינען פאַראַן שעה'ן, די שווערקייט פון וועלכע ער פאַרדעכטיגט גאָר ניט, אָדער וויל ניט וויסען. עס זיינען פאַראַן געוויסע שמערצען, וואָס ער אונטערשעצט, איך פיהל דאָס, און איך האָב וועגען זיי אויפגעהערט ריידען מיט איהם".

— וואָס מיינט ער דען ? — האָט איהם אַנאַ אונטערבראָכען.

— וואַרשיינליך די געשיכטע מיט דער אַקטריסע, — האָט געאָרג געענטפערט און האָט ווייטער געלעזען :

„דערפאַר אָבער איז ער, ווייזט אויס, שטאַרק גענייגט איבערצושאַצען אַנדערע שמערצען, אָבער דאָס איז שוין מסתמא מיין שולד, ניט זיינע. איך מוז מודה זיין, אַז ער האָט אַזאַ אַנטייל גענומען אין מיין שמערץ, אַז ער האָט מיך פאַרשעהמט. ווי שווער מיר האָט דאָס ניט געטראָפען, זיינען מיר דאָך געווען פרעמד איינער דעם אַנדערען נאָך איידער ער איז געוואָרען וואַהנזיניג. און זיין טויט איז פאַר מיר געווען נאָר אַ ווייטערע, פינסטערערע אָפּפרעמדונג, ניט קיין ניי אומגליק."

— וואָס איז ? — האָט אַנאַ געפרעגט, ווען געאָרג האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט.

— ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלען ?

— וואָס ?

— נירענבערגער'ס שוועסטער איז באַגראָבען אויפ'ן בית עולם אין קאַדענאַביאַ. איך האָב דיר דאָך דערצעהלט וועגען איהר. איך וויל ווען עס איז די טעג אַריבערפאָהרען אַהין.

— גוט, — האָט אַנאַ געזאָגט. — איך וועל אפשר מיטפאָהרען, אויב איך וועל זיך פיהלען גוט. נאָך דעם, וואָס איך האָב וועגען איהם געהערט, איז מיר נירענבערגער אַ סך סימפּאַטישער, ווי דיין פריינד היינריך, דער שרעקליכער עגאָאיסט.

— דו מיינסט אַזוי ?

— אָבער הער, דאָס, וואָס ער שרייבט וועגען זיין פאָטער, איז דאָך כמעט אומערטרעגליך.

— נאָט מיינער, ווען מען ווערט אָבער אַזוי פרעמד איינער דעם אַנדערען, ווי זיי...

— דאָך איז דאָס אומפּאַרצייהליך. איך בין מיינע עלטערען אינערליך אויך ניט גראָד נאָהנט. און דאָך... ווען איך... ניין, ניין, איך וויל בעסער וועגען אַזעלכע זאַכען ניט קלערען. ווילסטו לעזען ווייטער ?

געאָרג האָט געלעזען :

„עס זיינען פאַראַן ערנסטערע זאַכען, ווי דער טויט, טרויעריגערע געווים, ווייל זיי פעהלט יענע ענדגילטיגקייט, וואָס צווינגט אונז, אין אַ העכערען זין, צו מאַכען שלום מיט'ן טויט. עס זיינען, צום ביישפּיעל, פאַראַן לעבעדיגע גייסטער, וואָס וואַנדערען אום אין גאָס אין העלען ליכט פון טאָג, קוקען מיט זייערע לאַנג געשטאָרבענע און דאָך זעהענדיגע אויגען, גייסטער, וואָס וועלען צוגעהן צו אַ מענשען און ריידען צו איהם אין אַ מענשליכער שטים, וואָס קלינגט אַ סך ווייטער, ווי די שטים פון קבר. און מען קען זאָגען, אַז אין אַזעלכע מאָמענטען ווייזט זיך דער עצם פון טויט ארויס פיעל שרעקליכער, ווי ווען מען באַגראָבט אַ מענשען אין דער ערד... מעג דער געשטאָרבענער זיין ווי נאָהנט."

געאָרג האָט ניט ווילענדיג אַראָפּגעלאָזען דעם בריעף, און אַנאַ האָט געזאָגט אין אַן ענטשלאָסענעם טאָן :

— נו, לאָז איהם שוין צורוה, דיין פריינד היינריך.

— יאַ, האָט געאָרג לאַנגזאַם ארויסגערעדט, — ער איז אַמאָל אַביסעל אַפעקטירט. און דאָך... ווי, דאָס איז שוין דער ערשטער קלונג צו לאַנטש ? לאָמיר שנעלער ענדיגען לעזען.

„איצט מוז איך אייך דערצעהלען, וואָס דאָ איז נעכטען געשעהן, די פיינליכסטע און לעבערליכסטע געשיכטע פאַר אַ לאַנגע צייט, און ליידער זיינען די אַנטיילנעמער אונזערע גוטע באַקאַנטע, די עהרענבערגס — פאָטער און זוהן."

אַ ! — האָט אַנאַ ניט ווילענדיג אויסגערופען.

געאָרג איז שנעל דורכגעלאָפען די ווייטערדיגע שורות און האָט געשאָקעלט דעם קאָפּ.

— וואָס איז געשעהן ? — האָט אַנאַ געפרעגט.

— דאָס איז דאָך... הער נאָר, — און ער האָט ווייטער געלעזען :

„איהר האט מסתמא אליין באמערקט, ווי די באציהונגען צווישען דעם אלטען און אסקאר'ן האבען זיך באזונדערס פארשארפט פאר דעם לעצטען יאהר. איהר ווייסט אויך די אורזאך פון זייער קריעג, קען איך אייך איינפאך איבערגעבען די פאקטען, ניט אריינלאזענדיג זיך אין אויסטייטשונגען פון די מאטיווען. אט וואס איז געשעהן. נעבטען ארום מיטאג צייט איז אסקאר פארבייגעגאנגען די קירך פון הייליגען מיכאל און האט אויפגעהויבען זיין הוט. איהר ווייסט דאך, אז קיין אייגענשאפט איז ניט אזוי אין דער מאדע איצט ביי דער עלעגאנטער יוגענד, ווי פרומקייט. מען דארף דא אפשר ניט קיין ווייטערע ערקלערונג פאר אסקאר'ס זשעסט, ווי די, צום ביישפיעל, אז גראד דאן זיינען א פאר יונגע אריסטאקראטען ארויסגעקומען פון קירך, און אסקאר האט זיך געוואלט ארויסשטעלען פאר זיי פאר א קאטאליק. איין גאט ווייס, וויפיעל מאל ער האט שוין מסתמא דורכגעמאכט אט די קאמעדיע. אבער, צו זיין אומגליק, איז דער אלטער עהרענבערג אנגעקומען אין דעמזעלביגען אויגענבליק. ער זעהט, ווי אסקאר נעמט אראפ זיין הוט פאר דער קירך... און אויסער זיך פון צארן, הויבט ער אויף די האנט און לאזט אראפ זיין שפראצלינג א פאטש. א פאטש! אסקאר'ן, דעם לייטענאנט פון רעזערוו! אינמיטען טאג און אין צענטער פון שטאדט! אז די געשיכטע איז נאך דעמזעלביגען אוונט באקאנט געווארען דער גאנצער שטאדט, איז דאך קיין וואונדער ניט. היינט איז זי שוין אפגעדרוקט אין אייניגע צייטונגען. אמת, די אידישע צייטונגען פארשוויגען די געשיכטע, מיט דער אויסנאם פון א פאר גאסען־בלעטלאך, אבער די אנטיסעמיטישע בלעטער בלאזען דאס נאטירליך פאנאנדער. אם בעסטען צייכענט זיך אויס דער „קריסטליכער פאלקס קוריער“, וואס פארלאנגט, אז ביידע עהרענבערגס זאלען געשטעלט ווערען פאר א געריכט פון געשווארענע פאר רעליגיאנס שטערונג, אדער גאר גאטעסלעסטערונג. אסקאר, זאגט מען, איז דערוויל אוועקגעפאהרען, מען ווייס ניט וואוהין.“

— א שעהנע פאמיליע, — האט אנא געזאגט אין א טאן פון איבערצייגונג.

געארג האט ניט ווילענדיג זיך פאנאנדערגעלאכט.

— נו, אין אט דער געשיכטע איז שוין עלזא פאלשטענדיג אומשולדיג.

צום צווייטען מאָל האָט זיך דערהערט א קלינגען. זיי זיינען אריבערגעגאַנגען אין עסצימער און האָבען זיך געזעצט פאַר זייער קליינעם טיש ביים פענסטער, וואָס מען האָט אַלעמאָל פאַר זיי אַליין געדעקט. ביי דעם לאַנגען טיש אין מיטען צימער זיינען געזעסען ניט מעהר ווי א טוץ געסט, מעהרסטענס ענגלענדער און פראַנצויזען. דאָ איז אויך געווען שוין ניט קיין יונגער מענש, וואָס איז אהער אָנגעקומען מיט א פאָר טעג צוריק און האָט אויסגעזעהן געאָרג'ן ווי אַן עסטרייכישער אָפיציר אין ציוויל קליידער. וויטער האָט געאָרג וועגען איהם זיך געקימערט פונקט אזוי ווייניג, ווי וועגען די איבעריגע. ער האָט אריינגעשטעקט היינריכ'ס בריעף אין קעשענע. באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך איהם ניט געענדיגט לעזען. ביים שווארצען קאַווע האָט ער איהם ווידער ארויסגענומען און איז דורכגעלאָפען דעם סוף.

— וואָס שרייבט ער נאָך ? — האָט אנא געפרעגט.

— קיין באַזונדערע נייעס, — האָט געאָרג געענטפערט. — וועגען מענשען, וואָס קענען דיך ניט אינטערעסירען שטארק. ווידער, דוכט זיך, פארברענגט ער אין זיין קאָפּ מעהר צייט, ווי ער וואָלט געדארפט, און אין אַן אומפּאַסיגער געזעלשאַפט.

— אין אַן אומפּאַסיגער ? — האָט אנא געזאָגט אביסעל פארעכטליך.

געאָרג האָט זיך גוטמוטיג צולאַכט.

— עס איז דאָך א קאָמיש פאָלק.

— וואָס איז דען ? — האָט אנא געפרעגט.

— דער קליינער ווינטערניץ... ווייסט דאָך... וואָס האָט איינמאָל מיר און היינריכ'ן פאָרגעלעזען זיינע געדיכטען... פאָהרט אין בערלין ווי דער דראַמאַטורג פון א ניי געגרינדעטען טעאַטער. און גליימער, וואָס איז אַמאָל אזוי צוגעשטאַנען צו אונז אין מוזעאום...

— אָ, דער עקעלהאַפטער מענש מיט דעם מאַנאָקל...

— ער ערקלערט, אַז ער גיט בכלל אויף דאָס שרייבען און וועט זיך אָפּגעבען אויסשליסליך דעם ספּאָרט...

— ספּאָרט ?

— א גאַנץ אייגענאַרטיגען. ער וועט שפּיעלען מיט מענשליכע נשמות.

— ווי ?

— אַט הער.

ער האָט געלעזען :

„איצט באַהויפּטעט דער קלאָון, אַז ער איז באַשעפטיגט מיט די פאָלגענדע צוויי פּראָבלעמען, וואָס ערגאַנצען איינס דאָס אַנדערע אויף א זעהר גייסטרייכען אופן : ערשטענס, פאַרדאַרבען א יונגע, אומשולדיגע באַשעפעניש ביז אויף דעם העכסטען גראַד, און צווייטענס, מאַכען פון אַן אויסגעלאַסענער פרוי א הייליגע, ווי ער דריקט זיך אויס. ער זאָגט, ער וועט זיך ניט באַרוהיגען, ביז די ערשטע וועט ניט אָנקומען אין א פרעהליך הייזעל, און די צווייטע — אין א מאָנאַסטיר.“

— א ליעבע געזעלשאַפט, — האָט באַמערקט אַנאַ און איז אויפגעשטאַנען פון טיש.

— ווי זאָנדערבאַר דאָס קלינגט דאָ ! — האָט געזאָגט געאָרג און האָט איהר נאָכגעפאָלגט אין פּאַרק.

איבער די שפּיצען בוימער האָט גערוהט א טונקעלבלויער הימעל, דורכגענומען מיט זונליכט. זיי זיינען א ווײַלע געשטאַנען ביי דער נידריגער באַלוסטראַדע, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם גאָרטען פון דעם וועג, און האָבען געקוקט איבער דעם לאַנדזועג צו די בערג, הינטער זילבער־גרויע שלייערען, וואָס האָבען זיך געוויגט אין זונליכט. דאַן האָבען זיי שפּאַצירט טיפער אין פּאַרק, וואו די שאָטענס זיינען געווען קיהלער און טונקעלער. זיי זיינען געגאַנגען געאָרעמט, און זייערע טריט האָבען שטיל געראוישט אויפ׳ן זאַמד; די הויכע ברוינע וואַנט, פאַרביי וועלכער זיי זיינען געגאַנגען, איז געווען באַוואַקסען מיט קריכיגע פּלאַנצען, און איבער איהר האָבען אַריינגעקוקט אַלטע הייזער מיט זייערע שמאָלע פענסטער. זיי האָבען גערעדט וועגען די נאַכריכטען, וואָס זיינען היינט אָנגעקומען. און צום ערשטען מאָל האָבען זיי זיך געפיהלט אביסעל באַזאָרגט ביי דעם געדאַנק, אַז באַלד וועלען זיי מוזען זיך אומקערען פון דער גאַסטפריינדליכער פרעמד אהיים, וואו אפילו דאָס אַלטעגליכע לעבען איז פול מיט פאַרבאָרגענע געפאַהרען. זיי האָבען זיך געזעצט אונטער די פּלאַטאַנען פאַר דעם ווייסען לאַקירטען טיש. אַזוי ווי אַבזיכטליך, איז אָט דער אָרט אַלע־

מאָל געווען פֿריי פֿאַר זיי. נאָך נעכטען נאָכמיטאָג האָט זיך דאָ אוועקגעזעצט דער ניי אָנגעקומענער עסטרייכער, אָבער באַמערקענדיג אַנאַ'ס אומצופֿרידענעם בליק, איז ער אוועקגעגאַנגען מיט אַ העפֿליכער פֿאַרנייגונג.

געאָרג איז אַרויפֿגעגאַנגען אין צימער און האָט געבראַכט פֿאַר אַנאַ'ן אַ פּאָר ביכער און פֿאַר זיך אַ באַנד געטע'ס געדיכטען און דעם מאַנוסקריפּט פֿון זיין קווינטעט. זיי האָבען זיך אוועקגעזעצט און פֿאַרנומען זיך מיט לעזען און אַרבייטען. פֿון צייט צו צייט פֿלעגען זיי נאָר אַ קוק טאָן איינער אויפֿ'ן אַנדערען מיט אַ שמייכעל, זאָגען אַ פּאָר ווערטער, דאַן זיך ווידער פֿאַרטיפֿען אין די ביכער אָדער קוקען איבער די באַלוסטראַדע פֿאַר זיך און פֿיהלען רוה אין זייערע נשמות און דעם זומער אין דער לופֿט. זיי האָבען געהערט, ווי גאָר נאָהנט פֿון זיי, הינטער דעם בוש, האָט גערוישט דער פֿאָנטאַן, און דינע טראָפּענס זיינען געפֿאַלען אויפֿ'ן וואַסער שפּיגעל. צייטענווייז האָבען אויף יענער זייט וואַנט געקלאַפּט די רעדער פֿון וואָגענס, פֿון דעם לאַנדזועג האָט זיך געהערט אַ דינע, ווייטע פּייפֿעריי, אַמאָל פֿלעגען זיך דערטראָגען צום ברעג מענשליכע שטימען. אָנגעטרונקען מיט זון ליכט איז דער טאָג געהאַנגען איבער די שפּיצען פֿון די בוימער. שפּעטער, מיט דעם לייכטען ווינט, וואָס האָט יעדען נאָכמיטאָג געוועהט פֿון וואַסער, האָבען זיך פֿאַרמעהרט און פֿאַרשטאַרקט די קלאַנגען און שטימען. מען האָט געהערט, ווי די וועלען האָבען זיך אָפּגעשלאָגען אָן ברעג, די צורופֿען פֿון די שיפֿער האָבען אָפּגעקלונגען, און פֿון דער אַנדער זייט פֿון וואַנט האָט זיך געהערט דאָס זינגען פֿון יונגע שטימען. דינע טראָפּענדלאַך פֿלעגען דערפֿליהען פֿון פֿאָנטאַן. דער אָטעם פֿון נאָהנטען אָווענד האָט ווידער געוועקט מענשען, לאַנד און וואַסער.

אויפֿ'ן זאַמד האָבען זיך דערהערט טריט. טערעזאַ, שלאַנק און געקליידט אין ווייסען, איז שנעל צוגעקומען איבער דער אַלעע. געאָרג איז אויפֿגעשטאַנען, געגאַנגען איהר אַ פּאָר טריט אַנטקעגען און האָט איהר אויסגעשטרעקט די האַנט. אַנאַ האָט אויך געוואָלט אויפֿשטעהן, אָבער טערעזאַ האָט דאָס ניט דערלאָזען, האָט זי אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן און זיך צוגעזעצט צו איהר.

— ווי שעהן דאָ איז ! — האָט זי אויסגערופען. — אָבער בין איך ניט געקומען צו פריה ?

— וואָס פאַלט דיר איין, מיך פרעהט דאָס אַזוי ! — האָט אַנאַ געענטפערט.

טערעזאַ האָט זי באַטראַכט מיט אַן אויספּרואווענדען שמייכעל און האָט אָנגענומען איהרעביידע הענט.

— דו זעהסט אויס גוט, — האָט זי געזאָגט.

— איך פיהל זיך גוט, — האָט אַנאַ געענטפערט, — און דו, ווייזט אויס, פיהלסט זיך ניט ערגער, — האָט זי צוגעגעבען אין אַ פריינדליכען שפּאַס.

געאָרג'ס אויגען האָבען גערוהט אויף טערעזאַ'ן, וואָס איז געווען איינגאַנצען אין ווייסען, אָבער נאָך עלעגאַנטער ווי אין דער פריה. זי האָט געטראָגען אַ קלייד פון ענגלישען געשטיקטען לייווענט און אַרום דעם פרייען האַלז אַ שנור פון העל־ראָזע קאָרעלען. וועהרענד די צוויי פרויען האָבען גערעדט וועגען זייער אונערוואַרטער באַגעגניש, האָט זיך געאָרג אויפגעהויבען, צו געבען פּאַראָרדנונגען וועגען מיטאָג. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין גאָרטען, זיינען זיי שוין דאָ ניט געווען. ער האָט דערזעהן טערעזאַ'ן אויפ'ן באַלקאָן. זי האָט זיך אָנגעלעהנט אָן פּאַרענטש און האָט גערעדט מיט אַנאַ'ן, וואָס איז וואַרשיינליך געווען טיף אין צימער, ווייל מען האָט זי ניט געקענט זעהן. אין דער בעססטער שטימונג האָט געאָרג גענומען געהן הין און צוריק איבער די אַלעען. מעלאָדיען האָבען געזונגען אין איהם. ער האָט געפיהלט זיין יוגענד און זיין גליק, האָט צייטענווייז געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן באַלקאָן אָדער איבער די באַלוסטראַדע אויפ'ן נאַס, ביז ער האָט ענדליך דערזעהן דעמעטער סטאַנצידעס'ן אָנקומען. ער איז איהם געגאַנגען אַנטקעגען און האָט איהם באַגריסט.

— די דאַמען זיינען אויבען אין צימער, וועלען אָבער באַלד אַראָפּקומען. ווילט איהר אפשר דערוויייל זיך דורכגעהן אביסעל און באַטראַכטען דעם פּאַרק ?

— מיט פּאַרגניגען.

זיי זיינען ביידע געגאַנגען ווייטער.

— וועט איהר נאָך לאַנג פאַרברענגען אין לוגאַנאָ ? — האָט געאָרג געפרעגט.

— ניין, מאָרגען פאָהרען מיר אָפּ אין בעלאָדזשיאָ, פון דאָרטען פאָהרען מיר אויף לאַנגאַ מאַדזשיאָרע, אויף איזאָלאַ בעלאַ. אונזער פארגניגענס רייזע וועט שוין לאַנג איצט ניט דויערען. אין צוויי וואָכען ארום מוזען מיר זיין אין דער היים.
— אזא קורצער אורלויב ?
— דאָס איז ניט צוליעב מיר, טערעזא מוז זיין צוריק אין צייט. איך בין איינגאַנצען א פרייער מענש. איך האָב שוין מיט זיך מיין דיענסט אָבשיד.
— ווילט איהר טאַקי ערנסט זיך באַזעצען אויף אייער גוט ?
— אויף מיין גוט ?
— איך האָב עפּעס אַזוינס געהערט ביי די עהרענבערגס.
— אָבער איך האָב דאָך נאָך דאָס גוט נים. איך האַלט אין אונטערהאַנדלען.
— און וואו ווילט איהר קויפען לאַנד, אויב איך מעג פרעגען.
— אין עק וועלט. וועניגסטענס וועט דאָס אייך אַזוי אויסזעהן. אויפ'ן גרענעץ פון אונגארן און קראָאַציען. א וויסטער, פאַרוואָרפענער ווינקעל, אָבער אַ מערקווירדיגער געגענד. מיך ציהט אַהין. יוגענד עראינערונגען. דריי יאָהר דיענסט ווי א לייטענאַנט. ווי מיר וואָלט אויסגעוויזען, אַז איך וועל דאָרט ווידער יונג ווערען. ווער ווייס ?
— א שעהן גוט ?
— ניט שלעכט. מיט א צוויי מאָנאַטען צוריק האָב איך עס ווידער אָנגעזעהן. איך האָב אייגענטליך שוין פון פריהער געקענט דעם אָרט. דאַן האָט עס געהערט דעם גראף יאַטשעוויטש. איצט געהערט עס עפּעס א פאַבריקאַנט. ביי איהם איז געשטאָרבען זיין פרוי, איז איהם איצט איינזאַם דאָרט, און ער וויל פאַרקויפען זיין גוט.
— איך ווייס ניט, — האָט געאָרג געזאָגט, — אָבער איך שטעל מיר פאָר, אַז דער געגענד דאַרף זיין אַביסעל מעלאַנכאָליש.
— מעלאַנכאָליש ? מיר דוכט, אַז אין א געוויסען עלטער הויבט יעדער געגענד אָן אויסצואווייזען מעלאַנכאָליש.
און ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי זוכענדיג א נייע באַשטעטיגונג פון דער ריכטיגקייט פון זיינע ווערטער.
— אין וואָס פאַר אַן עלטער ?

— נו, ווען מען נעמט ווערען אַלט...

גנעאָרג האָט אַ שמייכעל געטאָן. דעמעטער האָט איהם אויס־געוויזען אַזוי שעהן און, ניט קוקענדיג אויף אַביסעל גרויע האָר ביי די שלייפען, אַזוי יונג.

— ווי אַלט זייט איהר דען, הער סטאַנצידעס, אויב איך מעג פרעגען ?

— זיעבען און דרייסיג. איך האָב ניט געזאָגט, ווען מען איז אַלט, נאָר ווען מען נעמט ווערען אַלט. די מענשען רעדען געוועהנ־ליך וועגען אַלט ווערען ערשט דאַן, ווען זיי זיינען שוין געוואָרען אַלט.

ביים סוף פון גאָרטען, וואו ער קומט צו צו אַ וואַנט, האָבען זיי זיך געזעצט אויף אַ באַנק. פון דאַנען האָבען זיי געקענט זעהן דעם האָ־טעל און די גרויסע גאָרטען טעראַסע. די העכערע עטאַזשען און דער באַלקאָן זיינען געווען פאַרבאָרגען הינטער די בוימער. געאָרג האָט אָנגעבאָטען דעמעטער'ן אַ ציגאַרעט און האָט אַליין פאַררויכערט. אַ ווייל"ע האָבען ביידע געשוויגען.

— איהר פאַרלאָזט, דוכט זיך, אויך וויען, האָב איך געהערט,— האָט געזאָגט דעמעטער.

— יע, דאָס איז זעהר מעגליך... ווען איך וועל נאָר באַקומען ערגעץ אַ שטעלע אין אַן אָפּערא טעאַטער. נו, און אויב דאָס וועט ניט געשעהן הייער, וועט דאָס נעקסטען יאָהר זיכען אַזוי זיין.

דעמעטער איז געזעסען פאַרלעגט אַ פוס אויף אַ פוס און האַל־טענדיג איין קניה אַרומגענומען מיט ביידע הענט.

— יע, יע, — האָט ער געזאָגט, אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און אַרויסגעלאָזען לאַנגזאַם פון מויל אַ דינעם זייל רויך. — עס איז גוט צו האָבען אַ טאַלאַנט. דאַן איז שוין אײנגאַנצען אַנדערש אויך מיט'ן עלטער. דאָס איז אייגענטליך דאָס איינציגע, וואָס איך בין אַ מענשען מקנא.

— מקנא צו זיין האָט איהר ניט קיין גרונד. מענשען מיט טאַ־לאַנט דאַרף מען בכלל ניט מקנא זיין. העכסטענס אפשר געניאַלע מענשען. און אָט די בין איך אפשר מקנא נאָך מעהר, ווי איהר. אָבער איך געפין, אַז אַזעלכע טאַלאַנטען, ווי אייערער, זיינען עפּעס אַזוינס, וואָס איז מעהר אַבסאָלוט, מעהר זיכער, אַזוי צו זאָגען. מען קען אַמאָל זיין ניט אויף דער הויך... אָבער אפילו דאַן טוט

מען אויף עפּעס ממשות'דיגס, אויב מען קען בכלל עפּעס אויפטאָן אָבער ווען אונזערס גלייכען איז ניט אויף דער נויטיגער הויך, טויג ער שוין גאָרניט.

דעמעטער האָט זיך צולאַכט.

— יע, אָבער דער קינסטלערישער טאַלאַנט איז פעסטער פון אנדערע, און מיט די יאָהרען וואַקסט ער גאָר אויס. צום ביישפּיעל, בעטהאָווען. די נײַנטע סימפאָניע איז דאָך די שעהנסטע, ניט אמת? נו, און דער צווייטער טייל פון פאוסט!.. און מיר געהען מיט די יאָהרען אויף צוריק, און קיין זאַך קען דאָ ניט העלפען. אפילו די בעטהאָווענס צווישען אונז. און ווי פריה דאָס הויבט זיך אָן! מיר רעדען ניט וועגען גאַנץ זעלטענע אויסנאַמען. איך, צום ביישפּיעל, בין געווען אויף דעם העכסטען פונקט, ווען איך בין געווען אַלט פינף און צוואַנציג יאָהר. איך האָב שוין קיינמאָל מעהר ניט דערגרייכט דאָס, וואָס אין מיר איז געווען, ווען איך בין אַלט געווען פינף און צוואַנציג. יע, ליעבער באַראָן, דאָס זיינען געווען צייטען!

— נו, איך געדענק, ווי איהר האָט מיט צוויי יאָהר צוריק געוואונען אַ וועט לויף קעגען בוצגאַ, דעם דאַמאָלסדיגען פאַוואָריט... איך האָב אפילו געוואָטען אויף איהם...

— ליעבער באַראָן, — האָט סטאַנצידעס איהם אונטערבראָכען, גלויבט מיר, איך וויים, פאַרוואָס איך האָב דאָס אַלץ אויפגעהערט. דאָס קען מען נאָר אַליין דערפיהלען. און דעריבער וויים קיינער ניט אַזוי גוט, ווי אַ ספּאָרטסמאַן, ווען מען נעמט ווערען אַלט. דאַן קען שוין קיין טרענירען ניט העלפען. דאָס וועט שוין זיין אַ קינסטליכע זאַך. און ווען עמיצער דערצעהלט אייך, אַז דאָס איז ניט אַזוי, איז ער איינפאַך... אָבער אָט קומען שוין אונזערע דאַמען.

זיי זיינעןביידע אויפגעשטאַנען. טערעזאַ און אנאַ זיינען צוגע־קומען געאָרעמט, איינע אין ווייסען, די אַנדערע אין אַ שוואַרצען קלייד, און די ברייטע פאַלדען ביז דער ערד האָבען אינגאַנצען פאַר־באָרגען איהרע פאָרמען. ביים פאָנטאַן האָבען זיך ביידע פאַר באַ־געגענט. דעמעטער האָט אַ קוש געטאָן אנאַ'ס האַנט.

— אַן אמת שעהנער אָרט, וואו איך האָב איצט די עהרע אייך ווידער צו באַגריסען, גנעדיגע פרוי.

— דאָס איז אויך פאַר מיר אַן אַנגענעמע איבערראַשונג, —

האָט אַנאַ געענטפערט, — אויסער וואָס דער געגענד דאָ איז שעהן.

— ווייסטו, — האָט נעאָרג געזאָגט צו אַנאַ'ן, — אַז זיי פאָהרען שוין מאָרגען אוועק?

— יע, טערעזאַ האָט מיר געזאָגט.

— מיר ווילען אָנזעהן וואָס נאָר מעגליך, — האָט דעמעטער ערקלערט, — און נאָך מיינע עראינערונגען זיינען די אַנדערע לאַנדזעען אין נאָרד איטאַליען נאָך שעהנער, ווי דאָ.

— פון די אַנדערע ווייס איך ניט, — האָט אַנאַ געזאָגט, — מיר זיינען נאָך פון דאַנען אין ערגעץ ניט געפאָהרען.

— וועט איהר זיך אפשר באַנוצען מיט דער געלעגענהייט, — האָט געזאָגט דעמעטער, — און מאַכען צוזאַמען מיט אונז אַ קליינע עקסקורסיאָן. בעלאַדזשיאָ, פּאַלאַנצאַ, איזאָלאַ בעלאַ.

אַנאַ האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— דאָס וואָלט געווים געווען זעהר גוט, אָבער איך בין לײדער ניט נענוג באַוועגליך. איך בין געוואָרען אונגלויבליך פויל. עס זיינען פאַראַן טעג, ווען איך געה גאָר ניט ארויס פון פּאַרק. אָבער אויב געאָרג וויל מיך פאַרלאָזען אויף אַ טאָג־צוויי, האָב איך קעגען דעם גאָרנישט.

— איך קלער גאָר ניט וועגען פאַרלאָזען דיך, — האָט געאָרג געזאָגט.

ער האָט געוואָרפען אַ שנעלען בליק אויף טערעזאַ'ן, וועמעס אויגען האָבען געלויכטען און געלאַכט. זיי זיינען לאַנגזאַם געגאַנגען איבער'ן גאָרטען, און דערווייל איז ביסלעכווייז געוואָרען אַלץ טונקעלער. זיי האָבען גערעדט וועגען די ערטער, וואָס זיי האָבען געזעהן אין דער לעצטער צייט. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טיש אונטער די פּלאַטאַנען, איז ער שוין געווען געדעקט, און אונטער גלעזערנע גלאָקען האָבען געברענט די גאָרטען ליכט. דער קעלנער האָט אריינגעטראָגען דאָס פּעסעל מיט אַסטי. אַנאַ האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק, וואָס איז געווען אָנגעלעהנט אויף אַ פּלאַטאַנען בוים. אַנטקעגען איהר איז געזעסען טערעזאַ, און פון ביידע זייטען — געאָרג און דעמעטער. מען האָט געבראַכט דאָס עסען און אָנגעגאָסען וויין. געאָרג האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגען די וויענער באַקאַנטע. דעמעטער האָט דערצעהלט, אַז ווילי אייסלער האָט געבראַכט פון דער רייזע עט־

ליבע גלענצענדע קאריקאטורען אויף יעגער און אויף חיות. דער אַל־טער עהרענבערג האָט די בילדער געקויפט.

— ווייסט איהר שוין די געשיכטע מיט אָסקאַר'ן ? — האָט גע־אָרג געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ געשיכטע ?

— נו, די געשיכטע מיט זיין פאָטער ביי דער קירך פון דעם הייליגען מיכאל ?

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך פריהער, איידער די דאַמען זיינען אָנגעקומען, האָט ער געוואָלט די געשיכטע דערצעהלען דעמעטער'ן, אָבער ער האָט געפונען פאַר בעסער צו פאַרשווייגען די נייעס, איצט, מסתמא, האָט איהם דער ווין לויז געמאַכט די צונג. ער האָט אין קורצען איבערגעגעבען, וואָס היינריך האָט איהם געשריבען.

— דאָס איז דאָך אָבער אַ העכסט טרויריגע געשיכטע, — האָט געזאָגט דעמעטער אין אַזאַ טאָן, אַז אַלע זיינען פּלוצלונג געוואָרען ערנסטער.

— פאַרוואָס איז דאָס אַ טרויריגע געשיכטע ? — האָט געפרעגט טערעזאַ. — מיר ווייזט די געשיכטע אויס זעהר קאָמיש.

— ליעבע טערעזאַ, דו שטעלסט זיך ניט פאָר די פאָלגען, וואָס דאָס קען האָבען פאַר דעם יונגען מאַן.

— מיין גאָט, איך ווייס זעהר גוט, אַז ער וועט מעהר ניט קע־נען אריינקומען אין אַ געוויסען קרייז. דאָס וועט איהם וועניגסטענס ווייזען, וואָס פאַר אַ נאַר ער איז ביזהער געווען.

— אויב אָסקאַר איז פון די מענשען, וואָס קענען עפּעס איינזעהן, — האָט געאָרג געזאָגט, — איך גלויב דאָס אָבער ניט.

— שוין ניט רעדענדיג, ליעבע טערעזאַ, — האָט דעמעטער צו־געגעבען, — פון דעם, אַז דאָס, וואָס דו רופסט אָן איינזעהן, הייסט נאָך דורכאויס ניט ווערען דאָס, וואָס מען דאַרף זיין. אַלע מענשליכע גרופּען האָבען זייערע פאָראורטיילען, און איהר זייט אויך פון זיי ניט פריי.

— איך וואָלט ווערען ווייסען, וואָס פאַר פאָראורטיילען מיר האָ־בען דאָס, — האָט טערעזאַ אויסגערופען, און האָט מיט צאָרן אויס־געטרונקען איהר ווין. — מיר ווילען נאָר באַקעמפען געוויסע פאָר־

אורטיילען, באַזונדערס דעם, אַז עס זיינען פאַראַן פּריווילעגירטע קאַסטען, וועמעס באַזונדערע עהרע איז...

— איך בעט דיך, ליעבע טערעזאַ, דו ביזט דאָ ניט אויף אַ פאַר־זאַמלונג. און איך האָב מורא, אַז דער אַפּלאָוז צום סוף פון דיין רעדע וועט ניט זיין אַזוי שטאַרק, ווי דו ביזט צו דעם געוועהנט.

— אַט זעה, האָט טערעזאַ זיך געווענדט צו אַנאַ'ן, — ווי אַ קאַוואַלעריע אָפיציר פיהרט דיסקוסיאָנען.

— פּאַרדאָן, — האָט געאָרג געזאָגט, — די גאַנצע געשיכטע האָט דאָך קוים עפּעס צו טאָן מיט פאַראורטיילען. אַ פּאַטש אויפ'ן גאַס, אפילו פון דעם אייגענעם פאָטערס האַנט... מיר דוכט, מען דאַרף גאָר ניט זיין גראָד אַ רעזערוו אָפיציר אָדער אַ סטודענט...

— אָט דער פּאַטש, — האָט טערעזאַ אויסגערופען, — קומט מיר אויס גראָד ווי עפּעס באַפרייענדעס. ער איז אַ ווירדיגער סוף צו אַ לעבערליכער און איבערפליסיגער עקזיסטענץ.

— אַ סוף ? לאָמיר האָפען, אַז ניט, — האָט געזאָגט דעמעטער.

— מען שרייבט מיר, — האָט באַמערקט געאָרג, — אַז אָסקאַר איז אוועקגעפאָהרען, מען ווייס ניט וואוהין.

— אויב מיר טהוט פאַר וועמען עס איז וועה אין דער געשיכטע, — האָט געזאָגט טערעזאַ, — איז דאָס יעדענפאַלס פאַר דעם אַלטען. אין זיין גוטהערציגקייט באַדויערט ער שוין איצט געוויס די אומאַנ־גענעהמליכקייטען, וואָס ער האָט פאַראורזאַכט זיין זוהנדעל דעם סנאָב.

— גוטהערצינקייט !— האָט דעמעטער אויסגערופען. — אַ מי־ליאָנער ! אַ פאַבריקאַנט !... אָבער טערעזאַ...

— יע, דאָס טרעפט אַמאָל. ער איז צופעליג איינער פון די, וואָס זיינען טיף אין הארצען מיט אונז. און יענעם אָוועגט, דעמעט־טער, ווען דו האָסט געהאַט דאָס פאַרגניגען צו זעהן מיך צום ערשטען מאָל, וויסטו, צוליעב וואָס איך בין דאָן געוועזען ביי די עהרענבערגס?... וויסטו, פאַר וועלכען צוועק ער האָט מיר, ניט רעדענדיג אַ וואָרט, געגעבען טויזענד גולדען ?... פאַר... — זי האָט פאַרביסען די ליפּען.

— איך טאָר דאָס ניט אויסזאָגען, דאָס איז געוועזען די באַדינגונג.

פּלוצלונג האָט דעמעטער זיך אויפגעהויבען און האָט זיך פאַר־ניינט פאַר אַ העד, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען. דאָס איז געוועזען דער

עסטרייכער, וואָס איז נעבכטען אָנגעקומען. ער האָט אויפגעהויבען זיין הוט און איז פארשוואונדען אין דער פינסטערניש פון גאָרטען.

— איהר קענט יענעם הער? — האָט געאָרג געפרעגט אין א ווײלע ארום. — מיר דוכט זיך, אז איך קען איהם. ווער איז ער דען?

— פרינץ פאָן גוואסטאלא, — האָט דעמעטער געזאָגט.

— טאקי? — האָט ניט ווילענדיג אויסגערופען טערעזא, און איהרע אויגען האָבען דורכגעבויערט די פינסטערניש.

— וואָס קוקסטו אזוי? — האָט דעמעטער געזאָגט, — א מענש ווי אַלע מענשען.

— ער איז, דוכט זיך, פארטריבען פון הויף? — האָט געפרעגט געאָרג. — ניט אמת?

— דאָס ווייס איך ניט, — האָט דעמעטער געזאָגט, — אָבער יעדענפאלס איז ער דאָרט ניט קיין געוווּנשטער גאסט. ער האָט ניט לאנג ארויסגעגעבען א בראָשור וועגען די זיטען פון אונזער אר־מיי, באזונדערס וועגען דעם לעבען פון אָפיצירען אין דער פראָווינץ. אָט פאר די בראָשור קוקט מען דאָס קרום אויף איהם, כאָטש אין דער אמת'ן איז אין איהר ניטאָ קיין בייז.

— ער וואָלט געדארפט זיך ווענדען צו מיר, — האָט טערעזא געזאָגט. — איך וואָלט איהם אויך געקענט עפּעס דערצעהלען.

— מיין ליעבע, — האָט דעמעטער געזאָגט, — דאָס, וואָס דו האָסט מסתמא אין זין, איז דאָך אַן אויסנאַמספאַל, און מען דאַרף דאָך דאָס ניט פאראַלגעמיינערען.

— איך טהו דאָס ניט. אָבער איין פאַל אזא איז גענוג, אז דאָס גאַנצע סיסטעם...

— גאָר ניט קיין רעדע, טערעזא...

— איך רעד וועגען לעאָ, — האָט טערעזא זיך געווענדט צו גע־אָרג'ן. — א שרעק, וואָס איהם קומט איצט אויס איבערצוטראָגען.

געאָרג האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, ווי א זאַך, וואָס ער האָט איינגאַנצען פארגעסען, און וואָס איז העכסט מערקווירדיג, אז טערע־זא איז לעאָ'ס שוועסטער. ווייס ער דען, אז זי איז דאָ, און מיט וועמען זי פאָהרט ארום?

דעמעטער האָט נערוועז פארביסען די ליפּען.

— אַן אַנטיסעמיטישער אויבערלייטענאַנט פארפאָלגט איהם

אויף א באזונדערס נידערטרעכטיגער ארט, ווייל ער שפירט, ווי לעא פאראכט איהם.

געארג האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ. ער האט געהערט וועגען דעם.

— מיין ליעבע, — האט געזאגט דעמעטער, — איך האב דיר שוין עטליכע מאל געזאגט, אז מיר איז אין דער געשיכטע עפעס ניט קלאר. איך קען צופעליג דעם אויבערלייטענאנט סעפראנעק, און איך פארזיכער דיך, אז מען קען מיט איהם אויסקומען. ער איז ניט באזונדערס געשייט, און עס קען זיין, אז ער פיהלט ניט קיין באזונדערע ליעבע צו אידען. אבער מען מוז דאך סוף כל סוף אנערקענען, אז עס זיינען פאראן אזוי גערופענע „אנטיסעמיטישע" שימפווערטער, וואס ווערען, אויף וויפיעל איך וויים, באנוצט פונקט אזוי פיעל פון אידען, ווי פון קריסטען. און איך מוז ענטשידען זאגען, אז דיין ברודער ליידט פון קראנקהאפטער עמפינדליכקייט.

— עמפינדליכקייט איז קיינמאל ניט קראנקהאפט, — האט געענטפערט טערעזא. — נאר אונעמפינדליכקייט איז א קראנקהייט, און די אבשטויסענדסטע פון אלע, וואס איך קען. איך שטים מיט מיין ברודער זעהר וועניג אין פאליטישע אנשויאונגען, דאס ווייסט איהר אם בעסטען, געארג; אידישע באנקירען זיינען מיר פונקט אזוי צואווידער, ווי פעאדאלע גרויסע לאנדבאזיצער, און ארטאדאקסישע ראבינער זיינען מיר פונקט אזוי צואווידער, ווי קאטוילישע גלחים. אבער ווען איינער וואלט זיך געפיהלט העכער פון מיר, ווייל ער איז פון אנאנדער גלויבען אדער ראסע, ווי איך, און וואלט מיר דאס געלאזען פיהלען, אין דעם באוואוסטזיין פון זיין איבערמאכט איבער מיר, וואלט איך אזא מענשען... איך וויים אליין ניט, וואס איך וואלט איהם געטאן. יעדענפאלס וואלט איך פארשטאנען לעא'ן, ווען ער וואלט ביי דער ערשטער געלעגענהייט זיך ארויפגעווארפען אויף אט דעם הער סעפראנעק.

— ווייסט, מיין טייערע, — האט געזאגט דעמעטער, — אויב דו האסט נאר דעם קלענסטען איינפלוס אויף דיין ברודער, זאלסטו אום יעדען פרייז פארהינדערען אזא האנדלונג פון זיין זייט. איך מיין, אז דאס בעסטע אין אזא פאל איז צו געהן אויף דעם אנשטענדיגען וועג, דאס הייסט, נאך די דיענסט פארשריפטען. עס איז איינגאנ-

צען ניט אמת, אז מען קען אויף אזא וועג גאָרנישט דערגרייכען; די העכערע קאָמאַנדירען זיינען מעהרסטענס רוהיגע, ווענינסטענס קאָ־רעקטע פערזאָנען און...

— האָט דאָך לעאָ שוין לאַנג אזוי געטאָן... נאָך אין פעברואַר. ער איז געוועזן ביים רעגימענט קאָמאַנדיר, דער קאָמאַנדיר איז געוועזן צו איהם זעהר ליעבליך און, ווי מען קען אורטיילען נאָך אַלערליי סימנים, האָט זיך גאַנץ ערנסט דורכגערעדט מיט דעם אויבערלייטע־נאַנט; אָבער דאָס האָט זעהר ווייניג געהאָלפען, פאַרקערט, נאָך ערגער געמאַכט. ביי דער נעקסטער געלעגענהייט האָט דער אויבער־לייטענאַנט ווידער זיך גענומען אָפּשפּאָטען, און ער האַלט דאָס אָן אזוי, מיט א ראַפינירטער אויסגעהאַלטענקייט. איך פאַרזיכער אייך, באַראָן, אז איך ערוואַרט מיט שרעק פון טאָג צו טאָג, אז עפּעס אַן אונגליק וועט געשעהן.

דעמעטער האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— מיר לעבען אין א משוגע׳נער צייט. איך פערזיכער אייך, — האָט ער זיך געווענדט צו געאָרג׳ן, — אז אויבערלייטענאַנט סעפּראַנעק איז פּונקט אזוי ווייניג אַן אַנטיסעמיט, ווי איהר און איך. ער פאַרקערט אין אידישע הייזער, איך ווייס אפילו, אז ער איז זייט יאָהרען אינטים מיט א אידישען רעגימענט ארצט. אָבער די מענשען זיינען איצט ווירקליך אַראָפּ פון זינען.

— אין דעם ביזטו אפשר גערעכט, — האָט געזאָגט טערעזא.

— נו, לעאָ איז גענוג פאַרנינפטיג, — האָט געזאָגט געאָרג,— גענוג קלוג ביי זיין גאַנצער ליידענשאַפטליכקייט, אז ער זאָל ניט באַ־געהן קיין נאַרישקייט. נאָך אַלעמען ווייס ער דאָך, אז אין עטליכע מאָנאַטען ארום וועט אַלץ זיין געענדיגט, און ביז דאַן קען מען אביסעל ליידען.

— ווייסט איהר אגב, באַראָן, — האָט געזאָגט טערעזא, נע־מענדיג א ציגאַרעט, נאָך דעם ביישפּיעל פון די מענער, פון דעם שאַכטעל, וואָס דער קעלנער האָט געבראַכט, — ווייסט איהר, אז לעאָ איז געוועזן גאָר ענטציקט פון אייערע קאָמפּאָזיציאָנען?

— נו, ענטציקט, — האָט געזאָגט געאָרג, געבענדיג טערע־זא׳ן פייער, — דאָס האָב איך אייגענטליך ניט באַמערקט.

— יעדענפאַלס איז איהם עפּעס געפעלען, — האָט טערעזא

אביסעל אראפגעלאזען, — דאס איז שוין כמעט אזוי פיעל, ווי ווען אן אנדערער וואלט געווען ענטציקט.

— איהר האט עפעס אנגעשריבען אויף דער רייזע ? — האט דעמעטער העפליך געפרעגט.

— נאר א פאר ליעדער.

— מיר וועלען זיי מסתמא הערען אין הערבסט ? — האט געזאגט דעמעטער.

— אך, גאט, רעדט ניט וועגען הערבסט, — האט געזאגט טערעזא. — ביז דאן קענען מיר זיין טויט אדער איינגעשפארט.

— נו, דאס לעצטע קען מען דאך פארמיידען, ווען מען זאל וועלען, — האט אויסגערופען דעמעטער.

טערעזא האט א צוק געטאן מיט די אקסלען. געארג איז געזעסען נאהנט צו איהר, און איהם האט אויסגעוויזען, אז ער פיהלט די ווארימקייט פון איהר קערפער. פון די פענסטער פון האטעל האט געגלאנצט ליכט, און א לאנגער רויטליכער פאס איז דערגאנגען כמעט ביז צום טיש, ביי וועלכען די צוויי פאר זיינען געזעסען.

— איך שלאג פאר, — האט געזאגט געארג, — אויסצונוצען דעם שעהנעם אווענט אין א שפאציר אויפ׳ן ברעג.

— אדער פאהרען אויף א שיפעל, — האט טערעזא אויסגערופען.

אלע האבען איינגעשטימט. געארג איז שנעל ארויף אין צימער, צו ברענגען די איבערמאנטלען. ווען ער איז ארונטערגעקומען, האט ער געפונען די איבריגע ביים טויער פון פארק, גרייטע צו געהן. ער האט געהאלפען אנא׳ן אנטאן איהר העל־גרויען מאנטעל, האט אנגעטאן אויף טערעזא׳ס אקסלען זיין אייגענעם לאנגען איבערציהער און האט איבערגעלאזען א טונקעל־גרינעם פלעד אויף דער האנט. זיי זיינען לאנגזאם געגאנגען דורך די אלעע, ביז צום ארט, וואו שיפלאך זיינען געשטאנען פאראנקערט. צוויי שיפער האבען שנעל געררודערט און האבען ארויסגעפיהרט די געזעלשאפט פון דער טונקעלקייט פון ברעג אין דאס שווארצליך גלאנצענדיגע וואסער. אונכאטירליך ריעזיג האבען די בערג זיך געהויבען צום הימעל. שטערען זיינען געווען ניט פיעל. קליינע גרוי־בלויע וואלקענדלאך זיינען געהאנגען אין דער לופט. די רודערער זיינען געזעסען אויף צוויי אין

דער קווער געלעגטע ברעטער. אין מיטען שיפּעל, אויף שמאָלע בענק־לאַך, זיינען געזעסען די צוויי פּאָר, געאָרג און אנא, דעמעטער און טערעזאַ. אַלע האָבען אין אָנהויב געשוויגען. ערשט נאָך עטליכע מינוט האָט געאָרג אונטערבראָכען די שטילקייט. ער האָט אָנגערוּ־פען דעם נאָמען פון בארג, וואָס האָט זיך געזעהן אין דער ריכטונג פון זיך; ער האָט געמאַכט אויפמערקזאַם די איבריגע אויף אַ דאָרף, וואָס האָט אויסגעוויזען צו רוהען אין שוים פון אַ פעלז אונענדליך וויים, וואָס מען האָט אָבער געקענט דערגרייכען אין אַ פערטעל שעה, ער האָט אָנגעוויזען, אז דאָס ווייסע, ליכטיגע הויז, וואָס דערהויבט זיך איבער לוגאַנאַ, איז דער האָטעל, וואו דעמעטער און טערעזאַ וואוי־נען, און האָט דערצעהלט וועגען אַ שפּאַציר, וואָס ער האָט ניט לאַנג געמאַכט טיף אין לאַנד צווישען בערג, וואָס זיינען געווען באַלויכטען פון דער זון און באַדעקט מיט וויינגערטנער.

בעת ער האָט גערעדט, האָט אנאַ אָנגענומען זיין האַנט אונ־טער'ן פּלעד. דעמעטער און טערעזאַ זיינען געזעסען ערנסט און קאָ־רעקט איינע לעבען אַנדערען, גאָר ניט ווי יונגע פאַרליעבטע. איצט האָט געאָרג ווידער דערפיהלט צו טערעזאַ'ן די נייגונג, וואָס ער האָט ניט געפיהלט ביי איהרע הויכע און צאַרטיגע רעד.

„ווי לאַנג וועט דויערען אָט די געשיכטע מיט דעמעטער'ן? — האָט ער געטראַכט. — וועט זי זיין געענדיגט, ווען דער הערבסט וועט אָנקומען, אָדער וועט זי ענדליך דויערען אַזוי לאַנג אָדער נאָך לענגער, ווי מיינע מיט אנאַ'ן? וועט אָט די רייזע איבער'ן טונקעלען וואַסער ווען עס איז ווערען אַן עראינערונג וועגען עפּעס, וואָס איז אויף אייביג פאַרשוואונדען, ווי די רייזע איבער דעם וועלדעזער לאַנד־זעע מיט דעם בויערען מיידעל, וואָס האָט זיך מיר ערשט איצט דער־מאָנט נאָך אַזוי פיעל יאָהרען... ווי די רייזע איבער'ן ים מיט גרייס? ווי זאָנדערבאַר! אנאַ האַלט מיין האַנט, איך דריק זי, און ווער וויים, צי זי פיהלט ניט אין אָט דעם אויגענבליק דאָסזעלביגע צו דע־מעטער'ן, וואָס איך פיהל צו טערעזאַ'ן?... ניין, געוויס ניט, זי טראָגט אַ קינד אונטער'ן הארצען, אַ קינד, וואָס רעגט זיך שוין.. אָט פאַרוואָס... אַ גאָט... אויף מ י י ן קינד איז דאָס דאָך... איצט פאָהרט אונזער קינד איבער דעם לוגאַנאַ לאַנדזעע שפּאַצירען... וועל איך איהם ווען עס איז דערצעהלען, אז עס איז נאָך פאַר זיין געבורט

אַרומגעפֿאָהרען דאַ אויפֿ'ן לוגאַנאַ לאַנדזועע ? ווי וועט דאָס אַלץ זיין ? אין עטליכע טעג אַרום זיינען מיר ווידער אין וויען. עקזיס־טירט דען וויען בכלל ? וויען וועט ערשט לאַנגזאַם ענטשטעהן, ווען מיר וועלען פֿאָהרען צוריק... יע, אַזוי איז דאָס... אַזוי שנעל ווי איך קום אַהיים, נעם איך זיך ערנסט צו דער אַרבייט. איך וועל בלייבען רוהיג אין מיין וויענער וואוינונג און וועל נאָר אַנאַ'ן באַזוכען, ניט וואוינען מיט איהר אין דאָרף... העכסטענס אין די גאָר לעצטע טעג... און אין הערבסט... וועל איך פֿאָהרען אין דעטמאָלד ? און וואו וועט אַנאַ זיין ? און דאָס קינד ?... ביי פֿרעמדע מענשען ערגעץ וואו אויפֿ'ן לאַנד ?... ווי אונוואַרשיינליך דאָס אַלץ איז !... אָבער ערשט מיט אַ יאָהר צוריק האָט אויסגעוויזען אונוואַרשיינליך, אַז איך מיט פֿריילין אַנאַ ראָזנער און סטאַנצידעס מיט פֿריילין טערעזאַ גאָלאָווסקי וועלען אומפֿאָהרען שפּאַצירען אויפֿ'ן לוגאַנאַ לאַנדזעע... און איצט איז דאָס די זעלבסטפֿאַרשטענדליכסטע זאַך אויף דער וועלט."

מיט אַמאָל האָט ער דערהערט לעבען זיך זעהר קלאָר, ווי ער וואָלט נאָר וואָס זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, דעמעטער'ס שטים:

— ווען געהט מאָרגען אָפּ אונזער שיף ?

— ניין אַזייגער אין דער פֿריה, — האָט טערעזאַ געענטפֿערט.

— זי איז דאָך דער רייזע מאַרשאַל, — האָט געזאָגט דעמעטער,

— איך דאַרף זיך ניט קימערען וועגען קיין זאַך.

פֿלוצלונג איז די לבנה אַרויסגעשוואומען איבער'ן לאַנדזעע. עס האָט אויסגעוויזען, ווי זי וואָלט געוואַרט הינטער די בערג און וואָלט איצט אַרויפֿגעקומען צום אָבשיד. אינגאַנצען ווייס און זעהר נאָהנט האָט זיך פֿלוצלונג באַוויזען דאָס אונענדליך ווייטע דאָרף, וואָס איז געלעגען אין שוים פֿון אַ באַרג. דאָס שיפֿעל איז צוגע־שוואומען צום ברעג. טערעזאַ האָט זיך אויפֿגעהויבען און האָט אין דער נאַכטיגער פֿינסטערניש אויסגעזעהן אונגעהויער גרויס. געאָרג איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון שיפֿעל און האָט איהר געהאָלפֿען אַרויסגעהן. ער האָט געפֿיהלט איהרע קיהלע פֿינגער, וואָס האָבען ניט געציטערט. נאָר שטיל, ווי אַבזיכטליך, זיך באַוועגט אין זיין האַנט, און האָט נאָהנט געפֿיהלט דעם אָטעם פֿון איהרע ליפּען. נאָך איהר איז אַרויס־געקומען דעמעטער, דאַן אַנאַ, אַ שווערע און מידע. די שיפֿער האָ־

בען גערעאנקט פאר דאס שעהנע טרינקגעלט, און דיביידע פארען זיי־
נען אפגעגאנגען פון ברעג אהיים. אויף א באנק אין דער ברעג אלעע
איז געזעסען דער פרינץ אין א לאנגען טונקעלען מאנטעל און האט
גערויכערט א ציגאר; ער האט געשיינט צו קוקען אויף דאס שווארצע
וואסער און האט אפגעקערט דעם קאפ, ווייזט אויס, אום ניט צו ווע־
רען באגריסט.

— אט ווער עס וואלט געהאט וואס צו דערצעהלען, — האט גע־
זאגט טערעזא געארג'ן, מיט וועמען זי איז אלץ ווייטער צוריקגעבליבען,
בעת דעמעטער און אנא זיינען געגאנגען פאראויס.

— איז פאהרט איהר שוין באלד נאך וויען? — האט געארג גע־
פרעגט.

— אין צוויי וואכען ארום. איז דאס אזוי גיך? יעדענפאלס
וועט איהר זיין אין דער היים פאר אונז, ניט אמת?

— יע, אין עטליכע טעג ארום פאהרען מיר אפ. מען קען דאס
לענגער ניט אפלעגען. מיר וועלען נאך מוזען עטליכע מאל זיך אפ־
שטעלען אויפ'ן וועג. אנא קען ניט פאהרען לאנג.

— ווייסט איהר שוין, אז איך האב פאר מיין אפפאהרען גע־
פונען א ווילא פאר אנא'ן? — האט געזאגט טערעזא.

—ווירקליך? איהר? האט איהר דען אויך געזוכט?

— יע, איך האב א פאר מאל באגלייט מיין מוטער אויף איהרע
רייזען. דאס איז א קליין אלט הויז אין סאלמאנסדארף, מיט א שעה־
נעם גארטען, וואס קומט ארוים דירעקט אויף לאנקעס און וואלד,
און דער פארגארטען איז אינגאנצען פארוואקסען... אנא וועט אייך
שוין מעהר דערצעהלען. דאס איז, דוכט מיר, דאס לעצטע הויז אין
דארף, נאך איהם קומט נאך א רעסטאראן, אבער שוין גאר ווייט.

— האב איך דען געקענט ניט באמערקען דאס הויז, ווען איך
בין ארומגעפאהרען זוכען אין פריהלינג?

— ווייזט אויס אזוי, אנדערש וואלט איהר עס גענומען. אויפ'ן
גראז פלאץ, נאהנט צום גארטען צוים, שטעהט א קליינע ליימענע פי־
גור.

— איך קען זיך ניט דערמאנען. אבער איהר ווייסט, טערעזא,
דאס איז זעהר ליעבליך פון אייך, וואס איהר האט זיך אויך באמיהט
פאר אונז. מעהר ווי ליעבליך.

„ביי איהר ערמידענדער ארבייט", האָט ער געוואָלט צוגעבען, האָט אָבער דאָס ניט געזאָגט.

— וואָס וואונדערט איהר זיך ? — האָט טערעזא געפרעגט.— איך האָב דאָך אַנאַ'ן זעהר ליעב.

— איהר ווייסט, וואָס איך האָב איינמאָל געהערט וועגען אייך?

— האָט געאָרג געפרעגט נאָך אַ קורצער פּאוזע.

— וואָס ?

— אַז איהר וועט ענדיגען דאָס לעבען אָדער אויפ'ן עשאַפאָט, אָדער ווי די פרוי פון אַ פּרינץ.

— דאָס זיינען די ווערטער פון דאָקטאָר בערטאָלד שטאובער. ער האָט דאָס מיר אַליין אויך אַמאָל געזאָגט. ער איז זעהר שטאָלץ מיט זיין פּראָפעצייאונג, אָבער דאָס איז אַ נאַרישקייט.

— יעדענפאָלס זיינען איצט פאַראַן מעהר שאַנסען, אַז איהר וועט זיין אַ פּרינצעסין.

— ווער זאָגט אייך דאָס ? דער טרוים פון אַ פּרינצעסין וועט באַלד זיין געענדיגט.

— טרוים ?

— יע, איך הויב שוין אפילו אָן צו ערוואַכען. אַ געפיהל, אונ־געפעהר, ווי ווען די מאָרגענלופט דרינגט אריין אין שלאָפצימער.

— און דאַן וועט זיך אָנהויבען דער אַנדער טרוים ?

— וואָס הייסט, דער אַנדער טרוים ?

— איך שטעל מיר דאָס פאָר ביי אייך אַזוי. ווען איהר וועט ווידער שטעהן אין דער עפענטליכקייט, האַלטען רעדעס, זיך פאַר עפּעס אויפאָפּפערען, וועט דאָס אייך אין אַ געוויסען מאָמענט ווידער פאָרקומען ווי אַ טרוים, ניט אמת ? און איהר וועט זיך פאָרשטעלען, אַז דאָס אמת'ע לעבען איז ניט דאָ, נאָר ערגעץ אַנדערשוואו.

— דאָס, וואָס איהר זאָגט, איז גאָר ניט אַזוי נאַריש.

דאָ האָבען דערמעטער און אַנאַ, וואָס זיינען שוין געשטאַנען ביי דעם טויער פון גאָרטען, זיך אומגעקערט צו זיי און זיינען באַלד גע־גאַנגען מיט דער ברייטער אַלעע צום אריינגאַנג אין האָטעל. געאָרג און טערעזא זיינען געגאַנגען ווייטער, אויסערהאַלב דעם גאָרטען־צוים, אין דער פינסטער. פּלוצלונג האָט געאָרג אָנגעכאַפּט די האַנט פון זיין באַגלייטערין. ווי פאַרוואונדערט, האָט זי זיך אומגעקערט צו

איהם; זיי זיינען געבליבען שטעהן איינע אנטקעגען דעם אנדערען, איינגעהילט אין פינסטערניש, נאָהנטער, ווי זיי האָבען געקענט ער־ווארטען. זיי האָבען ניט געוואוסט ווי אזוי... זיי האָבען דאָס קוים געוואָלט... אָבער זייערע ליפּען האָבען זיך באַגעגענט אויף א קור־צען אויגענבליק, אין וועלכען עס איז געווען מעהר דער טרויריגער אָטעם פון ליגען, ווי עפּעס אנדערש. דאַן זיינען זיי געגאַנגען ווייטער שווייגענדיג, אונבאַפרידיגט און זיינען אריין אין גאָרטען.

קומענדיג צום האָטעל, האָבען דעמעטער און אנא זיך אומגע־קערט און זיינען געגאַנגען אנטקעגען דער אנדער פּאָר. טערעזא האָט שנעל געזאָגט געאָרג׳ן:

— איהר פאָהרט דאָך געווים ניט מיט אונז?

געאָרג האָט לייכט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. איצט זיינען אַלע געשטאַנען אין ברייטען, רוהיגען ליכט פון די עלעקטרישע לאָמפּען.

— דאָס איז געווען א וואונדערשעהנער אָוועגט, — האָט גע־זאָגט דעמעטער און האָט געקושט אנא׳ן די האַנט.

— אויף ווידערזעהן אין וויען, — האָט געזאָגט טערעזא און האָט ארומגענומען אנא׳ן.

דעמעטער האָט זיך געווענדט צו געאָרג׳ן:

— איך האָף, מיר וועלען זיך זעהן מאָרגען אין דער פריה אויפ׳ן שיף.

— מעגליך, אָבער איך וועל גאָרניט צוזאָגען.

— אדיע, — האָט געזאָגט טערעזא און האָט געגעבען געאָרג׳ן די האַנט.

דאַן איז זי מיט דעמעטער׳ן אוועק צום ארויסגאַנג.

— ווערטו פאָהרען מיט זיי? — האָט געפרעגט אנא, ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען דעם וועסטיבול, וואו העררען און דאַמען זיינען גע־זעסען און האָבען געראויכערט, געטרונקען און געפּלוידערט.

— וואָס פאַלט דיר איין, — האָט געאָרג געענטפערט, — איך קלער גאָר ניט וועגען דעם.

— הער בראָן, — האָט עמיצער פּלוצלונג אויסגערופען הינטער איהם. דאָס איז געווען דער פּאָרטיע, וואָס האָט געהאַלטען א טע־לעגראַמע אין האַנט.

— וואָס איז דאָס? — האָט געאָרג געזאָגט אביסעל דערשראָ־

קען און האָט שנעל געעפענט די דעפּעש. — אָ, ווי שרעקליך ! — האָט ער אויסגערופען.

— וואָס איז דען ? — האָט געפרעגט אנאַ.

ער האָט געלעזען אין דער הויך : „אָסקאַר עהרענבערג האָט היינט אין דער פריה אין וואַלד ביי נייהאַוז געפּרואווט באַגעהן זעלבסטמאָרד. אַ שאָס אין שלייף. ווייניג האָפנונג צו רעטען זיין לעבען. היינריך.“

אנאַ האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. שווייגענדיג זיינען זיי ארויף די טרעפּ און אריין אין צימער, וואָס אנאַ האָט באַוואוינט. די באַלקאָן־טיר איז געוועזן ברייט אָפען. געאָרג איז ארויס אויף דער פרישער לופט. פון דער פענסטער האָט זיך דערטראָגען אַ שווערער דופט פון מאַגנאָליען און רויזען. דאָס לאַנדזעע האָט מען ניט געזעהן. אַזוי, ווי פון אָפּגרונד ארויסגעוואַקסען, האָבען זיך די בערג געהויבען ארויף. אנאַ איז צוגעגאַנגען צו געאָרג'ן. ער האָט ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף איהרע אַקסלען און האָט געפּיהלט, אַז ער ליעבט זי זעהר. אַזוי ווי די ערנסטע געשעהעניש, וועגען וועלכער ער האָט זיך נאָר וואָס דערוואוסט, וואָלט איהם באַוויזען די אמת'ע באַדייטונג פון זיינע אייגענע געפּיהלען. ער האָט ווידער פאַרשטאַנען, אַז פאַר איהם איז ניטאָ קיין וויכטיגערע זאַך אויף דער וועלט, ווי דאָס גליק פון אָט דער געליעבטער פרוי, וואָס האָט איהם געדאַרפט ברייינגען אַ קינד.

זעקסטער קאפיטעל.

ווען נעארג איז ארויסגעגאנגען פון דעם קיהלען שטאדט־רעסטא־ראן, וואו ער האט געגעסען שוין עטליכע וואכען, אויף די הייסע גאס און איז אוועק צו היינריכ׳ס וואוינונג, איז שוין זיין ענטשלוס אוועק־צופאהרען אין די נעקסטע טעג אין די בערג געווען פעסט. אנא איז שוין געווען צו דעם פארבערייטעט, האט איהם אפילו אליין צוגע־רעדט אוועקצופאהרען אויף א פאר טעג, ווייל זי האט געפיהלט, אז דאס איינטאניגע לעבען איז איהם אין דער לעצטער צייט געווארען לאנגווייליג און האט אין איהם ארויסגערופען אן אינערליכע אונרו־היגקייט.

מיט זעקס וואכען צוריק, אין א ווארימען רעגענדיגען אווענט, האבען זיך אומגעקערט אין וויען. ער האט אפגעפיהרט אנא׳ן פון וואקזאל גלייך אין די ווילא, וואו אנא׳ס מוטער און פרוי גאלאוו־סקי האבען זייט צוויי שעה געווארט אויף די פארשפעטיגטע אין א גרויסען, האלב לערען צימער מיט געלבליכע טאפעטען, ביי דעם שוואכען שיין פון א הענגלאמפ. די טיר צו דער גארטען ווערענדא איז געווען אפען, דער רעגען האט געקלאפט אויפ׳ן הילצערנעם דיל, און אין די צימערען האט זיך אריינגעריסען דער ווייכער דופט פון פייכטע בלעטער און גראזען.ביים שיין פון א ליכט, וואס פרוי גאלאווסקי האט געטראגען פאראויס, האט נעארג באטראכט די צימערען, ווערענד אנא איז א מידע געזעסען אין עק פון א גרויסען, מיט געבלומטען קארטון איבערצויגענעם דיוואן און האט אין א מידער שטים געענטפערט אויף דער מוטערס פראגען. באלד האט נעארג, גע־ריהרט און ערלייכטערט, זיך געזעגענט מיט אנא׳ן, האט זיך אריינ־געזעצט צוזאמען מיט איהר מוטער אין אן עקיפאזש, וואס האט געווארט דרויסען, און פאהרענדיג איבער די נאסע גאסען אין שטאדט, האט ער איהר מיט א געקינסטעלטער בעלעבטקייט דערצעהלט וועגען די קליינע געשעהענישען אויף זיין לעצטער רייזע. א שעה נאך האלבע נאכט איז ער געווען אין דער היים. פעליציאן איז שוין גע־

שלאָפֿען, און ער האָט איהם ניט געוועקט. אַ צופֿרידענער האָט ער
זיך אויסגעשטרעקט אויף זיין אייגענעם בעט אין זיין אייגענעם הויז,
צום ערשטען מאָל נאָך אַזאַ לאַנגער צייט.

זינט דאַן איז ער געפֿאָהרען כמעט יעדען טאָג צו אַנאַ'ן אין ווי־
לאַ. ווען ער פֿלעגט זיך נאָר ניט אונטערגעבען דעם פֿאַרלאַנג צו
באַזוכען די אַרומיגע זומער ערטער, האָט ער געקענט לייכט אָנקומען
אויף אַ וועלאָסיפּעד צו איהר הויז אין אַ שעה. אָבער אָפֿטער פֿלעגט
ער נעמען די פֿערד־באַהן און דאַן געהן צופֿוס דורך די קליינע דערפֿ־
לאַך ביז צום נידריגען גרין געפֿאַרבטען פּלויט. הינטער'ן פּלויט,
אין דעם שמאָלען גאָרטען, וואָס האָט זיך לייכט אויפֿגעהויבען ווי אַ
בערגעל, איז געשטאַנען דאָס באַשיידענע קליינע הויז מיט דעם דריי־
עקיגען פֿראַנטאַן פֿון האָלץ. ניט זעלטען איז ער געגאַנגען מיט'ן
וועג, וואָס האָט זיך געצויגען הינטער'ן דאָרף, צווישען גאָרטענס און
לאָנקעס, און האָט ליעב געהאַט זיך אויפֿצוהויבען אויף דעם גרינעם
אָפּהאַנג ביז צו אַ באַנק ביים עק וואַלד, פֿון וואַנען מען האָט גע־
קענט זעהן דעם גאַנצען געגענד אונטען אין שמאָלען טאָל. פֿון דאַ־
נען האָט ער געקענט זעהן דעם דאַך, אונטער וועלכען אַנאַ האָט גע־
וואוינט. זיין מילדע בענקשאַפֿט נאָך דער געליעבטער, וואָס איז דאָ
געוועזען אַזוי נאָהנט, פֿלעגט ביסלעכווייז באַלעבט ווערען, און איילענ־
דיג פֿלעגט ער אַראָפּגעהן אונטען, עפֿענען דאָס קליינע טירעל און
געהן איבער'ן זאַמד צום הויז. אָפֿטמאָל, אין די שטיקענדע שעה'ן
פֿון אַ נאָכמיטאָג, ווען אַנאַ איז נאָך געשלאָפֿען, פֿלעגט ער זיך זעצען
אויף דער געדעקטער הילצערנער ווערענדאַ, הינטער'ן הויז, אויף אַ
באַקוועמען, מיט געבלומטען קאַרטון איבערגעצויגענעם לעהנשטול,
פֿלעגט אַרויסנעמען פֿון קעשענע אַ מיטגענומענעם בוך און לעזען.
דאַן פֿלעגט פֿון די האַלב טונקעלע צימערען אַרויסקומען פֿרוי גאַלאָוו־
סקי, אין אַן איינפֿאַכען טונקעלען קלייד, און פֿלעגט אין אַ שטילער
אַביסעל טרויעריגער שטים, מיט דעם אויסדרוק פֿון מוטערליכער זאָרג
אויפֿ'ן געזיכט, אָפּגעבען אַ באַריכט וועגען אַנאַ'ס געזונט, באַזונ־
דערס וועגען דעם, צי זי האָט געגעסען מיט אַפּעטיט, און צי זי האָט
גענוג שפּאַצירט הין און צוריק איבער'ן גאָרטען. ווען ער פֿלעגט
דאָס ענדיגען, פֿלעגט זי אַלעמאָל שוין האָבען עפּעס נויטיגעס צו
באַזאָרגען אין קיך אָדער אין הויז, און פֿלעגט באַלד פֿאַרשווינדען.

נעאָרג פּלעגט ווייטער לעזען. דאַן פּלעגט אָנקומען אַ בערנאַרדינער צויג, אויף אַ טראָגעדיגע, פּלעגט באַגריסען געאָרג'ן מיט איהרע ערנסטע, מיט טרערען אָנגעפילטע אויגען, לאָזען זיך גלעטען איהר קורצהאָריגע פעל און אויסציהען זיך ביי זיינע פיס. שפּעטער פּלעגט זיך דערהערען אַ שטרענגער, גוט באַקאַנטער פייף, און די צויג פלעגט זיך שווער אויפהויבען, ווי ענטשולדיגען זיך מיט אַ טרויעריגען בליק, ,,דאָס זי קען דאָ לענגער ניט בלייבען, און אַוועקגעהן. אין דעם דערבייאיגען גאָרטען האָבען קינדער געלאַכט און געליאַרעמט. אַמאָל פלעגט אַ גומענע פּילקע אַריבערשפּרינגען דעם נידריגען פּלויט. דאַן פלעגט איבער'ן פּלויט זיך באַווייזען דאָס בלייכע געזיכט פון אַ מייד׳על, וואָס האָט שרעקעדיג געבעטען, מען זאָל איהר אַריבערוואַרפען די פּילקע צוריק.

ענדליך, ווען עס פּלעגט ווערען קיהלער, פּלעגט ביים פענסטער, וואָס קומט אַרויס צו דער וועראַנדאַ, זיך באַווייזען אַנאַ'ס געזיכט. זי פּלעגט באַגריסען געאָרג'ן מיט איהרע רוהיגע בלויע אויגען און באַלד אַליין אַרויסקומען אין אַ לייכטען העלען הויז־קלייד. דאַן פּלעגען זיי שפּאַצירען הין און צוריק איבער'ן גאָרטען, פאַרביי די קוסטעס פון אָפּגעבליהטען פּלידער און רייף ווערענדע ווייַנפּערלאַך. געוועהנליך איז זייער שפּאַציר געווען אויף דער לינקער זייט פון גאָרטען, ביי דער אָפענער לאָנקע, און זיי האָבען זיך געזעצט אָפּ־רוהען אויף דער ווייסער באַנק ביי דעם אינוועניגסטען סוף פון גאָר־טען, אונטער אַ בארענבוים. ערשט דאַן, ווען דאָס אָוועטברויט איז געווען פאַרטיג, פּלעגט פרוי גאָלאָווסקי קומען, באַשיידען פאַרנעמען איהר אָרט ביים טיש און דערצעהלען, ענטפערענדיג אויף פראַגען, וועגען איהרע אייגענע, וועגען טערעזא'ן, וואָס איז אָנגעקומען אין די רעדאַקציאָן פון אַ סאָציאַליסטישער ציימונג; וועגען לעאָ'ן, וואָס איז איצט געווען ווייניגער פאַרנומען מיט זיין דיענסט און האָט דעריבער פלייסיג זיך גענומען צו שטודירען מאַטעמאַטיק; וועגען איהר מאַן, וואָס איז אַלץ געזעסען אין דעם אָנגעראויכערטען קאַפע און האָט זיך צוגעקוקט צו די צוגען פון די אונערמידליכע שאַך שפּיע־לער; שטענדיג האָבען זיך פאַר איהם געעפענט נייע האָפנונגען אויף אַ רעגעלמעסיגען פאַרדיענסט, אָבער די האָפנונגען פלעגען באַלד פאַרשווינדען. נאָר זעהר זעלטען פלעגט קומען אַנאַ'ס מוטער

און פלעגט אוועקפאָהרען באַלד נאָך געאָרג'ס אָנקומען. איינמאָל אַ זונטאָג נאָכמיטאָג, איז געקומען צופאָהרען אנא'ס פאָטער. ער האָט גערעדט מיט געאָרג'ן וועגען וועטער און דער שעהנקייט פון לאַנדשאַפט, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך צופעליג באַגעגענט ביי אַ קראַנקען באַקאַנטען. נאָר צוליעב די עלטערען האָט אנא געוואוינט אויפ'ן לאַנד אזוי פאָלשטענדיג צוריקגעצויגען. זי אַליין איז געוואָרען אינערליך פריי און האָט זיך איינגאַנצען געפיהלט, ווי געאָרג'ס געזעצליכע פרוי; און ווען געאָרג, מיד ווערענדיג פון זייערע איינטאָניגע אָוונטען, האָט געבעטען ביי איהר ערלויבניש צו ברענגען מיט זיך היינריכ'ן, האָט זי באַלד צוגעשטימט, צו זיין אנגענעמער איבערראַשונג.

היינריך איז געווען דער איינציגער פון געאָרג'ס נאָהנטע באַקאַנטע, וואָס איז אין די שטיקענדע יולי טעג נאָך געבליבען אין שטאָדט. פעליציאַן האָט נאָך זיין ברודערס צוריקקער ווידער געפיהלט צו איהם זיין פריהערדיגע יוגענדליכע פריינדשאַפט, אָבער ער איז נאָך זיין דיפּלאָמאטישען עקזאמען אוועקגעפאָהרען מיט סקעלטאָנ'ען צום צפון ים. עלזא עהרענבערג, וועלכע געאָרג האָט באַלד נאָך זיין אָנקומען געזעהן איינמאָל אין סאַנאַטאָריום, ביי איהר ברודערס קראַנקענבעט, איז שוין לאַנג געווען מיט איהר מוטער אין אוהאָף. אויך אָסקאַר, וועמעס אומגעלונגענער פארזוך אויף זעלבסטמאָרד האָט איהם געקאָסט זיין רעכטע אויג, האָט איהם אָבער גערעטעט, ווי מען האָט געמיינט, זיין ראַנג פון לייטענאַנט, איז אָפּגעפאָהרען פון וויען מיט אַ שוואַרצען בינט אויפ'ן בלינדען אויג. דעמעטער סטאַנצידעס, ווילי אייסלער, גווידאָ שענשטיין, ברייטנער, —אַלע זיינען זיך צופאָהרען. אפילו נירענבערגער, וואָס האָט אזוי פייערליך ערקלערט, אז דעם זומער וועט ער ניט ארויספאָהרען פון שטאָדט, איז אויך פלוצלונג פארשוואונדען.

איהם האָט געאָרג דעם ערשטען באַזוכט, ווען ער איז אָנגעקומען. ער האָט איהם געבראַכט בלומען פון זיין שוועסטערס קבר. אין וועג האָט געאָרג איבערגעלעזען נירענבערגער'ס ראָמאַן, די האַנדלונג אין וועלכען איז פאָרגעקומען שוין אין אַ האַלב פארגאַנגענער צייט, — דערזעלביגער צייט, ווי געאָרג'ן האָט אויסגעוויזען, וועגען וועלכער דאָקטאָר שטאַובער האָט איהם אמאָל דערצעהלט. מיט פינסטערע פאַקעלן האָט נירענבערגער באַלויכטען יענע וועלט, וואָס

איז דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט ליגען, וואו ערוואַקסענע מענשען ווע־רען אָנגענומען פאַר רייף, אַלט געוואָרענע — פאַר ערפאַהרען, און מענשען, וואָס האָבען ניט איבערטראָטען קיין געשריבענע געזעצען, —פאַר גערעכט ; וואו ליעבע צו פרייהייט, מענשליכקייט און פּאַ־טריאָטיזם ווערען אָנגענומען פאַר טוגענדען, אפילו ווען זיי וואַקסען אויס אויף דעם פּוילען באָדען פון געדאַנקענלאָזיגקייט און פיינהייט. פאַר דעם העלד פון זיין ראָמאַן האָט נירענבערגער אויסגעקליבען אַ טעטינען, בראַווען מענשען, וועמען די ביליגע פראַזען פון זיין צייט האָבען אַרויפגעטראָגען אויף אַ געוויסע הויך ; דערגרייכענדיג אָט די הויך, אַנערקענט ער באַלד דעם ליגען פון זיין שווינדלענדיגען אַרויפשטייגען און, אַרומגעכאַפּט פון אַ שרעק, וואַרפט ער זיך צוריק אין די לערקייט, פון וועלכער ער איז געקומען. געאָרג'ן האָט זעהר געוואונדערט, וואָס דער, וואָס האָט געשאַפען אַזאַ שטאַרקע ווערק, האָט זיך צופרידענגעשטעלט מיט שפּאָטישע באַמערקונגען וועגען דעם, וואָס אַרום איהם איז פאָרגעקומען. נאָר היינריכ'ס ווערטער, אַז פּרוכטבאַר איז דער צאָרן, ניט דער עקעל, האָבען איהם ערקלערט, פאַרוואָס נירענבערגער'ס שאַפען איז אויף שטענדיג אָפּגעהאַקט גע־וואָרען.

די טונקעל־בלויע פאַרנאַכטיגע שעה, וואָס געאָרג האָט פאַר־בראַכט אין איינזאַמקייט ביי דעם קבר פון נירענבערגער'ס שוועס־טער אין קאַדענאַביאַ, איז אַזוי זאָנדערבאַר קלאָר געבליבען אין זיין זכרון, ווי די, וואָס איז געלעגען אין קבר, וואָלט איהם געווען נאָהנט און טייער. איהם איז אַ שאָד געווען, וואָס די גאָלדענע בוכשטאַ־בען אויפ'ן גרויען שטיין זיינען געווען מאַט, און וואָס די בייט אַרום קבר איז פאַרוואַקסען געוואָרען מיט ווילדע גראָזען. אָפּרייסענדיג אַ פּאָר געל־בלויע שטיפמוטערלאַך, איז ער אוועקגעגאַנגען אַ טרויע־ריגער. אַרויסגעהענדיג פון טויער, האָט ער דערזעהן דורכ'ן אָפענעם פענסטער פון טויטען־קאַמער, צווישען הויכע ברענענדע ליכט, אַ פרויען געשטאַלט, פאַרדעקט ביז צו די ליפּען מיט אַ שוואַרצען טוך. אויף איהר שמאָלען געזיכט, וואָס איז געווען געל ווי וואַקס, האָבען די שטראַהלען פון'ם טאָג־ליכט זיך געראַנגעלט מיט דעם שיין פון די ליכט.

נירענבערגער איז געווען געריהרט פון געאָרג'ס אויפמערקזאַמ־

קיים, און יענעם־טאָג האָבען זיי גערעדט איינער מיט דעם צווייטען א סך האַרציגער, ווי ווען עס איז פריהער. דאָס הויז, וואו נירענ־בערגער האָט געוואוינט, איז געשטאַנען אין אַן ענגער, פינסטערער גאַס, וואָס האָט פון די אינערליכע טיילען פון שטאָדט, ווי אַ טרעפּ, געפיהרט אַראָפּ צום דאָנוי; דאָס הויז איז געווען אַלט, שמאָל און הויך. נירענבערגער׳ס וואוינונג איז געווען אויף דעם פינפטען, דעם העכסטען עטאַזש, און אַ געדרעהטע טרעפּ האָט געפיהרט צו איהר. אין דעם נידריגען, אָבער גראַמען צימער, וואוהין געאָרג איז אריינ־געקומען פון דעם טונקעלען פאַרהויז, איז אין גוטער אָרדנונג געשטאַ־נען אַלטע מעבעל, און פון אַלקאָוו, וואָס איז געשטאַנען טיף אין צי־מער און איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ טונקעל־גרינעם פאָרהאַנג, האָט זיך דערטראָגען דער דופט פון קאַמפער און לאַפענדעל. יו־גענד פאָרטרעטען פון נירענבערגער׳ס עלטערען זיינען געהאַנגען אויף דער וואַנט, ווי אויך לאַנדשאַפטען גראַוויורען פון די בילדער פון האָלענדישע מייסטער. אויפ׳ן קאָמאָד אין האָלץ־געשניצטע ראַה־מען, זיינען געשטאַנען פאַרשידענע אַלטע פאָטאָגראַפישע בילדער. אין אַ שופלאָד פון שרייבטיש, צווישען פאַרגעלטע בריף, האָט נירענ־בערגער אויסגעזוכט אַ בילד פון זיין פאַרשטאָרבענער שוועסטער: אַן אַכצעהן־יאָהריג מיידעל, מיט אַ פילקע אין האַנט, אין אַ האַלב קינדערשען קלייד, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ היסטאָרישער קאָס־טיום, איז זי געשטאַנען ביי אַ פלויט, הינטער וועלכען מען האָט גע־זעהן אַ פעלזיגע לאַנדשאַפט. נירענבערגער האָט פאַרגעשטעלט די אַלע אומבאַקאַנטע, ווייטע און געשטאָרבענע מענשען אויף די פאָר־טרעטען און האָט גערעדט וועגען זיי אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט, דוכט זיך, נאָך פאַרגרעסערט די דיסטאַנץ צווישען דער פאַרגאַנגענהייט און דער געגענוואַרט.

צייטענווייז האָט געאָרג׳ס בליק געוואַנדערט איבער דער ענגער גאַס צו דער גרויער וואַנט פון די אוראַלטע הייזער. ער האָט געזעהן די שמאָלע פאַרשטויבטע פענסטער און הינטער זיי אַלערליי זאַכען פון אַלטעגליכען געברויך. אויף איין פענסטער־ברעט זיינען געשטאַ־נען בלומענטעפּ מיט האַלב פאַרדאַרטע פלאַנצען, שטיקלאַך פאַפּיר און שערבלאַך פון פלעשער זיינען געלעגען צווישען צוויי הייזער אין אַ רינע. אַ פאַרזשאַווערטער רעהר איז דורכגעגאַנגען דאָס אַלץ און

האָט זיך פאַרלאָרען הינטער'ן קוימען. אנדערע קוימענס האָבען זיך געזעהן רעכטס און לינקס, מען האָט געקענט זעהן די הינטערשטע זייט פון א געלבליכען שטייענערנעם פּראַנטאָן. צום בלייך־בלויען הימעל האָבען זיך ארויפגעהויבען טורעמס, און גאָר אונערוואַרטעט נאָהנט האָט זיך באַוויזען איין העל־גרויער טורעם, מיט א דורכגע־בראָכענעם שטיינערנעם קופּעל; דער טורעם איז געווען געאָרג'ן גוט באקאַנט. ניט ווילענדיג האָט זיין בליק געזוכט דעם אָרט, דאָס הויז, ביים אריינגאנג אין וועלכען צוויי ריעזען האָבען אין זייערע מעכטיגע אָרעמס געהאַלטען א שילד מיט הערבען פון א לאַנג פאַרגע־סענער אדעליגער פאַמיליע. אין יענעם הויז האָט זיך אָנגעהויבען דאָס לעבען פון זיין קינד, וואָס האָט אין עטליכע וואָכען ארום געדאַרפט ארויסקומען אויף דער וועלט.

געאָרג האָט דערצעהלט וועגען זיין רייזע און האָט דערפיהלט, ווי קליינליך דאָס איז אין דער איצטיגער שטימונג פון אויפריכטיג־קייט אָפּצוקומען מיט האַלבע אמת'ען. אָבער נירענבערגער האָט שוין לאַנג געוואוסט אַלץ, און ווען דאָס האָט געוואונדערט געאָרג'ן, האָט נירענבערגער שפּאָטיש געשמייכעלט.

— געדענקט איהר דען ניט, — האָט ער געפרעגט, — ווי מיר האָבען געזוכט א זומער וואוינונג אין גרינצוג ?

— געוויס.

— און געדענקט איהר דען ניט, ווי איבער'ן גאָרטען און הויז האָט אונז געפיהרט א פרוי מיט א קינד אויף די הענט ?

— יע.

— איידער מיר זיינען אוועקגעגאַנגען, האָט דאָס קינד אויס־געשטרעקט די הענטלאַך צו אייך, און איהר האָט דאָס באַטראַכט מיט א געריהרטען בליק.

— און פון דעם האָט איהר געשלאָסען, אז איך...

— אָך, איהר זייט ניט דער מענש געריהרט צו ווערען פון א קליינעם און נאָך אַן אומגעוואשענעם קינד, אויב דאָ זיינען ניט פאַראַן עפּעס פּערזענליכע אידעען־פאַרבינדונגען.

— מען דאַרף מיט אייך זיין פאָרזיכטיג, — האָט געזאָגט געאָרג אין א טאָן פון שפּאַס, כאָטש ניט אָהן אַן אומאַנגענעמען גע־פיהל.

די לייכטע אויפרעגונג, וואָס ער האָט געפיהלט צוליעב דעם, וואָס נירענבערגער שטעהט העכער פון איהם, האָט איהם ניט גע־שטערט אָנצוהאַלטען זיין פּאַרקער מיט נירענבערגער'ן. ער איז אַמאָל אריינגעקומען איהם רופען שפּאַצירען איבער גאַסען און גאָר־טענס און האָט געפיהלט אַ באַפרידיגונג און אפילו שטאָלץ, ווען איהם פלעגט זיך איינגעבען אַראָפּצופיהרען דעם געשפּרעך פון דער ביטערער לעבענס ערפאַהרונג צו אַ וויכער, האַרציגער אונטערהאַל־טונג. די שפּאַצירען מיט נירענבערגער'ן זיינען געוואָרען פאַר גע־אָרג'ן אַזאַ אַלגעמיינע געוואוינהייט, אַז ער האָט געפיהלט, ווי זיין לעבען וואָלט כמעט לער געוואָרען, ווען ער האָט איינמאָל געפונען ני־רענבערגער'ס טיר פאַרשלאָסען. אין אַ טאָג אַרום איז אָנגעקומען אַ קאַרטעל מיט ענטשולדיגונגען, וואָס איז געווען אונטערגעשריבען, אויסער נירענבערג'ן, אויך פון אַ פאַבריקאַנט און זיין פרוי, העפ־ליכע און פרעהליכע מענשען, וועמען נירענבערגער האָט איינמאָל צו־פעליג פאַרגעשטעלט פאַר געאָרג'ן אויפ'ן גראַבען. נאָך היינריכ'ס בייז־שפּאָטישער דערצעהלונג, האָט אָט די פּאָר זייער געמיינשאַפט־ליכען פריינד, נאַטירליך, נאָך אַ פאַרצווייפעלטען ווידערשטאַנד, אַרונטערגעשלעפּט פון די טרעפּ, אריינגעזעצט אין אַן עקיפּאַזש און כמעט ווי אַ געפאַנגענעם טראַנספּאָרטירט צום וואָקזאַל. ווי היינריך האָט באַהויפּטעט, האָט נירענבערגער געהאַט עטליכע אַזעלכע גוטמו־טיגע באַקאַנטע, וואָס האָבען געפיהלט די באַדערפניש, אַז דער באַ־ריהמטער אָפּלאַכער זאָל אריינגיסען עטליכע טראָפּען בייזקייט אין דעם געשמאַקען געטראַנק פון זייער עקזיסטענץ ; און נירענבערגער פון זיין זייט האָט ליעב געהאַט אָפּצורוהען אין זייער באַקוועמער גע־זעלשאַפט פון דער אָנגעשטרענגטקייט אין דעם פאַרקער מיט זיין קרייז פון ליטעראַטען און פּסיכאָלאָגען.

דאָס ווידערזעהן זיך מיט היינריכ'ן איז פאַר געאָרג'ן געווען אַן ענטוישונג. נאָך די ערשטע באַגריסונגס ווערטער, האָט דער דיכטער, ווי געוועהנליך, גענומען ריידען וועגען זיך, און דערצו נאָך אין אַ טאָן פון דער טיפסטער זעלבסטפאַראַכטונג. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער פאַרמאָגט ניט קיין טאַלאַנט, נאָר אַ פאַרשטאַנד, דערפאַר אָבער אַ גרויסען פאַרשטאַנד. באַזונדערס שטאַרק האָט ער פאַרדאַמט אין זיך די ווידערשפּרוכען, פון וועלכע

ווי ער האָט גוט געוואוסט, ניט נאָר ער, נאָר אַלע ארומיגע און נאָהנטע האָבען געליטען. ער איז געווען הארצלאָז און סענטימענטאַל, לייכט־זיניג און פינסטער, עמפינדליך און אומערבארמליך, ניט אויסצוקר־מען און דאָך צוגעבונדען צו מענשען... וועניגסטענס צייטענווייז. א סוביעקט מיט אַזעלכע איינגעשאפטען וואָלט פאַר זיין עקזיסטענץ־בארעכטיגונג געדארפט באשאפען עפעס גאָר מערקווירדיגס; און ווען דאָס גרויסע ווערק, וואָס ער מוז ארויסברענגען אויף דער וועלט, וועט ניט באַלד ערשיינען, איז זיין פליכט צו דערשיסען זיך, ווי אַן אָנשטענדיגער מענש. אָבער ער איז ניט קיין אָנשטענדיגער מענש... דאָס איז דאָך די גאַנצע צרה.

געאָרג האָט א קלער געטאָן: „געווים וועסטו זיך ניט דערשיסען, הויפטזעכליך דערפאַר, וואָס דו ביזט צו פייג דאָס צו טאָן".

אין דער הויך האָט ער, נאַטירליך, דאָס ניט געזאָגט. פארקערט, ער איז געווען זעהר פריינדליך, האָט גערעדט וועגען די שטימונגען ביי אַלע קינסטלער, און האָט אין א פריינדליכען טאָן אָנגעפרעגט וועגען די אויסערליכע באדינגונגען פון היינריכ'ס לעבען. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז זיינע געשעפטען זיינען גאָר ניט אַזוי שלעכט. געאָרג'ן האָט נאָך זיינע ווערטער אויסגעוויזען, אַז זיין לעבען איצט איז געוואָרען לייכטער ווי פריהער. די עקזיסטענץ פון דער מוטער און שוועסטער איז געזיכערט געוואָרען אויף די ערשטע צייט דורך א קליינע ירושה; ניט קוקענדיג אויף די פיינדליכע באציהונג צו איהם, אין זיין באריהמטקייט געוואקסען פון טאָג צו טאָג; די אומגליקליכע פארהעלטנים מיט דער אקטריסע איז, ווייזט אוים, גע־ווען געענדיגט, און די נייע, אנגענעם לייכטע באציהונג צו א יונגער דאַמע האָט ארייגגעטראָגען אין זיין לעבען אפילו א געוויסע פרעה־ליכקייט. און די ארבייט איז אויך געגאַנגען גוט. דער ערשטער אַקט פון דעם אָפּערא טעקסט איז שוין געווען כמעט אינגאַנצען פאַר־ענדיגט, און פאַר דער פּאָליטישער קאָמעדיע האָט ער שוין געמאַכט א סך עטיודען. ער האָט גערעכענט אָנצוהויבען באַזוכען די זיצונגען פון פּאַרלאַמענט און מיטינגען, האָט זיך געקליבען, כאָטש ער האָט געהאַלטען דעם פּלאַן פאַר א גאַנץ פאַנטאַסטישען, ארייגצוטרעטען אין די סאָציאַלדעמאָקראטישע פּארטיי, געווינען דעם צוטרוי פון די פיהרער, אויב מעגליך, ווערען אפילו א טעטיגער פיהרער פון א וועל־

בער עס איז אָרגאַניזאַציאָן, — און דאָס אַלץ נאָר מיט דעם צוועק צו באַקענען זיך נאָהנטער מיט דעם אינערליכען פּאַרטיי לעבען. פאַר איהם איז דאָך גענוג צו ריידען מיט אַ מענשען פינף מינוט, צו קענען איהם אויף אויסוועניג. עפּעס אַ וואָרט, די באַדייטונג פון וועלכען דער אַנדערער האָט אפילו ניט באַמערקט, קען אָרונטעררייסען פאַר איהם, ווי אַ שטורעמווינט, דעם פאָרהאַנג פון אַ מענשליכער נשמה. זיין טרוים איז געווען אַרויסצואַווייזען זיך אין אָפּערא טעקסט פאַר אַ מייסטער אויפ'ן געביט פון פאַנטאַזיע, אין דער קאָמעדיע, — פאַר אַ מייסטער אין רעאַליזם, און אויף אַזאַ אופן באַווייזען דער וועלט, אַז ער איז פונקט אַזוי היימיש אויפ'ן הימעל, ווי אויף דער ערד. ביי איינעם פון די נעקסטע באַגעגנישען האָט געאָרג איהם געבעטען אי־בערלעזען, וואָס ער האָט נעהאַט אָנגעשריבען פאַר דעם ערשטען אַקט; ער האָט געפונען, אַז די פערזען זיינען זעהר זיננבאַר, און האָט געבעטען ביי היינריכ'ן די ערלויבניש צו ווייזען דעם מאַ־נוסקריפּט אַנאַ'ן. אָבער אַנאַ'ן איז ניט געפעלען געוואָרען דאָס, וואָס געאָרג האָט איהר פאָרגעלעזען. געאָרג האָט דאַן גענומען באַ־ווייזען איהר, — איבריגענס, אָהן פעסטער איבערצייגונג, — אַז זי פיהלט אויך אַ לייד.ענשאַפטליכע שטרעבונג אין די פערזען צו ווערען פאַרקערפּערט אין טענער, און דאָס ווייזט איהר אויס ווי אַ פעהלער.

ווען געאָרג איז אַריינגעקומען אין צימער צו היינריכ'ן, איז יענער געזעסען אין מיטען צימער, פאַר אַ גרויסען טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט בריף און בויגענס פּאַפּיר. אויפ'ן פּיאַנינאָ און אויפ'ן דיוואַן זיינען אויך געלעגען פאַרשריבענע בלעטער. ווען גע־אָרג איז אַריינגעקומען, האָט היינריך זיך אויפגעהויבען, האַלטענדיג אין האַנט אַ פאַרגעלט בלעטעל.

— נו, וואָס הערט זיך אין דאָרף? — האָט ער געפרעגט גע־אָרג'ן נאָך דער באַגריסונג.

מיט די ווערטער פלעגט ער געוועהנליך אָנפרעגען וועגען אַנאַ'ס געזונט, און יעדעס מאָל איז די פראַגע אויסגעקומען געאָרג'ן צו אינטים.

— אַ דאַנק, זעהר גוט, — האָט ער געענטפערט. — איך קום גראָד איצט פרעגען אייך, צי איהר וואָלט ניט געפאָהרען אַהין מיט מיר.

— די זאַך איז נאָר די, וואָס איך ברענג גראָד איצט אין אָרדנונג פאַרשידענע פּאַפּירען. איך וואָלט געקענט פאָהרען נאָר אין אָוועגט, ארום זיעבען אזייגער. איז דאָס באַקוועם פאַר אייך?

— געוויס, — האָט געאָרג געזאָגט, — אָבער מיר דוכט, אַז איך שטער אייך, — האָט ער צוגעגעבען, אָנווייזענדיג אויפ'ן טיש, וואָס איז אינגאַנצען געווען פאַרלייגט מיט פּאַפּירען.

— איהר שטערט מיר דורכאויס ניט, — האָט היינריך געענט־פערט. — איך ברענג נאָר אַלץ אין אָרדנונג. דאָס זיינען פּאַפּירען, וואָס זיינען געבליבען פון פאָטער. אָט זיינען בריף צו איהם. און אָט איז עפּעס עהנליכס צו אַ טאָגבוך, וואָס ער האָט געפיהרט, ווען ער איז געווען אין פּאַרלאַמענט. איך פאַרזיכער אייך, מען ווערט געריהרט, ווען מען לעזט דאָס. ווי דער מענש האָט דאָס געליעבט זיין פאָטערלאַנד! און ווי מען האָט איהם דאָס פאַר דעם אָפּגע־דאַנקט! איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, אויף וואָס פאַר אַ ראַפינירטער אַרט מען האָט דאָס איהם ארויסגעשטופּט פון זיין פּאַר־טיי. אַ מערקווירדיג קאָמפּליצירטער געמיש פון שלויקייט, באַ־שרענקטקייט, גראָבקייט... מיט איין וואָרט, אויף דעם עכט דייטשען שטייגער.

געאָרג איז געוואָרען אויפגעבראַכט ביי די ווערטער. „און ער איז נאָך אין כעס אויף די אַנטיסעמיטען! — האָט ער אַ קלער געטאָן. — איז ער דען בעסער פון זיי? גערעכטער? האָט ער דען פאַרגעסען, אַז איך בין אויך אַ דייטש?...“

היינריך האָט גערעדט ווייטער:

— איך וועל אָבער אָט דעם מענשען אויפשטעלען אַ דענקמאַל, — האָט ער געזאָגט — ער, און ניט קיין אַנדערער, וועט זיין דער העלד פון מיין פּאָליטישער דראַמאַ. ער איז גראָד יענע טראַגי־קאָמישע פי־גור, וואָס האָט מיר געפעהלט.

געאָרג'ס אינערליכער פּראָטעסט איז אַלץ געשטיגען. איהם האָט זיך זעהר געוואָלט אָנהויבען פאַרטיידיגען דעם אַלטען בערמאַנ'ען אַנטקעגען זיין זוהן.

— אַ טראַגי־קאָמישע פיגור? — האָט ער ווידערהאָלט כמעט אין אַ פּיינליכען טאָן.

— יע, — האָט מיט זיכערהייט געענטפערט היינריך. — אַ איד,

וואס ליעבט זיין פאטערלאנד... אזוי ווי מיין פאטער האט געליעבט, מיט א געפיהל פון סאלידאריטעט, מיט א דינאסטישען ענטוזיאזם, איז דורכאוים א טראגי־קאמישע פיגור. דאס הייסט... ער וואלט געקענט זיין טראגי־קאמיש אין דער ליבעראליזירענדער צייט פון די זיבעציגער און אכציגער יאהרען, ווען אפילו קלוגע מענשען פלעגען ארונטערפאלען אונטער'ן איינפלוס פון דעם טומעל פון פראזען אין זייער צייט. אין אונזער צייט וואלט אזא מענש געווען נאר קאמיש. יע, ווען ער וואלט זיך אפילו אויפגעהאנגען אויף דעם ערשטען בעסטען נאגעל, וואלט איך אנדערש ניט געקענט זיך בעציהען צו זיין שיקזאל.

— דאס איז ביי אייך א מאניע, — האט געארג געענטפערט.— אמאל ווייזט ווירקליך אוים, אז איהר וועט בכלל ניט זיין אימשטאנדה צו זעהן אויף דער וועלט עפעס אנדערש, ווי נאר אלעמאל און אין אלץ די אידישע פראגע. ווען איך וואלט געווען אזוי אונהעפליך, ווי איהר זייט אמאל, וואלט איך געזאגט... איהר וועט מיר שוין מוזען ענטשולדיגען... אז איהר ליידט פון פארפאלגונגס משוגעת.

— פארפאלגונגס משוגע... — האט היינריך שטיל ווידערהאלט און האט א קוק געטאן צו דער וואנט. — הייסט דאס, איהר רופט דאס אן פארפאלגונגס משוגעת?... נו, זאל זיין אזוי.

און פלוצלונג האט ער צונויפגעדריקט די ציינער און שארף געזאגט:

— איך וואלט געוואלט אייך עפעס פרעגען, געארג, אויף'ן געוויסען.

— איך הער.

ער האט זיך אוועקגעשטעלט אנטקעגען געארג'ן און האט זיך איינגעגעסען אין איהם מיט די אויגען.

— דענקט איהר, — האט געארג געזאגט, — אז אויף דער וועלט וועט זיך געפינען כאטש איין קריסט, מעג ער זיין דער איידעלסטער, געבילדעטסטער, אויפריכטיגסטער מענש, כאטש איינער, וואס וועט אין א מאמענט פון כעס, שלעכטער שטימונג, בייזקייט ניט פארווארפען די אידישע אבשטאמונג זיין בעסטען פריינד, זיין געליעבטער, זיין פרוי, ווען זיי זאלען זיין אידען אדער פון אידישער אבשטאמונג?

ניט ווארטענדיג אויף געארג'ס ענטפער האט ער גערעדט ווייטער:

— אזעלכע זיינען ניטאָ, איך פאַרזיכער אייך, — האָט ער געזאָגט. — איהר קענט, איבריגענס, מאַכען נאָך אַן עקספּערימענט. לעזט, צום ביישפּיעל, איבער די בריף פון אַ באַריהמטען, גאַנץ קלוגען און גוטען מענשען און באַמערקט די ערטער, וואו ער רעדט איראָניש אָדער פיינדליך וועגען זיינע צייט־גענאָסען. אין ניין און ניינציג פאַלען האַנדעלט עס זיך וועגען מענשען, וועמעס אָבשטאַמונג און רעליגיאָן שפּיעלען ניט קיין ראָל, אָבער אין דעם הונדערטסטען פאַל, ווען דער מענש, וועגען וועמען מען רעדט אַזוי שלעכט, האָט דאָס אונגליק צו זיין אַ איד, וועט דער אויטאָר פון בריף ניט פערפעהלען צו דערמאָנען אָט דעם פאַקט. אַזוי איז דאָס, איהר קענט דאָ גאָר ניט העלפען. און דאָס, וואָס איהר, ליעבער געאָרג, האָט ליעב אָנצורופען פאַרפאַלגונגס משוגעת, איז אין דער אמת'ן ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ שטענדיג וואַכענד, זעהר אינטענסיוו געפיהל און בעוואוסטזיין פון דער לאַגע, אין וועלכער מיר, אידען, געפינען זיך. און אַנשטאָט צו רעדען וועגען משוגעת פון פאַרפאָלגונג, וואָלט מען גיכער געקענט רעדען וועגען משוגעת פון רוהיגקייט, משוגעת פון זיכערהייט, וואָס איז אפשר אַ קראַנקהייט, וואָס וואַרפט זיך ניט אַזוי שטאַרק אין די אויגען, דערפאַר אָבער איז זי אַ געפעהרליכע קראַנקהייט. מיין פאָטער האָט פון איהר געליטען, ווי אַ סך מענשען פון זיין דור. אמת, ער האָט זיך אַזוי גרינגליך אויסגעהיילט, אַז ער איז פון זינען אראָב.

טיפע קנייטשען האָבען זיך באַוויזען אויף הייגריכ'ס שטערן, און ער האָט ווידער געקוקט צו דער וואַנט, פאַרביי געאָרג'ן, וואָס האָט זיך געזעצט אויפ'ן האַרטען, שוואַרצען, לעדערנעם דיוואַן.

— אויב איהר האַלט זיך ביי אַזאַ איבערצייגונג, — האָט געענטפערט געאָרג, — וואָלט איהר געדאַרפט צושטעהן צו לעאָ נאַלאַווסקי'ן.

— און פאָהרען מיט איהם אין פּאַלעסטינאַ? דאָס מיינט איהר? אויף אַ פּאָליטיש־סימוואָלישער אַרט, אָדער טאַקי אין דער אמת'ען, ווי? — ער האָט זיך צולאַכט. — האָב איך דען געזאָגט, אַז איך וואָלט ליעבער געוואָלט לעבען אויסשליסליך אין אַ אידישער סביבה? דאָס וואָלט געווען, ווענינגסטענס פאַר מיר, אינגאַנצען אַן אויבערפלעכליכע לעזונג פון אַ טיפען אינערליכען פּראָבלעם.

— דאָס דענק איך אייגענטליך ניט. און גראַד דערפאַר, דעם

אמת זאָגענדיג, פאַרשטעה איך אַלץ ווייניגער, וואָס איהר ווילט, היינ־ריך. פאַריגען הערבסט, ווען איהר האָט וועגען דעם דיספּוטירט מיט לעאָ גאָלאָווסקי׳ן, האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אַז איהר קוקט אויף די אַלע זאַכען אָפּטימיסטישער.

— אָפּטימיסטישער? — האָט היינריך ווידערהאָלט אַביסעל באַ־לײידיגט.

— יע. דאַן האָט מען געקענט מיינען, אַז איהר גלויבט אין די מעגליכקייט פון אַ גראַדענווייזער אַסימילאַציאָן.

היינריך האָט געמאַכט אַ פּראַכטליכע גרימאַסע.

— אַסימילאַציאָן... דאָס איז נאָר אַ וואָרט... יע, ווען עס איז וועט זי ווערען מעגליך... אָבער נאָך אַ לאַנגער, לאַנגער צייט. זי וועט ניט זיין אַזוי, ווי איינינע ווילען, און ניט אַזוי ווי אַנדערע האָבען מורא... דאָס וועט אפילו גאָר קיין אַסימילאַציאָן ניט זיין... נאָר עפּעס אַנדערש, וואָס איז, אַזוי צו זאָגען, די נשמה פון דעם וואָרט. ווייסט איהר, וואָס וועט, וואַרשיינליך, מיט דער צייט קלאָר ווערען? אַז מיר, — מיר, אידען, זאָג איך, — זיינען ביז אַ געוויסען גראַד געוועזען אַ פערמענט פאַר דער מענשהייט. יע, דאָס וועט אפשר קלאָר ווערען אין טויזענד אָדער צוויי טויזענד יאָהר אַרום. איז דאָס נאָך אייער מיינונג אַ טרייסט?

ער האָט זיך ווידער צולאַכט.

— ווער ווייס, — האָט געאָרג געזאָגט פאַרקלערט, — אפשר וועט איהר אויך זיין דער גערעכטער אין טויזענד יאָהר אַרום. און ביז דאַן?

— ביז דאַן, ליעבער געאָרג, בלייבט דאָס פּראָבלעם אונלעזבאַר. אין אונזער צייט דאָס לעזען איז אונמעגליך, אין דעם בין איך פעסט איבערצייגט. עס איז יעדענפאַלס ניטאָ קיין אַלגעמיינע לעזונג. עס זיינען גיכער מעגליך הונדערט טויזענד פאַרשידענע לעזונגען, ווייל יעדערער דאַרף דאָס לעזען פאַר זיך, ווי ער קען. יעדערער מוז אַליין פאַר זיך געפינען אַן אויסוועג פאַר זיין באַליידיגונג, אָדער פאַרצווייפ־לונג, אָדער עקעל און געהן פריי אָפּצואָטעמען. אפשר זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס מוזען פאַר דעם צוועק זיך דורכשפּאַצירען אין ירושלים... איך האָב נאָר מורא, אַז דערגרייכענדיג דעם ניט ריכטיגען ציעל, וועלען זיך אַ סך אַרומזעהן, אַז זיי האָבען זיך גענאַרט, ניט אָנגע־

קומען, וואוהין מען האָט געדאַרפט. איך גלויב בכלל ניט, אַז אין אַ מענגע קען מען גייען צו פרייהייט... די וועגען אהין פיהרען ניט איבער דער ערד, נאָר דורך אונז אַליין. יעדערער באַזונדער מוז דורכגעהן זיין אינערליכען וועג. פאַר דעם, פאַרשטעהט זיך, מוז מען וואָס קלאָרער אַריינקוקען אין זיך אַליין, באַלויכטען די פאַר־באָרגענסטע ווינקלען אין זיך. מען דאַרף האָבען דעם מוט צו זיין, וואָס מען איז. נאָר ניט אַראָפגעהן פון אייגענעם וועג. אָט וואָס וואָלט געדאַרפט זיין דאָס אַלטעגליכע געבעט פון יעדען אָנשטענדיגען מענשען: ניט אַראָפגעהן פון וועג.

נעאָרג האָט געקלערט: „וואוהין איז ער שוין ווידער פאַרקראָ־כען! ער איז פונקט אַזוי קראַנק, ווי זיין פאָטער. מען קען דאָך אָבער ניט זאָגען, אַז ער אַליין האָט געהאַט ביטערע איבערלעבונגען. און ער האָט נאָך אַמאָל פאַרזיכערט, אַז ער פיהלט ניט קיין אָנגעהעריג־קייט צו וועמען ניט איז. אָבער דאָס איז דאָך ניט אמת! ער פיהלט זיין צובונד צו אַלע אידען, און צו דעם לעצטען צווישען זיי איז ער דאָך נעהנטער, ווי צו מיר“.

אין דער צייט, ווען אָט די געדאַנקען האָבען זיך דורכגעטראָגען ביי איהם אין קאָפּ, איז זיין בליק געפאַלען אויף אַ גרויסען קאָנווערט אויפ׳ן טיש, און ער האָט איבערגעלעזען די ווערטער, וואָס זיינען גע־ווען אָנגעשריבען אויפ׳ן קאָנווערט מיט גרויסע בוכשטאַבען: „ניט פאַרגעסען, קיינמאָל ניט פאַרגעסען וועגען דעם“.

היינריך האָט אויפגעכאַפּט נעאָרג׳ס בליק. ער האָט גענומען אין האַנט דעם קאָנווערט, אויף דער אַנדערער זייט פון וועלכען עס זיינען געווען דריי גרויסע גרויע שטעמפּלען, דאַן האָט ער צוריק אַ וואָרף גע־טאָן דעם קאָנווערט אויפ׳ן טיש, האָט ווי מיט פעראַכטונג אַראָפּגע־לאָזען די אונטערשטע ליפּ און געזאָגט:

— אָט די געשיכטע האָב איך היינט אויך געבראַכט אין אָרד־נונג. עס זיינען פאַראַן טעג פון אַזאַ אַלגעמיינער רייניגונג. אַנדערע וואָלטען דאָס פאַרברענט. אָבער נאָך מיין מיינונג דאַרף מען דאָס ניט טאָן. אפשר וועל איך אַמאָל דאָס אַלץ מיט פאַרגניגען איבער־לעזען נאָכאַמאָל. אין אָט דעם קאָנווערט ליגען די אַנאָנימע בריף, וועגען וועלכע איך האָב דערצעהלט.

נעאָרג האָט געשוויגען. היינריך האָט איהם נאָך אַ וואָרט ניט

געזאָגט וועגן דעם, ווי זיינע באַציהונגען מיט דער אַקטריסע האָבען זיך געענדיגט. נאָר אין איין בריף, געשיקט אין לוגאַנאָ, איז געווען אַן אָנדייטונג, אַז ער האָט ווידער געזעהן זיין געוועזענע געליעבטע און האָט דערביי דערפיהלט אַן אינערליכען שרעק. כמעט געגען זיין אייגענעם ווילען האָט געאָרג פּלוצלונג געזאָגט:

— איהר ווייסט דאָך געוויס די געשיכטע פון נירענבערגער׳ס שוועסטער, וואָס איז באַגראָבען אויפ׳ן בית עולם אין קאָדענאַביאַ?

היינריך האָט געענטפערט, אַז ער ווייס, און האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איהר זיך דערמאָנט וועגן איהר?

— איך האָב באַזוכט איהר קבר אַ פּאָר טעג פאַר מיין אָפּפאָהרען.

ער איז אויף אַ ווייַלע אַנשווייגען געוואָרען. היינריך האָט אויף איהם געקוקט מיט אַן אויפגערעגט פרעגענדען בליק, וואָס האָט איהם געצוואונגען צו ריידען ווייטער.

— און שטעלט אייך פאָר, ווי זאָנדערבאַר דאָס איז. פון דאַן אָן האָבען אין מיין זכרון זיך צונויפגעגאָסען אָט די צוויי פרויען, פון וועלכע איך האָב איינע קיינמאָל ניט געזעהן, און די אַנדערע געזעהן נאָר צופעליג און פון דער ווייטען, אין טעאַטער, ווי איהר ווייסט, — דאָס הייסט, נירענבערגער׳ס שוועסטער און... אָט די אַקטריסע.

היינריך איז בלייך געוואָרען ביז צו די ליפּען.

— איהר זייט אַבערגלויביג? — האָט ער געפרעגט אין אַ שפּאַ־טישען טאָן, אָבער געקלונגען האָט דאָס, ווי ער וואָלט זיך אַליין גע־פרעגט.

— דורכאויס ניט, — האָט געאָרג געענטפערט, — און וואָס פאַר אַ שייכות קען דאָס האָבען צו אַבערגלויבען?

— איך וויל אייך נאָר זאָגען, אַז מיר איז טיף צואווידער אַלץ, וואָס האָט עפּעס צו טאָן מיט מיסטיק. ריידען וועגן זאַכען, וועגען וועלכע מען קען גאָרניט וויסען, דער עצם פון וועלכע באַשטעהט אין דעם, וואָס מען קען קיינמאָל גאָרנישט אויסגעפינען וועגן זיי, דאָס, דוכט מיר, איז פון אַלע סאָרטען פּלאַפּלעריי, וואָס ווערען אויף דער ערד אַרויסגעגעבען פאַר וויסענשאַפט, דער אונערטרעגליכסטער.

„זאָל זי זיין געשטאָרבען, די אַקטריסע?" — האָט געאָרג אַ קלער געטאָן.

פּלוצלונג האָט היינריך ווידער אַ כאַפּ געטאָן דעם קאָנווערט און

האט געזאגט אין א טאן, וואס ער האט ליעב געהאט אנצונעמען גראד דאן, ווען ער איז געווען אם טיפסטען געריהרט:

— וואס איך האב דא אנגעשריבען אט די ווערטער איז איינפאך א קינדער שפיעל, אדער אפעקטאציאן, אויב איהר ווילט. איך וואלט געקענט אנשרייבען דאס, וואס דאדע האט אנגעשריבען אין זיין ראמאן „סאפא“: „מיינע זיהן, ווען זיי וועלען אלט ווערען צוואנציג יאהר“... צו נאריש, אייגענטליך. ווי עמיצען וואלט געטויגט די ערפאהרונג פון אן אנדער מענשען. די ערפאהרונג פון איינעם קען אויסווייזען אן אנדערען אמאל אמוזאנט, אפשר צוטומלענד, אבער קיינמאל ניט באַלעהרענד... און ווייסט איהר, פארוואס ביי אייך אין קאפ מישען זיך צונויף די צוויי געשטאלטען? איך וועל אייך זאגען. נאר דערפאר, ווייל איך האב אין איין בריף צו אייך אנגערופען מיין געוועזענע געליעבטע א שאטען. אט ווי די געהיימניספולע צונויפמישונג ערקלערט זיך.

— דאס איז מעגליך, — האט געארג געזאגט.

פון ערגעץ האט זיך ניט קלאר דערטראגען א שלעכט שפיעלען אויפ'ן קלאוויר. געארג האט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער. אויף דער געלער וואנט האבען געשפיעלט די שטראהלען פון דער זוהן. א סך פענסטער זיינען געווען אפען. אויף איינעם פון זיי איז געזעסען א אינגעל, אנגעשפארט אויפ'ן פענסטערברעט, און האט געלעזען א בוך. פון אן אנדערען האבען צוויי יונגע מיידלאך ארופגעקוקט אונ־טען אין גארטען. א קלאפען פון געשיר האט זיך געהערט. געארג'ן האט זיך פארוואלט זיין וואס שנעלער אויף דער פרישער לופט, זיצען אויף זיין באנק, ביים ראנד פון וואלד. אבער ער איז נאך א ווײלע גע־בליבען.

— איהר ווייסט, היינריך, — האט ער געזאגט, — אייערע פער־זען זיינען אנא'ן אויך זעהר געפעלען. האט איהר געשריבען ווייטער?

— אביסעל.

— עס וואלט געווען זעהר גוט, ווען איהר ברענגט היינט מיט אלץ, וואס איז פארטיג פון דעם טעקסט, און לעזט דאס אונז פאר.

ער איז געשטאנען ביים פיאנינא און האט גענומען א פאר אקאר־דען.

— וואס איז דאס? — האט היינריך געפרעגט.

— א טעמא, — האָט געענטפערט געאָרג, — וואָס איז מיר איינגעפאַלען פאַר דעם צווייטען אַקט. דאָס זאָל באַגלייטען דעם מאָ־מענט, ווען דער מערקווירדיגער פרעמדער באַווייזט זיך אויפ׳ן שיף.

היינריך האָט פאַרמאַכט דאָס פענסטער. גערג האָט זיך אוועק־געזעצט און גענומען שפּיעלען ווייטער. פּלוצלונג האָט מען אָנגע־קלאַפּט אין טיר, און היינריך האָט ניט ווילענדיג אויסגערופען: „קומט אַריין!"

א יונגע דאַמע איז אַריינגעקומען אין א העלען טוכענעם קלייד און א רויטער זיידענער בלוזע, מיט א קליינעם גאָלדענעם קרייץ אויף א ווייסען סאַמעטענעם באַנד אַרום האַלז. א פלאָרענטינער הוט, באַציערט מיט רויזען, האָט אַרומגענומען דאָס קליינע בלייכע גע־זיכט, פון וועלכען צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען האָבען אַרויסגעקוקט.

די אומבאַקאַנטע האָט אַרויסגערעדט די באַגריסונג אין א נידרי־גער שטים, וואָס האָט געקלונגען צו דערזעלבער צייט אי העזה׳דיג, אי צומישט.

— אנטשולדיגט, הער בערמאַן, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב ניט געוואוסט, אַז איהר האָט געסט.

און זי האָט נייגעריג א קוק געטאָן אויף געאָרג׳ן, וועלכער האָט זי גלייך דערקענט. היינריך איז בלייך געוואָרען, און קנייטשען האָ־בען זיך איהם געלעגט אויפ׳ן שטערן.

— איך האָב גאָר ניט ערוואַרט... — האָט ער אָנגעהויבען. דאַן האָט ער פאָרגעשטעלט געאָרג׳ן און האָט געזאָגט דער דאַמע:

— זעצט זיך, איך בעט אייך.

— א דאַנק, — האָט זי בייז געענטפערט און איז געבליבען שטעהן. — איך וועל בעסער אַריינקומען שפּעטער...

— ניין, ניין, — האָט זי געאָרג אונטערבראָכען. — איך האָב גראָד איצט זיך געקליבען אוועקצוגעהן.

ער האָט געזעהן, ווי דער אַקטריסעס בליק האָט געוואַנדערט איי־בער׳ן צימער, און האָט געפיהלט א באַזונדערען מיטלייד צו איהר, ווי מען פיהלט מיטלייד אין שלאָף צו טויטע, וואָס ווייסען ניט, אַז זיי זיינען געשטאָרבען. דאַן האָט ער באַמערקט, ווי היינריכ׳ס בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַן אומפאַרשטענדליכער גרויזאַמקייט אויף דעם בלייכען קליינעם געזיכט. ער איז אַרויסגעגאַנגען. איצט האָט ער

זיך זעהר דייטליך דערמאָנט, ווי ער האָט זי געזעהן אויף דער ביהנע מיט די רויטליכע האָר, וואָס זיינען איהר אַראָפּגעפאַלען אויפ'ן שטערן, און וואַנדערענדע אויגען. „אַזוי זעהען ניט אויס פרויען, — האָט ער געקלערט, — וואָס זיינען באַשטימט צו ליעבען נאָר איינעם. און ווי אַזוי האָט היינריך, וואָס איז געווען אַזוי זיכער אין זיין קענטניש פון מענשען, דאָס ניט געפיהלט? וואָס זשע אייגענטליך האָט ער פון איהר פאַרלאַנגט? איהם מאַטערט נאָר זיין אייגענליעבע, ניט מעהר.

געאָרג איז געגאַנגען אויפ'ן גאַס אין אַ שטיקענדער היץ. די ווענט פון די הייזער האָבען אומגעקערט דער לופט די וואַרימקייט, וואָס זיי האָבען אין זיך אַריינגענומען. געאָרג איז מיט דער פערד־באַהן געפאָהרען איבער בערגלאַך און וועלדער און האָט פרייער אָפּ־געאָטעמט, ווען די שטאָדט איז געבליבען הינטער איהם. לאַנגזאַם איז ער געגאַנגען פאַרביי גאָרטענס און ווילאַס, פאַרביי אַ בית עולם. דאַן איז ער אַרויף אויף אַ ווייסען וועג, וואָס איז ביסלעכוויוז געשטי־גען אַרויף. דער וועג האָט געטראָגען דעם שעהנעם נאָמען „דער וועג פון זומערדיגע לאָנקעס", און איצט, אין דער הייסער פאַרנאַכטי־גער שעה איז אויף איהם קיינער כמעט ניט געווען. די באַוואַלדעטע בערגלאַך פון לינקס האָבען נאָך ניט געוואָרפען קיין שאָטען; פון דאָרטען האָט זיך נאָר דערטראָגען דאָס צערטליכע וועהען פון אַ ווינ־טעל, וואָס האָט געדרעמעלט אין די בלעטער. רעכטס איז געווען אַ משופּע'דיגער גרינער אָפּהאַנג צו אַ טאָל, וואָס האָט זיך געצויגען אין דער לענג, וואו צווישען די שפּיצען ביימער און צוויגען האָבען אַרויס־געקוקט די דעכער פון הייזער. ווייטער, הינטער די גאָרטענצוימען, האָבען זיך דערהויבען וויינגערטנער, פעלדער, לאָנקעס און אָפּהאַנגען, באַדעקט מיט נידריגע ביימלאַך. איבער'ן פעלד האָט, אָפטמאָל פאַר־לירענדיג זיך, זיך געדרעהט אַ שמאָל שטעגעל, און געאָרג האָט איבער איהם אַמאָל ליעב געהאַט צו וואַנדערען, און זיין אויג האָט געזוכט יע־נעם אָרט ביים ראַנד פון וואַלד, וואו זיין באַליעבטע באַנק איז גע־שטאַנען. זיין בליק האָט גערוהט אויף לאָנקעס און וואַלד הויכקייטען ביים עק פון טאָל, און אין דעם שפּיגעל פון דער לופט האָבען אין דער אָווענט ווייטקייט זיך געפיהלט אַנדערע טאָלען און בערגלאַך.

אָט די לאַנדשאַפט איז געווען געאָרג'ן נאָהנט און ליעב, און

דער גערׂאנק, אז זיין בארוף און זיין ווילען רופען איהם אין דער פרעמד, האט שוין איצט אנגעוועהט אויף זיינע איינזאמע שפאצירען די שטי־ מונג פון אפשיד, אין וועלכער עס איז געווען מעהר בענקשאפט ווי טרויער. אין דערזועלבער צייט האט זיך אין איהם אויפגעהויבען א פארגעפיהל פון א פולערען לעבען. איהם האט אויסגעוויזען, אז אין זיין נשמה הויבט זיך אויף עפעס אזוינס, וואס מען דארף ניט שטערען מיט זארגען ; און אין די וייטע ווינקלען פון זיין נשמה, וואוהין ער האט נאך ניט געקענט אריינקוקען, האבען שוין געקלונגען מעלא־ דיען פון צוקונפטיגע טעג. דערביי אבער האט ער זיך קלאר פארגע־ שטעלט זיין נאהנטע צוקונפט. אין דעטמאלד האט ער געשיקט א העפליכען דאנק בריף, אין וועלכען ער האט ערקלערט, אז ער איז גרייט צו דיענען דעם אינטענדאנט פאר דעם קומענדען הערבסט ; ער האט אויך אויפגעזוכט דעם אלטען פראפעסאר וויביגער, האט אויפגעדעקט פאר איהם זיינע פלענער און איהם געבעטען צו דער־ מאנען ביי א געלעגענהייט זיין געוועזענעם שילער. אויב אבער ער זאל, געגען יעדער ערווארטונג, ניט געפינען אין הערבסט קיין שטעלע, האט ער באשלאסען אוועקצופאהרען פון וויען און זיך באזעצען ער־ נעץ אין א קליינעם שטעדטעל אדער א דארף און פארטזעצען זיין אר־ בייט אין רוהיגקייט. אין וואס פאר פארמען זיינע באציהונגען צו אנא'ן וועלען זיך ביי אזעלכע אומשטענדען אויסגיסען, האט ער זיך ניט אפגעגעבען קיין קלארע רעכנונג ; ער האט נאר געוואוסט, אז אט די באציהונגען קענען זיך קיינמאל ניט ענדיגען. ער האט זיך פארגעשטעלט, אז ער און אנא וועלען באזוכען איינער דעם אנדערען און וועלען פון צייט צו צייט ארומפאהרען צוזאמען ; דאן וועט זי, נאטירליך, אריבערפאהרען אהין, וואו ער וועט וואוינען און ארביי־ טען. אבער ער האט געהאלטען פאר אומנויטיג צו פאנאנדערקלייבען זיך אין דעם אויספיהרליך, ביז זיין שיקזאל וועט ניט קלאר ווערען, ווע־ ניגסטענס אויף די נעקסטע עטליכע יאהר.

דער וועג האט געפיהרט אין וואלד, און געארג איז געגאנגען אי־ בער דעם ברייטען שאסיי, וואס האט אין דעם ארט א קער געטאן זיך אן א זייט, איבערקרייצענדיג דעם טאל. אין עטליכע מינוט ארום איז ער שוין געווען אויף יענער גאס, ביים עק פון וועלכער, נאהנט צום וואלד און לעבען באשיידענע איינשטאקיגע הייזלאך, איז גע־

שפאנען די קליינע ווילא, וואו אנא האט געוואוינט. די ווילא האט נאר מיט דער באלקאן מאנסארדע זיך דערהויבען איבער די אנדערע הייזלאך. ער איז דורכגעגאנגען דאס פארגארטענדעל, וואו דער קליי־נער בלויער ליימענער מלאך אויף א פיערעקיגען פאסטאמענט האט איהם געגריסט אינמיטען די גראזפעלדער, צווישען בלומענבייטען; דאן איז ער דורכגעגאנגען א שמאלען קארידאר, פארביי די קיך, דורך א לערען מיטעלסטען צימער, וואו די שטראהלען פון זון האבען זיך דורכגעשלאגען דורכ'ן צוריסענעם פארהאנג און האבען געשפיעלט אויפ'ן דיל, און ער איז ארויסגעקומען אויף א וועראנדא. ער האט זיך א קער געטאן לינקס און האט אריינגעקוקט דורכ'ן אפענעם פענס־טער אין אנא'ס צימער, וואס איז געווען לער. דאן איז ער געגאנגען אין גארטען, פארביי די בושען פון פלידער און ווייןפערלאך, און האט שוין פון ווייטען באמערקט אנא'ן; זי איז געזעסען אין איהר ברייטען בלויען קלייד אויף דער ווייסער באנק אונטער דעם בארענבוים. זי האט געשיינט צו זיין פארזונקען אין איהרע געדאנקען און האט איהם ניט געזעהן אנקומען. ער האט זיך לאנגזאם דערנעהנטערט. זי האט נאך אלץ ניט אויפגעהויבען די אויגען. ער האט זי זעהר ליעב געהאט אין אזעלכע מאמענטען, ווען זי האט געמיינט, אז קיינער באטראכט זי ניט, און אויף איהר קלארען שטערן האט זיך אפגעשפי־געלט איהר נאטירליכע גוטסקייט און רוהיגקייט. די בליקען פון דער זון האבען געציטערט אויפ'ן זאמד ביי איהרע פיס. אנטקעגען איהר, אויפ'ן גראז, איז געשלאפען די פרעמדע בערנארדינער צויג. זי האט די ערשטע ערוואכט און באמערקט געארג'ן און געגומען מיט אומגע־לומפערטע טריט געהן איהם אנטקעגען. איצט האט איהם אנא אויך באמערקט, און א גליקליכער שמייכעל האט באלויכטען איהרע געזיכטס־צוגען. „פארוואס קום איך אהער אזוי זעלטען? — האט ער א קלער געטאן. — פארוואס ארבייט איך ניט דא אויבען, אויפ'ן באלקאן, אונ־טער'ן דאך, פון וואנען עס עפענט זיך אזא אויסזיכט אויפ'ן וועג?" זיין שטערן איז געווען באדעקט מיט שוויס, אזוי האט נאך געברענט די זון פאר'ן אונטערגעהן.

ער איז צוגעגאנגען צו אנא'ן, האט זי א קוש געטאן אין די לי־פען און אויגען און האט זיך געזעצט לעבען איהר. די צויג האט זיך צוגעשלעפט און זיך אויסגעצויגען ביי זיינע פיס.

— ווי פיהלסטו זיך, טייערע ? — האָט ער געפרעגט, ארומנעמענ־דיג זי.

אנא האָט זיך געפיהלט זעהר גוט, ווי געוועהנליך, און היינט איז נאָך געווען א באזונדערס אנגענעמער טאָג. פון אין דער פריה איז זי געווען איינגאנצען אליין, ווייל פרוי גאָלאָווסקי האָט געמוזט ווידער אריבערפאָהרען אין שטאָדט צו זעהן איהר פאמיליע. אנא האָט איינגעזעהן, אז אמאָל איז ניט שלעכט צו בלייבען איינגאנצען אליין, מען קען דאן אונגעשטערט טרוימען. די טרוימען זיינען געווען דיי־זעלביגע וואָס פריהער, אָבער אזוי אנגענעם, אז זיי האָבען גיט מיד געמאכט. זי האָט געטרוימט וועגען איהר קינד. ווי שטארק זי האָט עס ליעב געהאט שוין איצט, איידער עס איז נאָך געבאָרען געוואָרען ! זי וואָלט דאָס פריהער קיינמאָל ניט געגלויבט.

— דו פארשטעהסט דאָס, געאָרג ? — האָט זי געפרעגט.

צושטרייט האָט ער צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אָבער זי האָט ענערגיש פּראָטעסטירט : ניין, ניין.. א מאן וועט דאָס ניט פאר־שטעהן אפילו דער בעסטער, דער פריינדליכסטער. זי האָט דאָך שוין געפיהלט, ווי א קליין באשעפעניש ריהרט זיך אין איהר, ווי זיין צארט הערצעל קלאפּט, זי האָט געפיהלט אין זיך דעם אטעם פון אָט דער נייער אומפארשטענדליכער נשמה, פּונקט ווי דאָס וואקסען און אויפ־בליהען פון א נייעם יונגען קערפּער. און געאָרג האָט זיך געפיהלט ווי פארשעמט, וואָס זי נעמט אויף דאָס, וואָס דערנעהנטערט זיך, מיט ריי־נערע געדאנקען ווי ער. ער האָט דאָך ניט געפיהלט יענע טיפע אויפ־רעגונג, וואָס האָט איהם געדאַרפט ארומנעמען ביי דעם וואונדער, וואָס געשעהט איצט, אז אָט דאָ גרייט זיך צום לעבען א נייע באשעפעניש, פון איהם געבאָרען, ווענען עס איז באשערט, פּונקט ווי איהם אליין, ארויסצורופען נאָך נייע באשעפענישען צום לעבען. אין דעם גע־בענשטען לייב פון אָט דער פרוי, נאָך וועלכען ער האָט שוין לאנג ניט געפיהלט קיין פארלאנג, איז געוואקסען נאָך די אייביגע געזעצען א ניי לעבען, וואָס קיינער האָט נאָך מיט א יאָהר צוריק ניט פארדעכטיגט, ניט געוואָלט, און וואָס האָט איצט געשטרעבט צו ליכט, ווי עפּעס, וואָס איז געווען פאראויסבאשטימט פון אייביג אָן. און ער אליין איז איצט אויף אן אומפארמיידליכע ארט אריינגעשפּארט געוואָרען אין די געשלאָסענע קייט, וואָס ציהט זיך פון אורעלטערען צו אוראייניקלאך...

און ערנסטער ווי געוועהנליך האָבען זיי גענומען ארומריידען דאָס, וואָס וועט געשעהן, נאָכדעם ווי דאָס קינד וועט געבאָרען ווערען. די ערשטע וואָכען וועט אַנאַ, פאַרשטעהט זיך, עס לאָזען ביי זיך, דאַן וועט מען עס נאַטירליך מוזען אָפּגעבען צו פרעמדע מענשען, אָבער ניט אַנדערש ווי ערגעץ וואו נאָהנט, אַז אַנאַ זאָל עס קענען באַזוכען צו יעדער צייט.

— און דו, — האָט זי פּלוצלונג גאַנץ איינפאַך געפרעגט, — וועסט אונז אמאָל באַזוכען?

ער האָט אַ קוק געטאָן אין איהר כיטרע שמייכלענד פּנים'על, האָט זי אָנגענומען פאַר ביידע הענט און אַ קוש געטאָן.

— טייערע, וואָס זאָל איך טאָן, זאָג אַליין? — האָט ער געזאָגט. — דו קענסט זיך פאָרשטעלען, ווי שווער מיר וועט זיין. אָבער וואָס דען בלייבט מיר צו טאָן. אַן אָנהויב מוז געמאַכט ווערען. איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, — האָט ער האַסטיג צוגעגעבען, ווי וועלענדיג מיט דעם אָפּשניידען יעדען מעגליכען צוריקטריט, — אַז מיר האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון דער וואוינונג. פעליציאַן וועט ווארשיינליך פאָהרען אין אַטען. פאַרשטעהט זיך, ווען איך וואָלט געקענט דיך מיטנעמען, וואָלט דאָס געווען זעהר גוט. דאָס איז אָבער צום באַדויערען אונמעגליך. פריהער פון אַלץ מוז זיין אַ געוויסע זיכערהייט, דאָס הייסט, וועניגסטענס די זיכערהייט, אַז איך וועל אַ געוויסע צייט בלייבען אויף איין אָרט...

זי האָט איהם אויסגעהערט מיט אַן ערנסטער אויפמערקזאַמקייט. דאַן האָט זי איבערלעגט און ערנסט גענומען ריידען וועגען איהר נייער אידעע. זאָל ער ניט מיינען, האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט אויף איהם אַליין ארויפוואַרפען אַלע זאָרגען. זי האָט באַשלאָסען, אַזוי שנעל ווי דאָס וועט נאָר זיין מעגליך, צו עפענען אַ מוזיק שול. אויב ער וועט נאָך אויף לאַנג זי פאַרלאָזען אַליין, וועט זי עפענען די שול אין וויען; אויב אָבער ער וועט באַלד קומען נאָך איהר, וועט די שול זיין דאָרט, וואו זיי וועלען וואוינען. און ווען זי וועט זיך שטעלען אויף די אייגענע פיס, וועט זי אויך דאָס קינד נעמען צו זיך, צי זי וועט ווערען זיין פרוי, צי ניט. ער ווייס דאָך, אַז זי שעמט זיך ניט, אַז זי איז גיכער שטאָלץ... יע, שטאָלץ מיט דעם, וואָס זי וועט ווערען מוטער.

ער האָט געגומען איהרע הענט אין זיינע און האָט זיי געגלעט.

— אַלץ וועט זיין גוט, — האָט ער געזאָגט, אביסעל געדריקט.
ער האָט זיך פּלוצלונג דערזעהן אין א געוועהנליכער בירגערליכער היים, זיצענדיג ביים אָווענטברויט אונטער דעם ווייכען ליכט פון א הענגלאָמפּ צווישען פרוי און קינד. און פון אַט דער פאַמיליען סצענע האָבען זאָרגען און לאַנגוויילינקייט געוועהט אויף איהם. ניין, עס איז נאָך צו פריה, ער איז נאָך צו יונג. וואָס זשע וועט זיין? איז דען מעגליך, אַז זי וועט זיין די לעצטע פרוי, וואָס ער וועט ארומנעמען? אפשר וועט זי דאָס קענען ווערען שפּעטער, נאָך יאָהרען, אָדער מאָנאטען... אָבער איצט נאָך ניט. אריינטראָגען ליגען און באַטרוג אין א גוט איינגעאָרדענטע היים, דאָס האָט אין איהם ארויסגערופען עקעל. און דאָך, דער געדאַנק אוועקצוגעהן פון אנאַ'ן צו אַנדערע, וועמען ער האָט באַגערט, און געפינען זי נאָכדעם אַזוי, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזען, האָט איהם אי צוגעצויגען אי באַרוהיגט.

דער באַקאַנטער פייף האָט זיך דערהערט. די צויג האָט זיך אויפגעהויבען, האָט געלאָזען געאָרג'ן נאָך אמאָל א גלעט טאָן זי איבער דעם געל געפלעקטען רוקען און האָט זיך טרויריג אוועקגעשלעפּט.

— מיין גאָט, — האָט געאָרג געזאָגט, — איך האָב דאָך באַלד פאַרגעסען. הייגריך קען אַנקומען יעדען אויגענבליק.

ער האָט דערצעהלט אנאַ'ן וועגען זיין באַזוך און האָט אויך ניט פאַרשוויגען, אַז ער האָט אויף א מינוט געזעהן די אומגעטרייע אַקטריסע.

— איז איהר, הייסט דאָס, דאָך געלונגען? — האָט אויסגערופען אַנאַ, וואָס האָט ניט געהאַט קיין סימפּאַטיע פאַר דאַמען מיט וואַנדערענדע אויגען.

— איך גלויב ניט, — האָט געענטפערט געאָרג, — אַז זי האָט זיך עפּעס דערשלאָגען. הייגריכ'ן איז, ווי מיר האָט אויסגעוויזען, איהר קומען געווען גאָר אומאַנגענעם.

— אפשר וועט ער זי נאָך מיטברענגען, — האָט אַנאַ געזאָגט מיט שפּאָט, — און דו וועסט ווידער האָבען מיט וועמען צו קאָקעטירען, ווי מיט דער מערדערין פון קעניגען אין לוגאַנאָ.

— אַ גאָט, — האָט געאָרג געזאָגט אין אַן אומשולדיגען טאָן און האָט ביילויפיג צוגעגעבען? — וואָס הערט זיך אגב מיט טערעזאַ'ן,

פארוואס קומט זי גאר ניט צו דיר ? דעמעטער איז דאך שוין ניט אין וויען, זי וואלט געקענט געפינען צייט.

— זי איז דאך געווען מיט עטליכע טעג צוריק. איך האב דאך דיר דערצעהלט, מאך ניט קיין אנשטעל, אז דו האסט פארגעסען.

— איך האב ווירקליך פארגעסען, — האט ער אויפריכטיג גע־ענטפערט. — וואס זשע האט זי דיר דערצעהלט ?

— אלערליי נייעס. די געשיכטע מיט דעמעטער'ן איז געענ־דיגט. איצט קלאפט שוין איהר הארץ ווידער פאר די ארימע און אומגליקליכע... ביז א נייעם צוריקרוף.

און ווי דעם שטרענגסטען סוד האט איהם אנא פארטרויט טע־רעזא'ס פלענער פאר ווינטער. פארקליידט ווי אן ארימע פרוי, וועט זי וואנדערען איבער קיכען און טיי אנשטאלטען און היימען פאר ארי־מע און ארבייטס הייזער, אום צו ווארפען ליכט אויף די פארבארגענ־סטע ווינקלען פון דעם אזוי גערופענעם גאלדענעם הארצען פון וויען. זי ווייזט אויס צו זיין שטארק באשעפטיגט מיט דעם און האפט אפשר אייפצודעקען די שרעקליכסטע זאכען.

געארג האט געקוקט פאר זיך אין רוים. ער האט זיך פארגע־שטעלט די עלעגאנטע דאמע, וואס איז געשטאנען אין א ווייסען קלייד פאר דער געביידע פון דער פאסט אין לוגאנא, און וואס איז ווייט גע־ווען פון אלע ליידען אויף דער וועלט. „א זאנדערבארע באשעפעניש", האט ער א קלער געטאן.

— זי וויל, נאטירליך, מאכען פון דעם א בוך, — האט אנא גע־זאגט. — איז זאג דאס קיינעם ניט אויס, אפילו ניט דיין פריינד בערמאנ'ען.

— איך קלער גאר ניט וועגען דעם. אבער הער, אנא, מען דארף אפשר עפעס צוגרייטען פאר איהם אויף אוואנטברויט.

זי האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

— קום, באגלייט מיך, איך וועל א קוק טאן, וואס ביי אונז איז פאראן, און וועל זיך בעראטען מיט מאריע'ן.. אויף וויפיעל דאס איז מעגליך.

זיי זיינען אויפגעשטאנען. די שאטענס זיינען געווארען לאנג. אין דערבייאיגען גארטען האבען געליארעמט די קינדער. אנא האט גענומען דעם נעליעבטען אונטער'ן ארעם און איז מיט איהם לאנגזאם

געגאַנגען. זי האָט איהם דערצעהלט די נייעסטעביישפּיעלען פון דער דיענסטס פּאַבעלהאַפטער נאַרישקייט. „איך — אַ פאַרהייראַטער"‚— האָט געאָרג אַ טראַכט געטאָן און האָט זיך גוטמוטיג צוגעהערט. ווען זיי זיינען דערגאַנגען צום הויז, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט געהן אַנטקעגען היינריכ'ן, האָט איבערגעלאָזען אַנאַ'ן און איז אַרויס אויפ'ן גאַס. גראָד דאַן איז צוגעפאָהרען אַן עקיפּאַזש. היינריך איז אַרויס־געשפּרונגען און האָט אָפּגעלאָזען דעם קוטשער. ער האָט באַגריסט געאָרג'ן.

— וואַרט איהר שוין אויף מיר? עס איז דאָך נאָך ניט שפּעט?

— געוויס ניט; איהר זייט זעהר פּינקטליך. איהר ווילט זיך דורכשפּאַצירען אַביסעל פאַר'ן אָווענטברויט?

— מיט פאַרגניגען.

זיי זיינען געגאַנגען ווייטער, פאַרביי דעם געלען גאַסטהויז מיט דער רויטער וועראַנדאַ, און זיינען אַריין אין וואַלד.

— דאָ איז וואונדערליך שעהן‚ — האָט היינריך געזאָגט. — און אייער ווילאַ זעהט אויך אויס גאַנץ שעהן. פאַרוואָס אייגענטליך וואוינט איהר ניט דאָ?

— געוויס איז דאָס אַן אונזין‚ — האָט געאָרג געענטפערט אָהן וויטערע ערקלערונגען. אַ ווײַלע האָבען זיי געשוויגען.

היינריך האָט געטראָגען אַ העלגרויען זומער אַנצוג; אויפ'ן אָרעם האָט ער געהאַלטען זיין מאַנטעל, וואָס האָט אַביסעל זיך נאָכ־געשלעפּט אויף דער ערד.

— האָט איהר זי דערקענט? — האָט ער פּלוצלונג געפרעגט, ניט קוקענדיג אויף געאָרג'ן.

— יע‚ — האָט געאָרג געענטפערט.

— זי איז נאָר אויף אַ טאָג געקומען צו פאָהרען פון איהר זומער אַנגאַזשעמענט. היינט ביינאַכט פאָהרט זי צוריק. אַ משוגעת . . . אָבער אומזיסט האָט זי זיך געמיהט. עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. ער האָט זיך צולאַכט.

— פאַרוואָס זייט איהר אַזוי האַרט? — האָט געפרעגט געאָרג און האָט אַ קלער געטאָן וועגען דעם גרויסען קאָנווערט מיט די גרויע זיגלען און דער אומגעלומפּערטער אויפשריפט. — דאָס איז דאָך איי־גענטליך ניט נויטיג. עס איז דאָך נאָר אַ צופאַל, וואָס זי האָט אויך

ניט באקומען קיין אנאָנימע בריף, ווי איהר, היינריך. און ווער ווייס, ווען איהר וואָלט זי ניט געלאָזען אליין, גאָט ווייס צוליעב וואָס . . .

היינריך האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געקוקט אויף געאָרג'ן כמעט מיט מיטלייד.

— איהר מיינט אפשר, אז איך וויל זי באשטראָפען אָדער נעמען נקמה? אָדער אפשר האלט איהר מיך פאר איינעם פון יענע נארען, וואָס הויבען אָן האסען די גאנצע וועלט נאָר דערפאר, וואָס מיט זיי איז געשעהן עפּעס א גאנץ געוועהנליכע זאך, וואָס איז געשעהן מיט טויזענדער מענשען פאר זיי און וועט געשעהן מיט טויזענדער נאָך זיי? איהר מיינט, איך פאראכט די „אומגעטרייע" אָדער האס זי? מיר קומט דאָס אפילו אויפ'ן זין ניט ארויף. איך וויל ניט זאָגען מיט דעם, אז איך ערלויב זיך אמאָל ניט קיין זשעסטען, וואָס דריקען אויס צאָרן אָדער האס, דאָס ווערט געטאָן נאָר אום בעסער צו ווירקען אויף איהר. אין דער אמת'ן פארשטעה איך צו גוט דאָס געשעהענע, אז...

ער האָט א ציה געטאָן מיט די אקסלען.

— אויב איהר פארשטעהט דאָס...

— אָבער מיין ליעבער פריינד, פארשטעהן העלפט דאָ גאָרניט. פארשטעהן איז פונקט אזא ספּאָרט ווי יעדער אנדערער. א זעהר חשוב'ער ספּאָרט און א זעהר קאָסטבארער. מען קען אויף דעם פארשווענדען די גאנצע נשמה און בלייבען א בעטלער. אָבער מיט אונזערע געפיהלען האָט דאָס פארשטעהן גאָרניט צו טאָן, פונקט ווי מיט אונזערע האנדלונגען. דאָס פארהיט אונז ניט ניט פון ליידען, ניט פון פארניכטונג. דאָס פיהרט אונז ניט צו קיין זאך. דאָס איז א ווינקעל, פון וועלכען עס איז ניטאָ קיין אויסוועג. דאָס פארשטעהן באדייט אלעמאָל א סוף.

שווייגענדיג און לאנגזאם, יעדערער פארטאָן אין זיינע געדאנקען, זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון וואלד מיט דעם שטעגעל, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז געהויבען ארויף, און זיינען געבליבען אויף אָן אָפענעם אָרט מיט א ברייטער אויסזיכט אראָפּצו. זיי האָבען געזעהן די שטאָדט און נאָך איהר דעם טאָל, וואָס האָט געאָטעמט מיט נעבעל און איבער וועלכען א שימערענדיגער טייך האָט געפלאָסען; ווייטער האָט זיך געצויגען א ליניע פון בערג, איינגעהילט אין א דינעם רויך. דאָ זיינען

זיי געגאַנגען ביים ווייכען ליכט פון דער פאַרגעהענדיגער זון צו געאָרג'ס באַליעבטער באַנק ביים ראַנד פון וואַלד.

די זון איז פאַרגאַנגען. געאָרג האָט דערזעהן אויף יענער זייט טאָל זיין באַליעבטען וועג, וואָס האָט זיך געצויגען אין דער לענג פון באַוואַלדטע בערגלאַך און וואָס איז געוועזן בלייך און איז ווי קאַלט געוואָרען. דאַן האָט ער אַ קוק געטאָן אַראָפּצו. ער האָט געוואוסט, אַז אונטער זיינע פיס געפינט זיך אין גאָרטען אַ באַרענבוים, אונטער וועלכען ער איז דאָ ניט לאַנג געזעסען מיט אַ געליעבטער פרוי, וואָס טראָגט אונטער איהר האַרצען זיין קינד. ער איז געוועזן גערידהרט. צו די פרויען, וואָס ערוואַרטען איהם אפשר ערגעץ אַנדערשוואו, האָט ער געפיהלט איצט אַ שטילע פאַראַכטונג, דאָך האָט איהם געצויגען צו זיי. אונטען, איבער די שטעגלאַך צווישען די גאָרטענס און טאָלען, האָבען שפּאַצירט די זומער געסט. עפּעס אַ מיידעל האָט ארויפגעבליקט און האָט וואָס געזאָגט אַן אַנדערער שטיל אויפ'ן אויער.

— איהר זייט דאָ אַ פּאָפּולערע פּערזאָן, — האָט באַמערקט היינריך מיט שפּאָטיש אַראָפּגעצויגענע מויל ווינקלען.

— איך האָב דאָס גאָר ניט געוואוסט.

— אָט די שעהנע מיידלאַך האָבען פאַראינטערעסירט געקוקט אויף אייך. דאָס זיין אומפאַרהייראַט בלייבט אַלעמאָל פאַר אַנדערע אַן אומערשעפּליכער קוואַל פון אָנרעגונגען. אָט פאַר די אַלע זומער געסט זייט איהר אַ מין דאָן זשואַן, און... און אייער פריינדין איז אַן אוועקגערויבט און אַ פאַרפיהרט מיידעל. ניט אמת?

— איך ווייס ניט, — האָט געאָרג געענטפערט, וועלענדיג ענדערען דעם געשפרעך.

— און וואָס וואָלט איך געקענט פאָרשטעלען מיט זיך פאַר דער טעאַטער וועלט פון אַ קליינעם שטעדטעל? — האָט היינריך ווייטער גערעדט. — וואַרשיינליך אַן אָפּגענאַרטען ליעבהאָבער, דאָס הייסט אַ רורכאוים קאָמישע פיגור. און זי? מען קען זיך שוין פאָרשטעלען. פאַר זייטיגע מענשען איז דאָך אַלץ אַזוי איינפאַך. אָבער פון נאָהנטען זעהט יעדע געשיכטע גאָר אַנדערש אויס. אפשר אָבער קען מען גראָד פון דער ווייטען ריכטיג זעהן? אפשר רעדט זיך אַ מענש איין אַלערליי זאַכען, ווען ער דאַרף שפּיעלען אַ ראָל אין דער קאָמעדיע?

„ער האָט געמעגט בלייבען אין דער היים“, האָט געקלערט געאָרג.

אבער אזוי ווי אפשיקען איהם צוריק איז געווען אוממעגליך, האט ער האסטיג א פרעג געטאן, אום וועניגסטענס צו ענדערען דעם געשפרעך:

— האט איהר גארניט געהערט פון די עהרענבערגס?

— מיט א פאר טעג צוריק, — האט געענטפערט היינריך,—האב איך באקומען פון פריילין עלזא א טרויעריגען בריף.

— איהר קארעספאנדירט מיט איהר?

—ניין, איך קארעספאנדיר ניט מיט איהר. וועניגסטענס האב איך איהר נאך ניט געענטפערט.

— זי האט די געשיכטע מיט אסקאר'ן גענומען מעהר צום הארצען, ווי זי וויל זיך אליין צוגעבען, — האט געזאגט געארג. — איך האב איינמאל גערעדט מיט איהר אין סאנאטאריום. מיר זיינען דאן גאנץ לאנג געשטאנען אין קארידאר, פאר דער ווייסער טיר, הינטער וועלכער דער ארימער אסקאר איז געלעגען. מען האט דאן נאך מורא געהאט, אז ער וועט דאס צווייטע אויג אויך פארלירען. דאס איז אין דער אמת'ן א טראגישע געשיכטע.

— א טראגי־קאמישע, — האט היינריך פארבעסערט אין א הארטען טאן.

— איהר זעהט אומעטום טראגי־קאמיזם. איך וועל אייך זאגען פארוואס. ווייל איהר זייט א הארצלאזער. אין דעם פאל איז ניטא קיין קאמיזם.

— איהר האט א טעות, — האט היינריך געענטפערט. — דער פאטש פון דעם אלטען עהרענבערג איז געווען ברוטאליטעט, און אסקאר'ס זעלבסטמארד איז געווען נארישקייט; דאס, וואס ער האט שלעכט געטראפען, האט ארויסגעוויזען זיין אונגעשיקטקייט. פון אזעלכע מאטיווען קען קיין טראגיזם ניט ארויסקומען. איינפאך אן עקעלהאפטע געשיכטע, מעהר גארנישט.

געארג האט בייז געשאקעלט מיט'ן קאפ. זינט דאס אומגליק איז געשעהן, האט ער אויפריכטיג מיטגעפיהלט אסקאר'ן. עס האט איהם אויך וועה געטאן פאר דעם אלטען עהרענבערג'ן, וואס האט זיך דאן געוואוינט אין נייהאוז, פערגעסענדיג זיך אין דער ארבייט, און האט קיינעם ניט געוואלט זעהן. ביידע זיינען באשטראפט געווארען שווערער, ווי זיי האבען פארדיענט. קען דאס היינריך ניט זעהן און פיהלען, אזוי גוט ווי ער? זיי מאכען א מענשען ווירקליך נערוועז

צייטענווייז, אַז די אידישע איבערקלוגע, אומרחמנות'דיגע מענשען, בערמאַן און נירענבערגער. די הויפּט זאַך פאַר זיי איז ניט צו ווערען איבערראַשט פון קיין זאַך. גוטסקייט, אַז וואָס זיי פעהלט. ערשט ווען זיי ווערען עלטער, ווערען זיי אַביסעל מילדער. געאָרג האָט גע־קלערט וועגען דעם אַלטען דאָקטאָר שטאַובער, פרוי גאַלאַווסקי, דעם אַלטען אייסלער. אָבער אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען יונג, זיינען זיי שטענ־דיג אויף דער וואַך. נאָר ניט בלייבען די נאַרען, דאָס איז זייער הויפּט זאָרג. אַן אומבאַקוועמע געזעלשאַפט! געאָרג'ן האָט זיך פאַר־וואָלט זיין אין דער געזעלשאַפט פון פעליציאַן, סקעלטאָן, וואָס זיינען גענוג קלוג פאַר איהם... אפילו גווידאָ שענשטיין.

— ביי איהר גאַנצען טרויער אָבער, — האָט היינריך אין א ווײלע אַרום געזאָגט, — שיינט פרייליין עלזאַ דאָך צו אַמוזירען זיך גענוג. געסט קומען ווידער צו באַזוך אין אוהאָף. ניט לאַנג צוריק זיינען דאָרט געווען די וויינערס, זיסי און דזשיימס. דזשיימס איז גע־וואָרען דאָקטאָר אין קעמברידזש. ניט שלעכט, האַ?

דער נאָמען זיסי האָט געאָרג'ן אַ שטאָך געטאָן, ווי אַ קינזשאַל. ער האָט פּלוצלונג איינגעזעהן, אַז אין עטליכע טעג אַרום וועט ער זיין ביי איהר, און האָט זיך אַליין געוואונדערט, ווי שטאַרק איהם האָט אַ ציה געטאָן צו איהר.

די זון איז אינגאַנצען פאַרגאַנגען. געאָרג און היינריך זיינען אויפגעשטאַנען, האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען אונטען איבער דער לאַנקע און זיינען אַריין אין גאָרטען. דאָרט האָבען זיי דערזעהן אַנאַ'ן, וואָס איז געגאַנגען נאָך מיט ווען איבער דער מיטעלסטער אַלעע.

— דאָס איז דער אַלטער דאָקטאָר שטאַובער, — האָט געזאָגט געאָרג. — איהר קענט איהם דאָך?

אַלע האָבען זיך באַגריסט.

— מיך פרעהט זעהר, וואָס איך זעה אייך ענדליך ביי אונז, — האָט אַנאַ געזאָגט היינריכ'ן.

„ביי אונז!“ האָט געאָרג ווידערהאָלט פאַר זיך אַביסעל פאַר־וואונדערט, באַלד אָבער האָט ער דעם געדאַנק פון זיך אָפּגעטריבען. ער איז אַוועק פאָראויס מיט דאָקטאָר שטאַובער. אַנאַ און היינריך זיינען לאַנגזאַם זיי נאָכגעגאַנגען.

— ווי געפינט איהר אַנאַ'ן? — האָט געאָרג געפרעגט דעם דאָקטאָר.

— בעסער קען גאָר ניט זיין, — האָט שטאָובער געענטפערט. — זאָל זי נאָר וואָס מעהר אַרומגעהן.

געאָרג האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין צייט אומצוקוקערן איהם די ביכער, וואָס ער האָט ביי איהם גענומען, און האָט זיך ענטשולדיגט.

— ניטאָ וואָס צו איילען זיך, — האָט געענטפערט שטאָובער. — איך האָף, אַז די ביכער זיינען אייך צוניץ געקומען.

און ער האָט איהם גענומען אויספרעגען וועגען די איינדרוקען, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגען פון דער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין רוים. געאָרג האָט איהם דערצעהלט וועגען די וואַנדערונגען איבער די אַלטע קייזערליכע פּאַלאַצען, וועגען די רייזען איבער קאַמפּאַניאַ ביים אָוועגטשיין, וועגען אַ שטיקענדער שעה פּאַר אַ שטורעם אין גאָרטען פון האַדריאַן. דאָקטאָר שטאָובער האָט איהם געבעטען אויפ־הערען דערצעהלען, ווייל אַנדערש קען ער נאָך אַמאָל אַוועקוואַרפען אַלע זיינע פּאַציענטען און אַוועקפאָהרען אין די שטאָדט, וואָס איז איהם אַזוי ליעב און טייער. דאַן האָט געאָרג העפליך אָנגעפרעגט זיך וועגען דאָקטאָר בערטאָלד. איז דאָס אמת, אַז ער וועט שוין נעקסטען ווינטער זיך ווידער פאַרנעמען מיט פּאָליטיק?

דאָקטאָר שטאָובער האָט אַ ציה געטאָן די אַקסלען.

— ער קומט צוריק אין סעפּטעמבער. דאָס איז פאָרלויפיג אַלץ, וואָס איז זיכער. ביי פּאַסטער האָט ער זעהר פלייסיג געאַרבייט, און דאָ אין פּאַטאָלאָגישען אינסטיטוט וויל ער ווייטער אָנגעהן מיט אַ גרויסער סערום אַרבייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבען אין פּאַריז. ווען ער וואָלט מיר געפאָלגט, וואָלט ער זיך אויף אָט דער אַרבייט אָפּגע־שטעלט. נאָך מיין אומקאָמפּעטענטער מיינונג איז דאָך דאָס, וואָס ער מאַכט איצט, וויכטיגער פאַר דער מענשהייט, ווי די שעהנסטע רע־וואָלוציאָן. עס פאַרשטעהט זיך, אַז עס זיינען פאַראַן אַלערליי טאַ־לאַנטען, און געגען געלעגענטליכע שטאַאַטס ענדערונגען האָב איך גאָרניט וואָס איינצואווענדען. אָבער, צווישען אונז רעדענדיג, מיין זוהנס טאַלאַנט ליגט דאָך מעהר אויף דער וויסענשאַפטליכער זייט. צו דער אַנדער זייט ציהט איהם דאָך מעהר זיין טעמפּעראַמענט... אפשר זיין גאַליגקייט. נו, מיר וועלען זעהן. און וואָס זיינען אייערע פּלענער פאַר דעם הערבסט? — האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן און

האָט אַ קוק געטאָן אויף נעאָרג'ן מיט זיין גוטמוטיג־פּאַטערליכען בליק.

— וואוהין קלייבט איהר זיך צו פאָהרען מיט אייער טאַקט שטעקעל?

— ווען איך וואָלט דאָס נאָר אליין געוואוסט, — האָט געענט־פערט נעאָרג. ער האָט אין אַלץ אַ וויכטיגערען טאָן גענומען דער־צעהלען וועגען זיינע באַמיהונגען און אויסזיכטען דעם דאָקטאָר, וואָס איז געגאַנגען לעבען איהם מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגען און אַ ציגאַר אין מויל. ער האָט אָבער קלאָר געפיהלט, אַז דער אַלטער שטאובער ווערט דאָס אַלץ אָננעמען פאַר אַ פּאַרזוך צו רעכטפערטיגען דאָס אָפּ־לעגען פון זיין הייראַט מיט אַנא'ן. ער האָט דערפיהלט אַ לייכטע אויפרעגונג קעגען דער, וואָס איז געגאַנגען הינטער זיי, און האָט אפשר אין זיך געפרעהט זיך, וואָס דאָקטאָר שטאובער האָט איהם ווי גע־צוואונגען צו ענטפערען. ער האָט אבזיכטליך גענומען רעדען אַלץ אין אַ לייכטערען טאָן, ווי זיינע פּערזענליכע פּלענער פאַר דער צוקונפט וואָלטען גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט אַנא'ן; ענדליך האָט ער פרעהליך ערקלערט:

— ווער ווייס, וואו איך וועל זיין נעקסטען יאָהר, אפשר גאָר אין אַמעריקאַ.

— דאָס וואָלט געווען גאָר ניט שלעכט, — האָט רוהיג געענטפערט דאָקטאָר שטאובער. — איך האָב דאָרט אַ קוזען, ער איז אַ וויאָליניסט אין באָסטאָן, אַ געוויסער שוואַרץ; ער פאַרדיענט וועניגסטענס זעקס מאָל אַזוי פיעל, ווי ער האָט דאָ געהאַט אין דער אָפּערא.

נעאָרג האָט ניט געוואָלט, מען זאָל איהם פאַרגלייכען מיט אַ וויאָליניסט שוואַרץ, און האָט דעריבער ערקלערט מיט אַ זיכערקייט, וואָס ער האָט אַליין געפיהלט ווי אַן איבערטריבענע, אַז אין אַנהויב קלערט ער בכלל ניט וועגען פאַרדיענען געלט. פּלוצלונג — ער האָט ניט געוואוסט, פון וואַנען דער געדאַנק איז געקומען צו איהם — האָט ער אַ קלער געטאָן: „ווען אַנא וועט גאָר שטאַרבען?... ווען דאָס קינד וועט פאַראורזאַכען איהר טויט?" ער האָט זיך שטאַרק דער־שראָקען, ווי ער וואָלט מיט אַט דעם געדאַנק אַרויפגעוואָרפען אויף זיך אַ זינד. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַנא'ן אַ טויטע, פאַרדעקט מיט אַ טוך ביז צום קין, אין דעם שיין פון טאָג און פון די ליכט איבער איהר געזיכט. ער האָט זיך אומגעקערט כמעט מיט שרעק, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגען, אַז זי איז דאָ און לעבט. אין דער פינסטערניש

האָט מען נים געזעהן איהר געזיכט, און דאָס האָט איהם געשראָקען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט'ן דאָקטאָר, און אנא און היינריך זיינען צוגעקומען צו זיי. ער איז געווען גליקליך, וואָס זי איז נאָהנט צו איהם.

— דו ביזט שוין מסתמא מיד, — האָט ער איהר געזאָגט אין דעם צערטליכסטען טאָן.

— וויפיעל מיר איז פאַרגעשריבען צו געהן, בין איך שוין היינט יעדענפאַלס אָפּגעגאַנגען, — האָט זי געענטפערט. — איבריגענס, — האָט זי אָנגעוויזען אויף די ווערענדאַ, וואו אויף דעם געגרייטען טיש איז געשטאַנען א לאָמפּ אונטער א גרינעם פּאַפּירענעם אבאַזשור, — באַלד ברענגט מען אָוונטברויט. וועט איהר אפשר אויך בלייבען, הערר דאָקטאָר?

— לייזער, מיין ליעבע קינד, איז דאָס פּאַר מיר אוממעגליך. איך האָב שוין לאַנג געדאַרפט זיין צוריק אין שטאָדט. גריסט פריי גאַלאַווסקי פון מיר. אויף ווידערזעהן. אדיע, הערר בערמאַן. איני־גיכען, — האָט ער צוגעגעבען, — וועלען מיר אפשר הערען אָדער לעזען עפּעס שעהנעס פון אייך?

היינריך האָט געצוקט די אַקסלען, העפליך געשמייכעלט און גאָר־נים געענטפערט. „פּאַרוואָס, האָט ער געקלערט, ווערען אפילו וואויל ערצויגענע מענשען טאַקטלאָז, ווען זיי באַגעגענען זיך מיט וועמען עס איז פון אונז? פרעג איך איהם דען וועגען זיינע געשעפטען?“

דער ארצט האָט נאָך אין עטליכע ווערטער אויסגעדריקט היינריכ'ן ז'ין מיטגעפיהל וועגען זיין פאָטערס טויט. ער האָט דערמאָנט זיין באַריהמט געוואָרענע רעדע געגען דער איינפיהרונג פון דער טשעכישער שפּראַך אין געוויסע בעצירק־געריכטען אין בעהמען. דאַמאָלסט האָט נאָר איין האָר געפעלט, אז דער אידישער פּראָווינציעלער אדוואָקאַט זאָל ווערען יוסטיץ מיניסטער. יע, די צייטען האָבען זיך געענדערט.

היינריך האָט זיך צוגעהערט. דאָס האָט איהם געקענט צוניץ קומען אין זיין פּאָליטישער קאָמעדיע.

דאָקטאָר שטאַובער האָט זיך געזעגענט. געאָרג האָט איהם באַ־גלייט צום עקיפּאַזש, וואָס האָט געוואַרט. ער האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט צו שטעלען דעם ארצט עטליכע מעדיצינישע פראַגען. יענער האָט איהם באַרוהיגט אין אַלץ.

— א שאד נאָר, — האָט ער געזאָגט, — וואָס די אומשטענדען ערלויבען ניט אנאַ'ן אליין צו זויגען דאָס קינד.

געאָרג האָט זיך פארטראַכט. „איהר קען דאָס דאָך ניט שאַדען?... העכסטענס דעם קינד. אָדער איהר אויך אפשר?...“ האָט ער גע־פרעגט דעם ארצט.

— צו וואָס ריידען וועגען דעם, ליעבער בּאַראָן, ווען דאָס איז דאָך סאַי ווי אוממעגליך. זאָרגט ניט, — האָט ער צוגעגעבען, שטע־לענדיג איין פוס אויפ'ן טרעפּעל פון עקיפּאַזש, — עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר א קינד פון אזעלכע עלטערען.

געאָרג האָט איהם פעסט געקוקט אין די אויגען און האָט געזאָגט:

— איך וועל יעדענפאַלס זעהן, אז ער זאָל פּאַרברענגען זיינע ערשטע יאָהרען אין געזונטער לופט.

— דאָס וועט זיין זעהר שעהן, — האָט ווייך געענטפערט דאָקטאָר שטאובער. — אָבער פאַר קינדער איז בכלל ניטאָ קיין געזינטערע לופט אויף דער וועלט, ווי די לופט אין הויז פון די עלטערען.

ער האָט געגעבען געאָרג'ן די האַנט, און דער עקיפּאַזש איז אָפּגע־פאָהרען.

געאָרג איז א ווײלע געבליבען שטעהן און האָט זיך געפיהלט שטאַרק אויפגערעגט געגען דעם ארצט. ער האָט זיך געגעבען דאָס וואָרט קיינמאָל ניט ארײנצוגעהן מיט איהם אין געשפּרעכען, וואָס וואָלטען אין א געוויסער מאָס געגעבען יענעם דאָס רעכט צו געבען איהם אומגעבעטענע עצות אָדער אפילו פארמאַסקירטע פאָרוואורפען. וואָס האָט אָט דער אַלטער געקענט וויסען? וואָס האָט ער סוף כל סוף פארשטאַנען אין דער גאַנצער געשיכטע? געאָרג'ס אויפרעגונג איז אַלץ געשטיגען. „ווען איך וועל וועלען“, האָט ער געזאָגט צו זיך אליין, „וועל איך מיט איהר הייראַטען. און פאַרוואָס זאָל זי ניט אי־בערלאָזען ביי זיך דאָס קינד? האָט זי דען ניט געזאָגט אליין, אז זי וועט זיין שטאָלץ מיט דעם, וואָס זי האָט א קינד. איך אליין קלייב זיך דאָך אויך ניט אָפּצוזאָגען זיך פון איהם. און אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קענען, וועל איך פאַר איהם טאָן. און אפשר, שפּעטער, ווען עס איז... אָבער איך וואָלט באַגאַנגען אַן אומרעכט קעגען מיר אליין, קעגען אנאַ'ן און קעגען קינד, ווען איך וואָלט שוין איצט זיך ענט־

שלאָסען אויף עפּעס, פאַר וואָס עס איז נאָך יעדענפאַלס צו פריה."

ער איז לאַנגזאַם געגאַנגען אין דער לענג פון דער שמאָלערער זייט פון הויז צום גאָרטען. אויף דער וועראַנדאַ זיינען געזעסען אַנאַ און היינריך. פון הויז איז נאָר וואָס אַרויסגעקומען מאַריע מיט אַ זעהר רויטען געזיכט און האָט געשטעלט אויפ'ן טיש אַ וואַרימע שיסעל, פון וועלכער דאַמף איז געגאַנגען. „ווי רוהיג אַנאַ זיצט דאָרט, האָט אַ קלער געטאָן געאָרג, בלייבענדיג אין דער פינסטער, זי איז אַזוי זאָרגלאָז, ווי זי וואָלט אינגאַנצען זיך געקענט פאַרלאָזען אויף מיר. ווי אויף דער וועלט וואָלט ניט געווען קיין טויט, קיין אָרימקייט, קיין בעטרוג... ווי איך וואָלט זי געליעבט אַזוי ווי זי פאַרדיענט דאָס!..." און ווידער האָט ער זיך דערשראָקען. „ליעב איך זי דען ניט גענוג? קען זי דען ניט פאַרלאָזען זיך אויף מיר? ווען איך זיץ דאָרט אויבען אויף דער באַנק ביים ראַנד פון וואַלד, פיהל איך אַזוי פיעל צערטליכקייט צו איהר. פאַרוואָס אָבער פיהל איך דאָס ניט איצט?"

ער איז געווען אינגאַנצען עטליכע טריט פון איהר, האָט געזעהן, ווי זי פאַרטיילט דאָס עסען. דאַן האָט זי געווענדט איהר בליק אין די פינסטערניש, פון וואַנען ער האָט געדאַרפט אַרויסקומען, און איהרע אויגען האָבען פּלוצלונג גענומען לייכטען, ווען ער איז אַריינגעקומען אין ליכט. „איינציגע געליעבטע!" האָט ער געקלערט. ווען ער האָט זיך אָוועקגעזעצט, האָט אַנאַ געזאָגט:

— דו האָסט מיט דעם דאָקטאָר געהאַט אַזאַ לאַנגע קאָנפערענץ.

— גאָר ניט קיין קאָנפערענץ, מיר האָבען געפּלוידערט. ער האָט מיר אויך דערצעהלט וועגען זיין זוהן, וואָס קומט באַלד צוריק.

היינריך האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגען בערטאַלד'ן. דער יונגער מאַן האָט איהם אינטערעסירט, און ער האָט זעהר געהאָפט צו באַ־קענען זיך מיט איהם נעקסטען ווינטער. די רעדע, וואָס ער האָט גע־האַלטען מיט אַ יאָהר צוריק וועגען דעם פאַל פון טערעזאַ גאָלאָווסקי, און דאַן זיי אָפענער בריף צו זיינע וועהלער, אין וועלכען ער גיט אָן די גרונדען פאַר זיין צוריקציהען זיך, — דאָס זיינען געווען זאַכען פון אַ הויכען ווערט... נאָך מעהר, דאָקומענטען פון דער צייט.

אויף אַנאַ'ס געזיכט האָט אויף אַ ווייל זיך באַוויזען אַ לייכטער, כמעט שטאָלצער שמייכעל. זי האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען צו איהר טעלער און האָט זיי דאַן שנעל אויפגעהויבען צו געאָרג'ן. געאָרג האָט

אויך געשמייכעלט, ניט פיהלענדיג אין זיך קיין שפור פון אייפערזוכט. וויים בערטאָלד? געוויס. ליידט ער?... ווארשיינליך. וועט ער קענען פארצייהען אנא'ן? וואס איז דאָ פאראן צו פארצייהען! נאריש!

מען האָט אריינגעבראכט א געריכט פון שוואָמען, און היינריך האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען פון פרעגען, צי זיי זיינען אמאָל ניט גיפטיג. געאָרג האָט זיך צולאכט.

— לאכט ניט, — האָט געזאָגט היינריך. — ווען איך וואָלט גע־קלערט וועגען אומברענגען זיך, וואָלט איך פאר דעם ניט אויסגעקליבען ניט קיין גיפטיגע שוואָמען, ניט קיין פארדאָרבענע ווארשט, נאָר אָן איידעלערען און שנעלערען גיפט. מען קען זיין איבערצייגט מיט לעבען, אָבער קיינמאָל ניט מיט געזונט, אפילו אין דער לעצטער פערטעל שעה פון דער עקזיסטענץ. אויסערדעם, אויסערדעם איז שרעק־קעדיגקייט די געזעצליכסטע, אָבער אויף א שענדליכען אופן פארליי־קענטע טאָכטער פון פארשטאנד. וואס רופט מען אָן שרעקעדיגקייט? דאָס איז די פעהיגקייט צו נעמען אין באטראכט אלע מעגליכקייטען, וואָס קומען ארויס פון א געוויסער האנדלונג, ווי די גוטע, אזוי אויך די שלעכטע. און וואָס איז מוט? איך מיין, נאטירליך, דעם אמת'ן, וואָס קומט ארויס זעלטענער, ווי מען דענקט? וועגען דעם אפעק־טירטען, אָדער באפוילענעם, אָדער סוגעסטירטען מוט איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידען. דער אמת'ער מוט שטעלט פאָר מיט זיך ניט קיין אנדער זאך, ווי נאָר אן אויסדרוק, אזוי צו זאָגען, פון דער מעטאפי־זישער איבערצייגונג אין דער אייגענער איבערפליסיגקייט.

„דו איד", האָט געאָרג געטראכט אָהן קיין פיינדליכען געפיהל. און דאן: „אפשר איז ער גאָר ניט אזוי אומגערעכט".

דאָס ביער איז געווען אזוי געשמאַק, אז מען האָט געשיקט מאריע'ן אין גאסטהויז נאָך א צווייטען קרוג. אנא האָט ניט געטרונקען. אלע זיינען געקומען אין א גוטע שטימונג. געאָרג האָט ווידער דערצעהלט פון זיין רייזע: וועגען די זוניגע טעג אין לוגאנאָ, וועגען דעם אי־בערפאָהר דורך דעם מיט שניי באדעקטען ברענער, וועגען דער וואנ־דערונג דורך די דעכערלאָזע שטאָדט, וואָס איז ארויסגעקומען אין ליכט נאָך א צווייטוויזענדיעהריגער נאכט; ער האָט ווידער דערמאָנט, ווי זיי ביידע, ער און אנא, זיינען געווען דערביי, ווען ארבייטער האָבען

מיט מיה און פּאַרזיכטיגקייט אַרויסגעגראָבען אַ סטאַטוע פון אַש. היינריך האָט נאָך איטאַליען ניט געזעהן. ער האָט זיך אַהין געקליבען פאַהרען נעקסטען פריהלינג. ער האָט געזאָגט, אַז צייטענווייז מאַטערט איהם אַ בענקשאַפט, אויב ניט נאָך איטאַליען, איז נאָך דער פרעמד, נאָך ווייטע לענדער. אַמאָל, ווען ער פלעגט הערען רעדען וועגען רייזען, פלעגט זיין האַרץ נעמען קלאַפּען, ווי ביי אַ קינד, איידער עס ווערט געבאָרען. דעריבער דענקט ער, אַז איהם איז אפשר ניט באַשערט צו ענדיגען זיין לעבען אין דער היים. עס קען אָבער אויך זיין, אַז נאָך יאָהרענלאַנגע וואַנדערונגען וועט ער זיך אומקערען צוריק צו ענדיגען פריעדליך דעם רעשט פון לעבען אין אַ קליינעם דאָרפישען הויז. ווער ווייס, — עס טרעפען דאָך אַזעלכע וואונדערליכע צופאַלען!

— צי איהם איז גאָר ניט פאָראויסבאַשטימט צו ענדיגען זיינע טעג גראַד אין דעם הויז, וואו ער איז איצט אַ גאַסט, און וואו ער פיהלט זיך איצט אַזוי גוט, ווי ער האָט שוין לאַנג ניט געפיהלט. אַנאַ האָט געדאַנקט, ווי זי וואָלט געוועז ווירטין ניט נאָר אין אָט דער ווילא, נאָר אין דער גאַנצער אונענדליך שטילער וועלט....

אין דער טונקעלקייט פון גאָרטען האָט זיך באַוויזען אַ מילד ליכט, פון די גראָזען און בלומען האָט זיך געהויבען אַ פייכטער און וואַרימער דופט. די לענגליכע לאָנקע, וואָס האָט זיך געצויגען ביז צום פּלויט, איז אַרויסגעשוואומען אין לבנה־ליכט, און די ווייסע באַנק אונטער דעם באַרענבוים האָט געשימערט, ווי פון זעהר ווייט. אַנאַ האָט געזאָגט היינריכ'ן עטליכע גוטע ווערטער וועגען די פערזען פון דעם אָפּערא טעקסט, וואָס געאָרג האָט איהר ניט לאַנג פאָרגעלעזען.

— יע, ריכטיג, — האָט באַמערקט געאָרג, פאַרלעגענדיג באַקוועם אַ פוס איבער אַ פוס און רויכערענדיג אַ ציגאַר. — האָט איהר אונז געבראַכט עפּעס נייעס?

היינריך האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— ניין, גאָרנישט.

— אַ שאָד, — האָט געזאָגט אַנאַ און האָט פאַרגעשלאָגען, אַז היינריך זאָל דערצעהלען אין אָרדנונג און אויספיהרליך דעם גאַנג פון דער האַנדלונג. זי האָט דאָס שוין לאַנג געוואָלט. פון געאָרג'ס ווערטער האָט זי ניט געקענט באַקומען קיין קלאָרע פאַרשטעלונג.

זיי האָבען זיך דורכגעוואָרפען מיט אַ בליק. פאַר זיי איז אויפ־

געשטאַנען יענע טונקעלע, זיסע שעה, ווען זיי האָבן געדוהט ברוסט אויף ברוסט אין טונקעלען צימער; פאַר די פענסטער האָט אַ וועלענ־אַרטיגער שניי פאַרהאַנג פאַרדעקט די גרויע קירך, און פאַרשטיקטע אָרגעל קלאַנגען האָבן זיך אַריינגעריסען אין צימער. יע, איצט האָבען זיי געוואוסט, וואו דאָס הויז איז געשטאַנען, און וועלכען זייער קינד האָט געדאַרפט געבאָרען ווערען! אויך אַן אַנדער הויז, האָט געאַרג געקלערט, שטעהט שוין אפשר ערגעץ וואו, און וועלכען דאָס קינד, וואָס איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען, וועט ענדיגען זיין לעבען, ער־וואַקסען, אָדער אַלט, אָדער... אַך, וואָס פאַר געדאַנקען... אַוועק, אַוועק...

היינריך האָט ערקלערט, אַז ער איז גרייט צו ערפילען אַנאַ'ס פאַר־לאַנג, און איז אויפגעשטאַנען פון אָרט.

— דאָס וועט אפשר זיין ניצליך פאַר מיר אַליין, — האָט ער געזאָגט, ווי ענטשולדיגענדיג זיך. — איך וועל זיך דערווייל אַליין אין אַלץ פאַנאַנדערקלייבען.

— גיט אָבער אכטונג, איהר זאָלט פלוצלונג ניט אַריינפאַלען אין אייער פּאָליטישע טראַגיקאָמעדיע, — האָט געזאָגט געאָרג. און ווענ־דענדיג זיך צו אַנאַ'ן, האָט ער ערקלערט: — ער שרייבט איצט אַ פּיעסע, וואו דער הויפט העלד, אַ נאַציאָנאַליסטישער סטודענט, פאַר־סמ'ט זיך מיט שוואָמען, פון פאַרצווייפלונג איבער דער עמאַנציפּאַציאָן פון אידען.

היינריך האָט אָפּגעשלאָגען:

— איין גלאָז ביער ווייניגער, און איהר וואָלט דעם וויץ ניט געזאָגט.

— קנאה, — האָט געאָרג געענטפערט. ער איז געווען אין אַן אומגעוועהנליך גוטער שטימונג, ווייל ער האָט פעסט באַשלאָסען אי־בערמאָרגען אַוועקצופאָהרען. ער איז געזעסען גאָר נאָהנט צו אַנאַ'ן, האָט געהאַלטען איהר האַנט אין זיינער און האָט זיך צוגעהערט, ווי אין זיין נשמה האָבען געקלונגען אומקלאָרע מעלאָדיען פון צו־קונפטיגע ווערק.

היינריך האָט זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט אין גאָרטען פאַר דער ווע־ראַנדאַ, זיך איבערגעבויגען איבער'ן פאַרענטש, גענומען זיין מאַנטעל פון שטול און האָט איהם ראָמאַנטיש אָנגעטאָן אויף זיך.

— איך הויב אָן, — האָט ער געזאָגט. — ערשטער אקט.

— צוערשט די אואווערטור אין דע־מאָל, — האָט געאָרג איהם אונטערבראָכען. ער האָט דורכגעפייפט א פייערליכע מעלאָדיע, איינגאנצען עטליכע טענער, און האָט געענדיגט: — און אזוי ווייטער.

— דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף, — האָט געזאָגט היינריך. — א פעסט אין קעניגליכען גאָרטען. נאכט. אויף מאָרגען דארף די פרינצעסין חתונה האָבען מיט דעם הערצאָג העליאדאר, פאָרלויפיג רוף איך איהם העליאדאר, ער וועט ווארשיינליך אנדערש הייסען. דער קעניג פארגעטערט זיין טאָכטער און קען ניט פארטראָגען העליאדאר'ן, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך א נאר, וואָס ווערט משוגע פאר קייזערליכע גרויסקייט. אויפ'ן פעסט, וואָס דער קעניג האָט געמאכט הויפטזעכליך צו ערגערען העליאדאר'ן, זיינען פאררופען ניט נאָר דער גאנצער אדעל פון לאנד, נאָר אויך די יוגענד פון אלע שטאנדען, אויף וויפיעל זייער שעהנקייט גיט זיי אויף דעם א רעכט. און די פרינצעסין מעג דעם אָווענט טאנצען מיט יעדען איינעם, וואָס געפעלט איהר. זי שיינט צו זיין באזונדערס באצויבערט פון איינעם עגידיוס. מעהר פון אלעמען פרעהט דאָס דעם קעניג. העליאדאר'ס אייפערזוכט. דעם קעניגס פארגניגען שטייגט. ערקלערונגען צווישען העליאדאר'ן און דעם קעניג. שפאָט, פיינדשאפט. פלוצלונג געשעהט עפעס אומערווארטעס. עגידיוס הויבט אויף אויפ'ן קעניג א קינזשאל; ער וויל איהם טויטען. אָט דער מאָרד־פארזוך וואָלט געדארפט, נאטירליך, זיין זעהר גרינדליך מאָטיווירט, ווען איהר, געאָרג, וואָלט ניט געווען אזוי גוט און ניט איבערגעגעבען די געשיכטע אין מוזיק. דעריבער וועט דאָ זיין גענוג אָנצודייטען, אז דער יונגער מאן האסט טיראנען און איז א מיטגליד פון א געהיימער געזעלשאפט; ער איז אפשר א משוגע'נער אָדער אויף זיין ארט א העלד, דאָס אייגענטליך וויים איך נאָך ניט. דער פערזוך פאלט דורך. מען ארעסטירט עגידיוס'ן. דער קעניג וויל בלייבען מיט איהם אליין. דועט. דער יונגער מאן איז שטאָלץ, רוהיג, גרוים, דער קעניג איז איבערלעגען, גרויזאם, אומערגרינדליך. אזוי אומגעפעהר שטעל איך מיר איהם פאָר: ער האָט שוין א סך מענשען געשיקט צום טויט, האָט געזעהן א סך שטארבען; אָבערביי זיין אומגעהויערער אינערליכער קלאָרקייט האָט איהם אויסגעוויזען, אז אלע מענשען געהען איבער אין אן אנדער וועלט אין א האלב באוואוסט־

זיניגען צושטאַנד, איז אַזאַ איבערגאַנג פאַר זיי ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דאָס איבערגעהן פון דעמערונג אין פינסטערניש. אין דעם איצטיגען פאַל האָט אַזאַ סוף איהם אויסגעוויזען צו מילד אָדער צו באַנאַל. אָט דעם יונגען מאַן האָט דער קעניג געוואָלט אַראָפּוואַרפען אין די שרעקליכסטע פינסטערניש פון אַזאַ טאָג, וואָס קיין שטערב־ליכער האָט נאָך ניט געהאַט. אָט דאָס געהט איהם דורך אין געדאַנק. צי ער זאָגט אַרויס אָדער זאָגט אַ סך פון דעם, ווייס איך נאַטירליך ניט. עגידיוס'ן, נאָך אַלעמענס מיינונג אַ פאַראורטיילטען צום טויט, פיהרט מען אַוועק, און דערצו נאָך אויף דאָסזעלביגע שיף, אויף וועל־כען העליאָדאָר און די פּרינצעסין דאַרפען אין אַוועגט אָנהויבען זייער רייזע. דער פאָרהאַנג פאַלט. דער צווייטער אַקט קומט פאָר אויפ'ן דעק פון שיף. דאָס שיף איז אין פולען גאַנג. אַ כאָר. איינצעלנע פיגורען טיילען זיך אויס. זייער ראָל ווערט קלאָר ערשט שפּעטער. מאָרגענרויט. עגידיוס'ן פיהרט מען אַרויס פון געפענגניס, — ווי ער מוז, פאַרשטעהט זיך, מיינען, — צו דער הינריכטונג. עס קומט אָבער אַרויס אַנדערש. זיינע קייטען פאַלען אַראָפּ, און אַלע נייגען זיך פאַר איהם, ווי פאַר אַ פירשט. די זון געהט אויף. עגידיוס באַמערקט, אַז ער געפינט זיך אין דער בעסטער געזעלשאַפט. שעהנע פרויען, אַדעליגע. אַ ווייזער, אַ זינגער און אַ נאַר זיינען באַשטימט פאַר וויכטיגע ראָלען. פון דעם פרויען־כאָר טרעט אַרויס ניט קיין אַנדערע, ווי די פּרינצעסין אַליין, וואָס געהערט עגידיוס'ן, ווי אַלץ אויפ'ן שיף.

— אַ פרייגיביגער פאָטער און קעניג, — האָט געזאָגט געאָרג.

— צוליעב אַ גייסטרייכען איינפאַל איז קיין זאַך איהם ניט צו טייער, — האָט היינריך ערקלערט, — דאָס איז שוין זיין נאַטור. אַ הערליכער דועט צווישען עגידיוס'ן און דער פּרינצעסין, דאַן זעצט מען זיך צום טיש. נאָכ'ן עסען טאַנצט מען. אַ געהויבענע שטימונג. עגידיוס, פאַרשטעהט זיך, מוז מיינען, אַז ער איז געראַטעוועט. ער וואונ־דערט זיך ניט זעהר, ווייל זיין האַס צום קעניג איז אַלעמאָל געווען צו־נויפגעמישט מיט באַוואונדערונג. דער אָוועגט קומט אָן. פּלוצלונג ערשיינט אַ פרעמדער לעבען עגידיוס'ן. קען זיין, אַז ער איז שוין לאַנג דאָ געווען. איינער צווישען אַ סך, אומבאַמערקט, שטום. ער דאַרף זאָגען עגידיוס'ן אַ פּאָר ווערטער. דער פעסט און די טענץ געהען דערוויל אָן. עגידיוס און דער פרעמדער. „דאָס אַלץ איז אייערס,—

זאָגט דער פרעמדער. — איהר קענט טאָן מיט אַלץ וואָס איהר ווילט, אומברייגגען, שוינען, ווי איך וועט איינפאַלען. אָבער מאָרגען... אָדער אין צוויי טעג ארום, אָדער אין א וואָך, אין א יאָהר, אין צעהן, אָדער נאָך שפּעטער וועט דאָס שיף אָנקומען צו אַן אינזעל, און ביים ברעג, אויף א פעלז שטעהט דאָרט א מאַרמאָרנער פּאַלאַץ. און דאָרט וואַרט אויף אייך דער טויט! אייער מערדער איז מיט אייך אויפ'ן שיף. אָבער נאָר דער, וואָס איז באַשטימט צו זיין אייער מערדער, ווייס וועגען דעם. קיין אַנדערער ווייס פון דעם ניט. און בכלל פאַרדעכטיגט נאָר קיין אַנדערער ניט דאָ אויפ'ן שיף, אַז איהר זייט פאַראורטיילט צום טויט. האַלט דאָס בסוד. ווייל אויב איהר וועט אויף וואָסערען ניט איז אופן ארויסווייזען, אַז איהר אַליין ווייסט וועגען אייער שיקזאַל, וועט איהר באַלד געטויט ווערען".

היינריך האָט די ווערטער ארויסגערעדט מיט אפעקטירטען פּאַטאָס, ווי צו פאַרבאָרגען זיין פאַרלעגענהייט. ער האָט ווייטער גערעדט אין אַן איינפאַכערען טאָן:

„דער פרעמדער פאַרשווינדט. איך וועל איהם אפשר ארויסזעצען אויפ'ן ברעג צוזאַמען מיט צוויי שווייגענדיגע באַגלייטער. עגידיוס בלייבט צווישען הונדערטער מענער און פרויען, איינער פון וועלכע דאַרף זיין זיין מערדער. ווער? דער ווייזער? דער נאַר? דער אסטראָלאָג? איינער פון די, וואָס באַהאַלטען זיך אין דער פינסטער? וואָס גנב'ענען זיך דאָרט ביים פאַרענטש? איינע פון די טענצערינס? די פּרינצעסין אַליין? זי טרעט ווידער צו צו איהם, זי איז זעהר צערטליך, אפילו ליידענשאַפטליך. איז זי פאַלש? איז זי א מערדערין? ליעבט זי? ווייס זי? יעדענפאַלס איז זי זיינע. דאָס אַלץ איז נאָך היינט זיינס. נאַכט אויפ'ן ים. שרעק. גליק. דאָס שיף שווימט לאַנגזאַם ווייטער, צו יענעם ברעג, וואָס איז אָפּגעטיילט דורך א נעבעל פון שעה'ן אָדער יאָהרען. די פּרינצעסין רוהט ביי זיינע פיס. עגידיוס שטאַרט אין די נאַכט און וואַרט".

היינריך האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט אַליין געוועזן אויפגערעגט. אין געאָרג'ן האָבען געקלונגען מעלאָדיען. ער האָט געהערט די מוזיק פון דער סצענע, ווען דער אומבאַקאַנטער פאַרשווינדט צוזאַמען מיט די צוויי באַגלייטער, און ווי דער רויש פון פעסט דערגרייכט ביסלעכווייז דעם פאָדערגרונד פון דער ביהנע. ניט נאָר אין

אַ מעלאָדיע, נאָר אין דער גאַנצער פולקייט פון אינסטרומענטירונג האָט אָט די סצענע געקלונגען אין איהם. האָבען זיך ניט געהערט פלייטען, אָבאָען, קלאַרנעטען? האָבען ניט געזונגען טשעלאָס און פידלען? האָט זיך ניט געהערט אַ לייכט פויקען אין ווינקעל פון אָרקעסטער? ער האָט ניט ווילענדיג אויפגעהויבען די רעכטע האַנט, ווי דיריזשי־רענדיג.

— און דער דריטער אַקט? — האָט געפרעגט אַנאַ, ווייל היינריך האָט נאָך אַלץ געשוויגען.

— דער דריטער אַקט, — האָט ווידערהאָלט היינריך אין אַ פאַר־שטיקטער שטים, — דער דריטער וועט פאַרקומען וואַרשיינליך אין דעם שלאָס צווישען פעלזען. ער וואָלט זיך געדאַרפט אָנהויבען פון אַ געשפּרעך צווישען דעם קעניג און דעם אומבאַקאַנטען. אָדער פון אַ כאָר. ניין, אויף אומבאַוואוינטע אינזלען זיינען ניטאָ קיין כאָרען. יעדענפאַלס איז דאָרט פאַראַן דער קעניג, און דאָס שיף שווימט צו. איבריגענס, פאַרוואָס זאָל דער אינזעל זיין אומבאַוואוינט?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— ווייטער, — האָט געאָרג געזאָגט אומגעדולדיג.

היינריך האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפ'ן פאַרענטש פון דער וועראַנדאַ.

— איהר ווייסט, וואָס איך וואָלט אייך געזאָגט? דאָס איז קיין אָפּערא ניט...

— וואָס מיינט איהר?...

— עס איז דאָך פאַראַן אַן אורזאַך, פאַרוואָס איך בין געבליבען שטעהן אויף דעם אָרט און קען ווייטער ניט געהן. דאָס איז וואַר־שיינליך אַ טראַגעדיע. אָבער איך האָב ניט קיין מוט זי אָנצושרייבען. איהר ווייסט, וואָס מען האָט אייגענטליך געדאַרפט איבערגעבען? די אויסערליכע ענדערונג אין עגידיוס'ן. דאָס איז, ווייזט אויס, דאָס שווערסטע און שעהנסטע אין סוזשעט. מאַכען פון דעם אַן אָפּערא, הייסט אויסמיידען די שווערקייט.

ער איז אַנשוויגען געוואָרען.

— אָבער יעדענפאַלס, — האָט אַנאַ געזאָגט, — דאַרפט איהר אונז דערצעהלען דעם סוף, ווי איהר האָט איהם געפּלאַנט פאַר דער אָפּערא. איך בין זעהר געשפּאַנט.

היינריך האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען און האָט מיד גע־ענטפערט:

— נו, דאָס שיף קומט צום ברעג. עגידיוס נעהט אַרויס, מען וויל איהם אַריינוואַרפען אין ים.

— ווער? — האָט געפרעגט אַנאַ.

— איך ווייס ניט, — האָט היינריך געענטפערט לײדענד. — פון דעם אָרט אָן ווייס איך בכלל גאָרנישט.

— איך האָב געמיינט, אַז די פרינצעסין וועט זיין די, וואָס וועט... — האָט געזאָגט אַנאַ און האָט אין דער לופט געמאַכט אַ טויט אַנזאָגענדע באַוועגונג.

היינריך האָט מילד געשמייכעלט.

— איך האָב, נאַטירליך, אויך אַזוי געמיינט, אָבער... — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט פּלוצלונג גענומען קוקען געשפּאַנט צום נאַכטיגען הימעל.

— אין ערשטען פּלאַן, — האָט געאָרג באַמערקט אומצופרידען, — האָט דער סוף געזאָלט באַשטעהן אין אַ מין באַגנאַדיגונג. אָבער אַזאַ סוף טויג, נאַטירליך, נאָר פאַר אַן אָפּערא. איצט אָבער דאַרף מען, פאַרשטעהט זיך, אייער עגידיוס׳ן, ווי אַ העלד פון אַ טראַגעדיע, אַריינוואַרפען אין ים.

היינריך האָט געהיימניספול אויפגעהויבען זיין אָנווייזענדען פינ־גער, און זיינע געזיכטסצוגען זיינען ווידער באַלעבט געוואָרען:

— מיר דוכט, אַז מיר איז עפּעס אַנדערש געקומען אין קאָפּ. אָבער איך בעט אייך, לאָמיר וועגען דעם איצט ניט ריידען. עס איז אפשר גוט, וואָס איך האָב דערצעהלט דעם אָנהויב.

— אָבער אויב איהר מיינט, אַז איך וועל אייך שרייבען אַנטראַקט מוזיק, האָט איהר אַ טעות, — האָט געזאָגט געאָרג.

היינריך האָט געשמייכעלט מיט דעם גלייכגילטיגען געפיהל פון זיין שולד, און די גוטע שטימונג איז פאַרשוואונדען. אַנאַ האָט מיט אומצופרידענהייט דערפיהלט, אַז פון דעם גאַנצען פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרען. געאָרג האָט אַליין ניט געוואוסט, צי זאָל ער זיין בייז, וואָס נאָך איין האָפנונג איז פאַרשוואונדען, אָדער ער זאָל זיך פרעהען, וואָס ער האָט זיך באַפרייט עפּעס פון אַ פליכט. און היינריכ׳ן האָט אויס־געוויזען, ווי זיינע אייגענע בילדער וואָלטען אוועקגעגאַנגען פון איהם

אין אומאָרדנונג, מיט שפּאַט, ניט זעגנענדיג זיך, ניט צוזאָגנענדיג, אַז זיי וועלען זיך אומקערען. ער האָט זיך געפיהלט איינזאַם, פאַרלאָזען אין אַ טרויעריגען גאָרטען, אין דער געזעלשאַפט פון אַ ליעבליכען אַלטען באַקאַנטען און אַ יונגער דאַמע, וואָס איז איהם גאָרניט אָנגע־גאַנגען. און פּלוצלונג האָט זיך איהם דערמאָנט אַ יונגע פרוי, וואָס איז גראַד איצט געפאָהרען אַנטקעגען די טונקעלע בערג אין אַ שוואַך באַלויכטענעם קופּע, מיט פאַרוויינטע אויגען און מורא האָבענדיג צו פאַרשפּעטיגען מאָרגען אין דער פריה צו דער פּראָבע. איצט האָט ער ווידער דערפיהלט: פון זינט דאָס האָט זיך געענדיגט, געהט אַלץ ביי איהם אַראָפּ באַרג. ער האָט מעהר גאָרנישט און קיינעם ניט געהאַט. די ליידען פון דער אומגליקליכער, אין פיין נעהאַסטער פרוי זיינען געווען אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. און ווער ווייס, אפשר וועט זי שוין מאָרגען שמייכלען מיט איהרע פאַרוויינטע אויגען צו אַן אַנדערען, מיט פיין און בענקשאַפט אין הארצען און דאָך מיט אַ נייער לעבענסלוס־טיגקייט אין בלוט.

אויף דער וועראַנדאַ האָט זיך באַוויזען פרוי גאַלאָווסקי, וואָס האָט זיך אָביסעל פאַרשפּעטיגט, אין אַ הוט און מיט אַ שירעם אין האַנט. זי האָט געבראַכט פון שטאָדט גרוסען פון טערעזאַ'ן, וואָס האָט, נאָך איהרע ווערטער, געוואָלט די טעג ווידער קומען צו אַנאַ'ן. געאָרג, אָנגעשפּאַרט אָן הילצערנעם פאַרענטש פון דער וועראַנדאַ, האָט זיך געווענדט צו פרוי גאַלאָווסקי מיט אַ געמאַכטער העפליכקייט, וואָס ער האָט איהר אַלעמאָל אַרויסגעוויזען:

— וועט איהר אפשר פאַרשלאָגען פרייליין טערעזאַ'ן אין אונזער נאָמען צו פאַרברייננגען דאָ עטליכע טעג? די מאַנסאַרדע אויבען איז גרייט פאַר איהר. איך וועל אוועקפאָהרען אויף אַ קורצע צייט אין די בערג, — האָט ער צוגעלעגט, ווי ער וואָלט ביז דאַן שטענדיג גע־וואוינט אין דעם קליינעם צימער אויבען.

פרוי גאַלאָווסקי האָט באַדאַנקט. געאָרג האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער און האָט געזאָגט, אַז עס איז צייט צו פאָהרען. דאַן האָבען ער און היינריך זיך געזעגענט. אַנאַ האָט ביידען באַגלייט ביז צו דער טיר פון גאָרטען, איז דאָרט געבליבען אַ ווײַלע שטעהן און האָט זיי נאָכגעקוקט, ביז זיי זיינען געווען אויף דער הויכקייט, וואו דער וועג פון די זומער לאַנקעס האָט זיך אָנגעהויבען.

דאָס קליינע שטעדטעל טיף אין טאָל איז געשוואומען אין לבנה שיין. די טונקעל געוואָרענע בערגלאַך האָבען אויסגעוויזען ווי דינע ווענט. דער וואַלד האָט געאָטעמט מיט פֿינסטערניש. אין דער ווייט האָבען געגלאַנצט טויזענדער פֿייערען פֿון דעם נאַכטיגען זומערדיגען לעבען, וואָס האָט איינגעהילט די שטאָדט. געאָרג און היינריך זיינען שווייגענדיג געגאַנגען איינער לעבען אַנדערען, און זייער אָפּגעפֿרעמדקייט איז אַלץ געוואַקסען. געאָרג האָט זיך דערמאָנט זייער שפּאַציר איבער פּראַטער פֿאַריגען הערבסט, ווען אַן אָפּענהערציגער געשפּרעך האָט זיי צום ערשטען מאָל דערנעהנטערט. נאָכדעם זיינען געווען נאָך אַ סך אַזעלכע אינטימע געשפּרעכען. אָבער זיינען זיי דען ניט צורטראָגען געוואָרען ווי פֿון אַ ווינט? געאָרג האָט נאָך אַלץ ניט געקענט שווייגענדיג געהן מיט היינריכ'ן אין דער פֿינסטער, ווי פֿריהער אַמאָל מיט גווידאָ'ן, און מיט לאַבינסקי'ן, און ער זאָל אינערליך ניט אַוועקגעהן פֿון איהם. דאָס שווייגען האָט איהם געדריקט. ער האָט גענומען רעדען וועגען דעם ערשטען, וואָס איהם איז געקומען אין קאָפּ, וועגען דעם אַלטען שטאַובער'ן, לויבענדיג זיין געוויסנהאַפטיגקייט און פֿילזייטיגקייט. היינריך האָט איהם ניט געליעבט, האָט איהם גערהאַלטען אַביסעל באַרוישט פֿון זיין אייגענער גוטסקייט, ווייזהייט און ליכטיגקייט. ער האָט אויך געהערט צו יענע אידען, וועמען היינריך האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגען: די זעלבסטצופֿרידענע. דער געשפּרעך איז איבערגעגאַנגען אויף דעם יונגען שטאַובער'ן, מיט וועמעס שוואַנקונגען צווישען פּאָליטיק און וויסענשאַפֿט היינריך האָט סימפּאַטיזירט. דאַן האָבען זיי גענומען ריידען וועגען דער צוזאַמענשטעלונג פֿון פּאַרלאַמענט, וועגען די צאַנקערייען צווישען די דייטשען און טשעכען, וועגען די אָנפֿאַלען פֿון די קלעריקאַלען אויף דעם מיניסטער פֿון אונטעררי‍כט. זיי האָבען גערעדט עפּעס מיט אַ געמאַכטער אָנגעשטרענגטקייט, ווי מען רעדט וועגען גאַנץ גלייכגילטיגע זאַכען. דאַן האָבען זיי אויפֿגענומען די פֿראַגע, צי דער מיניסטער קען נאָך בלייבען אין אַמט אָדער ניט, נאָך דער צווייפֿעלהאַפֿטער ראָל, וואָס ער האָט געשפּיעלט אין דער פֿראַגע וועגען ציוויל הייראַט, און ענדליך האָבען זיי אַפּילו ניט געוואוסט, ווער פֿון זיי איז געווען פֿאַר דעמיסיאָן און ווער דעגעגען. זיי זיינען געגאַנגען פֿאַרביי דעם בית עולם. איבער דער וואַנט האָבען זיך געהויבען צלמים און שטיינער, באַגאָסען מיט

לבנה שיין. דער וועג האָט גענומען אַראָפּלאָזען זיך צום שאָסע. זיי האָבען זיך געאיילט, ניט צו פאַרזאַמען די לעצטע פערד־באַהן, און שטעהענדיג אויף דער פּלאַטפאָרם, זיינען זיי שנעל געפאָהרען אין דער געבעלדיגער, שטיקענדיגער נאַכט צו דער שטאָדט. געאָרג האָט געזאָגט, אַז ער וויל מאַכען דעם ערשטען טייל פון זיין רייזע אויף אַ וועלאָסי־פּעד. איהם איז פּלוצלונג איינגעפאַלען צו פרעגען, צי היינריך וואָלט ניט מיטגעפאָהרען. היינריך האָט איינגעשטימט, און אין אַ פּאָר מינוט ארום האָבען זיי שוין מיט ענטוזיאַזם גערעדט וועגען דער רייזע. ביים שאַטענטויער זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען, האָבען געפונען די נאָהנטסטע קאַפע און האָבען מיט דער הילף פון ספּעציעלע קאַרטען, וואָס זיי האָבען געפונען אין אַ לעקסיקאָן, באַשטימט גענוי עטליכע ליניען אויפ'ן וועג. ווען זיי האָבען זיך געזעגענט, איז נאָך דער פּלאַן ניט געווען אינגאַנצען קלאָר, אָבער זיי האָבען שוין געוואוסט, אַז מאָרגען וועלען זיי אַרויספאָהרען און וועלען אין לאַמבאַך זיך זעצען אויף די וועלאָסיפּעדען.

געאָרג איז לאַנג אָפּגעשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער פון שלאָפ־צימער. ער האָט געקלערט וועגען אַנאַ'ן, מיט וועלכער ער וועט מאָרגען מוזען זיך זעגענען אויף עטליכע טעג, און האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי דרימעלט דאָרט אין דאָרף אין דער בלייכער פאַרטאָגינער שעה. אָבער ער האָט געהאַט דאָס זאָנדערבאַרע געפיהל, ווי אַט דאָס בילד וואָלט גאָר קיין צוזאַמענהאַנג ניט געהאַט מיט זיין שיקזאַל, נאָר וואָלט געהאַט אַ שיכות מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטען, וואָס ווייס נאָך אַליין ניט וועגען דעם.

און אַז אין אַט דער באַשעפעניש שלאָפט נאָך טיפער און גע־היימניספולער אַן אַנדער לעבען, זיין קינד, דאָס האָט ער גאָר ניט געקענט באַגרייפען. איצט, ווען די ניכטערקייט פון מאָרגען האָט איהם כמעט פיינליך אַרומגענומען, האָט די גאַנצע איבערלעבעניש איהם אויסגעוויזען ווייט און אומוואַרשיינליך, ווי קיינמאָל ניט. אַלץ העלער זיינען באַלויכטען געוואָרען די דעכער און טורעמס, אָבער די שטאָדט האָט נאָך אַלץ ניט ערוואַכט. די לופט איז געווען אינגאַנצען אומ־באַוועגליך. פון די בוימער פון פּאַרק האָט זיך ניט דערטראָגען דער קלענסטער ווינטעל, דער לייכטסטער דופט פון די אָפּגעבליהטע בייטען. און געאָרג איז געשטאַנען ביים פענסטער אָהן פרייד און אָהן פאַר־שטענדניס.

זיבעטער קאפיטעל.

געארג איז לאנגזאם ארויפגעקומען פון דער קאיוטע אויפ'ן דעק, איבער א שמאלער, מיט א טעפיך באדעקטער טרעפ, צווישען לאנגע קרומע שפיגלען. איינגעהילט אין א לאנגען טונקעל־גרינעם פלער, וואס האט זיך נאכגעשלעפט, איז ער ארומגעגאנגען הין און צוריק אויפ'ן לערען דעק אונטער דעם שטערענדיגען הימעל. ביים רודער, אומבאוועגליך ווי אלעמאל, איז געשטאנען לאבינסקי און געדרעהט דאס ראד און געקוקט אין אפענעם ים. „א מערקווירדיגע קאריערע! — האט געארג א קלער געטאן. — צוערשט א טויטער, דאן א מינים־טער, דאן א קליינער אינגעל מיט א מוה און איצט גאר א רודערער. ווען ער וואלט געוואוסט, אז איך בין אויך פאראן אויפ'ן שיף, וואלט ער מיך זיכער צוגערופען". — „היט זיך!" — האבען הינטער געארג'ן געזאגט צוויי באקאנטע יונגע מיידלאך, וואס האבען געוואוינט אין איין האטעל מיט איהם. ער איז שוין אבער געפלויגען אראפ, איינגעהילט אין פלער, און האט געהערט, ווי איבער זיין קאפ האבען גע־פאטשט מיט די פליגלען צוויי ווייסע מעווען. באלד נאכדעם איז ער שוין געזעסען אונטען אין סאלאן, ביי א טיש, וואס איז געווען אזוי לאנג, אז די מענשען, וואס זיינען געזעסען ביים צווייטען עק, האבען אויסגעוויזען גאר קליין. עפעס א הערר, וואס איז געזעסען לעבען איהם און איז געווען עהנליך צום אלטען גרילפארצער, האט בייז באמערקט: „אט דאס שיף פארשפעטיגט אלעמאל: מיר האבען שוין לאנג געדארפט זיין אין באסטאן". דא איז אויף געארג'ן אנגעפאלען א גרויסער שרעק. ווייל אויב ער וועט אראפגעהן און וועט ניט קענען ווייזען דריי פארטיטורען אין א גרינעם איינבאנד, וועט מען איהם באשולדיגען אין הויכפאררעט. אט דערפאר טאקי קוקט אויף איהם אזוי דער פרינץ, וואס איז אומגעפאהרען הין און צוריק אויפ'ן דעק אויף א וועלאסיפעד. און צו פארשטארקען נאך מעהר דעם פארדאכט, איז ער געזעסען ביים טיש אהן א ראק, ווען אלע מאנסבילען, ווי אלעמאל אויף שיפען, האבען געטראגען מונדירען פון גענעראלען, און די דאמען

—רויטע סאַמעטענע קליידער. „באַלד זיינען מיר אין אַמעריקאַ, — האָט געזאָגט אַ הייזעריגער סטיואַרד, וואָס האָט פאַרטיילט ספּאַרגע, —נאָך איין סטאַציאָן". — „די איבריגע קענען, נאַטירליך, רוהיג בלייבען אויף זייערע ערטער, — האָט געאָרג אַ קלער געטאָן, — זיי האָבען ניט וואָס צו טאָן, אָבער איך מוז גלייך שווימען אין טעאַטער". און אין דעם גרויסען שפּיגעל אַנטקעגען איהם האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט דער ברעג: אַלץ הייזער אָהן דעכער, וואָס האָבען זיך געהויבען ווי טע־ראַסען; און גאָר אויבען, אין אַ ווייסען קיאָסק מיט אַ דורכגעבראָ־כענעם קופּעל, האָט אומגעדולדיג געוואַרט דער אָרקעסטער. דער גלאָק אויפ'ן דעק האָט גענומען קלינגען, און געאָרג מיט זיין גרינעם פלעד און צוויי סאַקוואַיאַזשען אין די הענט האָט זיך געשלעפּט ארויף די טרעפּ צום גאָרטען. אָבער ער איז געקומען ניט אין דעם ריכטיגען גאָרטען; דאָס איז גאָר געווען דער שטאָדט פּאַרק אין וויען. אויף אַ באַנק איז געזעסען פעליציאַן, לעבען איהם אַן אַלטע דאַמע אין אַ מאַנטילע. זי האָט צוגעלעגט די פינגער צו די ליפּען און האָט זעהר הויך אַ פייף געטאָן. און אין אַן אויסערגעוועהנליכער שטים האָט פעליציאַן גע־זאָגט: קעמעלבאַך — איבס". — „ניין, האָט געאָרג געטראַכט, — אַזאַ וואָרט וועט פעליציאַן ניט זאָגען..." האָט אויסגעריבען די אויגען און זיך אויפגעכאַפּט.

דער צוג האָט זיך גראַד אַ ריהר געטאָן נאָך אַן אָפּשטעל. פאַר דעם פאַרמאַכטען פענסטער אין קופּע האָבען געלויכטען צוויי רויטע לאַמטערנען. דאַן האָט זיך פאַרביגעטראָגען די שטילע שוואַרצע נאַכט. געאָרג האָט זיך פעסטער איינגעהילט אין זיין רייזע פלעד און האָט גענומען קוקען אין לאָמפּ אויבען, וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ גרינעם פאָרהאַנג. „ווי גוט דאָס איז, — האָט ער אַ קלער גע־טאָן,—וואָס איך בין אַליין אין קופּע; איך האָב דאָך וועניגסטענס פינף אָדער זעקס שעה אָפּגעשלאָפען פעסט. וואָס פאַר אַ זאָנדער־באַרער צומישטער חלום!" פריהער פון אַלץ האָט ער זיך דערמאָנט אָן די ווייסע מעווען. וואָס האָבען זיי געזאָלט באַדייטען? דאַן האָט ער אַ קלער געטאָן וועגען דער אַלטער אין דער מאַנטילע, וואָס איז איי־גענטליך ניט געווען קיין אַנדערע ווי פרוי אָבערבערגער. אָט וואָלט זי דאָס געווען געשמייכעלט. אָבער זי האָט דאָך ווירקליך אויסגעוויזען ווי אַן אַלטע, ווען ער האָט זי געזעהן מיט אַ פּאָר טעג צוריק אין דער

לאזשע פון קליינעם וויס־רויטען קאזינא טעאטער ביי רער זייט פון איהר גלענצענדען מאן. און לאבינסקי׳ן האט ער אויך געזעהן ווי א רודערער אין חלום, — ווי זאנדערבאר! איהם אבער האבען זיך אויך גע׳חלומ׳ט די מיידלאך אין די בלויע קליידער, וואס פלעגען אריינקוקען פון פארק אין פענסטער פון גאסט־צימער, ווען זיי פלעגען איהם הערען שפיעלען. וואס האט איהם אבער אזוי געשראקען אין דעם חלום? ניט די בלויע מיידלאך, ניט אפילו לאבינסקי און ניט דער פרינץ פון גוואסטאלא, וואס איז אויפ׳ן וועלאסיפעד געפאהרען איבער׳ן דעק. ניין. געשרעקט האט זיין אייגענע געשטאלט, ווען ער האט געזעהן די טויזענדארטיגע אפשפיגלונגען אין די קרומע שפיגלען אויףביידע זייטען.

ער האט גענומען ציטערען פון קעלט. דורך דעם לופטשפאלט אויבען איז אריינגעקומען אין קופע די קיהלע נאכט־לופט. די טיפע פינסטערניש דרויסען האט זיך ביסלעכווייז פארוואנדעלט אין א גרויע האלב טונקעלקייט, און פלוצלונג האבען אין געארג׳ס אויערען אפגעקלונגען די ווערטער, וואס די נידריגע פרויען שטים האט מיט עטליכע שעה צוריק ארויסגערעדט; זיי האבען ווידער געקלונגען שטיל און טרויעריג: „ווי שנעל דו וועסט מיך פארגעסען!...“ ער האט ניט געוואלט הערען די ווערטער, אדער האט געוואלט, זיי זאלען שוין ווערען א ווירקליכקייט; אין פארצווייפלונג האט ער זיך גענומען אנגעשטרענגט דערמאנען די איינצעלהייטען פון חלום. ווייזט אויס, דאס שיף, אויף וועלכען ער האט געמאכט זיין קאנצערט רייזע אין אמעריקא, איז געווען דאסזעלבע, וואס האט געפיהרט עגידיוס׳ן צו זיין פינסטערען שיקזאל. און דער קיאסק מיט דעם ארקעסטער איז דער זאל, וואו דער טויט האט געווארט אויף עגידיוס׳ן. ווי שעהן דער שטערענדיגער הימעל האט זיך געשפרייט איבער׳ן ים! די לופט איז געווען אזוי בלוי, די שטערען אזעלכע זילבערנע, ווי ער האט זיי נאך קיינמאל ניט געזעהן אויפ׳ן וואהר, אפילו אין דער נאכט, ווען ער איז געפאהרען מיט גריים פון פאלערמא אין נעאפאל. און ווידער האט זיך פלוצלונג אין דער פינסטער דערהערט די שטים פון דער געליעבטער פרוי: „ווי שנעל דו וועסט מיך פארגעסען!...“ און פלוצלונג האט ער זי דערזעהן אזא, ווי ער האט זי געזעהן מיט עטליכע שעה צוריק, מיט טונקעלע האר, וואס האבען זיך אװארפען איבער׳ן קישען א בלייכע און ענטבלויזטע.

ער האָט וועגען דעם ניט געוואָלט קלערען, האָט אַרויסגערופען פון די טיפען פון זיין זכרון אַנדערע בילדער און האָט זיך געמיהט אָפּצושטעלען אויף יעדערען פון זיי זיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געזעהן, ווי ער געהט מיט גריים אויפ׳ן בית עולם איבער דעם צוגעהענדען פעברואַר שניי; האָט געזעהן, ווי ער טראָגט זיך מיט מאַריאַנאַ׳ן ווינטער אין וואַלד איבער דעם פאַרשנייטען וועג; ער האָט זיך געזעהן מיט׳ן פאָטער אויף רינגשטראַסע שפּעט אין אָווענט; און ענדליך האָט זיך מיט אַ פייפעריי געדרעהט פאַר איהם אַ קאַרוסעל, זיסי מיט שמייכלענדע ליפּען און אויגען האָט זיך געשאָקעלט אויף אַ הילצערנעם ברוינעם פערד, עלזאַ איז ווי אַ דאַמע פון דער הויכער געזעלשאַפט גראַציעז געזעסען אין אַ רויטען וויעגעלע, און אַנאַ האָט געריטען אויף אַן אַראַבער פערד, מיד אָפּלאָזענדיג די לייצעס. אַנאַ! ווי יונג און גראַציעז זי איז דאַן געווען! איז דאָס דען געווען דיזעלביגע פרוי, וואָס ער וועט דערזעהן אין עטליכע שעה אַרום, און זיינען דען אינגאַנצען פאַרגאַנגען נאָר צעהן טעג, זינט זיי האָבען זיך געזעגענט? וועט ער דען ווידער דערזעהן אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען מיט צעהן טעג צוריק: דעם קליינעם בלויען ליימענעם מלאך׳ל צווישען די בייטען, דעם באַלקאָן מיט דעם הילצערנעם פראָנטאָן, דעם שטילען גאָרטען מיט די בוימלאַך פון פלידער און וויינפערלאַך? דאָס האָט איהם אויסגעוויזען ווי אומבאַגרייפליך. „זי וועט אויף מיר וואַרטען אויף דער ווייסער באַנק, אונטער דעם באַרענבוים, — האָט ער געקלערט. — און איך וועל קושען איהרע הענט, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשעהן. „וואָס מאַכסטו, געאָרג? — וועט זי מיך פרעגען, — ביזט מיר ניט געווען אומטריי?“ ניין, זי וועט דאָס ניט פרעגען. זי שטעלט קיינמאָל ניט אַזעלכע פראַגען. אָבער אָהן פראַגען און אָהן ענטפערען וועט זי דערפיהלען, אַז איך בין געקומען צוריק ניט דער, וואָס איך בין אַוועקגעפאָהרען. ווען זי וואָלט דאָס אַליין דערפיהלט! ווען איך וואָלט ניט געדאַרפט זאָגען איהר ליגען!“ און ער האָט זיך דערמאָנט אָן די בריף, וואָס ער האָט איהר געשיקט פון לאַנדזוע, בריף, וואָס זיינען געווען פול מיט צערטליכקייט און בענקשאַפט; אָט די בריף זיינען געווען ליגען. און ער האָט געקלערט וועגען דעם, ווי מיט אַ קלאַפּענדיגען האַרצען, צולעגענדיג דעם אויער צו דער טיר, האָט ער געוואַרט, ביז אַלץ אין האָטעל וועט ווערען שטיל, ווי ער האָט זיך

געגנב'עט איבער'ן קאָרידאָר צו יענער, דער אַנדערער, וואָס איז גע־לעגען אַ בלייכע און ענטבלויזטע מיט אָפענע טונקעלע אויגען, ארומ־געוועהט מיט די דופטען און דעם בלוילינבען גלאַנץ פון איהרע האָר. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי איינמאָל ביינאַכט, ווי באַרויזשט פון לוסט און געוואַגטקייט, זיינען ער און זי ארויסגעגאַנגען אויפ'ן באַלקאָן, אונטער וועלכען דאָס וואסער האָט פאַרפיהרעריש גערוישט. ווען אויפ'ן לאַנדזונע וואָלט ווער געווען אין יענער פינסטערער שעה, וואָלט ער געזעהן, ווי ווייסע קערפּערס לויכטען אין דער נאַכט. געאָרג האָט ביי דער עראינערונג אַ ציטער געטאָן. „מיר זיינען דאַן משוגע גע־וואָרען, — האָט ער אַ קלער געטאָן. — ווי לייכט וואָלט דאָס געקענט געשעהן, אַז איך זאָל איצט ליגען זעקס פוס אונטער דער ערד מיט אַ קויל אין הארצען. אָבער די געפאַהר איז נאָך ניט פאַראיבער. אַלע־ווייסען דאָך. פריהער פון אַלץ האָט זיך דערוואוסט עלזא, כאָטש זי איז פון אוהאַף קיינמאָל ניט אַרונטערגעקומען אין דאָרף. איהר האָט געוויס דערצעהלט דזשיימס ווינער, וואָס האָט מיך געזעהן אין אָוועגט מיט דער אומבאַקאַנטער אויפ'ן בריק. וועט עלזא הייראַטען מיט איהם? איך פאַרשטעה, אַז ער געפעלט איהר, ער איז שעהן. דאָס אָפּגעטאָקט געזיכט, די קאַלטע גרויע אויגען, וואָס קוקען אַזוי קלוג און פעסט אויף די וועלט, — אַ יונגער ענגלענדער. און ווען ער וואָלט געוואוינט אין וויען, וואָלט פון איהם אפשר ארויסגעקומען אַן אָסקאַר עהרענבערג.“ און געאָרג האָט זיך דערמאָנט, וואָס עלזא האָט איהם דערצעהלט וועגען ברודער. אין סאַנאַטאָריום האָט ער געאָרג'ן אויסגעוויזען אַזוי רוהיג, גייסטיג רייף. און איצט אין אַסטענדע האָט ער, ווי מען האָט דערצעהלט, געפיהרט אַ צולאָזען לעבען, געשפּיעלט און פאַרקערט אין דער ערגסטער געזעלשאַפט, ווי ער וואָלט באַשלאָסען איינגאַנצען זיך אומצוברענגען. ווייזט דען הייב־ריכ'ן נאָך אַלץ אויס, אַז די געשיכטע איז טראַגיקאָמיש? פרוי עהרענ־בערג איז איינגאַנצען גרוי געוואָרען פון צרות, און עלזא האָט איינמאָל אין דער פריה אין פאַרק ביטער געוויינט פאַר געאָרג'ן. האָט זי גע־וויינט נאָר צוליעב אָסקאַר'ן?

הינטער'ן פענסטער פון קופּע איז ביסלעכווייז טאָג געוואָרען. געאָרג האָט געזעהן, ווי עס האָבען זיך געטראָגען און צוזאַמענגעפלאָכ־טען אין איילענדיגע וועלען די טעלעגראַף דראָטען, און האָט אַ קלער

געטאָן וועגן דעם, אז נעכטען בייטאָג זיינען איבער איין דראָט אזוי געפלויגען זיינע פאַלשע ווערטער: „איך קום מאָרגען אין דער פריה; איך בענק נאָך דיר; דיין געאָרג...״ פון דער טעלעגראַף סטאַציאָן איז ער באַלד אוועקגעגאַנגען צו דער פייערדיגער לעצטער אבשידס שעה מיט יענער אנדרערער. און ער האָט איצט ניט געקענט זיך פאָר־שטעלען, אז זי איז נאָך אַלץ געלעגען אין אָט דער שעה אין דעמזעלבען צימער מיט די פארמאַכטע לאַדען, געשלאָפען און געזעהן חלומות, אין דער צייט, ווען ער איז שוין אַ גאַנצע אייביגקייט געווען צושיידט מיט איהר. און היינט אָווענט וועט זי זיין אין דער היים, ביי מאַן און קינדער, איי דער היים — ווי ער אַליין. ער האָט געוואוסט, אז אזוי וועט זיין, און האָט דאָס ניט געקענט פאַרשטעהן. צום ערשטען מאָל אין לעבען איז ער געווען נאָהנט פון אָפּטאָן אַ זאַך, וואָס מענשען וואָלטען אָנגערופען משוגעת. נאָר איין וואָרט פון איהר, און ער וואָלט מיט איהר אוועקגעגאַנגען, וואָלט אַלץ געוואָרפען, פריינד, די געליעבטע, זיין ניט געבאָרען קינד. ער איז איצט אויך גרייט געווען דאָס צו טאָן. און ווען ער וואָלט אזוי געטאָן, וואָלט ער דען ניט געווען גערעכט? איז ער דען ניט געווען מעהר באַשאַפען פאַר אזעלכע אוואַנטורען, ווי פאַר אַ פריעדליכען פאַמיליען לעבען מיט שווערע פליכטען, וואָס ער האָט פאַר זיך אַליין אויסגעקליבען? איז עס דען ניט געווען גיכער זיין באַשטימונג צו לויפען איבער דער וועלט אומ־באַדענקט און געוואַגט, ווי צו זיצען פעסט ערגעץ אויף אַן אָרט מיט ווייב און קינד, מיט דער זאָרג וועגן טעגליכען ברויט, וועגען אַ קאַ־ריערע, און העכסטענס וועגען אַביסעל רוהם? אין אָט די טעג, נאָך וועלכע ער האָט זיך איצט אומגעקערט אהיים, האָט ער געפיהלט, אפשר צום ערשטען מאָל, אז ער לעבט. יעדער אויגענבליק איז געווען אזוי רייך און פול, ניט נאָר ווען ער איז געווען אין איהרע אָרעמס. ער איז מיט אַמאָל ווידער יונג געוואָרען. די נאַטור האָט זיך רייכער צו־בליהט, דער הימעל האָט זיך ברייטער צושפּרייט, די לופט, וואָס ער האָט באַרוישט איינגעאָטעמט, איז געווען געווירצטער און קרעפטיגער. מעלאָדיען האָבען אין איהם געקלונגען מיט מעהר קראַפט. האָט ער ווען קאָמפּאָנירט אַ שעהנערע ליעד, ווי יענע פרעהליך פאַרוויגענדע באַרקאַראָלאַ אָהן ווערטער? און געהיימניספול פון אומבאַקאַנטע טיפען איז פּלוצלונג ארויפגעקומען אָט די מעלאָדיע אויפ׳ן ברעג פון

לאנדזועע, אין אַ שעה אַרום נאָכדעם, ווי ער האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן אָט די וואונדערליכע פרוי. איצט וועט איהם שוין האַפּראַט ווילט מעהר ניט האַלטען פאַר אַ דילעטאַנט. פאַרוואָס אָבער האָט ער אַ קלער געטאָן גראָד וועגען איהם? האָבען דען איהם אַנדערע פאַרשטאַנען בעסער? האָט דען איהם ניט אויסגעוויזען אַמאָל, אַז אפילו היינריך, וואָס האָט פאַר איהם געוואָלט שרייבען אַ טעקסט פאַר אַן אָפּערא, איז אויך געווען צו איהם אומגערעכט? און ער האָט זיך דערמאָנט די ווערטער, וואָס היינריך האָט איהם געזאָגט, ווען זיי זיינען אין דער פריה געפאָהרען איבער דעם באַטויטען וואַלד פון לאַמבאַך אין גמונדען: „איהר דאַרפט גאָר ניט שאַפען, צו זיין דאָס, וואָס איהר זייט! איהר דאַרפט ניט די אַרבייט; נאָר די אַטמאָספער פון אייער קונסט...“ און נאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט אַן אָוועגט אין וואַלד-הויז אין אַלימזועע, וואו אַ דריי און זיבעציג יאָהריגער יעגער האָט גע-זונגען לוסטיגע ליעדלאַך, און היינריך האָט זיך געוואונדערט, ווי מען קען זיין פרעהליך אין אַזאַ עלטער, ווען אַ מענש דאַרף זיך שוין פיהלען אויפ׳ן שוועל פון קבר. דאַן האָבען זיי זיך געלעגט שלאָפען אין אַ גרויסען זאַל, וואו יעדעס וואָרט האָט הויך אָפּגעקלונגען, האָבען נאָך לאַנג פילאָסאָפירט וועגען לעבען און טויט און זיינען פּלוצלונג איינגע-שלאָפען. אין דער פריה, אונטער דער קיהלער זון פון די בערג, האָבען זיי זיך געזעגנט.

געאָרג איז נאָך אַלץ געלעגען, אומבאַוועגליך אויסגעשטרעקט, און האָט געקלערט, צי ער זאָל עפּעס דערצעהלען היינריכ׳ן וועגען זיין באַ-געגנים מיט דער אַקטריסע. ווי זי איז דאָס בלייך געוואָרען, ווען זי האָט איהם פּלוצלונג דערזעהן! זי האָט מיט אַ וואַנדערענדען בליק אויסגעהערט זיין ערצעהלונג וועגען זיין רייזע אויפ׳ן וועלאָסיפּעד צו-זאַמען מיט היינריכ׳ן; דאַן, אָהן קיין שום איבערגאַנג, האָט זי גענומען דערצעהלען וועגען איהר מוטער און וועגען דעם קליינעם ברודער, וואָס צייכענט אַזוי גוט. און די קאָלעגען האָבען די גאַנצע צייט אַרויסגע-קוקט פון דער טיר פון ביהנע, באַזונדערס איינער אין אַ יעגערשען הוט. אין דעמזעלבען אָוועגט האָט געאָרג זי געזעהן אויף דער ביהנע אין אַ פראַנצויזישען פאַרם און האָט געקלערט, אַז אָט די שעהנע פרוי, וואָס האָט זיך אַזוי אומגעצוואונגען געדרעהט איבער דער ביהנע פון דעם קליינעם זומער טעאַטער, האָט קוים געקענט פיהלען אַזאַ טיפע פאַר-

צווייפלונג, ווי הייגריך האָט זיך איינגערעדט. ניט נאָר איהם, נאָך אויך דזשיימס'ן און זיסי'ן איז זי זעהר געפעלען. וואָס פאַר א פרעהליכער אָווענט דאָס איז געווען! ווי אַנגענעם דאָס אָוונטברויט נאָכ'ן שפּיעלען איז געווען מיט דזשיימס'ן, זיסי'ן און פרוי וויינער און ווילי אייסלער! און אויף מאָרגען פריה דאָס פאָהרען אין דעם פיער־גע־שפּאַנטען עקיפּאַזש פון באַראָן לעווענשטיין, וואָס איז אַליין געווען קוטשער! ווענינער ווי אין א שעה זיינען זיי שוין געווען ביים לאַנד־זעע. דאָס שיפעל האָט זיך געטראָגען אין דער לענג פון ברעג אין שיין פון דער מאָרגען זון, און ביים רודער איז געזעסען די, וועמען ער האָט געליעבט, מיט א גרינעם, זיידענעם שאַל אויף די אַקסלען. ווי אַזוי איז דאָס געשעהן, אז אויך זיסי האָט גלייך דערפיהלט די באַציהונג צווישען זיי? און דאַן דער פרעהליכער דינער אויבען אין אוהאַף ביי די עהרענבערגס! געאָרג איז געזעסען צווישען עלזא'ן און זיסי'ן, און ווילי האָט אומאויפהערליך דערצעהלט אַנעקדאָטען. און דאַן, ניט צוזינופרעדענדיג זיך, נאָכ'ן מיטאָג, ווען די איבעריגע האָבען גערוהט, האָבען געאָרג און זיסי זיך באַגעגענט אין פּאַרק, אין וואַרימען דופט פון מאַך און טאַנענבוימער, און האָבען דאָרט פאַרבראַכט א וואונדער־ליכע שעה, וואָס איז פאַרשוואונדען לייכט ווי א טרוים, אָהן טרייהייטס שבועות און דעם שרעק פון באַפרידיגונג. „ווי איך וואָלט דאָס גע־וואָלט אויגענבליק פאַר אויגענבליק דערמאָנען און ווידער דורכפיהלען דעם גאָלדענעם טאָג. איך זעה אונז ביידען, זיסי'ן און זיך, ווי מיר געהען געאָרעמט צום טענים פּלאַץ איבער דער לאָנקע. מיר דוכט, איך האָב אפילו געשפּיעלט דאַן בעסער, ווי ווען עס איז פריהער. און איך זעה ווידער זיסי'ן, ווי זי ליגט אין שטרויענעם שטול מיט א ציגאַ־רעט צווישען די ליפּען, און דעם אַלטען באַראָן לעווענשטיין לעבען איהר; און איהרע בליקען טראָגען זיך פייערדיג צו ווילי'ן. אין יענער מינוט האָב איך שוין פאַר איהר ניט עקזיסטירט. און דער אָווענט! ווען נאָכ'ן זון אונטערגאַנג זיינען מיר מיט דזשיימס'ן און ווילי אייס־לער'ן ארויסגעקומען אויפ'ן לאַנדזעע, ווי דאָס וואַרימע וואַסער האָט אונז געצערטעלט. וואָס פאַר א גליק. און דאַן די נאַכט... די נאַכט..."

דער צוג האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. עס איז שוין געוואָרען גאַנץ ליכטיג, אָבער געאָרג איז געבליבען ליגען אומבאַוועגליך. ער

האָט געהערט, ווי מען האָט אויסגעשריען דעם נאָמען פון דער סטאַציאָן, האָט געהערט די שטימען פון די לאַקעיען, קאָנדוקטאָרען, פּאַסאַזשירען, האָט געהערט די טריט אויף דער פּלאַטפאָרם, אַלערליי סיגנאַלען, און האָט געוואוסט, אַז אין אַ שעה אַרום וועט ער זיין אין וויען.

ווען אַנאַ זאָל זיך דערוויסען אַלץ, ווי היינריך האָט זיך פאַריגען ווינטער דערוואוסט וועגען זיין געליעבטער! ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז אַנאַ זאָל איבער דעם ווערען פאַרצווייפעלט, אפילו ווען זי זאָל אַלץ גלויבען. זי וועט אפשר וויינען, אָבער געוויס שטילערהייט, פאַר זיך אַליין. ער האָט פעסט באַשלאָסען ניט אויפצווועקען אין איהר דעם מינדסטען פאַרדאַכט. דאָס איז דאָך אפילו זיין פליכט. וואָס איז איצט וויכטיגער פאַר אַלץ? נאָר דאָס, אַז אַנאַ זאָל פאַרברענגען די לעצטע וואָכען רוהיג, אָהן אויפרעגונג, און אויף דער וועלט זאָל געבאָרען ווערען אַ געזונט קינד. נאָר דאָס. דאָס האָט איהם שוין לאַנג געזאָגט דאָקטאָר שטאָובער... ווי נאָהנט די שעה איז געווען! „אַ קינד...“—האָט ער ווידער געקלערט,—אָבער אויסער אָט דעם וואָרט האָט ער וועגען קיין זאַך ניט געקענט קלערען. ער האָט ענדליך געפּרואווט זיך פאָרשטעלען אַ לעבעדיגע קליינע באַשעפעניש. אָבער ווי אַ שפּאָט איבער איהם, האָבען זיך איהם פאָרגעשטעלט אַלץ קליינע קינדער, וואָס זיינען ווי פון אַ בילדערבוך ארויסגענומען,—געצייכענט בורלעסק און אין צו שרייענדיגע פאַרבען. „וואו וועט עס פאַרברענגען זיינע ערשטע יאָהרען? — האָט ער אַ קלער געטאָן. — ביי בויערען אויפ׳ן לאַנד, אין אַ הויז מיט אַ קליינעם גאָרטען. אָבער איין שעהנעם טאָג וועלען מיר נאָך איהם קומען און נעמען עס צו זיך אין הויז. אַנדערש קען דאָך ניט זיין... קומט אָן אַ בריף: „אייער הויכוואוילגעבאָרען“, איך האָב די עהרע מיטצוטיילען, אַז דאָס קינד איז ערנסט קראַנק...“ אדער אפילו... צו וואָס קלערען וועגען אַזעלכע זאַכען? ווען מיר לאָזען עס אפילו איבער ביי זיך, וואָלט עס דאָך אויך געקענט קראַנק ווערען און שטאַרבען. יעדענפאַלס דאַרף מען עס אָפּגעבען צו זעהר פאַרלעסליכע מענשען. איך וועל דאָס אַליין באַזאָרגען“.

איהם האָט אויסגעוויזען, ווי פאַר איהם וואָלטען אויפגעשטאַנען נייע אויפגאַבען, צו וועלכע ער איז אינערליך ניט דערוואַקסען. די

גאַנצע געשיכטע האָט זיך פאַר איהם ווי פון דאָס ניי אָנגעהויבען. ער האָט זיך אומגעקערט פון א וועלט, וואו ער האָט וועגען די אַלע זאַכען נים געדאַרפט קלערען, וואו אַנדערע געזעצען האָבען געווירקט, ניט די, וועלכע ער האָט איצט געמוזט פאָלגען. און עס האָט אויסגעוויזען, ווי אַלע אנדערע וואָלטען איהם דערפיהלט, אז ער איז ניט אזוי ווי זיי; ווי זיי אַלע וואָלטען דורכגעדרונגען געוואָרען פון א געפיהל פון אכטונג, פון עהרפורכט פאַר דער מאַכט און הייליגקייט פון א גרויסער ליידענ־שאַפט, וואָס זיי האָבען דערפיהלט לעבען זיך. ער האָט זיך דערמאָנט אָן איין אָוועגט, ווען די געסט פון האָטעל זיינען איינער נאָכ'ן אַנדערען פאַרשוואונדען פון קלאַווירצימער, ווי זיי וואָלטען געהאַלטען פאַר זייער פליכט צו לאָזען איהם אַליין מיט איהר. ער האָט זיך געזעצט צום קלאַוויר און גענומען פאַנטאַזירען. זי איז געבליבען זיצען אין א גרויסען פאָטעל אין האַלב טונקעלען ווינקעל. צוערשט האָט ער נאָך געזעהן איהר שמייכעל, דאַן נאָר דעם טונקעלען גלאַנץ פון איהרע אויגען, דאַן נאָר די קאָנטורען פון איהר פיגור און דאַן האָט ער בכלל ניט געזעהן מעהר גאָרניט. אָבער די גאַנצע צייט האָט ער געוואוסט, אז זי איז דאָ. אויפ'ן אנדערען ברעג האָבען אויפגעשיינט פייערלאָך. צוויי מיידלאָך אין בלויע קליידער האָבען אריינגעקוקט אין פענסטער און זיינען באַלד ווידער פאַרשוואונדען. ער האָט ענדליך אויפגעהערט שפּיעלען און איז שווייגענדיג געזעסען ביים קלאַוויר. דאַן איז זי לאַנגזאַם, ווי א שאָטען, ארויס פון איהר ווינקעל, איז צוגעקומען צו איהם און האָט געלעגט איהרע הענט איהם אויפ'ן קאָפּ. ווי אומגע־וועהנליך שעהן דאָס איז געוועזן! און ווידער האָט זיך איהם דערמאָנט אַלץ, וואָס איז געשעהן: ווי זיי האָבען גערוהט אין שיפעל אויפ'ן לאַנדזעע, מיט אריינגעצויגענע רודערען, און ער האָט געלעגט זיין קאָפּ אין איהר שויס; ווי זיי זיינען אויפ'ן אַנדערען ברעג געגאַנגען אויף דעם וואַלדיגען וועג צו דער באַנק אונטער א דעמב. דאָרט האָט ער איהר אַלץ דערצעהלט, ווי א פריינד, ניט באַהאַלטענדיג גאָרנישט. און זי האָט איהם פאַרשטאַנען אזוי, ווי קיין אַנדערע האָט איהם קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען. אפשר איז זי טאַקי די, וואָס ער האָט שוין לאַנג געזוכט, — א געליעבטע און א לעבענסבאַגלייטערין, מיט אן ערנסטען קוק אויף די וועלט, און דאָך א געשאַפענע פאַר אַלע וואָהנזיניגקייטען, פאַר יעדען גליק. און נעכטיגער אָפּשיד... דער טונקעלער גלאַנץ פון

איהרע אויגען, דער בלויליך שווארצער שטראָם פון איהרע צואוואָר־פענע האָר, דער דופט פון איהר בלייכען, נאַקעטען לייב... איז דען מעגליך, אַז דאָס איז אויף אייביג געענדיגט און וועט קיינמאָל, קיינ־מאָל מעהר ניט קומען צוריק?...

אין אָהנמעכטיגער בענקשאַפט האָט געאָרג געקנייטשט דעם פּלעד צווישען די פינגער און האָט פאַרמאַכט די אויגען. ער האָט ניט גע־קוקט אויף די צאַרטע ליניען פון די בערג, וואָס האָבען זיך פאַרבייגע־טראָגען אין מאָרגען שיין, און מיהענדיג זיך צו דערפיהלען די לעצטע רעשטען פון גליק, האָט ער געטרוימט וועגען דעם טונקעלען גליק פון דער אפשידס שעה. אָבער געגען זיין ווילען האָט איהם אַרומגענומען א מידקייט נאָך דער אומרוהיגער נאַכט אין צוג, און פון די בילדער, וואָס ער האָט אַליין אַרויסגערופען, איז ער אַריינגעפאַלען אין א כאָאָס פון חלומות, איבער וועלכע ער האָט ניט געהאַט קיין מאַכט. ער איז געגאַנגען איבער׳ן וועג אין א זאָנדערבארער האַלב טונקעלקייט, וואָס האָט איהם אָנגעפילט מיט א שטילען טרויער. וואָס איז דאָס געווען? מאָרגען? אָוונט? אָדער א טריבער טאָג? אָדער דער געהיימ־ניספולער גלאַנץ פון א גרופּע שטערען איבער דער וועלט, וואָס האָט נאָך קיינעם אויסער איהם ניט געלויכט? פּלוצלונג האָט ער זיך דערזעהן אויף א גרויסער לאָנקע, איבער וועלכער היינריך בערמאַן איז אויפגערעגט אומגעלאָפען, פרעגענדיג: „איהר זוכט אויך דער דאַמעס שלאָס? איך וואַרט שוין לאַנג אויף אייך.“ זיי האָבען זיך אויפגע־הויבען אויף א געדרעהטער טרעפּ. געאָרג האָט נאָר געזעהן א ברעג פון מאַנטעל, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך היינריכ׳ן, וועלכער איז געגאַנגען פאָראויס. אויבען, אויף א ריזיגער טעראַסע, פון וואַנען מען האָט געזעהן די שטאָדט און דאָס לאַנדזעע, איז א גאַנצע געזעל־שאַפט געווען פאַרזאַמעלט. לעאָ האָט אָנגעהויבען זיין פאָרטראַג איבער מאָל־אַקאָרדען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווען געאָרג איז אַריינגעקומען, איז אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרם און האָט איהם פּער־זענליך צוגעפיהרט צו א פרייען שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבען אנאַ׳ס שטול אין דער ערשטער רייה. אנאַ האָט גליקליך געשמייכעלט, ווען געאָרג האָט זיך באַוויזען. זי איז געווען יונג און האָט געשטראַלט אין א הערליכען דעקאָלטירטען אָווענט טואַלעט. הינטער איהם איז געזעסען א קליינער אינגעל מיט בלאָנדע לאָקען, אין א מאַטראָזען

אנצוג מיט א ברייטען ווייסען קראגען, און אנא האט געזאָגט: „דאָס איז ער". געאָרג האָט איהר געמאכט א צייכען צו שווייגען, וויל דאָס האָט געזאָלט בלייבען א געהיימניס. אין דרעזעלבער צייט האָט לעאָ, צו אילוסטרירען זיין טעאָריע, גענומען שפּיעלען שאָפּען׳ס ציס־מאָל נאָקטורן, און הינטער איהם, ביים וואנט, א לאנגער, דארער און גוטמוטיגער, איז געשטאנען אָנגעשפּאַרט אָן וואנט דער אלטער בע־זענדאָרפער אין א געלען מאנטעל. אלע האָבען מיט טומעל גענומען פארלאָזען דעם קאָנצערט זאל. געאָרג האָט אנא׳ן אויף די אקסלען ארויפגעוואָרפען דעם טעאטער מאנטעל און האָט שטרענג א קוק געטאָן אויף די ארומיגע. דאן האָט ער זיך מיט איהר ארייגעזעצט אין אָן עקיפּאזש, האָט זי געקושט, געפיהלט זיך אין דער צייט זעהר גליקליך און געקלערט: „ווען דאָס וואָלט אלעמאָל געווען אזוי!" פּלוצלונג זיינען זיי געבליבען שטעהן פאר׳ן הויז אין מאריאהילף. אויבען ביים פענסטער האָבען שוין געוואַרט א סך שילער און האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ. אנא איז ארויסגעגאנגען, האָט מיט א שלויען אויסדרוק אויפ׳ן געזיכט געזעגענט זיך מיט געאָרג׳ן און איז פארשוואונדען הינטער דער טיר, וואָס האָט מיט ליארם זיך צוגעמאכט הינטער איהר.

— אין צעהן מינוט ארום! — האָט ווער געזאָגט. געאָרג איז אויפגעשפּרונגען. אין טיר איז געשטאנען דער קאָנדוקטאָר און האָט ווידערהאָלט: — אין צעהן מינוט ארום זיינען מיר אין וויען.

— א דאנק, — האָט געזאָגט געאָרג און איז אויפגעשטאנען מיט א נעבעל אין קאָפּ.

ער האָט געעפענט דאָס פענסטער און האָט זיך געפרעהט איבער דעם שעהנעם וועטער. פארביי איהם האָבען זיך געטראָגען געלע וועגט, וואךביידלאך, קליינע גאָרטענס, טעלעגראף סלופּען, און ענדליך האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט. אין עטליכע מינוט ארום איז געאָרג געפאָהרען אין אָן אָפענעם פיאקער אהיים, האָט געזעהן די ארבייטער, פארקויפערינס, קאנטאָר אָנגעשטעלטע, וואָס האָבען געאיילט צו זייערע טעגליכע באשעפטיגונגען; האָט געהערט, ווי מען האָט מיט טומעל אויפגעהויבען א ראָל לאָד; און ניט קוקענדיג אויף די זאָרגען, וואָס האָבען איהם ערוואַרט אין דער היים, און אויף די בענק־שאפט, וואָס האָט איהם געצויגען אנדערשוואו, האָט ער דאך געפיהלט א פרייד, וואָס ער קומט ווידער אהיים. ווען ער איז אריין צו זיך אין

צימער, האט ער זיך דערפיהלט ווי געשיצט פון אל דאס בייז. אלץ האט איהם אזוי הארציג געגריסט, — דער אלטער שרייב טיש, איבערגעצויגען מיט א גרינעם טוך, דאס פרעס־פאפיער פון מאלאכיט, די גלעזערנע אש־שאל מיט דעם איינגעבערענטען רייטער, דער שלאנקער לאמפ מיט דעם ברייטען אבאזשור פון מאטען גלאז, די בילדער פון די עלטערען אין שמאלע ראמען פון רויטען האלץ, אין ווינקעל א רונדער מארמארנער טיש מיט א זילבערנעם שאכטעל פאר ציגארען, אויף דער וואנט דער פרינץ פון פאלץ נאך וואן דיק, דער הויכער ביכערשראנק מיט אליוועןפארביגע פארהאנגען... און ווי גוט עס איז געווארען אויפ'ן הארצען פון אט דער איינער, ליעבער, היימישער אויסזיכט איבער די שפיצען פון די בוימער צו די טורעמס און דעכער! פון אלץ, וואס ער האט דא ווידער געפונען, האט אנטקעגען איהם ווי געשטראמט עפעס אן אומבאוואוסט גליק, און שווער איז איהם געווארען ביים געדאנק, אז אין עטליכע וואכען ארום וועט ער דאס אלץ מוזען פארלאזען. ווי לאנג אפשר וועט ער נאך דארפען ווארטען, ביז ער וועט ווידער האבען זיין אייגענעם ווינקעל! ער וואלט מיט פארגניגען פארבראכט עטליכע שעה אין זיין צימער, אבער ער האט קיין צייט ניט געהאט. נאך פארמיטאג האט ער געמוזט זיין ביי אנא'ן.

ער האט זיך אויסגעטאן און האט מיט פארגניגען זיך געשטעלט אונטער דעם שטראם פון ווארימען וואסער אין דער ווייסער וואנע. אום ניט איינצושלאפען אין וואנע, האט ער אנגעווענדט דעם מיטעל, וואס ער פלעגט אפט באנוצען. ער איז דורכגעגאנגען אין געדאנק א פוגע פון באך נאטע נאך נאטע. „מען דארף מאכען די איבונגען אויפ'ן קלאוויר ווי געהעריג", — האט ער א קלער געטאן. און איז אפשר ניט געווען דאס פארגינפטיגסטע נאך א יאהר צו ארבייטען, און ניט זוכען, נאך מעהר, ניט אננעמען קיין שטעל, וואס וועט אפשר פאלען שווער? בעסער בלייבען דא און ארבייטען. בלייבען דא? אבער וואו? זיי האבען זיך דאך שוין אפגעזאגט פון דער קווארטיר. אויף א ווילע איז איהם געקומען אויפ'ן זין צו דינגען א קווארטיר אין דעם אלטען הויז, אנטקעגען דער גרויער קירך, וואו ער האט פארבראכט אזעלכע גליקליכע שעה'ן מיט אנא'ן. דערביי האט איהם אויסגעוויזען ווי ער וואלט זיך דערמאנט אן א לאנג פארגאנגענער געשיכטע, א

יוגענדליכער אוואַנטור, אַ פרעהליכער און אַביסעל געהיימניספולער, וואָס האָט זיך שוין לאַנג געענדיגט.

אַ דערפרישטער און אין אַ גאַנץ נייעם אַנצוג, דעם ערשטען העלען, וואָס ער האָט אָנגעטאָן נאָכ׳ן פּאָטערס טויט, האָט ער זיך אומגעקערט אין צימער. אויפ׳ן שרייבטיש איז געלעגען אַ בריף, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען מיט דער מאָרגען פּאָסט, פון אַנאַ׳ן. ער האָט איבערגעלעזען. נאָר עטליכע ווערטער: „ביזט ווידער דאָ, גע־ליעבטער! איך גרים דיך! בענק נאָך דיר. לאָז מיך ניט צו לאַנג וואַרטען. דיין אַנאַ“.

געאַרג האָט אויפגעהויבען די אויגען. ער האָט אַליין ניט גע־וואוסט, וואָס איהם האָט אַזוי געריהרט אין דעם קורצען בריף. אַנאַ׳ס בריף, ביי זייער גאַנצער צערטליכקייט, זיינען אַלעמאָל געווען עפּעס איינגעהאַלטען, כמעט קאָנווענציאָנעל; אַמאָל פלעגט ער זיי אין שפּאַס רופען „באַפעהלען“. אָט דער בריף אָבער איז געווען געשריבען אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט איהם דערמאָנט דאָס ליידענשאַפטליכע מיי־דעל פון אַמאָל, די געליעבטע, וואָס ער האָט כמעט פאַרגעסען; און אַ זאָנדערבאַרע אומערוואַרטע אומרוהיגקייט האָט איהם ארומגע־נומען. ער איז איילענדיג אראָפּגעלאָפען פון די טרעפּ, האָט גענומען דעם ערשטען פיאַקער און איז געפאָהרען אין דאָרף. באַלד האָט ער מיט פאַרגניגען גענומען באַטראַכטען דעם אויסזעהן פון די מענשען אויף די גאַסען, וואָס זיינען איהם גאָר ניט אָנגעגאַנגען; און שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען ניט ווייט פון וואַלד, האָט איהם באַרוהיגט דער חן פון בלויען זומער טאָג. פּלוצלונג, שנעלער ווי געאָרג האָט ערוואַרט, האָט דער עקיפּאַזש זיך אָפּגעשטעלט פאַר׳ן הויז. ניט ווי־לענדיג האָט געאָרג ווידער אַ קוק געטאָן אויבען, אויפ׳ן באַלקאָן אונטער דעם פראָנטאָן. דאָרט איז געשטאַנען אַ קליין טישעל מיט אַ ווייסען טישטוך און אַ קערבעל. אַך, יע, טערעזאַ האָט דאָ געוואוינט עטליכע טעג. ער האָט נאָר איצט זיך דערמאָנט וועגען דעם. טערעזאַ! ווי ווייט דאָס אַלץ איז געווען! ער איז אַרויס פון עקיפּאַזש, האָט אָפּגעלאָזען דעם קוטשער און איז אַריין אין פאָרגאָרטען, וואו דער בלויער מלאך איז געשטאַנען אויף אַ פּעדעסטאַל, צווישען בליהענדע ביימען. ער איז אַריין אין הויז. אין דעם גרויסען מיטעלסטען צימער האָט מאַריע גראָד דאַן געגרייט צום טיש.

— די גנעדיגע פרוי איז אין גאָרטען, — האָט זי געזאָגט.
די טיר צו דער וועראַנדאַ איז געווען אָפען. די ברעטער פון דיל האָבען געסקריפּעט אונטער געאָרג'ס פיס. דער שטיקענדער דופט פון גאָרטען האָט איהם אַרומגענומען, דערזעלביגער אַלטער גאָרטען. די אַלע טעג, ווען געאָרג איז געווען ווייט, איז ער געווען אַזוי ווי איצט. ער איז דערזעלביגער אין מאָרגען ליכט, אין שיין פון דער זון, אין די שאָטענס פון אָווענט, אין דער פינסטערניש פון נאַכט... דאָס מיט זאַמד באַשאָטענע שטעגעל האָט געפיהרט אַרויף, איבער די לאָנקע. קינדער־שטימען האָבען זיך געהערט פון יענער זייט פון די בושען, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט רויטע יאַגדעס. און דאָרט אויף דער ווייסער באַנק, אין אַ ברייטען בלויען מאָרגען קלייד, איז געזעסען אַנאַ, זעהר בלייך. יע, דאָס איז זי. איצט האָט זי איהם באַמערקט. זי האָט געוואָלט אויפשטעהן. ער האָט דאָס דערזעהן און באַמערקט אין דערזעלבער צייט, אַז איהר איז שווער אויפצוהויבען זיך. אָבער פאַר־וואָס? פון אויפרעגונג? אָדער די שווערע שעה איז שוין געווען אַזוי נאָהנט? ער האָט איהר געגעבען אַ צייכען מיט דער האַנט, זי זאָל זיך ניט ריהרען פון אָרט. זי האָט ווירקליך זיך צוריקגעזעצט, נאָר די הענט אויסגעשטרעקט לייכט צו איהם אַנטקעגען. איהרע אויגען האָבען געלויכטען מיט גליק. געאָרג איז געגאַנגען זעהר שנעל, געהאַל־טען זיין ווייכע גרויע הוט אין האַנט און איז באַלד צוגעקומען צו איהר.
— ענדליך! — האָט זי געזאָגט, און איהר שטים האָט אָפּגע־קלונגען ווי פון דער ווייט, ווי די ווערטער פון איהר בריף היינט אין דער פריה. ער האָט גענומען איהרע הענט, האָט זיי געדריקט עפּעס אַזוי אומגעשיקט, האָט געפיהלט, ווי עפּעס קומט איהם אַרויף אין האַלז, האָט אָבער נאָך אַלץ קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידען, נאָר צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געשמייכעלט. און פּלוצלונג האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזען אויף די קניה פאַר איהר אויפ'ן זאַמד, איהרע הענט אין זיינע, זיין קאָפּ אין איהר שויס, און האָט דערפיהלט, ווי זי האָט לייכט אַרויסגעצויגען איהרע הענט און האָט זיי געלעגט איהם אויפ'ן קאָפּ; און דאַן האָט ער דערהערט ווי ער וויינט שטיל, און ווי אין אַ זיסען אומקלאָרען טרוים, האָט איהם אויסגעוויזען, ווי ער ליגט, אַ איינגעל, ביי די פיס פון זיין מוטער, און אַט דער אויגענבליק איז שוין געווען אַ ווייטע און פּייַנליכע ערינערונג, ווען ער האָט איהם דורכגעלעבט.

אכטער קאפיטעל

פרוי גאלאווסקי איז ארויסגעקומען פון הויז. געארג האט זי געזעהן געהן פון דעם אויבערשטען עק גארטען צו דער וועראנדא. אויפגערעגט איז ער געגאנגען אנטקעגען, אבער דערזעהענדיג איהם פון דער ווייטען, האט זי א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

— נאך ניט? — האט געפרעגט געארג.

— דער פראפעסאר זאגט, — האט געענטפערט פרוי גאלאווסקי, —נאך איידער עס וועט ווערען פינסטער.

— איידער עס וועט ווערען פינסטער, — האט געזאגט געארג, און א קוק געטאן אויפ'ן זייגער. — און איצט איז ערשט דריי.

זי האט מיט מיטגעפיהל איהם אויסגעשטרעקט די האנט, און געארג האט אריינגעקוקט אין איהרע גוטע, אביסעל מידע אויגען. מען האט נאר וואס אפגערוקט די דורכזיכטיגע ווייסע פארהאנגען פון אנא'ס פענסטער. דער אלטער דאקטאר שטאובער האט זיך באוויזען אין דער עפענונג, האט צוגעווארפען געארג'ן א פריינדליך־בארוהי־גענדען בליק און איז ווידער פארשוואונדען, פארציהענדיג די פאר־האנגען. אין דעם גרויסען מיטעלסטען צימער ביים רונדען טיש איז געזעסען פרוי ראזנער. געארג האט פון דער וועראנדא געזעהן נאר די קאנטורען פון איהר פיגור; איהר געזיכט איז אינגאנצען געבליבען אין שאטען. פון דעם צימער, וואו אנא איז געלעגען, האט זיך ווידער דערהערט א שטילער געוויין, דאן א קרעכץ. געארג האט ארויפגעקוקט צום פענסטער, האט א ווײַלע געווארט, האט זיך דאן אומגעקערט און איז, צום הונדערטסטען מאל היינט, געגאנגען צום אויבערשטען עק פון גארטען. „זי איז שוין, ווייזט אויס, צו שוואך צו שרייען“, — האט ער א קלער געטאן, און איהם האט אומענדליך וועה געטאן פאר איהר. צוויי טעג און צוויי נעכט איז זי שוין געלעגען אין וועהען; דער דריטער טאג איז שוין באלד פארגאנגען, און איצט דארף זי נאך ווארטען ביז אווענט. שוין אין אווענט פון ערשטען טאג האט דאקטאר שטאובער גערופען א פראפעסאר, וואס איז נעכטען געווען צוויי מאל

און איז היינט אין הויז נאָך זיכט מיטאָג צייט. אין דער צייט, ווען אנא האָט זיך פאַרגעסען אויף עטליכע מינוט, און ביי איהר בעט איז געזעסען די וואַרטערין, איז ער מיט געאָרג׳ן געגאַנגען איבער׳ן גאָרטען און האָט געפּרואווט איהם ערקלערען אַלע באַזונדערהייטען פון אנא׳ס צושטאַנד. דערוויילע איז נאָך גיטאַ קיין גרונד צו זיין אומרוהיג, מען קען דייטליך הערען דאָס קלאַפּען פון דעם קינדס האַרצען. דער פּראָפּעסאָר איז געווען נאָך אַ גאַנץ יונגער מענש מיט אַ לאַנגער בלאָנ־דער באָרד, און זיינע ווערטער זיינען געפלאָסען מילד און באַרוהיגענד, ווי טראָפּענס פון אַ שמערצען שטילענדען מעדיקאַמענט. מיט דער קראַנקער האָט ער גערעדט ווי מיט אַ קינד, האָט געפיהרט זיין האַנט איבער איהרע האָר און שטערן, האָט געגלעט איהרע הענט און גערופען זי מיט צערטליכע נעמען. פון דער וואַרטערין האָט געאָרג זיך דער־וואוסט, אז דער יונגער אַרצט איז פונקט אַזוי געדולדיג און גוט בײם בעט פון יעדער קראַנקער. „וואָס פאַר אַ שווערער באַרוף!“ — האָט אַ קלער געטאָן געאָרג, וואָס האָט אין די דריי שווערע טעג זיך איינ־מאָל אַרויסגעריסען אויף אַ פּאָר שעה אין וויען און האָט אפילו היינט ביינאַכט, ווען אנא האָט זיך געדרעהט אין שמערצען, געקאָנט אָפּ־שלאָפען אויבען אין דער מאַנסאַרדע רוהיג און פעסט גאַנצע זעקס שעה.

ער איז געגאַנגען אין דער לענג פון די אָפּגעבליהטע בושען פון פלידער, האָט אַראָפּגעריסען די בלעטער און זיי געוואָרפען צו דער ערד. אויף דער אַנדערער זייט פון די נידריגע בוימלאַך, אין דעם אַנדערען גאָרטען, איז געגאַנגען אַ דאַמע אין שוואַרץ־וויים געשטרייפטען מאָרגען קלייד. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף געאָרג׳ן ערנסט און מיט־פיהלענד. „אַך, יע, — האָט געאָרג אַ קלער געטאָן, — זי האָט וואַר־שיינליך געהערט אנא׳ס געשרייען אייערנעכטען, נעכטען און היינט“. דאָס גאַנצע דאָרף האָט דאָך געוואוסט וועגען די געשעהענישען דאָ, אויך די יונגע מיידלאַך פון דער געשמאַקלאָזער גאָטישער ווילא, פאַר וועלכע ער איז פריהער געווען אַן אינטערעסאַנטער פאַרפיהרער. און קאָמיש איז געווען, ווי אַ פרעמדער הערר מיט אַ רויטליכער שפּיציגער באָרד, וואָס האָט געוואוינט אין דעם דריטען הויז פון זיי, האָט נעכטען פּלוצלונג פּיעלבאַדייטענד און מיט אכטונג זיך פאַרנייגט פאַר איהם.

„מערקווירדיג, — האָט געאָרג געקלערט, — מיט וואָס מען קען

זיך מאכען באליעבט ביי די מענשען". נאָר פרוי ראָזנער האָט גענעבען צו פיהלען, אז אויב זי האלט ניט געאַרג'ן פאַר דעם הויפּט שולדיגען אין דער שווערקייט פון דעם פאַל, האלט זי איהם דאָך פאַר א גאַנץ הארצלאָזען מענשען. ער איז פאַר דעם ניט געווען בייז אויף די גוטע, פון דעם אומגליק געדריקטע פרוי. זי האָט דאָך ניט געקענט וויסען, ווי שטאַרק ער האָט געליעבט אנא'ן. נאָך גאָר ניט לאַנג האָט ער דאָס אליין ניט געוואוסט.

יענעם מאָרגען נאָכ'ן אָנקומען, ווען נאָך א לאַנגען שטילען וויינען האָט געאַרג אויפגעהויבען זיין קאָפּ פון איהרע קניה, האָט זי איהם ניט געשטעלט קיין פראַגען, אָבער נאָך איהרע טרויעריג פאַרוואונדערטע אויגען האָט ער דערזעהן, אז זי פאַרדעכטיגט דעם אמת. און ער האָט געקלערט, אז ער פאַרשטעהט, פאַרוואָס זי האָט גאָרניט געפרעגט. זי האָט דאָך געדאַרפט פיהלען, אז ער האָט איצט אינגאַנצען זיך אומגעקערט צו איהר, אז גראַד איצט געהערט ער איהר מעהר, ווי ווען עס איז פריהער. און ווען ער האָט איהר שפּעטער דערצעהלט וועגען דער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ווייט פון איהר, און צווישען די אלערליי פרויען נעמען, וואָס ער האָט פאַרביילויפיג דערמאָנט, האָט אומ'רחמנות'דיג אָפּגעקלונגען יענער נייער פאַטאַלער נאָמען, האָט זי ווי געוועהנליך, א שמייכעל געטאָן מיט לייכטען שפּאָט, אָבער פּונקט אזוי, ווי ביים דערמאָנען עלזא'ן אָדער זיסי'ן, אָדער די מיידלאָך אין בלויען, וואָס האָבען אריינגעקוקט אין פענסטער, ווען ער האָט גע־שפּיעלט.

שוין צוויי וואָכען ווי ער האָט געוואוינט אין דער ווילא און איז געווען אין א גוטער און ערנסטער ארבייטס שטימונג. אויפ'ן טישעל, וואו טערעזא'ס נעהצייג איז דאָ נאָך ניט לאַנג געלעגען, האָט ער יעדען מאָרגען צולעגט פּאַרטיטורען, טעאָרעטישע ווערק איבער מוזיק, נאָטען פּאַפּיר, און האָט זיך באַשעפטיגט מיט לעזען אויפגאַבען אין האַרמאָניע און קאָנטראַפּונקט. אָפּט איז ער געלעגען אויף א לאָנקע ביים ראַנד פון וואלד, האָט געלעזען א באליעבט בוך, האָט זיך צוגעהערט צו מע־לאָדיען אין איהם, גליקליך פון דעם רויש פון די בוימער און פון דעם גלאַנץ פון דער זון. נאָך מיטאָג, ווען אנא האָט גערוהט, האָט ער איהר פאַרגעלעזען אָדער גערעדט מיט איהר. זיי האָבען אָפּט גערעדט וועגען דעם קליינעם באַשעפעניש, וואָס דאַרף באַלד קומען אויף דער

וועלט, האָבען גערעדט מיט צערטליכקייט און באַזאָרגטקייט, האָבען אָבער קיינמאָל ניט דערמאָנט וועגען זייער נאָהנטער אָדער ווייטער צוקונפט. אָבער ווען ער איז געזעסען ביי איהר בעט, אָדער איז גע־גאַנגען מיט איהר געאָרעמט איבער'ן גאָרטען, אָדער איז געזעסען לעבען איהר אויף דער ווייסער באַנק, אונטער דעם בארענבוים, וואו די לויב־טענדע שטילקייט פון אַ זומערדיגען נאָכמיטאָג האָט גערוהט איבער זיי, האָט ער געוואוסט, אַז איצט זיינען זיי אויף אייביג פאַראייניגט, אַז אפילו די צייטווייליגע צושיידונג, וואָס איז זיי פאָרגעשטאַנען, האָט ניט געהאַט קיין מאַכט אַנטקעגען דעם זיכערען געפיהל, אַז זיי געהערען איינע דעם אַנדערען.

ערשט ווען די וועהען זיינען איהר אָנגעקומען, האָט איהם אויס־געוויזען, ווי זי וואָלט זיך פון איהם דערווייטערט, וואוהין ער קען איהר ניט נאָכפאָלגען. נאָך נעכטען איז ער גאַנצע שעה'ן געזעסען ביי איהר בעט און האָט געהאַלטען איהרע הענט אין זיינע. זי איז געווען גערולדיג, ווי אַלע מאָל, האָט באַזאָרגט געפרעגט, צי אַלץ אין הויז איז אין אָרדנונג, האָט איהם געבעטען ארבייטען, געהן שפּאַצירען, ווי פריהער, ווייל ער קען דאָך איהר ניט העלפען, און האָט פאַרזיכערט, אַז זי ליעבט איהם נאָך מעהר פון זינט זי ליידט. און דאָך האָט נעאָרג געפיהלט, אַז אין אָט די טעג איז זי ניט געווען די פריהערדיגע. באַזונדערס ווען זי פלעגט אויסשרייען, — ווי היינט פאַר מיטאָג, אין די שרעקליכסטע שמערצען, — פלעגט איהר נשמה זיין אַזוי ווייט פון איהם, אַז אַ שרעק פלעגט איהם דורכנעמען.

ער איז ווידער צוגעקומען צום הויז. פון אַנאַ'ס צימער, וואו די פאָרהאַנגען אויפ'ן פענסטער האָבען זיך לייכט באַוועגט, איז ניט גע־קומען קיין קלאַנג. דער אַלטער דאָקטאָר שטאובער איז געשטאַנען אויף דער וועראַנדאַ. מיט אַ טרוקענעם האַלז האָט געאָרג געאיילט צו איהם.

— וואָס איז? — האָט ער האַסטיג געפרעגט.

דאָקטאָר שטאובער האָט איהם ארויפגעלעגט די האַנט אויפ'ן אַקסעל:

— אַלץ געהט גוט.

פון צימער איז געקומען אַ קרעכץ, איז געוואָרען אַלץ העכער און איז איבערגעגאַנגען אין אַ ווילדען וואַהנזיניגען געשריי. געאָרג האָט

געפיהרט די האנט איבער'ן פייכטען שטערן און האט געזאגט צום דאקטאר מיט א ביטערען שמייכעל:

— דאס הייסט, אלץ געהט גוט ?

שטאובער האט א ציה געטאן מיט די אקסלען :

— עס שטעהט געשריבען, מיט שמערצען זאלסטו...

געארג האט אינערליך פראטעסטירט. ער האט קיינמאל ניט געגלויבט אין דעם גאט פון די קינדריש־פרומע, וואס ענטפלעקט זיך ווי דער אויספיהרער פון די עלענדע מענשליכע וואונשען, וואס נעמט נקמה און פארגיט די מענשען זייערע קליינליכע זינד. יענעם, וואס מען קען ניט אנרופען, וואס שטעהט איבער אלע געפיהלען און יעדען פאר־שטאנד, האבען געבעטען און לעסטערונגען געקענט אויסוויזען נאר ווי אריגע ווערטער פון מענשליכע ליפען. ווען זיין מוטער איז גע־שטארבען אין אונזיניגע שמערצען, ווען, ווייזט אויס, גאר אהן ליידען, איז געשטארבען זיין פאטער, האט ער זיך דאך ניט אפגעזאגט פון דער זיכערהייט, אז אין לויף פון דער וועלט באדייט זיין אומגליק ניט מעהר, ווי דאס פאלען פון א בלאט. ער האט זיך ניט געבויגען אין פייגער געהארזאמקייט פאר דעם אונערפארשליכען שיקזאל און האט ניט געקלאגט זיך נאריש אויף דעם גרויזאמען אורטייל, וואס איז גראד אויף איהם געוועזען געווענדט. הייגט האט איהם צום ערשטען מאל אויסגעוויזען, ווי ערגעץ אין די וואלקענס וואלט אנגעגאנגען אן אומפארשטענדליכער שפיעל מיט זיינע אינטערעסען. דער געשריי איז שטיל געווארען און נאר קרעכצען האבען זיך געהערט.

— און דאס הארץ־קלאפען ? — האט געארג געפ'עגט.

דאקטאר שטאובער האט געקוקט פארביי געארג'ן.

— מיט צעהן מינוט צוריק האט מען דאס געקענט הערען גאנץ דייטליך.

געארג האט אפגעטריבען פון זיך דעם שרעקליכען געדאנק, וואס האט זיך אויפגעהויבען פון דער טיף פון זיין נשמה. ער איז געזונט, זי איז געזונט, צוויי יונגע, שטארקע מענשען... איז דאס מעגליך ?

דאקטאר שטאובער האט איהם ווידער ארויפגעלעגט די האנט אויפ'ן אקסעל :

— געהט זיך דורך, מיר וועלען אייך רופען, ווען מען וועט דארפען.

און ער האָט זיך אָפּגעקערט.

געאָרג איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען אויף דער וועראַנדאַ. ער האָט געזעהן, ווי פרוי ראָזנער איז אײַנגאַנצען אײַנגעבויגען געזעסען אויפ'ן סאָפאַ, ביים וואַנט, אין גרויסען צימער, וואָס איז ביסלעכווייז אײַנגעהילט געוואָרען אין פאַרנאַכטיגע טונקעלקייט. ער איז אַוועק, האָט אַביסעל געוואַנדערט אַרום הויז און איז דאַן אַרויף איבער דער הילצערנער טרעפּ אין מאַנסאַרדע. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן בעט, פאַרמאַכט די אויגען; דאַן אין עטליכע מינוט אַרום איז ער אויפגעשטאַנען און האָט גענומען געהן איבער'ן צימער, אַז דער דיל האָט גענומען קראַכען. ער איז אַרויס אויפ'ן באַלקאָן. אויפ'ן טיש איז געלעגען די געעפענטע פּאַרטיטור פון „טריסטאַן„. געאָרג האָט אַ קוק געטאָן אין די נאָטען. דאָס איז געווען די אָוואָרטור פון דריטען אַקט. אין די אויערען האָט גענומען קלינגען די מעלאָדיע. די וועלען פון ים האָבען זיך מיט אַ פאַרשטיקטען גערויש אָפּגעשלאָגען אָן פעלזיגען ברעג, און פון דער וויסטער ווייט האָט זיך געטראָגען אַ טרויעריגע מעלאָדיע פון דעם ענגלישען האָרן. ער האָט געקוקט איבער די בלעטער אין דעם זילבער־ווייסען גלאַנץ פון טאָג. זון איז געווען אומעטום, איבער דעכער, וועגען, גאָרטענס, בערגלאַך און וועלדער. טונקעל בלוי האָט זיך צושפּרייט דער הימעל, און דער דופט פון שניט איז אַרויפגעשטיגען פון דער טיף. „וואָס איז מיט מיר געווען פאַראיאָהרען? — האָט געאָרג אַ קלער געטאָן. — איך בין געווען אין וויען אינגאַנצען אַליין. איך האָב נאָך גאָרניט פאַרדעכטיגט. איך האָב איהר געשיקט אַ ראָמאַנס... „זיך אונטערגעבען דיין בליק“... אָבער איך האָב כמעט גאָרניט געקלערט וועגען איהר... און איצט ליגט זי אונטען און האַלט ביים שטאַרבען“... ער האָט זיך זעהר דערשראָקען. ער האָט געוואָלט קלערען: זי ליגט אין וועהען, און אַרויסגעריסען האָט זיך ביי איהם: זי האַלט ביים שטאַרבען. אָבער פאַר וואָס האָט ער זיך אַזוי דערשראָקען? ווי קינדיש. ווי עס וואָלטען געווען אַזעלכע פאָרגעפיהלען! און אויב עס וואָלט ווירקליך געווען אַ געפאַהר, און די אַרצטען וואָלטען געדאַרפט ענטשיידען, וואָלטען זיי נאַטירליך פריהער פון אַלץ געזעהן צו רעטען די מוטער. ערשט מיט עטליכע טעג צוריק האָט דאָקטאָר שטאַובער איהם דאָס קלאָר געמאַכט. וואָס איז אַזוינס דאָס קינד, וואָס האָט נאָך ניט געלעבט? גאָרנישט.

ער האָט איהם געגעבען לעבען אין אַ מאָמענט, ווען ער האָט גאָר ניט געוואָלט, ניט געזעהן אפילו די מעגליכקייט צו ווערען פאָטער. האָט ער דען געוואוסט, צי ער איז געוואָרען פאָטער מיט עטליכע וואָכען צוריק, אין יענער טונקעלער שעה פון גליק, הינטער די פאַרמאַכטע לאָדען.. און אויב ער איז געוואָרען, וועט ער וועגען דעם קיינמאָל זיך ניט דערוויסען.

געאָרג האָט דערהערט שטימען און האָט זיך אומגעקוקט: דעם פּראָפעסאָרס קוטשער האָט אָנגענומען די דיענסט פאַר'ן עלענבויגען, און איהר ווידערשטאַנד איז געווען אַ לייכטער. „דאָס וועט אפשר אויך פיהרען צו אַ נייעם מענשליכען לעבען", — האָט אַ קלער געטאָן געאָרג און האָט זיך אָפּגעקערט מיט עקעל. דאַן איז ער ווידער אריין אין צימער, האָט זאָרגפעלטיג אָנגעפילט זיין פּאַרטסיגאַר מיט ציגאַרעטען פון דעם שאַכטעל, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טיש, און פּלוצלונג איז זיין גאַנצע אויפרעגונג איהם אויסגעקומען גאָר אומבאַגרינדעט און עפּעס קינדיש. ער האָט געקלערט: „אַזוי ווי איצט אַנאַ, איז אַמאָל דאָך מיין מוטער געלעגען, איידער איך בין געבאָרען געוואָרען. האָט מיין פאָטער אויך אַזוי זיך געשראָקען, ווי איך? וואָלט ער דאָ איצט געווען מיט מיר, ווען ער וואָלט נאָך געלעבט?" געאָרג האָט זיך דער־מאָנט די שעהנע זאָרגלאָזע טעג אויפ'ן וועלדעזער לאַנדזעע. אין זיין געדאַנק איז אויפגעשטאַנען דער באַקוועמער צימער אין פּאָטערס ווילאַ, און עפּעס אומקלאָר, אַזוי ווי אין חלום, איז די מאַנסאַרדע מיט דעם קרעכצענדיגען דיל, וואו ער איז איצט געווען, איהם אויסגעקומען ווי אַ בילד פון זיין איצטיגער עקזיסטענץ אין פאַרגלייך מיט דעם דאַמאָלסדיגען זאָרגלאָזען לעבען, פריי פון אַלע פליכטען. ער האָט זיך דערמאָנט דעם ערנסטען געשפּרעך, וואָס ער האָט ניט לאַנג געהאַט מיט פעליציאַנ'ען. באַלד נאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט דעם גע־שפּרעך מיט אַ דאָרפס פרוי, וואָס האָט איהם פאָרגעשלאָגען צו נעמען זיין קינד. זי און איהר מאַן האָבען געהאַט אַ קליין גוט ניט ווייט פון אייזענבאַהן, איינגאַנצען אַ שעה רייזע פון וויען, און מיט אַ יאָהר צוריק איז געשטאָרבען איהר איינענע טאָכטער. דעם קינד וועט זיין ביי איהר גוט, האָט זי צוגעזאָגט, אַזוי גוט, ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען ביי פרעמדע. און ווען געאָרג האָט וועגען דעם געקלערט, האָט איהם פּלוצלונג אויסגעוויזען, ווי זיין האַרץ וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. נאָך

איידער עס וועט טונקעל ווערען, וועט זיין א קינד, זיין קינד, אויף וועמען עפּעס א פרעמדע פרוי האָט שוין געוואָרט, צו נעמען עס מיט זיך. ער איז געוועזן אַזוי מיד פון די אויפרעגונגען פון די לעצטע טעג, אַז די קניה האָבען איהם ווֹעה געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אַן עהנליכע קערפּערליכע עמפּינדונגען ביי איהם פריהער, אין אָווענט פאַר דעם מאַטוריטעטס עקזאַמען און ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען לאַבינסקי׳ס זעלבסטמאָרד. אין וואָס פאַר א פריידיגער האָפנונגספולער שטימונג ער איז דאָס געוועזן מיט דריי טעג צוריק, איידער אנאַ׳ס וועהען האָבען זיך אָנגעהויבען! איצט האָט ער גאָרנישט געפיהלט, אויסער זיין פאַרלאָזענקייט, און אַלץ אומאַנגענעמער איז איהם געוועזן די שטיקענדע לופט פון דער מאַנסאַרדע. ער האָט פאַררויכערט א ציגאַרעט און איז ווידער אַרוים אויפ׳ן באַלקאָן. די וואַרימע שטילע לופט האָט גוט געווירקט אויף איהם. אויפ׳ן וועג פון די זומערדיגע לאָנקעס האָט נאָך געשיינט די זון, און פון בית עולם, איבער דער וואַנט, האָט געגלאַנצט א באַגולטער קרייץ.

ער האָט דערהערט א טומעל אונטען. טריט? יע, טריט און שטימען. ער איז אַוועק פון באַלקאָן, דורכגעגאַנגען דעם צימער, אַראָפּגעלאָפען די קרעכצענדע טרעפּ. עפּעס א טיר האָט זיך געעפענט, טריט האָבען זיך דערהערט אונטען, אין פאָרהויז. אין א מינוט אַרום איז ער שוין געוועזן אויפ׳ן אונטערשטען טרעפּעל, אַנטקעגען פרוי גאָלאָווסקי. זיין האַרץ האָט אויפגעהערט קלאַפען. ער האָט געעפענט דאָס מויל, ניט פרעגענדיג.

— יע, — האָט זי צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, — א אינגעל!

ער האָט אָנגענומען איהרע ביידע הענט און האָט געפיהלט, ווי זיין גאַנצע געזיכט לאַכט. א מעכטיגער און הייסער שטראָם פון גליק, ווי ער האָט דאָס גאָר קיינמאָל ניט ערוואַרט, איז דורכגעלאָפען זיין נשמה. פּלוצלונג האָט ער באַמערקט, אַז פרוי גאָלאָווסקי׳ס אויגען לייכטען ניט אַזוי פריידיג, ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען. דער שטראָם פון גליק האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט. אין האַלז האָט איהם גענומען שטיקען.

— וואָס? — האָט ער געפרעגט. און האָט כמעט אין א דראָהענדען טאָן צוגעגעבען: — עס לעבט?

— עס האָט געאָטעמט... דער פראָפעסאָר האָפט...

נעאָרג האָט איבערגעלאָזען די פרוי און איז מיט א פּאָר טריט געווען אין מיטעלסטען צימער, וואו ער איז געבליבען שטעהן א צור־געשמידטער צום אָרט. דער פּראָפעסאָר, אין א לאַנגען ווייסען קיטעל האָט געהאַלטען אין די אָרעמס א קליין באַשעפעניש און האָט עס האסטיג געוויגט הין און הער. נעאָרג האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דער פּראָפעסאָר האָט איהם צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט ווייטער געטאָן זיין ארבייט. ער האָט מיט א דורכדרינגליכען בליק געקוקט אויף דאָס קליינע באַשעפעניש, וואָס ער האָט געהאַלטען אין די אָרעמס. ער האָט עס אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש, אויף וועלכען א ליילאַך איז געווען פארשפּרייט, און האָט גענומען מאַכען שנעלע באוועגונגען מיט דעם קינדס גלידער, האָט איהם געריבען די ברוסט און דאָס געזיכט, דאַן האָט ער עס אונטערגעוואָרפען עטליכע מאָל, און נעאָרג האָט געזעהן, ווי דעם קינדס קעפּעל איז יעדעס מאָל שווער אראָפּגעפאַלען צו דער ברוסט. דער פּראָפעסאָר איז אויפגעשטאַנען, האָט אוועקגעלעגט איין האַנט אויף דאָס קליינע קערפּערל און מיט דער צווייטער פריינדליך צוגערופען נעאָרג'ן.

ניט ווילענדיג איינהאַלטענדיג דעם אָטעם, איז נעאָרג צוגעקומען נאָר נאָהנט. צוערשט האָט ער א קוק געטאָן אויפ'ן דאָקטאָר, דאַן אויף דאָס קליינע באַשעפעניש, וואָס איז געלעגען אויפ'ן ווייסען ליילאַך. דעם קינדס אויגען זיינען געווען איינגאַנצען אָפען; דאָס זיינען געווען מערקווירדיג גרויסע בלויע אויגען, עהנליך צו אַנאַ'ס. דאָס געזיכט איז געווען גאָר אנדערש, ווי נעאָרג האָט ערוואַרט, ניט צוקנייטשט און העסליך, ווי ביי אַן אַלטען צווערג, ניין; דאָס איז געווען א מענשליך געזיכט, א שעהן, שטיל קינדערש געזיכט; און נעאָרג האָט געוואוסט, אַז אָט די צוגען זיינען געווען זיינע אייגענע.

דער פּראָפעסאָר האָט שטיל געזאָגט:

— שוין א שעה, ווי איך הער ניט דאָס הארץ קלאַפּען.

נעאָרג האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דאַן האָט ער געפרעגט אין א הייזעריגער שטים:

— וואָס איז מיט איהר?

— זעהר גוט, אָבער איז.ר דארפט נאָך ניט אריינקומען, הערר באַראָן.

— ניין, — האָט געזאָגט נעאָרג. ער האָט געקוקט אויפ'ן בלוי־

ליבען, באוועגלאָזען קליינעם קערפּער און האָט געוואוסט, אַז ער שטעהט פאַר דעם טויטען קערפּער פון זיין קינד. דאָך האָט ער נאָכ־אַמאָל געפרעגט דעם ארצט:

— מען קען גאָרנישט טאָן?

יענער האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען.

געאָרג האָט טיף אָפּגעזיפצט, האָט אָנגעוויזען אויף די פאַרמאַכטע טיר פון שלאָפצימער און געפרעגט דעם ארצט:

— ווייס זי שוין?

— נאָך ניט. זאָלען מיר פאָרלויפיג זיין צופרידען, וואָס אַלץ איז פאַרביי. די אָרימע האָט פיעל געמוזט ליידען. אַ שאָד נאָר, וואָס דאָס אַלץ איז געווען אומזיסט.

— איהר האָט דאָס ערוואַרט, הערר פּראָפעסאָר?

— איך האָב מורא געהאַט זינט היינט אין דער פריה.

— און פאַרוואָס?... פאַרוואָס?

דער ארצט האָט געענטפערט אין אַ שטילער, ווייכער שטים:

— דאָס איז אַ זעהר זעלטענער פאַל, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט.

— איהר האָט מיר געזאָגט?...

— יע, איך האָב געפרואווט אייך ערקלערען, אַז די מעגליכ־קייט... דאָס קינד איז דערשטיקט געוואָרען פון דער נאָפּעלשנור. ווע־ניגער פון צוויי פּראָצענט פון אַלע געבורטען ענדיגען זיך אַזוי.

ער איז אַנשוויגען געוואָרען. געאָרג האָט ווידער גענומען קוקען אויף דאָס קינד. ריכטיג, דער פּראָפעסאָר האָט איהם שוין צוגעגרייט; ער האָט דאָס אָבער ניט גענומען ערנסט. פרוי ראָזנער איז געשטאַנען לעבען איהם מיט הילפלאָזע אויגען. געאָרג האָט איהר אויסגעשטרעקט די האַנט, און זיי האָבען אַ קוק געטאָן איינע אויפ'ן אַנדערען, ווי מענשען, וועמעס געמיינשאַפטליך אומגליק האָט זיי דערנעהנטערט. דאַן האָט פרוי ראָזנער זיך אַראָפּגעלאָזען אויף אַ שטול לעבען וואַנט.

דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט צו געאָרג'ן:

— איך וועל איצט נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף די מוטער.

— די מוטער, — האָט געאָרג ווידערהאָלט און איהם אָנגעקוקט.

דער ארצט האָט אָפּגעווענדט זיין בליק.

— איהר ווילט איהר זאָגען? — האָט געפרעגט געאָרג.

— ניין, ניט איצט. איבריגענס, זי איז צו דעם צונגרייס. אין פארלויף פון טאָג האָט זי עטליכע מאָל געפרעגט, צי דאָס קינד לעבט נאָך. זי וועט ניט זיין אַזוי פאַרצווייפעלט, ווי איהר האָט מורא, הערר באַראָן... גראָד די ערשטע שעה'ן און טעג. איהר דאַרפט ניט פאַר־געסען, וואָס זי האָט איבערגעטראָגען.

ער האָט געדריקט געאָרג'ס שלאַף אַראָפהענגענדע האַנט און איז אַוועקגעגאַנגען. געאָרג איז געשטאַנען אומבאַוועגליך און האָט גע־קוקט אויף דאָס קליינע באַשעפעניש, און עס האָט איהם אויסגעוויזען, ווי אַ סטאַטוע פון אומגעוועהנליכער שעהנקייט. ער האָט אָנגעריהרט די באַקען, אַקסלען, הענט, פינגער פון קינד. ווי געהיימניספול פאַר־ענדיגט דאָס אַלץ איז געווען! און אָט איז עס געלעגען טויט, ניט האָבענדיג געלעבט, באַשטימט דורכצוגעהן פון איין פינסטערניש אין אַן אַנדערע דורך אַ זינלאָזע נישטיגקייט. אָט איז דאָס קליינע ליעבע לייב, וואָס איז געווען פאַרטיג צום לעבען און האָט זיך דאָך ניט גע־קענט באַוועגען. אָט גלאַנצען די גרויסע בלויע אויגען, ווי וועלענדיג ליידענשאַפטליך אַריינגעמען דאָס ליכט פון הימעל, און דאָך זיינען זיי טויט בלינד, איידער זיי האָבען געזעהן איין שטראַהל. אָט איז ווי פון דורשט אָפען דאָס קליינע רונדע מיילכעל, וואָס קען שוין קיינמאָל ניט טרינקען פון דער מוטערס ברוסט. אָט ליגט אַן אומבאַוועגליך, בלייך קינדערש געזיכט, מיט פאַרענדיגטע מענשליכע צוגען, וואָס וועט קיינ־מאָל ניט וויסען פון אַ פאָטערס אָדער אַ מוטערס קושען. ווי האָט ער געליעבט אָט דאָס קינד! ווי האָט ער עס געליעבט איצט, ווען עס איז שוין געווען צו שפעט צו ליעבען! פון פאַרצווייפלונג האָט איהם גענומען שטיקען אין האַלז. ער האָט ניט געקענט וויינען. ער האָט זיך אומגעקוקט. קיינער איז ניט געווען אין צימער, אַרום איז געווען שטיל. אַריינגעהן אַהין האָט ער ניט מורא געהאַט, אָבער ער האָט אויך ניט געוואָלט; ער האָט נאָר געפיהלט, אַז דאָס וואָלט ניט געהאַט קיין זין. זיין בליק איז ווידער געפאַלען אויף דאָס קינד, און ער האָט פלוצלונג מיט שרעק אַ קלער געטאָן: קען דאָס זיין אמת? האָבען דען אַלע ניט געקענט אַ טעות האָבען? ער האָט צוגעלעגט זיין האַנט צו די אָפענע ליפען פון קינד, און איהם האָט אויסגעוויזען, ווי אַ קיהלער אָטעם וואָלט פון דאָרטען געוועהט. דאַן האָט ער געלעגט די האַנט אויף דעם קינדס ברוסט, און ווידער האָט איהם אויסגעוויזען,

ווי אַ לייכט וועהען וואָלט אַרויסגעקומען פון דעם קליינעם קערפּערל.
אָבער ער האָט געוואוסט, אַז דאָס, וואָס ער האָטביידע מאָל געפיהלט,
איז ניט געווען דער אָטעם פון לעבען. דאַן האָט ער זיך ווידער אָנגע־
בויגען און האָט באַריהרט מיט די ליפּען דעם קינדס קאַלטען שטערן.
עפּעס זאָנדערבאַרעס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט, האָט
איהם דורכגענומען ביז'ן מאַרך פון די ביינער. איצט האָט ער גע־
וואוסט : אַלץ איז געענדיגט, דאָס קינד איז טויט. ער האָט לאַנגזאַם
אויפגעהויבען דעם קאָפּ און איז געגאַנגען צו דער טיר. דער ליכטיגער
גאָרטען האָט איהם געצויגען צו דער לופט, ער איז אַרויס אויף די ווע־
ראַנדאַ און האָט דערזעהן, אַז אויף דער באַנק ביים וואַנט זיינען געזע־
סען דאָקטאָר שטאובער און פרוי ראָזנער. זיי האָבען שווייגענדיג
אַ קוק געטאָן אויף איהם. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי, ווי פון אומ־
באַקאַנטע, און איז אַרויס אין גאָרטען. דער שאָטען פון הויז איז
קרום געפאַלען אויפ'ן גראָז ; די זון איז נאָך געווען הויך, אָבער עס
האָט אויסגעוויזען, ווי זי וואָלט געוון אָהנמעכטיג דורכצודרינגען די
לופט מיט איהר ליכט. אָן וואָס האָט איהם געוואָלט דערמאָנען דאָס
ליכט, וואָס איז געווען זון און האָט דאָך ניט געגלאַנצט, די בלויע ווייט,
וואָס איז געווען הימעל און האָט איהם ניט געבענשט ? אָן וואָס האָט
דערמאָנט די שטילקייט פון דעם גאָרטען, וואָס האָט געדאַרפט זיין
פאַר איהם אַ צערטליכער טרייסט און איז היינט פאַר איהם עפּעס,
וואָס איז פרעמד און אומפריינדליך ? ביסלעכווייז האָט ער זיך דער־
מאָנט, אַז ניט לאַנג אין אַ חלום האָט איהם אַרומגערינגעלט פּונקט
אַזאַ שווערע, קיינמאָל ניט געזעהענע האַלב טונקעלקייט, וואָס האָט
אָנגעפילט זיין נשמה מיט אַן אומבאַגרייפליכען טרויער. „איז וואָס ?“
—האָט ער זיך געפרעגט, האָט ניט געזוכט קיין ענטפער און האָט נאָר
געוואוסט, אַז עפּעס איז געשעהן, וואָס מען האָט ניט געקענט פאָר־
אויסזעהן אָדער ענדערען און וואָס האָט אויף אייביג געמוזט ענדערען
פאַר איהם דעם אָנבליק פון דער וועלט. ער האָט זיך דערמאָנט
דעם טאָג, ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען. אַ ווילדער שמערץ האָט
איהם דאַן אַרומגענומען ; דאָך האָט ער געקענט וויינען, און די ערד
איז ניט געוואָרען מיט אַמאָל טונקעל און לער. זיין פאָטער האָט דאָך
געלעבט, איז אַמאָל געווען יונג, האָט געאַרבייט, געליעבט, געהאַט
קינדער, געהאַט פריידען און ליידען. און די מוטער, וואָס האָט איהם

געבאָרען, האָט ניט אומזיסט געליטען. און ווען ער אליין וואָלט היינט געמוזט שטאַרבען, ווי פריהצייטיג דאָס וואָלט ניט געווען, האָט ער דאָך געהאַט הינטער זיך א לעבען, פול מיט ליכט און טענער, גליק און ליידען, האָפנונג און אַנגסט, פול מיט אַלע ערפאַהרונגען פון דער וועלט. און ווען אַנא וואָלט היינט געשטאָרבען אין דער שעה, ווען זי האָט גע־באָרען א נייע באַשעפעניש, וואָלט זי אויך ערפילט איהר שיקזאַל, און איהר סוף וואָלט געהאַט זיין שרעקליכען, אָבער טיפען זין. אָבער דאָס, וואָס איז געשעהן מיט זיין קינד, איז געווען אונזיניג, העסליך, א שפּאָט פון ערגעץ וואו, וואו עס איז ניט מעגליך קיין פראַגע און קיין ענטפער. צו וואָס, צו וואָס איז דאָס אַלץ? וואָס פאַר א זין איז געווען אין די אַלע פּאַריגע מאָנאַטען, מיט אַלע זייערע טרוימען, זאָרגען און האָפנונגען? איצט האָט ער פּלוצלונג פאַרשטאַנען, אַז די ערוואַרטונג פון דער וואונדערליכער שעה, ווען דאָס קינד האָט געדאַרפט געבאָרען ווערען, האָט די גאַנצע צייט געלעבט טיף אין זיין נשמה אפילו אין די נישטיגסטע, לערסטע און לייכטזיניגסטע טעג; און ער האָט זיך געפיהלט פאַרשעמט, פּאַראָרימט, עלענד.

ער איז געשטאַנען אויבען ביים צוים פון גאָרטען און האָט גע־קוקט צום ראַנד פון וואַלד, אין דער ריכטונג פון זיין באַנק, אויף וועל־כער ער האָט פריהער אָפט גערוהט. און איהם האָט אויסגעוויזען, ווי די באַנק, און דער טאָל, און דער וואַלד וואָלטען פריהער געווען זיין אייגענטום, און איצט דאַרף ער זיך צושיידען מיט די אַלע זאַכען, און מיט פיעלע אַנדערע. אין ווינקעל פון גאָרטען איז געשטאַנען א טונקעל גרוי, פאַרנאַכלעסיגט ביידעל, מיט דריי קליינע עפנונגען אין א שמאָלער טיר. ער האָט עס קיינמאָל ניט געליעבט און איז נאָר איינמאָל אריינ־געגאַנגען אויף עטליכע מינוט. היינט האָט איהם געצויגען אהין. ער האָט זיך געזעצט אויף די צובראָכענע באַנק און האָט זיך פּלוצלונג דערפיהלט באַשיצט און בארוהיגט, ווי אַלץ, וואָס איז געשעהן, וואָלט אויף אַן אומבאַגרייפליכער אַרט ניט געווען אינגאַנצען וואהר אָדער וואָלט געקענט ווערען אַנדערש. באַלד אָבער איז אויך די אילוזיאָן פאַרשוואונדען; ער האָט פאַרלאָזען דעם אומהיימליכען אָרט און איז ארויס אויף דער פרייער לופט. „מען דאַרף איצט, נאַטירליך, זיך אומקערען אהיים“, — האָט ער מיד א קלער געטאָן און האָט ניט גע־קענט באַגרייפען, אַז הינטער דער וועראַנדאַ, אין דעם טונקעלען

צימער, וואָס האָט פון דאַנען אויסגעוויזען ווי אָנגעפילט מיט אומ־דורכדרינגליכער פינסטערניש, איז געלעגען דער טויטער קערפּער פון זיין קינד. ער איז לאַנגזאַם געגאַנגען אהין. אויף דער וועראַנדאַ איז געשטאַנען אַנאַ׳ס מוטען מיט עפּעס אַ הערר. געאָרג האָט דערקענט דעם אַלטען ראַזנער׳ן. ער איז דאָרט געשטאַנען אין מאַנטעל, זיין הוט אויפ׳ן טיש, האָט געפיהרט מיט אַ טאַשענטיכעל איבער׳ן שטערן, און די דעקלאַך פון זיינע מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגען האָבען גע־ציטערט. ער איז געגאַנגען געאָרג׳ן אַנטקעגען און האָט איהם גע־דריקט די האַנט.

— ליידער איז אַרויסגעקומען אַנדערש, ווי אַלע האָבען געהאָפט און געוואָרט, — האָט ער געזאָגט.

געאָרג האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ביים אַלטען איז דאָס האַרץ די לעצטע צייט געווען ניט אין אָרדנונג, און ער האָט אָנגעפרעגט וועגען זיין געזונט.

— אַ דאַנק פאַר נאָכפרעגען, הערר באַראָן; איצט איז מיר אַביסעל בעסער, מעהר ניט אויף די טרעפּ איז שווער צו געהן.

געאָרג האָט באַמערקט, אַז די גלעזערנע טיר צום מיטעלסטען צימער איז געווען פאַרמאַכט.

— ענטשולדיגט, — האָט ער געזאָגט צום אַלטען ראַזנער, איז אַוועק גלייך צום טיר, האָט זי געעפענט און באַלד פאַרמאַכט נאָך זיך. ניט ווייט פון טיש זיינען געשטאַנען פרוי גאָלאָווסקי און דאָקטאָר שטאובער און האָבען גערעדט. ווען ער איז צוגעגאַנגען, זיינען זיי פלוצלונג אַנשוויגען געוואָרען.

— וואָס איז? — האָט ער געפרעגט.

דאָקטאָר שטאובער האָט געזאָגט:

— מיר האָבען גערעדט וועגען... פאָרמאַליטעטען. פרוי גאָ־לאָווסקי וועט זיין אַזוי גוט און אַלץ באַזאָרגען.

— אַ דאַנק, — האָט געזאָגט געאָרג און האָט געגעבען פרוי גאָ־לאָווסקי די האַנט. — „אַלץ, — האָט ער אַ קלער געטאָן, — דאָס הייסט, וועגען דעם אָרון, דער לויה, דער מעלדונג צו דער אָרטיגער פּאָליציי: געבאָרען געוואָרען אַ זוהן ביי דער אומפאַרהייראַטער אַנאַ ראָזנער, געשטאָרבען דעמזעלבען טאָג. קיין וואָרט ניט וועגען פאָטער, נאַטירליך“. יע, זיין ראָל איז געענדיגט. אָבער ערשט היינט דען?

האָט זי זיך דען ניט געענדיגט יענעם מאָמענט, ווען ער איז צופעליג געוואָרען פאָטער?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן טיש. דער קליינער קערפּער איז געווען פאַרדעקט מיט אַ ליילאַך. „ווי שנעל! — האָט ער געקלערט ערבּיטערט. — וועל איך איהם דען קיינמאָל מעהר ניט זעהן? נאָכ־אַמאָל אַ קוק טאָן קען מען, נאַטירליך". ער האָט אָפּגעדעקט דעם ליילאַך און האָט דערזעהן אַ בלייך קינדערש געזיכט, וואָס איז איהם שוין לאַנג געווען באַקאַנט; מעהר ניט די אויגען האָט וועד פאַר־מאַכט דעם קינד. אין ווינקעל האָט געטיקט אַן אַלטער וואַנט זייגער. זעקס אַזייגער. נאָך קיין שעה איז ניט אַריבּער, ווי זיין קינד איז געבּאָרען געוואָרען און געשטאָרבּען; און אָט דער פאַקט איז שוין געווען אַזוי פעסטגעשטעלט, ווי אַנדערש וואָלט גאָר ניט געקענט זיין.

ער האָט דערפיהלט, ווי עמיצער האָט לייכט אָנגעריהרט זיין אַקסעל.

— זי האָט דאָס אויפגענומען רוהיג, — האָט געזאָגט דאָקטאָר שטאובער הינטער איהם.

געאָרג האָט פאַרדעקט דעם קינדס געזיכט און האָט אומגעקערט דעם קאָפּ.

— ווייס זי שוין?...

דאָקטאָר שטאובער האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. פרוי נאָ־לאָווסקי האָט זיך אָפּגעקערט.

— ווער האָט איהר געזאָגט? — האָט געאָרג געפרעגט.

— מען האָט איהר גאָר ניט געדאַרפט זאָגען, — האָט געענטפערט דאָקטאָר שטאובער. — ניט אמת? — האָט ער זיך געווענדעט צו פרוי נאָלאָווסקי.

— ווען איך בין אַריינגעקומען צו איהר, — האָט געזאָגט פרוי נאָלאָווסקי, — האָט זי נאָר אַ קוק געטאָן אויף מיר, און איך האָב גלייך דערזעהן, אַז זי ווייס.

— און וואָס האָט זי געזאָגט?

— גאָרנישט. קיין וואָרט ניט. זי האָט אָפּגעקערט די אויגען צום פענסטער און — שטיל. זי האָט מיר דאָן געפרעגט, וואו איהר, הערר באַראָן, זייט, און וואָס איהר מאַכט.

געאָרג האָט טיף אָפּגעזיפצט. די טיר פון אנאַ'ס צימער האָט זיך געעפענט. דער פּראָפעסאָר איז ארויסגעקומען אין א שווארצען ראָק.

— זי איז גאַנץ רוהיג, — האָט ער געזאָגט צו געאָרג'ן. — איהר קענט אריינגעהן.

— האָט זי גערעדט מיט אייך וועגען דעם? — האָט געאָרג גע־פרעגט.

דער פּראָפעסאָר האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דאַן האָט ער גע־זאָגט:

— איך מוז איצט ליידער פאָהרען אין שטאָדט. איהר וועט דאָך ענטשולדיגען? איך האָף, אַז ווייטער וועט אַלץ געהן גוט. מאָרגען פריה בין איך יעדענפאַלס ווידער דאָ. אדיע, ליעבער הערר באַראָן.— ער האָט איהם געדריקט מיטפיהלענד די האַנט. — איהר פאָהרט דאָך מיט, דאָקטאָר שטאובער?

— יע,—האָט דאָקטאָר שטאובער געזאָגט,—איך וועל נאָר זעגענען זיך מיט אנאַ'ן.

ער איז אוועקגעגאַנגען. געאָרג האָט זיך געווענדעט צום פּראָ־פעסאָר:

— מעג איך אייך עפּעס פרעגען?

— געוויס.

— איך וואָלט אייגענטליך געוואָלט וויסען, הערר פּראָפעסאָר, צי דאָס איז ניט קיין איינבילדונג. מיר קומט פאָר, — און ער האָט ווידער אויפגעהויבען דעם לייַלאַך פון דעם קליינעם קערפּערעל, — ווי אָט דאָס קינד וואָלט גאָר ניט אויסגעוויזען ווי נייגעבאָרען. שעהנער אביסעל. די געזיכטער ביי נייגעבאָרענע מוזען, דוכט מיר, זיין צו־קנייטשטער, עלטער. איך ווייס ניט, צי איך האָב דאָס געזעהן אָדער געלעזען וועגען דעם.

— איהר זייט ניט אומגערעכט, — האָט דער פּראָפעסאָר גע־ענטפערט, — גראָד אין אַזעלכע פאַלען, אפילו ביי א גליקליכערען סוף, זיינען די צוגען ביי קינדער ניט צוקרימט, אמאָל גאָר שעהן.

ער האָט באטראַכט דאָס קליינע געזיכט מיט פּראָפעסיאָנעלען מיטגעפיהל, האָט א פּאָר מאָל צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: „א שאָד, א שאָד...״ האָט ווידער אראָפּגעלאָזען דעם לייַלאַך, און געאָרג האָט געוואוסט, אַז ער האָט צום לעצטען מאָל געזעהן דאָס געזיכט פון זיין

קינד. ווי וואָלט געווען זיין נאָמען? פעליציאַן... אדיע, קליינער פעליציאַן.

פון דערבייאיגען צימער איז ארויסגעקומען דאָקטאָר שטאובער און האָט שטיל צוגעמאַכט די טיר.

— אנא ווארט אויף אייך, — האָט ער געזאָגט צו געאָרג׳ן.

געאָרג האָט איהם געדריקט די האנט, האָט נאָכאמאָל געגבען די האנט דעם פּראָפעסאָר, האָט זיך לייכט גענייגט פאַר פרוי גאָלאָווסקי און איז אריין אין דערבייאיגען צימער.

אנאַ׳ס ווארטערין איז אויפגעשטאַנען און איז ארויס פון צימער. אנטקעגען דער טיר איז געהאנגען א שפּיגעל, אין וועלכען געאָרג האָט דערזעהן א יונגען, עלעגאַנט געקליידעטען הערר,, א גלייכען און שמייכלענדען. אנא איז געלעגען אין בעט, וואָס איז געשטאַנען אינ־מיטען צימער, און האָט געקוקט אויף געאָרג׳ן מיט גרויסע קלאָרע אויגען. געאָרג האָט אביסעל צומישט צוגערוקט צום בעט א שטול, האָט זיך געזעצט, גענומען איהר האנט, צוגעטראָגען צו זיין שטערן און דאַן גענומען בארעקען איהרע פינגער מיט לאַנגע, כמעט פייערדיגע קושען.

אנא האָט די ערשטע אָנגעהויבען רעדען.

— ביזט געווען אין גאָרטען? — האָט זי געפרעגט.

— יע.

— איך האָב געזעהן, ווי דו ביזט פון דאָרטען געגאַנגען.

— וואָלסט בעסער ניט גערעדט, אנא. דאָס איז שעדליך.

— פון עטליכע ווערטער וועט ניט ווערען ערגער. אָבער דו קענסט מיר עפּעס דערצעהלען...

ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען איהר האנט און באטראַכט איהרע פינגער. דאַן האָט ער געזאָגט:

— ווייסטו, אז דאָרט, אין עק גאָרטען שטעהט א קלייןביידעל? געווים ווייסטו... איך האָב נאָר געוואָלט זאָגען, אז מיר האָבען דאָס קיינמאָל כמעט ניט באמערקט.

— אין די ערשטע טעג בין איך דאָרט עטליכע מאָל געווען, — האָט אנא געזאָגט. — דאָס ביידעל איז ניט שעהן.

— יע, שעהן איז עס גאָר ווייניג.

— האָסט היינט ביז מיטאָג געארבייט?

— וואָס פּעלט דיר אײַן, אַנאַ?
זי האָט לײַכט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.
— גראָד אין דער לעצטער צײַט איז בײַ דיר די אַרבעט געגאַנגען גוט.
— יע, אמת. און דו האָסט זיך באַנומען זעהר ניט גוט.
ער האָט געשמייכעלט. זי איז געבליבען ערנסט.
— ביזט געווען נעכטען אין שטאָדט? — האָט זי געפרעגט.
— דו ווייסט דאָך.
— זיינען געוועזן בריף? איך מיין, וויכטיגע.
— רעד ניט אַזוי פיעל, איך בעט דיך, אַנאַ. איך וועל דיר אַליין אַלץ דערצעהלען. קיין וויכטיגע בריף זיינען ניט אָנגעקומען. פון דעטמאָלד איז אויך ניט געווען קיין בריף. אגב וועל איך די טעג ווידער זיין בײַ פּראָפעסאָר פּיביגער'ן. אָבער וועגען די אַלע זאַכען קען מען דאָך רעדען אַן אַנדערס מאָל, ניט אמת? און וואָס אָנבאַטרעפט די אַרבייט... היינט אין דער פריה האָב איך ווידער אַריינגעקוקט אין „טריסטאַן". איצט קען איך איהם ווירקליך אין אַלע איינצעלהייטען. איך וואָלט זיך איצט אונטערגענומען איהם צו דיריגירען, ווען מען וואָלט געדאַרפט.
אַנאַ האָט געשוויגען און געקוקט אויף איהם.
ער האָט זיך דערמאָנט דעם אָוועגט, ווען ער איז מיט איהר געזעסען אין מינכענער אָפּעראַ ווי איינגעהילט אין אַ דורכזיכטיגען שלייער פון באַליעבטע קלאַנגען. אָבער ער האָט איהר וועגען דעם ניט דערמאָנט.
עס איז געוואָרען טונקעל. אַנאַ'ס צוגען האָבען גענומען צוּ־שווימען.
— פּאָהרסט היינט ווידער אין שטאָדט? — האָט זי געפרעגט.
ער האָט וועגען דעם גאָר ניט געקלערט. איצט אָבער האָט דאָס איהם אויסגעוויזען, ווי אַן ערלייזונג. יע, בעסער פאָהרען אין שטאָדט. וואָס נאָך האָט ער דאָ צו טאָן? אָבער ער האָט ניט באַלד געענטפערט.
אַנאַ האָט ווידער אָנגעהויבען:
— דו ווילסט מסתמא רעדען מיט דיין ברודער?
— יע, געוויס. און דו וועסט באַלד איינשלאָפען?
— איך האָף אַזוי.

— ווי מיר דו מוזט זיין, — האָט ער געזאָגט, גלעטענדיג איהר האַנט.

— ניין, דאָס איז עפּעס אַנדערש. איך בין זעהר וואַך... קיינמאָל אין לעבען בין איך נאָך ניט געווען אַזוי וואַך. און אין דערזעלבער צייט ווייס איך, אַז איך וועל שלאָפען פעסט, ווי איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געשלאָפען... ווי נאָר איך וועל צומאַכען די אויגען.

— געוויס וועסטו שלאָפען. אָבער מעג איך נאָך בלייבען כאָטש אַביסעל לעבען דיר? איך וואָלט געוואָלט דאָ בלייבען, ביז דו וועסט איינשלאָפען.

— ניין, געאָרג, ווען דו ביזט דאָ, קען איך ניט איינשלאָפען. אָבער זיץ נאָך אַביסעל. מיר איז גוט.

ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען איהר האַנט און אַרויסגעקוקט אין גאָרטען, וואָס איז איצט איינגאַנצען געווען אין שאָטען פון אָווענט.

— ביזט ניט אָפט געפאָהרען אין אוהאַף דאָס יאָהר? האָט אַנאַ געפרעגט גלייכגילטיג, ווי נאָר אום עפּעס צו זאָגען.

— כעמט יעדען טאָג. איך האָב דאָך דיר דערצעהלט. מיר דוכט, אַז עלזאַ וועט הייראַטען מיט דזשיימס ווייגנער'ן און וועט מיט איהם אוועקפאָהרען אין ענגלאַנד.

ער האָט געוואוסט, אַז זי האָט געקלערט ניט וועגען עלזאַ'ן, נאָר גאָר וועגען אַן אַנדער פרוי. און ער האָט זיך געפרעגט, צי זי מיינט ניט, אַז צוליעב דעם איז אַלץ געשעהן.

אַ ווארים ווינטעל האָט געוועהט אין פענסטער. קינדער שטימען האָבען זיך דערטראָגען. געאָרג האָט אַרויסגעקוקט אין גאָרטען. ער האָט דערזעהן די אין דער ווייט שימערענדע ווייסע באַנק אונטער דעם באַרענבוים און האָט געקלערט וועגען דעם, ווי אַנאַ האָט דאָרט געוואַרט אויף איהם, אין אַ ברייטען קלייד, ווי די צווייגען, שוועבער באַלאָדען מיט פרוכט, זיינען געהאַנגען איבער איהר, ווי זי איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם וואונדער פון מוטערשאַפט. און ער האָט זיך געפרעגט: איז שוין דאַן געווען פאַראוים באַשטימט, אַז אַזוי זאָל זיך ענדיגען? אָדער דאָס איז שוין גאָר געווען באַשטימט אין דער ערשטער מינוט פון זייער נאָהנטקייט? ער האָט זיך דערמאָנט דעם פּראָפעסאָרס באַמערקונג, אַז אַזוי ענדיגען זיך פון איינעם ביז צוויי פּראָצענט פון אַלע געבורטען. הייסט דאָס, פון זינט מענשען ווערען געבאָרען אויף דער וועלט, מוז

פון יעדע הונדערט איינער אָדער צוויי שטאַרבען אַזוי אונזיניג אין דעמזועלבען אויגענבליק, ווען זיי באַווייזען זיך אויף דער וועלט ! און אַזוי פיעל און אַזוי פיעל מוזען שטאַרבען אין פאַרלויף פון ערשטען יאָהר, אַזויפיעל — אין דער בליהענדער יוגענד, אַזוי פיעל — ווי רייפע מענער, און פונדעסטוועגען מאַכען אַ באַשטימטע צאָהל אַ סוף צו זייער לעבען, ווי לאַבינסקי, און אַזויפיעל גיט זיך דאָס ניט איין, ווי אָסקאַר עהרענבערג'ן. צו וואָס זוכען די אורזאַכען ? אויף דער וועלט הערשט עפּעס אַ געזעץ, אומפאַרשטענדליך און אומבאַזיעגבאַר, אַנטקעגען וועלכען מיר, מענשען, קענען גאָרנישט טאָן. ווער וואַגט צו באַקלאָגען זיך און זאָגען : פאַרוואָס איז דאָס אויסגעפאַלען גראָד אויף מיין גורל? אויב דאָס וועט ניט געשעהן מיט איהם, וועט דאָס געשעהן מיט אַן אַנדערען... צי ער איז שולדיג, צי ניט. אויף איינעם אָדער צוויי פּראָ־צענט פאַלט אויס אַזאַ שיקזאַל, אין דעם באַשטעהט דאָך די הימעלשע גערעכטיגקייט. די קינדער, וואָס לאַכען דאָרט אין גאָרטען, — זיי האָבען אַ רעכט צו לעבען. האָבען אַ רעכט? ניין, זיי **מוזען** לעבען, ווי זיין קינד האָט געמוזט שטאַרבען נאָך דעם ערשטען אָטעמ־צוג, באַשטימט אַריבערצוגעהן דורך אונזיניגע נישטיגקייט פון איין פינסטערניש אין אַן אַנדערע.

אויף יענער זייט פענסטער איז געווען טונקעל, און אין צימער איז שוין כמעט געווען נאַכט. אַנאַ איז געלעגען שטיל און אומבאַ־וועגליך. איהר האַנט האָט זיך ניט גערירט אין געאָרג'ס. אָבער ווען געאָרג איז אויפגעשטאַנען, האָט ער דערזעהן, אַז איהרע אויגען זיינען געווען אָפען. ער האָט זיך אָנגעבויגען צו איהר, איז אַ ווייליע געווען אומענטשלאָסען, דאַן האָט ער אַרומגענומען מיט די הענט איהר האַלז און האָט אַ קוש געטאָן איהרע ליפּען, וואָס זיינען געווען הייס און טרו־קען און האָבען ניט געענטפערט אויף די באַריהרונג. דאַן איז ער אַוועק. אין דערבייאיגען צימער האָט געברענט אַ ענגלאָמפּ איבער'ן טיש, אויף וועלכען דאָס טויטע קינד איז פריהער געלעגען. איצט איז דער טיש געווען באַדעקט מיט אַ גרינעם טישטוך, ווי עס וואָלט גאָר־נישט געשעהן. די טיר אין צימער, וואָס פרוי גאָלאָווסקי האָט איצט פאַרנומען, איז געווען אָפען. מען האָט פון דאָרטען געזעהן דעם שיין פון אַ ליכט, און געאָרג האָט געוואוסט, אַז דאָרט שלאָפט זיין ער־שטען און לעצטען שלאָף זיין קינד.

פרוי גאַלאַווסקי און אַנאַ'ס מוטער זיינען איינע לעבען דער אַנ־דערער געזעסען אויפ'ן דיוואַן שווייגענדיג און עפּעס ווי צוזאַמענגע־דרעהט. געאָרג איז צו זיי צוגעגאַנגען.

— אייער מאַן איז שוין אַוועקגעפאָהרען? — האָט ער זיך גע־ווענדט צו פרוי ראָזנער.

— יע, ער איז אַוועקגעפאָהרען אין שטאָדט מיט'ן דאָקטאָר, — האָט זי געענטפערט און האָט ווי פרעגענדיג אַ קוק געטאָן אויף איהם.

— זי איז רוהיג, — האָט געאָרג געענטפערט אויף איהר בליק, —איך האָף, אַז זי וועט באַלד איינשלאָפען.

— ווילט איהר ניט עסען? — האָט געפרעגט פרוי גאַלאַווסקי.— איהר האָט דאָך פון איינס אַזייגער אָן...

— אַ דאַנק, ניין. איך פאָהר איצט אין שטאָדט. איך דאַרף רעדען מיט מיין ברודער. אויסערדעם ערוואַרט איך וויכטיגע בריף. איך וועל-זיך אומקערען מאָרגען אין דער פריה.

ער האָט זיך געזעגענט, איז אַרויף צו זיך אין מאַנסאַרדע, האָט אַריינגעטראָגען פון באַלקאָן אין צימער די פּאַרטיטור פון „טריסטאַן“, האָט גענומען דעם מאַנטעל און הוט, פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און איז אַרויס פון הויז. ער האָט זיך דערפיהלט פריי, ווי נאָר ער איז אַרויס אויף דער פרישער לופט. די שרעקליכע אויפרעגונג איז פאַר־איבער. געענדיגט האָט זיך מיט אַן אומגליק, אָבער דאָך זיך געענדיגט. וועגען אַנאַ'ן איז ניטאָ וואָס צו זאָרגען. נאַטירליך, אויך דאָ זיינען פאַראַן פאַטאַלע פּראַצענט נאָרמען. אָבער די מעגליכקייט פון אַ שלעכטען אויסגאַנג איז, נאָך דער טעאָריע פון וואַרשיינליכקייט, גראָד געוועזען קלענער, ווי ווען דאָס קינד וואָלט געבליבען לעבען.

מיט שנעלע טריט איז ער דורכגעגאַנגען דאָס דאָרף, וואָס האָט זיך געצויגען אין דער לענג פון וועג, מיהענדיג זיך ניט צו קלערען וועגען קיין זאַך און מיט אַ געמאַכטער אויפמערקזאַמקייט באַטראַכטענדיג יעדע הויז, פאַרביי וועלכען ער איז דורכגעגאַנגען. אַלע הייזער זיינען געווען נידריג, די מעהרסטע פון זיי האָבען אויסגעזעהן טריב און אָרים. הינטער זיי האָבען קליינע גאָרטענס זיך געהויבען אין אַוועגט נעבעל צו די וויינגערטנער, פעלדער און לאָנקעס. אין דעם כמעט לערען גאָרטען פון רעסטאָראַן, ביי אַ לאַנגען טיש, זיינען געזעסען אַ פּאָר מוזיקאַנטען און האָבען געשפּיעלט אַ וויינענדיגען וואַלץ אויף

פידעל, גיטאַר און האַרמאָניקאַ. שפּעטער איז ער פאַרבייגעגאַנגען שעהנערע הייזער און האָט דורך די אָפענע פענסטער געזעהן באַלויכ־טענע צימערען, וואו עס זיינען געשטאַנען געגרייטע טישען. אין אַ באַקוועמען קליינעם גאָרטען פון איין רעסטאָראַן האָט ער זיך ענדליך אוועקגעזעצט, וואָס ווייטער פון די ניט זעהר פיעלע געסט, האָט גע־געסען און באַלד דערפיהלט אַן אַנגענעמע מידקייט. אין פערדבאַהן האָט ער כמעט איינגעדרעמעלט אין זיין ווינקעל. נאָר דאַן, ווען דער וואַגאָן איז אָנגעקומען אויף באַלעבטערע גאַסען, איז ער ווידער געקומען צו זיך און זיך דערמאָנט אָן אַלץ, וואָס איז געשעהן, מיט אַ פיינליכער, כאָטש אַ טרוקענער קלאָרקייט. ער איז אַרוים און איז געגאַנגען אַהיים דורך די שטיקענדע פייכטע לופט פון פאַרק. פעליציאַן איז נאָך ניט געוועזן אין דער היים. אויף דעם שרייבטיש האָט ער געפונען אַ דע־פעש. זי איז געוועזן פון דעטמאָלד. אין איהר איז געשטאַנען: „מיר בעטען אייך העפליכסט אונז לאָזען וויסען, צי איהר קענט ניט קומען צו אונז ניט שפּעטער, ווי אין דריי טעג אַרום. אָבער אָט די איינלאַ־דונג דאַרף ניט פאַרבינדעןביידע צדדים, וואָס אָנבאַטרעפט ווייטערע ענטשלוסען. רייזעקאָסטען וועלען יעדענפאַלס אומגעקערט ווערען. מיט אַכטונג, די אינטענדאַנץ פון הויף טעאַטער“. דערביי איז געלע־גען אַ רויטער בלאַנק פאַר אַן ענטפער.

געאָרג איז געוואָרען אויפגערעגט. וואָס זאָל ער ענטפערען? אין דער דעפעש איז קלאָר געווען, אַז אַ שטעל פון אַ קאַפּעלמייסטער איז לעדיג געוואָרען. זאָל ער בעטען אָפּלעגען? אין אַ וואָך אַרום וועט ער, נאַטירליך, קענען אַריבערפאָהרען אין דעטמאָלד פאַר אונ־טערהאַנדלונגען. איהם איז געוועזן שווער צו קלערען וועגען דעם איצט. יעדענפאַלס קען מען דאָך וואַרטען ביז אין דער פריה. נאָר אויב אפילו עס וואָלט שוין געווען צו שפּעט, וואָלט דאָך סוף כל סוף קיין זאַך וועזענטליך ניט געענדערט זיך. ווי אַ גאַסט, וועט מען איהם אויפנעמען מיט פרייד, דאָס האָט ער שוין געוואוסט. אפשר איז גאָר בעסער ניט פאַרבינדען זיך, נאָר אַרבייטען ערגעץ וואו אָהן פאַרפליכטונגען און פאַראַנטוואָרטליכקייט און זיך גוט צוגרייטען צום קומענדיגען סעזאָן. און ווי קליין דאָס אַלץ איז אין פאַרגלייך מיט דער שרעקליכער געשע־העניש, וואָס איז היינט פאָרגעקומען אין זיין לעבען! ער האָט גע־נומען דעם מאַלאַכיטענעם פּרעס און איהם אוועקגעשטעלט אויף די

דעפּעש. וואָס זשע טוט מען איצט?... געהן אין קלוב זוכען פּעלי־
ציאַנ'ען? דאָרט איז ניט דער אָרט צו דערצעהלען איהם אזא וויכטיגע זאַך. בעסער בלייבען אין דער היים און וואַרטען אויף איהם. איהם האָט געצווינגען זיך אויסצוטאָן באַלד און לעגען זיך אין בעט. אָבער ער וואָלט סאַי ווי ניט געקענט איינשלאָפען. דאַן האָט ער באַשלאָסען צו ברענגען אין אָרדנונג זיינע פּאַפּירען. ער האָט געעפענט דעם שופ־לאָד פון שרייבטיש, האָט גענומען דורכקוקען די בריף און רעכנונגען און מאַכען באַמערקונגען אין נאָטיץ ביכעל. פון דעם אָפענעם פענסטער האָט דער רויש אין גאַס זיך דערטראָגען ווי פון דער ווייט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַראַיאָהרען זומער האָט ער אויף דעמזעלבען אָרט געלעזען די בריף פון געשטאָרבענעם פאָטער און פון דער מוטער. און פּונקט ווי היינט האָט זיך צו איהם דערטראָגען דערזעלבער רויש פון גאַס, דערזעלבער דופט פון פּאַרק. דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר האָט אין זיין מידען באַוואוסטזיין זיך אויסגעצויגען אין אַ גאַנצע אייביגקייט, דאַן האָט עס זיך ווידער איינגעשרומפּט אין אַ קליינעם אינטערוואַל, און עפּעס האָט שטיל גערעדט אין זיין נשמה: צו וואָס... צו וואָס! זיין קינד איז געווען טויט. מען וועט עס באַגראָבען ביים וועג פון די זומערדיגע לאָנקעס, אויפ'ן בית עולם, פאַרביי וועלכען נעאָרג'ן איז אָפט אויסגעקומען צו געהן. דאָרט, אויף דער געהייליגטער ערד, וועט ער אָפּרוהען פון דעם שווערען וועג, וואָס איהם איז פאָראויס באַ־שטימט געוואָרען דורכצוגעהן, דורך אונזיניגע נישטיגקייט פון איין פינסטערניש אין אַן אַנדערע. דאָרט וועט ער ליגען אונטער אַ קליינעם קרייץ, ווי ער וואָלט דורכגעלעבט און דורכגעליטען דאָס מענש־ליכע שיקזאַל. ווי ער וואָלט געלעבט? אָבער ער האָט דאָך ווירקליך געלעבט פון דעם מאָמענט אָן, ווען זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּען אין מוטערס לייב. ניין, נאָך פריהער... פון דעם אויגענבליק, ווען דער מוטערס לייב האָט איהם אויפגענומען, געהערט ער שוין צו דעם קעניגרייך פון לעבעדיגע. און נעאָרג האָט געקלערט וועגען דעם, וויפיעל מענשענקינדער עס איז פאָראויס באַשטימט געווען צו שטאַרבען נאָך פריהער, ווי זיין זוהן, וויפיעל פון זיי, געווינשטע און אומגע־ווינשטע, שטאַרבען אין ערשטען טאָג פון זייער לעבען, און זייערע מוטערס פאַרדעכטיגען דאָס גאָר ניט. און אין דער צייט, ווען ער האָט געדרעמעלט מיט פאַרמאַכטע אויגען ביי זיין שרייבטיש האַלב

וואך, האלב אין שלאף, האט ער געזעהן, ווי העל שימערענדע קרייצען הויבען זיך איבער קליינע בערגלאך, א בית עולם ווי פון א שפּיעלצייג שאכטעל, און איבער דעם האט געגלאנצט א רויטליך־געלע פּופען זון. פלוצלונג האט דאס בילד גענומען פארשטעלען דעם בית עולם אין קאדענאביא. געארג איז ווי א קליינער אינגעל געזעסען אויף דער שטיינערנער וואנט און האט פלוצלונג געווענדט זיין בליק צום לאנדזעע. דארט, אונטער העל־געלע זעגלען, אין א שמאלען, זעהר לאנגען שיפעל, איז באוועגלאז געזעסען ביים רודער עפעס א דאמע מיט א גרינעם שאל אויף די אקסלען, און ער האט געמאכט כמעט א פיינליכע אנשטרענגונג צו דערקענען איהר געזיכט, אבער אומזיסט.

דאס גלעקעל האט א קלונג געטאן. געארג איז אויפגעשפרונגען. וואס איז דאס? אך, יע, דא איז דאך קיינער ניט געווען אויפצושליסען די טיר. דעם דיענער האט מען אפגעזאגט דעם ערשטען טאג אין מאנאט, און די פרוי פון פארטיע, וואס האט באדיענט די ברידער, איז גראד איצט אוועקגעגאנגען. געארג איז געגאנגען אין פארהויז און האט געעפענט די טיר. פאר איהם איז געשטאנען היינריך בערמאן.

— איך האב פון אונטען דערזעהן ליכט אין אייער צימער, — האט ער געזאגט. — גוט, וואס מיר איז איינגעפאלען צורשט פארבייצוגעהן אייער הויז. איך האב אייגענטליך גערעכענט צו פאהרען צו אייך אין דארף.

„רעדט ער ווירקליך אזוי אויפגערעגט, — האט געארג געקלערט, — אדער דאס ווייזט מיר נאר אזוי אויס.“

ער האט איהם געבעטען ארייגעהן און זיך זעצען.

— א דאנק, א דאנק, איך וועל בעסער אומגעהן הין און צוריק. ניין, מען דארף ניט קיין ליכט פון אויבען, עס איז גענוג דער לאמפ אויפ'ן שרייבטיש. אגב, וואס הערט זיך ביי אייך אין דארף?

— היינט נאכמיטאג איז געבארען געווארען דאס קינד, — האט געארג רוהיג געענטפערט, — אבער ליידער איז עס געווען טויט.

— טויט געבארען?

— איך ווייס ניט, צי מען קען עס אזוי אנרופען, — האט געארג געענטפערט מיט א ביטערען שמייכעל, — נאך דעם ארצטס ווערטער האט עס איינמאל אפגעאטעמט. דריי לאנגע טעג האבען די

וועהען געדויערט. דאָס איז געוועזן שרעקליך. איצט איז אַלץ פאַר־איבער.

— טויט. מיר טוט דאָס זעהר לייד, גלויבט מיר. — ער האָט אויסגעשטרעקט געאָרג'ן די האַנט.

— דאָס איז געווען אַ אינגעל, — האָט געזאָגט געאָרג, — און, מערקווירדיג, אַזאַ שעהנער, גאָר ניט ווי אַנדערע נייגעבאָרענע.

דאַן האָט ער דערצעהלט, ווי ער איז געווען אין דעם אומהיימ־ליכען ביידעל, וואוהין ער איז פריהער קיינמאָל ניט אַריינגעקומען, און ווי זאָנדערבאַר די באַלייכטונג פון לאַנדשאַפט האָט זיך מיט אַמאָל געענדערט.

— דאָס איז געווען אַ ליכט, — האָט ער געזאָגט, — וואָס מען זעהט אַמאָל אין חלום, — גאַנץ אומבאַשטימט... טונקעל... און ניכער טרויעריג.

ווען ער האָט אַזוי גערעדט, האָט ער געוואוסט, אַז פעליציאַן'ען וועט ער דאָס גאָר אַנדערש דערצעהלען.

היינריך איז געזעסען ביים עק פון דיוואַן און האָט שווייגענדיג געהערט. דאַן האָט ער אָנגעהויבען:

— מערקווירדיג, — האָט ער געזאָגט, — דאָס אַלץ טוט מיר, נאַטירליך, וועה, אָבער אין דערזעלבער צייט באַרוהיגט דאָס מיך.

— באַרוהיגט?

— יע, ווי די אַלע געשעהענישען, פאַר וועלכע איך האָב ליידער געמוזט מורא האָבען, וואָלטען מיט אַמאָל געוואָרען ווייניגער וואַר־שיינליך.

— וואָס פאַר געשעהענישען?

היינריך האָט ניט הערענדיג גערעדט ווייטער, מיט צונויפגעצ־דריקטע צייהן:

— אָדער איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל איך שטעה פאַר אַן אַנ־דערענס אומגליק? אָדער גאָר דערפאַר נאָר, ווייל איך בין אויף אַן אַנדערען אָרט, אין אַ פרעמדער וואוינונג? דאָס איז מעגליך. האָט איהר באַמערקט, אַז אפילו דער אייגענער טויט קומט פאָר, ווי עפּעס, וואָס איז העכסט אומוואַרשיינליך, ווען מען געפינט זיך, צום ביישפּיעל, אויף דער רייזע, אָדער אַמאָל אפילו אויף אַ שפּאַציר? צו אַזעלכע אומבאַגרייפליכע טוישונגען איז אונטערוואָרפען דער מענש.

ער איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענסטער און אָפּגעקערט זיין געזיכט. געאָרג האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ'ן שרייבטיש, און פול מיט פינסטערע פאַרגעפיהלען, האָט ער געוואַרט צו הערען, וואָס היינריך וועט זאָגען. אין עטליכע סעקונדען אַרום, ווי ער וואָלט זיך באַהערשט, האָט היינריך זיך אומגעקערט צו איהם, איז אָבער געבלי־בען שטעהן ביים פענסטער; אָנשפּאַרענדיג זיך הינטער'ן רוקען מיט ביידע הענט אָן דעם פענסטערברעט, האָט ער געזאָגט קורץ און האַרט:

— עס איז פאַראַן אַ מעגליכקייט, אַז די יונגע דאַמע, מיט וועל־כער איהר האָט זיך ניט לאַנג צוריק צופעליג באַקענט ביי מיר, האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו באַגעהן זעלבסטמאָרד. איך בעט אייך, מאַכט ניט אַזאַ דערשראָקענע מינע. איהר ווייסט דאָך: אין איינינע בריף איהרע איז שוין געשטאַנען, אַז זי וויל דאָס טאָן.

— נו, איז וואָס? — האָט געפרעגט געאָרג.

היינריך האָט ווי אין פּאַרטיידיגונג אויפגעהויבען די האַנט.

— איך האָב דאָס קיינמאָל ניט אָנגענומען ערנסט. אָבער היינט אין דער פריה האָב איך באַקומען אַ בריף, אין וועלכען, ווי זאָל איך דאָס זאָגען, איז געוועזען אָן אומהיימליכער טאָן פון אמת. עס שטעהט דאָרט אייגענטליך דאָסזעלביגע, וואָס זי האָט מיר שוין געשריבען צעהן אָדער צוואַנציג מאָל, אָבער דער טאָן... דער טאָן... קורץ און גוט, איך בין אַזוי גוט ווי איבערצייגט, אַז דאָס מאָל איז דאָס געשעהן, אַז אפשר אין אָט דעם אויגענבליק... — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געשטאַרט פאַר זיך אין רוים.

— ניין, היינריך. — געאָרג איז צוגעגאַנגען און האָט איהם אַרויפגעלעגט די האַנט אויפ'ן אַקסעל. — ניין, — האָט ער קרעפטיג צוגעגעבען, — איך גלויב דאָס אַבסאָלוט ניט. איך האָב מיט איהר גערעדט ערשט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק. איהר ווייסט דאָך. און איך האָב דורכאויס ניט געהאַט דעם איינדרוק... איך האָב זי געזעהן אויף דער ביהנע... ווען איהר וואָלט געזעהן, ווי זי שפּיעלט אין דעם אומפאַרשעמטען פּארס, וואָלט איהר דאָס אויך ניט געגלויבט, היינריך. זי וויל איינפאַך זיך נוקם זיין פאַר אייער גרויזאַמקייט. אפשר אומ־באַוואוסטזיניג. זי איז וואַרשיינליך אַמאָל אַליין איבערצייגט, אַז זי קען ווייטער ניט לעבען, אָבער אַזוי ווי זי האָט ביז איצט אויסגעהאַל־טען... יע, ווען זי וואָלט דאָס באַלד געטאָן...

היינריך האָט אומגעדולדיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— הערט, געאָרג, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב טעלעגראַ־פירט אין דעם זומער טעאַטער. איך האָב אָנגעפרעגט, צי זי איז נאָך דאָרט... ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגן אַ ראָל פאַר איהר, אַ פּראָבע אויפפיהרונג פון מיינער אַ נייער פּיעסע, אָדער עפּעס עהנליכעס. איך האָב געוואַרט אין דער היים — ביז איצט... אָבער קיין ענטפער איז נאָך ניט געווען. וועט ניט קומען קיין ענטפער, אָדער דער ענטפער וועט ניט זיין צופרידענשטעלענד, וועל איך יעדענפאַלס פאָהרען אַהין.

— פאַרוואָס אָבער האָט איהר איינפאַך ניט אָנגעפרעגט, צי זי...

— צי זי איז ניט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד? ווילט זיך דאָך ניט שטעלען זיך אין אַ נאַרישע לאַגע, געאָרג. מיר וואָלט דאָך דאַן אויסגע־קומען אָנצופרעגען אומגעפעהר יעדען דריטען טאָג... דאָס וואָלט יעדענפאַלס ניט געווען אָהן אַ געוויסען גראָטעסקען הומאָר.

— נו, זעהט איהר, איהר גלויבט דאָס אַליין ניט.

— איך וועל איצט געהן אַהיים אַ קוק טאָן, צי אַ דעפּעש איז ניט אָנגעקומען. אדיע, געאָרג. ענטשולדיגט. איך האָב אין דער היים מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען... מיר טוטווירקליך זעהר לייד, וואָס איך האָב אין אַזאַ מאָמענט אייך באַלעסטיגט מיט מיינע אָנגעלעגענ־הייטען. נאָכאַמאָל, ענטשולדיגט...

— איהר האָט דאָך ניט געוואוסט... און ווען אפילו איהר וואָלט געוואוסט?... ביי מיר איז דאָך דאָס... אַזוי צו זאָגען, אַ געענדיגטע געשיכטע. אין מיין פאַל קען מען ליידער מעהר גאָרנישט טאָן.

ער האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אין פענסטער פאַרביי די שפּיצען פון בוימער צו די טונקעלע טורעמס און דעכער, וואָס האָבען זיך גע־הויבען פון דעם מאַט־רויטליכען שיין פון דער אומענדליכער שטאָדט. דאַן האָט ער געזאָגט:

— איך וועל אייך באַגלייטען, היינריך. איך קען דאָך אין דער היים גאָרנישט אָנהויבען צו טאָן. דאָס הייסט, ווען מען געזעגעלשאַפט איז אייך ניט אומאַנגענעם.

—אומאַנגענעם?... געאָרג!... — ער האָט איהם געדריקט די האַנט.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען. אין אָנהויב זיינען זיי שווייגענדיג געגאַנגען אין דער לענג פון פּאַרק. געאָרג האָט זיך דערמאָנט זיין

שפּאַציר מיט היינריכ'ן איבער דער אַלעע אין פּראַטער פּאַריגען הערבסט, און באַלד נאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט דעם מאַי אָוונט אין וואַלדשטיין גאַרטען, ווען אַנאַ איז געקומען שפּעטער פון אַלעמען, און פרוי עהרענבערג האָט איהם שטיל געזאָגט: „איך האָב זי איינ־געלאַדען פאַר אייך". יאָ, פאַר איהם!... ווען ניט יענער אָוונט, וואָלט אַנאַ ניט געוואָרען זיין געליעבטע, און אַלץ, וואָס דריקט איהם איצט, וואָלט ניט געשעהן. אָדער האָט דאָ אויך געווירקט עפּעס אַ געזעץ? געוויס! יעדעס יאָהר מוזען געבאָרען ווערען אַזוי פיעל קינדער, און צווישען זיי אַ באַשטימטע צאָהל ניט אין הייראַט. און די גוטע פרוי עהרענבערג האָט זיך איינגערעדט, אַז אָן איהר האָט זיך געווענדט, צי פריילייִן אַנאַ ראָזנער זאָל איינגעלאַדען ווערען אָדער ניט פאַר דעם באַראָן ווערגענטין.

— אַנאַ איז דאָך אויסער געפאַהר? — האָט געפרעגט היינריך.

— איך האָף אַזוי, — האָט געענטפערט געאָרג. און ער האָט גענומען ריידען וועגען די ליידען, וואָס זי האָט איבערגעטראָגען, וועגען איהר געדולדיגקייט און גוטסקייט. ער האָט דערפּיהלט אַ באַ־דערפניש פאַרצושטעלען זי ווי אַן אמת'ען מלאך; ווי ער וואָלט מיט דעם געקענט גוטמאַכען דאָס, אין וואָס ער האָט זיך פאַרשולדיגט פאַר איהר.

— יאָ, — האָט איינגעשטימט היינריך. — זי איז, דוכט מיר, ווירקליך איינע פון די זעלטענע פרויען, וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען פאַר מוטערשאַפט. עס איז דאָך ניט אמת, אַז אַזעלכע פרויען זיינען פאַראַן אַ סך. קינדער האָבען — דאָס קען יעדערע פון זיי, אָבער זיין אַ מוטער! און גראָד מיט איהר האָט אַזוינס געדאַרפט געשעהן! עס איז מיר אייגענטליך קיינמאָל גאַר ניט איינגעפאַלען, אַז אַזאַ זאַך איז מעגליך.

געאָרג האָט געצוקט מיט די אַקסלען, דאַן האָט ער געזאָגט:

— איך האָב אייך דאַרט ערוואַרט צו זעהן נאָכאַמאָל. איהר האָט, דוכט מיר, אפילו צוגעזאָגט צו קומען, ווען איהר זייט פאַר־אַכטאָגען צוזאַמען מיט טערעזאַ'ן געבליבען ביי אונז צום אָוונט־ברויט.

אָך, יאָ, ווען טערעזאַ און איך האָבען זיך אַזוי שטאַרק געקריגט. אויפ'ן וועג אַהיים איז געוועזן נאָך ערגער. איינפאַך צום לאַכען. מיר

זיינען געגאַנגען אין שטאָדט צופוס. די מענשען, וואָס זיינען אונז נעקומען אנטקעגען, האָבען אונז געוויס אָנגענומען פאַר אַ פאַרליעבטע פאָר, אַזאַ שטרייט איז געווען ביי אונז.

— ווער זשע האָט וועמען איבערצייגט?

— איבערצייגט מען רען אין אַזאַ פאַל וועמען? מען דיסקו־טירט נאָר אום זיך אַליין צו איבערצייגען. באַרעכענט נאָר, ווען טערעזאַ וואָלט ענדליך איינגעזעהן, אַז אַ פאַרנינפטיגער מענש דאַרף ניט געהערען צו קיין פּאַרטיי! אָדער ווען איך וואָלט איינגעשטימט, אַז מיין פּאַרטיילאָזיגקייט איז אַ באַוויז פון אַ ניט פאָלשטענדיגער וועלטאַנשויאונג, ווי זי האָט ערקלערט! וואָלטען מיר דאָך ביידע געדאַרפט זיך דערשיסען. און בכלל זיינען די רייד וועגען אַ וועלט־אַנשויאונג אַן אונזין. וואָס איז אַ וועלטאַנשויאונג, ווען ניט אַ פאַר־לאַנג און פעהיגקייט ווירקליך צו זעהן די וועלט, דאָס הייסט, קוקען אויף איהר אָהן אַ פאַראורטייל, ניט שטרעבענדיג פון יעדער ערפאַהרונג ארויסצוברענגען אַ ניי געזעץ אָדער צו געבען איהר אַן אַלגעמיינע באַדייטונג. אָבער די מענשען זעהען אין דער וועלטאַנשויאונג נאָר אַ העכערע אַרט פעסטקייט פון פּרינציפּען, אַ פעסטקייט אין דעם אומ־ענדליכען, אַזוי צו זאָגען. אָדער זיי ריידען וועגען אַ פינסטערער און ליכטיגער וועלטאַנשויאונג, אין איינקלאַנג מיט דער פאַרב, וואָס די וועלט באַקומט פאַר זיי, אַ דאַנק זייער טעמפּעראַמענט אָדער צו־פעליגע פערזענליכע איבערלעבונגען. מענשען מיט אַן אָפענעם פאַר־שטאַנד האָבען אַ וועלטאַנשויאונג, און באַגרענעצטע האָבען דאָס ניט. אַזוי איז דאָס. מען דאַרף ניט זיין ווירקליך אַ פּילאָסאָף, צו האָבען אַ וועלטאַנשויאונג... אפשר דאַרף מען דאָס אינגאַנצען ניט זיין. יעדענפאַלס האָט פּילאָסאָפיע גאָרנישט צו טאָן מיט וועלטאַנשויאונג. פון די פילאָסאָפען האָט געוויס יעדער ביי זיך געוואוסט, אַז ער איז נאָר אַ מין דיכטער. קאַנט האָט געגלויבט אין די „זאַך אין זיך“, און שאָפּענהויער — אין „די וועלט ווי ווילען און פאָרשטעלונג“, ווי שעקספּיר — אין האַמלעט, און בעטהאָווען — אין די ניינטע סימ־פאָניע. זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי האָבען געשאַפען אַ קונסטווערק, אָבער יעדענפאַלס האָבען זיי ניט געמיינט, אַז זיי האָבען ענטדעקט דעם ענדגילטיגען אמת. יעדע פּילאָסאָפישע סיסטעם, ווען עס האָט נאָר ריטם און טיפקייט, באַדייט אַ נייע ערָאָבערונג פאַר דער וועלט.

אָבער וואָס קען עס ענדערען אין דער באַציהונג צו דער וועלט ביי אַ מענשען, וואָס איז באַגאַבט מיט אַן אָפענעם פאַרשטאַנד?

ער האָט גערעדט אַלץ אויפגערעגטער, אַריינפאַלענדיג, ווי געאָרג'ן האָט אויסגעוויזען, אין עפּעס אַ פיבער. געאָרג האָט זיך דערמאָנט, אַז היינריך האָט אַמאָל געטרוימט וועגען אַ קאַרוסעל, וואָס זאָל זיך דרעהען אַרויף איבער דער ערד אַלץ העכער אין ספּיראַלען און זאָל זיך אָפּשטעלען ערגעץ אויף אַ שפּיץ פון אַ טורעם.

זיי זיינען געגאַנגען איבער וועניגער באַלעבטע און שוואַך באַלויכטענע גאַסען פון דער פאָרשטאָדט. געאָרג'ן האָט אויסגעוויזען, ווי ער וואָלט שפּאַצירט איבער אַ פרעמדער שטאָדט. פּלוצלונג האָט איהם איין הויז אויסגעוויזען מערקווירדיג באַקאַנט, און ער האָט נאָר איצט באַמערקט, אַז זיי זיינען געגאַנגען פאַרביי ראָזנער'ס הויז. דער עסצימער איז געווען באַלויכטען. „איז דען מעגליך, — האָט געאָרג געקלערט, — אַז אין עטליכע וואָכען אַרום וועט אַנאַ דאָרט ווידער זיצען, ביי דעמזעלביגען טיש, מיט פאָטער, מוטער און ברודער, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן? אַז זי וועט ווידער שלאָפען יעדע נאַכט ביי אָט דעם פענסטער מיט די אַראָפּגעלאָזענע פאָרהאַנגען, וועט יעדען טאָג אַרויסגעהן פון הויז צו איהרע אָרימע לעקציאָנען? אַז זי וועט ווידער לעבען איהר פריהערדיג, טרויעריג לעבען, ווי עס וואָלט זיך גאָרנישט, קיין זאַך ניט געענדערט? ניין! זי טאָר זיך מעהר ניט אומקערען צו איהרע קרובים, דאָס וואָלט געווען אונזיניג. זי דאַרף וואוינען צוזאַמען מיט איהם. און די דעפּעש פון דעטמאָלד? ער האָט כמעט פאַרגעסען וועגען איהר. מען דאַרף זיך דורכריידען וועגען דעם מיט אַנאַ'ן. דאָ איז פאַראַן אַ האָפנונג און אויסזיכטען אויף די צוקונפט. אין אַזאַ קליינער שטאָדט איז דאָס לעבען זעהר ביליג. און זיין אייגען פאַרמעגען איז נאָך אויך ווייט ניט ערשעפּט. מען קען פּרוּאווען. און דער אַנגאַזשעמענט אין דעטמאָלד איז דאָך נאָר אַן אָנהויב. עפּעס בעסערס קען באַלד קומען אין אַן אַנדערער, גרעסערער שטאָדט. איבער נאַכט קען ער ווערען באַריהמט, — אַזעלכע זאַכען קומען אַלע מאָל אומערוואַרט, — ניט נאָר ווי אַ דיריגענט, נאָר אויך ווי אַ קאָמפּאָניסט; צוויי־דריי יאָהר וועלען אַריבערגעהן, און זיי וועלען קענען נעמען צו זיך דאָס קינד... דאָס קינד!... ווי אַזוי האָט ער דאָס געקענט אויף איין אויגענבליק פאַרגעסען?...

היינריך האָט נאָך אַלץ גערעדט; ווייזט אויס, נאָר צו פאַר־געסען זיך. ער האָט אַלץ געהאַלטען אין איין פאַרניכטען די פילאָ־סאָפען, דעגראַדירען זיי פון דיכטער צו שפּיעלער. יעדע פילאָסאָפישע און מאָראַלע סיסטעם איז נאָר אַ וואָרטשפּיעל, דאָס הייסט, אַן אַנטלויפען פון דער לעבעדיגער פולקייט פון ערשיינונגען צו דער מאַ־ריאָנעטענאַרטיגער פאַרגליווערטקייט פון קאַטעגאָריען. אָבער גראָד דאָס דאַרפען די מענשען האָבען. פון דאַנען נעמען זיך אַלע פילאָסאָ־פיען, רעליגיאָנען, געזעצען פון מאָראַל. דאָס איז אַלץ אַן אַנטלויפען, אומאויפהערליך, אייביג. נאָר ווייניגע, זעהר ווייניגע האָבען די אומ־געהויערע אינערליכע גרייטקייט אויפצונעמען יעדע ערפאַהרונג, ווי אַ נייע און אַן איינציגע, — די קראַפט איבערצוטראָגען דאָס, וואָס אין יעדען אויגענבליק איז מען אין אַן אַנדער וועלט. און דאָך: נאָר דעם, וואָס קען איבערוועלטיגען דעם פייגען דראַנג איינצושליסען אַלע איבערלעבונגען אין די ענגע ראַהמען פון וואָרט, ווייזט זיך דאָס לעבען, דאָס פיעלאַרטיג־איינע און וואונדערליכע, אין זיין ריכטיגער געשטאַלט.

געאָרג האָט באַקומען דעם איינדרוק, ווי אין אַלץ, וואָס היינריך האָט געדעדט, וואָלט געוועזן נאָר איין פאַרלאַנג — אַראָפּנעמען פון זיך יעדע פאַראַנטוואָרטליכקייט און אַרויפוואַרפען זי אויף אַ העכערען געזעץ, וואָס ער האָט ניט אַנערקענט. און ווי אַ שטייגענדען ווי־דערשטאַנד קעגען היינריכ'ס זאָנדערבאַרע רייד האָט ער געפיהלט, ווי אין זיין נשמה שטעלט זיך ביסלעכוויז אויף די גאַנצקייט פון דער וועלט, וואָס האָט מיט עטליכע שעה צוריק געדראָהט צו צופאַלען. נאָך ערשט ניט לאַנג איז ער געווען אויפגעבראַכט קעגען דער זינ־לאָזיגקייט פון דעם שיקזאַל, וואָס האָט איהם היינט געטראָפען. איצט אָבער האָט ער גענומען אומקלאָר פאַרשטעהן, אַז אפילו דאָס, וואָס האָט איהם אויסגעוויזען ווי אַ טרויעריגער צופאַל, איז ניט אַראָפּגעפאַלען אויף איהם פון דער לערקייט, נאָר איז געגאַנגען צו איהם מיט דעמזעלביגען פאָראויסבאַשטימטען וועג, ווי דאָס, וואָס האָט זיך דערנעהנטערט צו איהם אויף דעם ווייט באַלויכטענעם וועג, און וואָס ער האָט אָנגערופען נויטווענדיגקייט.

זיי זיינען צוגעקומען צום הויז, וואו היינריך האָט געוואוינט. ביים טיר איז געשטאַנען דער הויז־היטער. ער האָט מיטגעטיילט,

אז ניט לאנג צוריק האָט ער אריינגעטראָגן אַ דעפּעש אין היינריכ׳ס צימער.

— אזוי? — האָט היינריך געזאָגט מיט אַ געמאַכטער גלייכ־גילטיגקייט און איז לאנגזאם ארויפגעגאנגען אויף די טרעפּ. געאָרג איז איהם נאָכגעגאנגען. אין פאָרהויז האָט היינריך אָנגעצונדען אַ ליכטעל. אויפ׳ן קליינעם טישעל איז געלעגען די דעפּעש. היינריך האָט זי געעפענט, צוגעטראָגען גאָר נאָהנט צום ליכט, איבערגעלעזען פאר זיך און זיך דאַן געווענדט צו געאָרג׳ן:

— מען האָט היינט געווארט אויף איהר צו דער פּראָבע, אָבער זי איז ניט געקומען.

ער האָט גענומען אין האנט דעם לייכטער, איז צוזאמען מיט געאָרג׳ן אריינגעגאנגען אין דערבייאיגען צימער, האָט אוועקגעשטעלט דעם לייכטער אויפ׳ן טיש און גענומען געהן הין און צוריק. איבער דעם טונקעלען הויף דורך דאָס אָפענע פענסטער האָבען זיך דערטראָגען צו געאָרג׳ן קלאוויר טענער.

— מעהר שטעהט גאָרנישט אין דער דעפּעש? — האָט ער גע־פרעגט.

— ניין. אָבער עס ווייזט אויס, אז ניט נאָר איז זי ניט געקומען צו דער פּראָבע, נאָר זי איז אויך ניט געוועזן אין דער היים.. אנדערש וואָלט מען געווים טעלעגראפירט, אז זי איז קראנק, אָדער מען וואָלט געגעבען אַן אנדער ערקלערונג.. יע, ליעבער געאָרג, — ער האָט טיף אָפּגעזיפצט, — דאָס מאָל קען מען שוין מעהר ניט צווייפלען!

— פאַרוואָס? דערווייל איז נאָך ניטאָ קיין גרונד צו מיינען...

היינריך האָט מיט אַ קורצען זשעסט אונטערבראָכען געאָרג׳ן. דאַן האָט ער אַ קוק געטאָן אויפ׳ן זייגער און געזאָגט:

— היינט איז שוין קיין צוג ניטאָ... יע... וואָס טוט מען... וואָס הויבט מען אָן צו טאָן? — ער איז אנשווייגען געוואָרען, האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט פּלוצלונג געזאָגט:

— איך וועל פאָהרען צו איהר מוטער. יע, דאָס איז דאָס בעסטע... אפשר, אפשר...

זיי זיינען ארויסגעגאנגען. ביים נעקסטען ראָג האָבען זיי גע־נומען אַ דראָשקע.

— האָט די מוטער עפּעס געוואוסט? — האָט געפרעגט געאָרג.

— אַך גאָט, — האָט הײנריך געענטפערט, — זי האָט געוואוסט דאָס, וואָס מוטערס ווײסען געװעהנליך. עס איז דאָך אומגלויבליך, ווי װעניג מענשען דענקען נאָך װעגען דעם, וואָס קומט פאַר לעבען זײ, װען עפּעס אויסערליכס ציהט ניט זײער אויפמערקזאַמקײט צו דעם. און די מעהרסטע מענשען פאַרדעכטיגען גאָר ניט, אַז פיעלעס איז זײ באַקאַנט טיף אין זײער נשמה, נאָר איז פאַרבאָרגען פון זײער באַװאוסטזײן. די גוטע פרוי װעט מסתמא װאונדערען זיך זעהר, װען איך װעל פּלוצלונג קומען צו איהר.. איך האָב זי שוין לאַנג ניט געזעהן.

— וואָס װעט איהר איהר זאָגען?

— יע, וואָס װעל איך איהר זאָגען? — האָט הײנריך װידער־האָלט און געביסען זײן ציגאַר. — הערט, איך האָב אַ גרויסאַרטיגע אידעע: איהר װעט געהן מיט מיר, געאָרג, און איך װעל אײך פאַר־שטעלען, װי אַ דירעקטאָר. איהר װילט? איהר זײט דאָ דורכגע־פאָהרען, מוזט נאָך הײנט עלף אַזײגער אָפּפאָהרען מיט אַ ספּעציעלען צוג אין פּעטערבורג, האָט ערגעץ װאו געהערט, אַז די פרײלײן איז איצט אין װיען, און איך, אַן אַלטער באַקאַנטער אין הויז, ביז געװען אַזוי גוט אײך צו ברענגען און פאָרשטעלען.

— זײט איהר אויפגעלעגט צו אַזעלכע קאָמעדיען? — האָט געאָרג געפרעגט.

— ענטשולדיגט, געאָרג! דאָס אַלץ איז אײגענטליך גאָר ניט נויטיג. איך װעל אײנפאַך פרעגען די אַלטע, צי זי האָט געהאַט אַ נאַכריכט... וואָס זאָגט איהר?... װי שטיקענד די לופט איז!

זײ זײנען געפאָהרען איבער דעם רינג, דורך דעם אָפּקלינגענדי־גען בויגען פון בורגהאָף, דורך די גאַסען פון שטאָדט. געאָרג איז געװען עפּעס אונגעװעהנליך געשפּאַנט. „וואָס, אויב די אַקטריסע זיצט איצט רוהיג בײ איהר מוטער אין דער הײם?“ — האָט ער גע־קלערט. ער האָט געפיהלט, אַז דאָס װאָלט פאַר איהם געװען װי עפּעס אַן ענטטוישונג. דאַן האָט ער זיך געשעמט, וואָס ער האָט אַזוי גע־פיהלט. „איז דען די גאַנצע געשיכטע נאָר אַ צושטרײאונג פאַר מיר? — האָט ער געקלערט. — יע, וואָס געשעהט מיט אַנדערע... איז פאַר אונז זעלטען עפּעס מעהר, װאָלט געזאָגט נירענבערגער... אַ זאָנדערבאַרע אַרט צו צושטרײען זיך, אום צו פאַרגעסען דעם

טויט פון איינעם קינד.. אָבער וואָס זאָל מען טאָן ?... ענדערען קען איך מעהר גאָרנישט. אין אַ פּאָר טעג אַרום פֿאָהר איך אַוועק. אַ דאַנק גאָט".

דער עקיפּאַזש האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ הויז, ניט ווייט פון פּראָטערשטערן. איבער'ן וויאַדוקט האָט גראָד זיך דורכגעטראָגען אַ צוג, אונטען זיינען געלאָפען אין פינסטערניש די אַלעען פון פּראָטער. היינריך האָט באַצאָהלט דעם קוטשער.

— איך דאַנק אייך זעהר, — האָט ער געזאָגט גערנ'ן. — אדיע.

— איך וועל דאָ ווארטען אויף אייך.

— ווירקליך ? בין איך אייך זעהר דאַנקבאַר.

ער איז אריין אין הויז. געאָרג האָט גענומען געהן הין און צוריק. ניט קוקענדיג אויף די שפּעטע שעה, איז די גאַנצע גאַס נאָך אַלץ געווען געגוג באַלעבט. פון פּראַטער האָבען זיך דערטראָגען די קלאַנגען פון אַ מיליטערישען אָרקעסטער. אַ מאַן און אַ פרוי זיינען פאַרבייגעגאַנגען. דער מאַן האָט געטראָגען אויף די הענט אַ שלאָפענדיג קינד, וואָס האָט געהאַלטען אַרומגענומען דעם פאָטערס האַלז. געאָרג האָט זיך דערמאָנט דעם קליינעם גאָרטען אין גרינצינג, דאָס קינד, וואָס האָט אויסגעשטרעקט צו איהם זיינע הענטלאַך פון דער מוטערס אָרעמס. האָט דאָס איהם ווירקליך געריהרט, ווי נירענבערגער האָט פאַרזיכערט ? ניין, געריהרט איז ער ניט געווען. עפּעס אַנדערש אפשר. אַן אומקלאָר באַוואוסטזיין פון דער געשלאָסענער קייט, וואָס ציהט זיך פון אורעלטערען צו אייניקלאַך, און אַז ער איז אויך אריינגעטראָטען אין די קייט און טיילט דאָס אַלגעמיין מענשליבע שיקזאַל. איצט איז ער ווידער פריי פון דער קייט, ווידער אַליין... ווי פאַרשטויסען פון אַ וואונדער, צו וועמעס צורוף ער האָט זיך ניט צוגעהערט. פון אַ נאָהנטען קירכטורעם האָט געשלאָגען צעהן. „נאָר פינף שעה זיינען פאַראיבער, — האָט געאָרג אַ קלער געטאָן, — און ווי ווייט איז שוין אַלץ! איצט האָט ער ווידער אַ רעכט צו וואַנדערען פריי איבער דער וועלט, ווי פריהער. אָבער האָט ער דען ווירקליך אַזאַ רעכט ?

היינריך איז אַרויסגעקומען פון הויז. הינטער איהם האָט זיך צוגעמאַכט די טיר.

— גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט. — די מוטער פאַרדעכטיגט גאָרנישט. איך האָב נאָר אָנגעפרעגט וועגן דעם אַדרעס, ווי איך וואָלט איהר געדאַרפט מיטטיילען עפּעס וויכטיגעס. איך האָב געזאָגט, אַז איך בין געגאַנגען פון פּראַטער, און מיר איז איינגעפאַלען... נו, און אַזוי ווייטער. אַ ליעבע אַלטע פרוי. דער ברודער איז געזעסען ביים טיש און האָט קאָפּירט פון אַן אילוסטרירטער צייטונג אַ ריטער שלאָס מיט אַן אומענדליכער צאָהל טורעמס.

— זייט נאָר איינמאָל אויפריכטיג, — האָט געאָרג געזאָגט. — ווען איהר וואָלט זי מיט דעם געקענט רעטען, וואָלט איהר איהר דען איצט ניט פאַרגעבען?

— האַנדעלט זיך דען דאָ וועגען דעם, צי איך וויל איהר פאַרגעבען, צי ניט? שטעלט אייך פאָר, אַז איך האָב איינפאַך אויפגעהערט זי צו ליעבען. דאָס קען דאָך פּאַסירען אפילו אָהן אַ „פאַרראַט“ אויך. שטעלט אייך פאָר, אַז אייך פאַרפאָלגט מיט איהר ליעבע אַ פרוי, וועמעס באַריהרונג רופט אַרויס אין אייך שרעק; שטעלט אייך פאָר, אַז זי דראָהט מיט זעלבסטמאָרד, ווען איהר וועט זי פאַרשטויסען. וואָלט איהר געוועזען פאַרפליכטעט איהר נאָכצוגעבען? וואָלט איהר געקענט מאַכען זיך באָטש דעם מינדסטען פאָרוואורף, ווען זי וואָלט ווירקליך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליעב דער אַזוי גערופענער פאַרשטויסענער ליעבע? וואָלט איהר זיך געפיהלט ווי איהר מערדער? דאָס וואָלט דאָך געווען נאַריש, ניט אמת? איז אויב איהר מיינט, אַז מיך פּייניגט איצט דאָס אַזוי גערופענע געוויסען, האָט איהר אַ טעות. איך בין איינפאַך באַזאָרגט וועגען דעם שיקזאַל פון אַ פרוי, וואָס איז אַמאָל מיר געווען נאָהנט און איז נאָך איצט אויך ניט פרעמד ביז אַ געוויסען גראַד. דאָס ניט וויסען...

פּלוצלונג האָט ער אָפּגעשטעלט זיין בליק אין איין ריכטונג.

— וואָס איז אייך? — האָט געאָרג געפרעגט.

— איהר זעהט ניט? אַ טעלעגראַמען טרעגער. ער געהט צו איהר מוטערס הויז.

איידער דער מאַן האָט נאָך אָנגעקלונגען, איז שוין היינריך געווען לעבען איהם און האָט איהם געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, וואָס געאָרג האָט ניט געהערט. יענער האָט געשיינט צו מאַכען איינווענ־

דונגען, הײנריך האָט װידער גענומען איהם איבערצײגען, און געאָרג, צוקומענדיג נעהנטער, האָט דערהערט זײנע װערטער:

— איך האָב דאָך דאָ בײם טיר געװאָרט, װײל דער ארצט האָט מיך דרינגענד געבעטען װעגען דעם. אין טעלעגראַם איז... אפשר... פאַראַן אַ טרױעריגע נאַכריכט... און דאָס קען טױטען מײן מוטער... אויב איהר גלויבט מיר ניט, קלינגט אָן; איך װעל צוזאַמען מיט אייך ארײנגעהן אין הויז.

אָבער ער האָט שוין געהאַלטען די דעפּעש אין האַנט, האָט זי האַסטיג געעפענט און איבערגעלעזען בײם ליכט פון אַ לאַנטערן. זײן געזיכט איז געבליבען פאַלשטענדיג רוהיג. דאַן האָט ער װידער צוזאַמענגעלעגט די דעפּעש, האָט זי אָפּגעגעבען דעם מאַן, האָט איהם ארײנגעלעגט אין האַנט עטליכע זילבערנע מטבעות און געזאָגט:

— איהר מוזט זי דאָך אָפּגעבען אַלײן.

דער מאַן איז געװען פאַרװאונדערט, אָבער דאָס טרינקגעלט האָט איהם מילדער געשטימט. הײנריך האָט אָנגעקלונגען און זיך אָפּגעקערט.

— קומט, — האָט ער געזאָגט געאָרג'ן.

זײ זײנען שװײגענדיג געגאַנגען איבער'ן גאַס. אין עטליכע מינוט ארום האָט הײנריך געזאָגט:

— עס איז געשעהן.

געאָרג האָט זיך דערשראָקען פיעל מעהר, װי ער האָט אַלײן ערװאַרט.

— איז דאָס מעגליך? — האָט ער אויסגערופען.

— יע, — האָט הײנריך געענטפערט, — זי האָט זיך דערטרונקען אין לאַנדזעע. אין דעמזעלביגען לאַנדזעע, אויף װעלכען איהר האָט פאַרבראַכט עטליכע טעג דעם זומער, — האָט ער צוגעגעבען אין אַזאַ טאָן, װי ער װאָלט אויף געאָרג'ן אויך געװאָלט ארױפװאַרפען אַ טײל פון דער פאַראַנטװאָרטליכקײט פאַר דאָס געשעהענע.

— װאָס שטעהט אין טעלעגראַם? — האָט געאָרג געפרעגט.

— דאָס איז פון דירעקטאָר. ער האָט נאָר װאָס באַקומען די נאַכריכט, אַז זי איז דערטרונקען געװאָרען פאַהרענדיג אויף אַ שיפעל. ער פאַרלאַנגט אויסקונפטען פון דער מוטער.

ער האָט גערעדט קאַלט, האַרט, ווי ער וואָלט פאַרגעלעזען אַ נאָטיץ אין אַ צייטונג.

— אומגליקליכע פרוי! אפשר וואָלט איהר, הייגריך...

— וואָס?... געהן צו איהר? צו וואָס?

— ווער דען, אויסער אייך, קען איצט... און מוז זיין לעבען איהר?

— ווער אויסער מיר? — ער איז געבליבען שטעהן. — איהר מיינט דערפאַר, וואָס דאָס איז, אַזוי צו זאָגען, געשעהן צוליעב מיר? איך ערקלער אייך פייערליך, אַז איך פיהל זיך פאַלשטענדיג אומ־שולדיג. דאָס שיפעל, פון וועלכען זי האָט זיך אַרויסגעוואָרפען, און די וועלען, וואָס האָבען זי אויפגענומען, קענען זיך ניט פיהלען אומ־שולדיגער פון מיר. דאָס נאָר וויל איך פעסטשטעלען... אָבער אַז איך מוז געהן צו דער מוטער... אין דעם זיים איהר פאָלשטענדיג גערעכט.

און ער האָט ווידער גענומען געהן צום הויז.

— אויב איהר ווילט, — האָט געאָרג געזאָגט, — וועל איך דאָ בלייבען וואַרטען אויף אייך.

— וואָס פאַלט אייך איין, געאָרג. געהט רוהיג אַהיים. וואָס זאָל איך פון אייך פאַרלאַנגען? און גריסט אַנאַ'ן און זאָגט איהר, ווי שטאַרק איך באַדויער... נו, איהר ווייסט דאָך אַליין... אָט זיינען מיר. אויב איהר ערלויבט, וועל איך דאָ נאָך בלייבען מיט אייך עטליכע סעקונדען, איידער איך...

ער איז געבליבען שטעהן שווייגענדיג, דאַן האָט ער ווידער גע־נומען ריידען, און זיינע צוגען האָבען זיך צוקרימט:

— איך וויל אייך עפּעס זאָגען, געאָרג. אָט וואָס: עס איז אַ גרויס גליק, וואָס אין געוויסע מאָמענטען ווייס דער מענש ניט, וואָס אייגענטליך מיט איהם איז געשעהן. ווען מען וואָלט באַלד געפיהלט דעם שרעק פון אַזעלכע מאָמענטען אַזוי שטאַרק, ווי שפּעטער אין דער עראינערונג, אָדער פריהער אין דער ערוואַרטונג, וואָלט מען געקענט משוגע ווערען. און אייניגע ווערען טאַקי משוגע. דאָס זיינען וואָר־שיינליך די מענשען, וואָס האָבען די פעהיגקייט באַלד ריכטיג צו פיהלען. מיין געליעבטע האָט זיך דערטרונקען, איהר הערט? דאָ קען מען מעהר ניט זאָגען. איזווירקליך עפּעס עהנליכס פריהער גע־

שעהן מיט אַנדערע? אַ ניין. איהר מיינט געוויס, אַז איהר האָט שוין עפּעס אַזוינס געלעזען אָדער געהערט. דאָס איז ניט אמת. היינט צום ערשטען מאָל... צום ערשטען מאָל, זינט די וועלט שטעהט, איז עפּעס אַזוינס געשעהן.

די טיר האָט זיך געעפענט און ווידער פאַרמאַכט. געאָרג איז געשטאַנען אַליין אויפ׳ן גאַס. דער קאָפּ האָט געשווינדעלט, און אויפ׳ן האַרצען איז געווען שווער. ער איז אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט, דאַן האָט ער גענומען אַן עקיפּאַזש און איז געפאָהרען אַהיים. איהם האָט אויסגעוויזען, אַז ער זעהט פאַר זיך די דערטרונקענע אַקטריסע אַזוי, ווי זי איז געשטאַנען יענעם קלאָרען זומערדיגען טאָג פאַר דער טיר צו דער ביהנע, אין אַ רויטער בלוזע און אַ קורצען ווייסען ראָק, מיט די וואַנדערענדע אויגען אונטער די רויטליכע האָר. ער וואָלט דאָך געשוואָרען, אַז זי האָט אַ פאַרהעלטניס מיט דעם קאָמעדיאַנט, וואָס איז עהנליך צו גווידאָ׳ן. אפשר איז דאָס טאַקי אַזוי געווען. דאָס האָט געקענט זיין איין אַרט פון ליעבע. און וואָס זי האָט גע־פיהלט צו היינריכ׳ן — אַן אַנדערע. פאַר דעם פעהלען גאָר ווערטער אין דער מענשליכער שפּראַך. פאַר איינעם געהט מען צום טויט, מיט דעם אַנדערען ליגט מען אין בעט — אפשר נאָך אין דער נאַכט, איידער מען דערטרינקט זיך צוליעב דעם ערשטען. און וואָס, נאָך אַלעמען, באַווייזט זעלבסטמאָרד? אפשר נאָר, אַז אין אַ געוויסען אויגענבליק האָט מען דעם טויט ניט ריכטיג פאַרשטאַנען. ווי ווייניג פאַרזוכען זעלבסטמאָרד נאָכאַמאָל, ווען זיי איז דאָס איינמאָל ניט געלונגען. ער האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט דעם געשפּרעך מיט גרייס׳ן ביי לאַבינסקי׳ס קבר, דעם גליהענד־קאַלטען געשפּרעך יענעם פעברואַר טאָג, ווען דער שניי איז צוגאַנגען אין זון. אין יענער שעה האָט זי איהם מודה געווען, אַז זי האָט ניט געפיהלט דעם מינדסטען שרעק, ווען זי האָט געפונען לאַבינסקי׳ן אַ דערשאָסענעם ביי איהר טיר. און ווען מיט אַ סך יאָהרען צוריק איז איהר קליינע שוועסטער געשטאָר־בען, האָט זי אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט ביי איהר טויטענבעט און האָט ניט געפיהלט קיין שפּור פון דעם, וואָס אַנדערע רופען שרעק. אָבער עפּעס, וואָס האָט געקענט זיין עהנליך צו אָט דעם געפיהל, ווי זי האָט דערצעהלט געאָרג׳ן, האָט זי געפיהלט אין מענליכע אָרעמס. צוערשט האָט דאָס איהר אַליין אויסגעוויזען זאָנדערבאַר, שפּעטער

אָבער האָט זי דאָס, דוכט זיך, פאַרשטאַנען. די ערשטע האָבען ער־
קלערט, אַז זי וועט בלייבען אומפּרוכטבאַר, און דריבער, ווייזט אויס,
האָט דער מאָמענט פון דער העכסטער לוסט, וואָס איז צוליעב דעם
געוואָרען נוצלאָז, געוואָרפען אויף איהר אַ געהיימניספולען שרעק.
דאַן האָט דאָס אויסגעוויזען געאָרג'ן ווי אַפעקטירטע רייד, היינט
אָבער האָט ער צום ערשטען מאָל דערפיהלט אין דעם עפּעס אַן אמת.
זי איז געווען אַן אומגעוועהנליכע פרוי. וועט ער ווען עס איז באַ־
גענגען נאָך אַזאַ ? אפשר גאָר אינגיכען. איצט הויבט זיך דאָך אָן
אַ נייע עפּאָכע אין זיין לעבען, און ערגעץ ווארט שוין אפשר אויף איהם
זיין נעקסטע אוואַנטור. אוואַנטור?... וואָגט ער גאָר קלערען וועגען
דעם?... ליגען דען ניט אויף איהם פון היינטיגען טאָג אָן נאָך
ערנסטערע פליכטען, ווי ווען עס איז פריהער? ליעבט ער ניט אַנאַ'ן
מעהר ווי פריהער?... דאָס קינד איז טויט... אָבער דאָס נעקסטע
וועט לעבען!... היינריך האָט ריכטיג געזאָגט: אַנאַ איז געווען
באַשטימט צו ווערען מוטער. מוטער... „אָבער, — האָט ער אַ קלער
געטאָן, ווערענדיג קיהלער, — איז זי דען אויך באַשטימט צו ווערען
די מוטער פון מ י י נ ע קינדער?..."

דער עקיפּאַזש האָט זיך אָפּגעשטעלט. געאָרג איז ארויסגע־
גאַנגען און איז אַרויף די צוויי טרעפּ אין זיין וואוינונג. פעליציאַן
איז נאָך ניט געווען אין דער היים. „ווער ווייס, ווען ער וועט
קומען? — האָט געאָרג געקלערט, — איך קען אויף איהם ניט וואַר־
טען, איך בין צו מיד". ער האָט זיך שנעל אויסגעטאָן, זיך געלעגט
אין בעט און איז באַלד ארייגעפאַלען אין אַ טיפען שלאָף.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָבען זיינע אויגען גענומען
זוכען דורכ'ן פענסטער די ווייסע ליניע צווישען דעם וואַלד און די
לאָנקעס, דעם וועג פון די זומערדיגע לאָנקעס, ווי ער איז געוועהנט
געווען צו טאָן די לעצטע טעג. אָבער ער האָט נאָר דערזעהן אַ בלוי־
ליכען קלאָרען הימעל, אין וועלכען אַ שפּיץ פון אַ טורעם האָט זיך
געהויבען, און ער האָט באַלד געוואוסט, אַז ער איז אין דער היים,
און האָט זיך דערמאָנט אַלץ, וואָס איז געשעהן נעכטען. דאָך האָט ער
אין לייב און זעל געפיהלט זיך דערפריש פון מאָרגען און איהם האָט
זיך געדוכט, אַז אויסער טרויעריגס איז אויך געווען עפּעס אנגענעמס.

אך, יע. די דעפּעש פון דעטמאָלד... איז דאָס דען אָבער געווען אַזוי אַנגענעם? נעכטען אָוועגט האָט ער דאָס ניט געפיהלט.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. פעליציאַן איז אַריין צו איהם אין צימער מיט'ן הוט און שטעקען אין האַנט.

— איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז דו האָסט היינט געשלאָפען אין דער היים. וואָס מאַכסטו? וואָס הערט זיך ביי דיר דאָרטען?

געאָרג האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ'ן קישען און געקוקט אויפ'ן ברודער.

— אַלץ איז געענדיגט, — האָט ער געזאָגט, — אַ אינגעל איז געבאָרען געוואָרען, אָבער אַ טויטער.

און ער האָט געקוקט פאַר זיך אין רוים.

— וואָס רעדסטו! — האָט פעליציאַן געזאָגט באַוועגט, איז צו־געגאַנגען צום ברודער און האָט ניט ווילענדיג איהם אַרויפגעלעגט די האַנט אויפ'ן קאָפּ. דאַן האָט ער געלעגט אַן אַ זייט זיין הוט און שטעקען, האָט זיך געזעצט צו איהם אויפ'ן בעט, און געאָרג האָט זיך דערמאָנט די מאָרגען שעה'ן אין קינדהייט, ווען ער פלעגט זיך אויפ־כאַפּען און געפינען אַמאָל דעם פאָטער אַזוי זיצענדיג אויפ'ן בעט. ער האָט דערצעהלט פעליציאַנ'ען, ווי דאָס אַלץ איז געשעהן, האָט באַזונדערס גערעדט וועגען אַנאַ'ס געדולדיגקייט און מילדקייט, האָט אָבער געפיהלט אַביסעל אומבאַקוועם, וואָס ער דאַרף אויף אַ קינסט־ליכען אופן צוגעבען זיינע ווערטער דעם פּאַסיגען טאָן פון ערנסטקייט און געדריקטקייט. פעליציאַן האָט געהערט מיט מיטגעפיהל, האָט זיך דאַן אויפגעהויבען און גענומען געהן הין און צוריק איבער'ן צי־מער. דערווייל איז געאָרג אויפגעשטאַנען, האָט גענומען זיך אָנטאָן, און האָט דערצעהלט דעם ברודער, ווי זאָנדערבאַר נעכטיגער אָוועגט האָט זיך ביי איהם געענדיגט, ווי ער איז געגאַנגען איבער די גאַסען מיט בערמאַנ'ען, און ווי זיי האָבען זיך ענדליך דערוואוסט, אויף אַן אומגעוועהנליכען אופן, אַז די אַקטריסע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

— אך, דאָס איז די, — האָט געזאָגט פעליציאַן. — עס שטעהט שוין וועגען דעם אין די צייטונגען.

— ווי איז דאָס געשעהן? — האָט געאָרג געפרעגט נייגעריג.

— זי איז אַרויסגעפאָהרען אויפ'ן לאַנדזעע און האָט זיך אַרויס־

געוואָרפען פון שיפעל אין וואסער... נו, דו וועסט שוין איבערלעזען. איצט וועסטו, נאטירליך, ווידער פאָהרען אין דאָרף?

— נאטירליך, — האָט געענטפערט געאָרג. — אָבער איך דאָרף דיר דערצעהלען נאָך אַן אינטערעסאנטע זאַך, פעליציאַן.

און ער האָט דערצעהלט וועגען דער דעפּעש פון דעטמאָלד. פע־ליציאַן האָט געשיינט צו זיין ערשטוינט.

— דאָס ווערט ערנסט! — האָט ער אויסגערופען.

— יע, דאָס ווערט ערנסט, — האָט געאָרג ווידערהאָלט.

— דו האָסט נאָך ניט געענטפערט?

— ניין. ווען האָב איך דען געקענט?

— און וואָס ווילסטו טאָן?

— דעם אמת גערעדט, ווייס איך נאָך אליין ניט. דו פאַר־שטעהסט דאָך, אַז איך קען ניט פאָהרען אַננעמען די שטעל, באַזונ־דערס ביי די איצטיגע אומשטענדען.

פעליציאַן האָט געשיינט נאָכצודענקען.

— פון אָפּלעגען אויף אַ קורצע צייט וועט גאָרנישט זיין פאַר־לאָרען, — האָט ער אין אַ ווייַלע אַרום געזאָגט.

— דאָס מיין איך אויך. פריהער פון אַלץ מוז איך וויסען, וואָס טוט זיך אין דאָרף. איך וואָלט אויסערדעם געוואָלט זיך באַראַטען מיט אַנאַ'ן.

— וואו איז די דעפּעש? מעג איך זי איבערלעזען?

— דאָרטען אויפ'ן שרייבטיש ליגט זי, — האָט געזאָגט געאָרג, איינשנורענדיג די שיך.

פעליציאַן איז אַריין אין דערבייאיגען צימער, האָט גענומען די דעפּעש און האָט זי איבערגעלעזען.

— דאָס איז פיעל דרינגענדער, ווי איך האָב געמיינט, — האָט ער באַמערקט.

— מיר שיינט, פעליציאַן, אַז דו קענסט זיך אַלץ ניט צוגע־וועהנען צום געדאַנק, אַז איך וועל באַלד האָבען אַן אמת'ען באַרוף.

פעליציאַן איז צוגעגאַנגען צום ברודער, האָט איהם געגלעט די האָר און געזאָגט:

— עס איז אפשר גאָר גוט, וואָס די דעפּעש איז גראָד נעכטען אַנגעקומען.

— גוט? פאַרוואָס?

— מיר דוכט, אַז נאָך אַזאַ טרויעריגער געשעהעניש דאַרף די נייע אויסזיכט אויף פּראַקטישע טעטיגקייט האָבען אויף דיר אַ דאָ־פּעלט גוטע ווירקונג... צום באַדויערען, מוז איך דיך איצט פאַרלאָ־זען. איך האָב נאָך אַ סך זאַכען צו טאָן, אבשיר באַזוכען און עהנ־ליכע זאַכען.

— ווען פאָהרסטו דען, פעליציאַן?

— אין אַ וואָך אַרום. זאָג נאָר, געאָרג, דו וועסט היינט מסתמא קומען אהיים פון דאָרף?

— אויב אַלץ וועט דאָרט זיין אין אָרדנונג, וועל איך קומען צוריק.

— וועלען מיר זיך נאָך אפשר זעהן אין אָוועגט?

— מיך וואָלט דאָס זעהר געפרעהט, פעליציאַן.

— גוט, וועל איך זיין פון זיבען אַזייגער אָן אין דער היים. מיר וואָלטען געקענט צוזאַמען האָבען אָוועגטברויט, אָבער אַליין, ניט אין קלוב.

— מיט פאַרגניגען.

— איך האָב נאָך עפּעס געוואָלט בעטען, — האָט פעליציאַן געזאָגט נאָך אַ ווייַלע שווייגען, — גיב דאָרט איבער מיין גרוס, מיין הערצליכען גרוס... און זאָג איהר, אַז איך האָב דעם טיפסטען מיט־געפיהל...

— אַ דאַנק, פעליציאַן, איך וועל איהר דאָס איבערגעבען.

— ווירקליך, געאָרג, איך קען דיר גאָר ניט זאָגען, ווי דאָס טוט מיר וועה, — האָט פעליציאַן ווייטער געזאָגט מיט וואַרימקייט, — איך האָף נאָר, אַז זי וועט זיך באַלד צוגעוועהנען... און דו אויך.

געאָרג האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— ווייסטו, — האָט ער שטיל געזאָגט, — ווי ער האָט געזאָלט הייסען? פעליציאַן!

פעליציאַן האָט אַ קוק געטאָן דעם ברודער אין די אויגען, זעהר ערנסט, און האָט איהם דאַן געדריקט די האַנט.

— אויף דאָס נעקסטע מאָל, — האָט ער געזאָגט מיט אַ גוטען שמייכעל.

ער האָט נאָכאַמאָל געדריקט דעם ברודער די האַנט. געאָרג האָט

איהם נאָכגעקוקט. „גאַנץ אומאַנגענעם, — האָט ער אַ קלער געטאָן, — אין איהם דאָך ניט, וואָס אַזוי איז אַרויסגעקומען". ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און האָט באַשלאָסען צו פאָהרען אין דאָרף אויפ'ן וועלאָסיפּעד.

ווי נאָר געאָרג איז אַרויסגעפאָהרען פון שטאָדט, איז ער באַלד אײנגאַנצען געקומען צו זיך. דער הימעל איז געווען אַביסעל פאַר־וואָלקענט, און פון די בערגלאַך האָט אַנטקעגען געאָרג'ן געוועהט אַ קיהלער ווינט, ווי אַ הערבסט גרוס. געאָרג האָט ניט געוואָלט באַ־געגנען קײנעם פון דאָרף, וואו די נעכטיגע געשעהעניש איז שוין מסתמא אַלעמען געווען באַקאַנט. ער איז געפאָהרען מיט'ן אויבער־שטען וועג, צווישען לאָנקעס און גאָרטענס. וואָס מעהר די מינוט האָט זיך דערנעהנטערט, ווען ער האָט ווידער געדאַרפט דערזעהן אַנאַ'ן, אַלץ שווערער איז איהם געוואָרען אויפ'ן האַרצען. ביים פּלויט איז ער אַראָפּ פון וועלאָסיפּעד און האָט אַ ווײלע געוואַרט. דער גאָרטען איז געווען לעער; אונטען איז געשטאַנען דאָס הויז, אײנ־געהילט אין שטילקייט. געאָרג האָט טיף און טרויעריג אָפּגעאָטעמט. „ווי דאָס אַלץ וואָלט געקענט זײן אַנדערש!" — האָט ער אַ קלער געטאָן און איז געגאַנגען אַראָפּצו, צוהערענדיג זיך צום רויש פון זאַמד אונטער זײנע פיס. ער איז אַרויף אויף די וועראַנדאַ, האָט אָנגעלעהנט דעם וועלאָסיפּעד אָן פאַרענטש און אַרײנגעקוקט דורך דאָס אָפענע פענסטער אין צימער. אַנאַ איז געלעגען מיט אָפענע אויגען.

— גוט מאָרגען! — האָט ער אויסגערופען אין דעם מעגליכסט פרעהליכען טאָן.

פרוי גאַלאָווסקי, וואָס איז געזעסען אויף אַנאַ'ס בעט, האָט זיך אויפגעהויבען און האָט גלייך דערצעהלט:

— מיר האָבען גוט געשלאָפען, פעסט און לאַנג.

— נו, דאָס איז שעהן. — האָט געזאָגט געאָרג און איז אַריין אין צימער, אַריבערשפּרייזענדיג דאָס פענסטערברעט.

— דו ביזט זעהר אונטערנעמענד היינט, — האָט געזאָגט אַנאַ מיט איהר שלויען שמייכעל, וואָס האָט דערמאָנט געאָרג'ן אָן לאַנג פאַרגאַנגענע צייטען. פרוי גאַלאָווסקי האָט מיטגעטיילט, אַז דער פּראָפעסאָר איז געווען אין דער פריה, איז געבליבען פאַלשטענדיג

צופרידען און האָט מיטגענומען פרוי ראָזנער אין שטאָדט אין זיין עקיפּאַזש. דאַן איז זי אַרויס, וואַרפענדיג אַ גוטען בליק.

געאָרג האָט זיך אָנגעבויגען צו אַנאַ׳ן, האָט צאַרט געקושט איהר די אויגען און דאָס מויל, האָט צוגערוקט נעהנטער דעם שטול, זיך אַוועקגעזעצט און געזאָגט:

— מיין ברודער גריסט דיך הערצליך.

עפּעס האָט אומבאַמערקבאַר אַ ציטער געטאָן אַרום איהרע ליפּען.

— אַ דאַנק, — האָט זי שטיל געענטפערט און האָט דאַן געפרעגט: — ביזט געקומען אויפ׳ן וועלאָסיפּעד?

— יע, — האָט ער געענטפערט.—מען מוז אַכטונג געבען אויפ׳ן וועג, און דאָס איז אַמאָל גוט.

דאַן האָט ער איהר דערצעהלט, ווי נעכטיגער אָוועגט האָט זיך געענדיגט, איבערגעבענדיג אַלץ, ווי אַ העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטע; נאָר צום סוף, ווי עס האָט געדאַרפט זיין, האָט אַנאַ ערפאַהרען וועגען דעם זעלבסטמאָרד פון היינריכ׳ס געליעבטער. ער האָט ערוואַרט, אַז זי וועט זיין גערירהט, אָבער עפּעס אַ זאָנדערבאַרער האַרטער צוג איז די גאַנצע צייט געבליבען אַרום איהר מויל.

— דאָס איז דאָך שרעקליך, — האָט געזאָגט געאָרג, — ניט אמת?

— יע,—האָט אַנאַ קורץ געענטפערט, און געאָרג האָט דערפיהלט, אַז איהר גוטסקייט איז דאָ אינגאַנצען פאַרשוואונדען. ער האָט געזעהן, ווי אין איהר נשמה פליסט ניט אַ שטילער ווידערווילען פון איין מענשען צו אַ צווייטען, נאָר אַ שטראָם פון האַס פון איין וועלט צו אַן אַנדערער. ער האָט מעהר וועגען דעם ניט גערעדט.

— איצט עפּעס וויכטיגעס, מיין קינד, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל, האָט אָבער געפיהלט, ווי זיין האַרץ קלאַפּט לייכט.

— נו? — האָט זי געפרעגט געשפּאַנט.

ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם קעשענע די דעטמאָלדער דעפּעש און האָט זי איהר איבערגעלעזען.

— וואָס זאָגסטו? — האָט ער געזאָגט מיט אַ געמאַכטען שטאָלץ.

— און וואָס האָסטו געענטפערט?

— דערווייל נאָך גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט אין אַ לייכטען טאָן, ווי גאָר ניט נעמענדיג ערנסט די גאַנצע געשיכטע. — איך האָב וועגען דעם, נאַטירליך, געוואָלט צוערשט ריידען מיט דיר.

— איז וואָס דענקסטו? — האָט זי געפרעגט, ניט ריהרענדיג זיך.

— איך... וועל, פאַרשטעהט זיך, ניט אַננעמען. איך וועל טעלעגראַפירען, אַז... אין דער נאָהנטסטער צוקונפט קען איך בשום אופן ניט קומען.

און ער האָט איהר ערנסט ערקלערט, אַז פון אָפּלעגען וועט ער גאָרנישט פאַרלירען, ווייל ווי אַ גאַסט וועט מען איהם יעדענפאַלס אויפנעמען מיט פרייד, און די איצטיגע דרינגענדע אויפפאָדערונג איז אַרויסגערופען געוואָרען פון אַ צופאַל, אויף וועלכען קיינער האָט ניט געהאַט דאָס רעכט צו האָפען.

זי האָט איהם אויסגעהערט און דאַן געזאָגט:

— דו ווילסט ווידער האַנדלען לייכטזיניג, נאָך מיין מיינונג האָסטו פריהער פון אַלץ געדאַרפט באַלד ענטפערען, און...

— און?... אפשר גאָר אָפּפאָהרען היינט אין דער פריה, אַנשטאַט צו קומען אהער צו דיר? — האָט ער געשפּאַסט.

זי איז געבליבען ערנסט.

— און פאַרוואָס ניט? — האָט זי געזאָגט. און ענטפערענדיג אויף זיין פאַרוואונדערטע באַוועגונג מיט'ן קאָפּ, האָט זי באַמערקט:

— איך פיהל מיך דאָך, אַ דאַנק גאָט, גוט, און ווען מיר וואָלט אפילו געווען ערגער, העלפען קענסטו מיר דאָך סאַי ווי ניט, איז...

— מיין טייערע, — האָט ער איהר אונטערבראָכען, — מיר דוכט, אַז דו פאַרשטעהסט ניט גוט, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך. פאָהרען אהין איז נאַטירליך אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך, אָבער בלייבען דאָרט וואָלט איך געמוזט ביז פסח, אַזוי לאַנג דויערט דער סעזאָן.

— קעגען דעם, וואָס דו ביזט ניט אוועקגעפאָהרען, ניט זעגענענ־דיג זיך מיט מיר, האָב איך נאַטירליך ניט וואָס איינצואווענדען, געאָרג. אָבער אוועקפאָהרען וועסטו דאָך יעדענפאַלס מוזען, ניט אמת? אויב מיר האָבען די לעצטע צייט וועגען דעם גאָרניט גערעדט, האָבען מיר דאָך אָבער דאָס ביידע געוואוסט. איז צי דו וועסט אוועקפאָהרען אין אַ מאָנאַט אַרום, אָדער איבערמאָרגען, אָדער היינט...

איצט האָט געאַרג אָנגעהויבען צו וועהרען זיך ערנסט. דאָס איז ווייט ניט דיזעלביגע זאַך, אין א מאָנאט ארום, אָדער היינט. אין פער־לויף פון א מאָנאט קען מען זיך געהנטער באקענען מיט דער לאגע און אויספיהרליך איבעררעדען וועגען דער צוקונפט.

— וואָס איז דאָ איבערצורעדען ? — האָט זי געענטפערט אביסעל מיד. אין א מאָנאט ארום וועסטו אויך ניט מיטנעמען... וועסט ניט קענען מיטנעמען מיך מיט דיר, פונקט ווי היינט. איך מיין גאָר, אז א וועלכער עס איז ערנסטער געשפרעך צווישען אונז וועט גאָר דאן האָבען א זין, ווען דו וועסט קומען צוריק. דאן וועט עפעס קלאָר ווערען... יעדענפאלס, וועגען דיינע אויסזיכטען אויף די צוקונפט.

זי האָט ארויסגעקוקט דורך דאָס פענסטער אין „אָרטען. געאָרג איז געווען אביסעל אויפגעבראכט קעגען דער קאַלטער בארעכענט־קייט, וואָס האָט זי ניט פארלאָזען אפילו אין אזא מאָמענט.

— באַדענק נאָר, — האָט ער געזאָגט, — וואָס דאָס מיינט, אז דו וועסט בלייבען דאָ, און איך...

זי האָט אויף איהם א קוק געטאָן.

— איך וויים, וואָס דאָס מיינט, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט ניט ווילענדיג אויסגעמידען איהר בליק, האָט אָנגענומען איהר האַנט, זי א קוש געטאָן און איז געווען טיף געריהרט. ווען ער האָט ווידער אויפגעהויבען די אויגען, האָט ער דערזעהן, אז אַנא קוקט אויף איהם מיט א מוטערליכען בליק. און זי האָט ווירקליך אָנגעהויבען רעדען מיט איהם, ווי א מוטער. זי האָט איהם ערקלערט, אז ג ר אָ ד צוליעב דער צוקונפט, — און אין דעם וואָרט האָט געקלונגען עפעס א האָפנונג, — דארף מען אזא געלעגענהייט ניט דורכלאָזען. אין צוויי אָדער דריי וואָכען ארום וועט ער דאָך קענען ווידער קומען אין ווינען אויף עטליכע טעג. מען וועט דאָרט געווים פארשטעהן, אז ער דאַרף דאָ ברענגען אין אָרדנונג זיינע געשעפטען. אָבער פריהער פון אלץ איז נויטיג צו געבען זיי א באַווייז פון זיינע ערנסטע אבזיכטען. און אויב איהם איז איהר ראט כאָטש אביסעל טייער, קען זי איהם נאָר איין זאַך ראטען: אוועקפאָהרען היינט אָוועגט. וועגען איהר דאַרף ער ניט זאָרגען, זי איז איצט אויסער געפאהר, אין דעם צוויי־פעלט זי גאָר ניט. זי וועט איהם, פארשטעהט זיך, יעדען טאָג שריי־בען וועגען איהר געזונט, אפילו צוויי מאָל א טאָג, אויב ער וויל, און

דער פריה און אין אָוונט. געאַרג האָט ניט באַלד נאָכגעגעבען, האָט דאַן נאָכאַמאָל ווידערהאָלט, אַז דער אומגעריכטער אבשיד איז פאַר איהם שרעקליך. זי האָט געענטפערט, אַז איהר איז אנגענעמער צו זעגענען זיך מיט אַמאָל, איידער אַ גאַנצען מאָנאַט מורא האָבען און זיך אויפרעגען צוליעב דעם. די הויפּטזאַך איז, וואָס דאָ האַנדעלט זיך נאָר וועגען אַ האַלבען יאָהר. דאַן קען מען דאָך ווידער פאַרברענגען אַ האַלב יאָהר צוזאַמען, און אויב אַלץ וועט צוגעהן גוט, קען זיין, אַז אין דער צוקונפט וועלען זיי זיך שוין ניט אַזוי פיעל מאָל צושיידען.

ער האָט ווידער גענומען פּראָטעסטירען.

— אָבער וואָס וועסטו טאָן דאָס האַלבע יאָהר, וואָס איך וועל ניט זיין? — האָט ער געפרעגט. — דאָס איז דאָך...

זי האָט איהם אונטערבראָכען:

— דערווייל וועט זיך גאָרנישט ענדערען. אָבער היינט אין דער פריה האָב איך איבערגעקלערט וועגען אַ סך זאַכען.

— אַ געזאַנג שול?

— יע, דאָס אויך. אָבער עפּענען אַ שול איז גאָר ניט אַזוי לייכט און איינפאַך, און אויסערדעם, — האָט זי צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל, — וואָלט געווען אַ שאָד, אויב איך וואָלט זי באַלד געמוזט פאַרמאַכען. אָבער וועגען די אַלע זאַכען וועלען מיר זיך שפּעטער דורכרעדען. איצט געה טעלעגראַפירען.

— אָבער וואָס? — האָט ער אויסגערופען מיט אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז זי האָט זיך צולאַכט.

דאַן האָט זי געזאָגט:

— זעהר איינפאַך. וועל מאָרגען האָבען די עהרע צו קומען אין אייער קאַנטאָר. אַלאַונטערטעניגסט, אָדער ערגעבענסט... אָדער גרויסהאַלטעריש...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר, האָט געקושט איהר האַנט און געזאָגט:

— איך מוז ענטשידען זאָגען, אַז דו ביזט די באַרעכענטסטע פון אונז ביידען. — און זיין טאָן האָט זיך אויך געהערט: „און די קאַלטבלוטיגסטע,“ אָבער איהר ליעבליכער, צאַרטער, אביסעל שפּאָטישער

בליק האָט אָפּגעווענדט דעם זייטיגן געדאַנק. — איז קום איך צוריק אין צעהן מינוט אַרום.

ער איז אַוועקגעגאַנגען פון איהר מיט אַ פרעהליכען געזיכט, איז אַרום אין דערבייאיגען צימער און האָט פאַרמאַכט די טיר. און דאָרט, הינטער יענער אַנדערער טיר, איצט האָט ער דאָס ווידער דערפיהלט, — איז אין אַן ארון געלעגען זיין טויט קינד... ווייל „אַלץ וואָס איז נויטיג,“ ווי דאָקטאָר שטאובער האָט זיך אויסגעדריקט נעכטען, איז שוין מסתמא באַזאָרגט געוואָרען. אַ פיינליכע בענקשאַפט האָט צונויפגעקראַמפּט זיין האַרץ. פון פאָרהויז איז אַרויסגעקומען פרוי גאַלאָווסקי. זי איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט מיט באַוואונדערונג גערעדט וועגען אַנאַ'ס מילדקייט און געפּאַסטקייט. געאָרג האָט גערעדט אַביסעל צושטרייט. זיינע בליקען זיינען די גאַנצע צייט געווען געווענדט צו יענער טיר, און ענדליך האָט ער שטיל געזאָגט:

— איך וואָלט נאָכאַמאָל געוואָלט אַ קוק טאָן אויף איהם.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם, צוערשט מיט אַ לייכטען שרעק, דאַן מיט מיטלייד.

— שוין צוגענענגעלט? — האָט ער דערשראָקען געפרעגט.

— שוין אַוועקגעטראָגען, — האָט לאַנגזאַם געענטפערט פרוי גאַלאָווסקי.

— שוין אַוועקגעטראָגען? — זיין געזיכט האָט זיך אַזוי פיינליך צוקרימט, אַז די אַלטע פרוי האָט אָנגעריהרט זיין האַנט, וועלענדיג איהם באַרוהיגען.

— איך האָב אין דער פריה געמאַכט די מעלדונג, — האָט זי געזאָגט, — און דאָס איבריגע איז שוין שנעל צוגעגאַנגען. מיט אַ שעה צוריק האָט מען איהם אַוועקגעטראָגען אין טויטענקאַמער.

אין טויטענקאַמער... געאָרג האָט אויפגעציטערט, און ער האָט לאַנג געשוויגען, ערשיטערט, ווי ער וואָלט דאָס גאַנץ אומגעריכט באַקומען אַ שרעקליכע נאַכריכט. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער נאָך אַלץ געפיהלט אויף זיין האַנט די פריינדליכע האַנט פון פרוי גאַלאָווסקי און האָט געזעהן דעם בליק פון איהרע מידע גוטע אויגען, וואָס האָבען געקוקט אויף איהם.

— איז דאָס געענדיגט, — האָט ער געזאָגט, אויפהויבענדיג די אויגען אַרויף מיט אַן עמפּפערטען בליק, ווי מען וואָלט דאָס ביי איהם

אַפּגענומען זיין לעצטע האָפנונג. דאַן האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט פרוי גאַלאַווסקי׳ן:

— און אָט די אַלע זאָרגען האָט איהר גענומען אויף זיך... ווירק־ליך, איך ווייס אפילו ניט... ווי איך וועל קענען...

א באַוועגונג פון דער אַלטער פרוי האָט אַפּגעשטעלט אַלע ווייטערע אויסדרוקען פון דאַנקבאַרקייט.

געאָרג איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז, האָט געוואָרפען א פאַרעכט־ליכען בליק אויף דעם קליינעם בלויען מלאך, וואָס האָט ווי דערשראָ־קען געקוקט אויף די פּאַרוועלקטע בייטען, און איז אַרויס אויפ׳ן גאַס. אויפ׳ן וועג צום טעלעגראַף האָט ער אָנגעשטרענגט זיך איבערגעלעגט וועגען דעם אינהאַלט פון דער דעפּעש, וואָס האָט געדאַרפט אָנזאָגען זיין אָנקומען אויפ׳ן אָרט פון נייער טעטיגקייט און האָפנונגען.

ניינטער קאַפּיטעל.

דער אַלטער דאָקטאָר שטאָובער און זיין זוהן זיינען געזעסען ביים שווארצען קאַווע. דער אַלטער האָט געהאַלטען א צייטונג אין האַנט און האָט, ווי ס'ווייזט אויס, עפּעס געזוכט דאָרט.

— דער טאָג פאר דעם פּראָצעס איז נאָך ניט באשטימט, — האָט ער געזאָגט.

— אזוי? — האָט געזאָגט בערטאָלד. — לעאָ גאלאָווסקי גלויבט, אז דאָס וועט פּאָרקומען אינמיטען נאָוועמבער, דאָס הייסט, אין ארום דריי וואָכען. טערעזא האָט ניט לאַנג באזוכט איהר ברודער אין געפענגניס. ער איז פּאַלשטענדיג רוהיג און אפילו פרעהליך.

— ווער ווייס? אפשר וועט מען איהם באפרייען, — האָט געזאָגט דער אַלטער.

— דאָס גלויבסטו אליין ניט, פאטער. ער דאַרף זיין גליקליך, ווען מען וועט איהם ניט אָנקלאַגען פאר געוועהנליכען מאָרד. א פארזוך איז יעדענפאַלס געמאַכט געוואָרען.

— דאָס קען ניט אָנגערופען ווערען אַן ערנסטער פארזוך, בער־טאָלד. דו זעהסט דאָך, אז די פּראָקוראַטור האָט זיך גאָר ניט געקי־מערט וועגען דער נארישער פארלוימדונג.

— ווען זיי וואָלטען דאָס אָנגענומען פאר א פארלוימדונג, — האָט בערטאָלד געענטפערט שאַרף, — וואָלטען זיי געוועזען פארפּליכ־טעט צו שטעלען די פארלוימדער פאר'ן געריכט. איבריגענס, מיר לע־בען אין א שטאַאַט, וואו א איד איז ניט זיכער, אז מען וועט איהם ניט פאראורטיילען צום טויט פאר א ריטואַלען מאָרד; איז פארוואָס זאָלען די בעאַמטע צוריקווייזען די אָפיציעלע השערה, אז אידען, ווען זיי האָבען פּיסטאָלעטען דועלען מיט קריסטען, קענען, — אפשר פון רעליגיעזע גרונדען, — באַקומען עפּעס א פארבאָרגענעם, פארברעכע־רישען פארטייל? אז די בעאַמטע האָבען אויך דאָס מאָל געוואָלט דיע־נען דער הערשענדער פּאַרטיי, קען מען מעהר פון אַלץ זעהן פון דעם, וואָס מען האָט איהם ניט באפרייט פון דער אונטערזוכונגס געפענג־

נים, נים קוקענדיג אויף די חויכע סומע פאַנדגעלט וואָס מען האָט אָנגעבאָטען.

— די געשיכטע מיט דעם פאַנדגעלט גלויב איך נים, — האָט דער אַלטער דאָקטאָר געזאָגט, — פון וואַנען וואָלט לעאָ גאַלאָוואָסקי גענומען פופציג טויזענט גולדען?

— נים פופציג, נאָר הונדערט טויזענט, און לעאָ גאַלאָוואָסקי ווייס נאָך ביז איצט נים וועגען דעם. איך קען דיר זאָגען בסוד, אַז דאָס געלט האָט אָנגעבאָטען סאַלאמאָן עהרענבערג.

— נאָר אַזוי! וועל איך דיר אויך זאָגען עפּעס בסוד, — האָט געענטפערט דער אַלטער דאָקטאָר שטאָובער.

— וואָס?

— עס איז מעגליך, אַז קיין פּראָצעס וועט בכלל נים זיין. גאַלאָווסקי'ס אדוואָקאַט האָט אַריינגעגעבען אַ באַגנאַדיגונגס פּעטיציאָן. בערטאָלד האָט זיך צולאַכט.

— נאָר דאָס! און דו מיינסט, פאָטער, אַז עס איז פאַראַן כאָטש די מינדסטע האָפנונג אויף ערפאָלג? געוויס, ווען לעאָ גאַלאָוואָסקי וואָלט געווען טויט, און דער אויבערלייטענאַנט וואָלט געבליבען לעבען... דאַן וואָלט מען איהם אפשר באַגנאַדיגט.

דער אַלטער האָט אונגעדולדיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— פאַר דיר, נאַטירליך, איז די הויפּטזאַך צו קענען אום יעדען פּרייז האַלטען אַן אָפּאָזיציאָנעלע רעדע...

— ענטשולדיג, פאָטער, אָבער נים יעדערער האָט די גליקליכע איינגענשאַפט אָפּצוקערען זיך איינפאַך פון געוויסע ערשיינונגען אין געזעלשאַפטליכען לעבען, ווען זיי ריהרען איהם נים אָן פּערזענליך.

— דאָס האָב איך, נאָך דיין מיינונג, אַזאַ איינענשאַפט? — האָט שנעל געענטפערט דער אַלטער, און אונטער זיין הויכען שטערען האָבען זיך זיינע האַלב צוגעמאַכטע אויגען געעפענט כמעט מיט ערביטערונג. — ניין, מיין זוהן, גיכער קערסטו אָפּ, נים איך, דיין בליק פון דעם, וואָס דיר איז אומאַנגענעם. איך געפין, אַז דו נעמסט זיך איינגראָבען אין דיינע אידעען. ביי דיר ווערט דאָס אַ מין קראַנקהייט. איך האָב געהאָפט, אַז דאָס לעבען אין אַ פרעמדער שטאָדט, אין אַן אַנדער לאַנד וועט דיך אויסהיילען פון דער באַגרענצטקייט און די קליינליכע אַנזיכטען. אָבער ווירקליך, דו ביזט נאָך ערגער געוואָרען.

אז אַ מענש קען ווערען אויסער זיך און האַנדלען ווי לעאָ גאַלאַווסקי, דאָס פאַרשטעה איך, ווי וועניג איך גיב איהם רעכט. אָבער שטעהן אַלץ און האַלטען דעם פּויסט אין קעשענע, אַזוי צו זאָגען, וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס? באַדענק זיך דאָך. טאַלאַנט און אַרבּייט זעצען זיך סוף כּל סוף דורך אַ וועג. וואָס, אייגענטליך, קען געשעהן שלעכטס? אַז דו וועסט באַקומען די פּראָפעסור מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער, ווי אַן אַנדערער? נאָך ניט אַזאַ גרויס אומגליק. דיינע אַרבּייטען וועט מען ניט קענען פאַרשוויינען, אויב זיי האָבען אַ ווערט...

— אָבער פאַרשטעה דאָך, אַז ניט וועגען מיר האַנדעלט זיך דאָ!

— האָט געענטפערט בערטאַלד.

— אָבער מעהרסטענס האַנדעלט זיך דאָ גראָד וועגען אַזעלכע זייטיגע אינטערעסען. און אומקערענדיג זיך צו אונזער פריהערדיגען געשפּרעך, קען איך נאָר זאָגען, אַז עס וואָלט זיך קוים געפונען עמיצער, וואָס וואָלט אַריינגעטראָגען הונדערט טויזענט גולדען פאַר דעם אויבער־לייטענאַנט, ווען ער וואָלט געטויט לעאָ גאַלאַווסקי'ן. זאָגענדיג דאָס, גיב איך דיר דאָס רעכט, — אויב דיר איז דאָס אַנגענעם, — צוצורע־כענען מיך צו די אַנטיסעמיטען, כאָטש איך פאָהר איצט גלייך צו דעם אַלטען גאַלאַווסקי'ן. אַדיע, און ווער ענדליך פאַרנינפטיג.

דער אַלטער האָט געגעבען דעם זוהן די האַנט. דער זוהן האָט זי אָנגענומען מיט אַן אונבאַוועגליכען געזיכט. דער אַלטער האָט זיך גע־ווענדעט צום אַרויסגאַנג. ביים טיר האָט ער געפרעגט:

— ווילען מיר זיך זעהן אין אָווענט אין דער אַרצטען־געזעל־שאַפט?

בערטאָלד האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— ניין, פאָטער. איך פאַרברענג היינט אָווענט אין אַ וועניגער געבילדעטען אָרט, אין דער „זילבערנער ווייכטרויב", וואו אַ פאַרזאַמ־לונג פון דעם סאָציאַל־פּאָליטישען פעראיין וועט פאָרקומען.

— און דו טאָרסט ניט פעהלען?

— אוממעגליך.

— זיי בעסער אויפריכטיג און זאָג מיר: ביסט אַ קאַנדידאַט פאַר דעם לאַנדטאָג?

— איך בין... אַרויסגעשטעלט געוואָרען פאַר אַ קאַנדידאַט.

— אַזוי! האַלטסטו זיך איצט פאַר פעהיג איבערצוטראָגען

די אונאנגענעמליכקייטען, פון וועלכע דו ביזט פאראיאהרען אנט־לאפען?

בערטאלד האט געקוקט אין פענסטער אויפ'ן הערבסטיגען רעגען.

— דו ווייסט, פאטער, — האט ער געענטפערט, צונויפציהענדיג די ברעמען, — אז איך בין דאמאלס ניט געווען געגוג פארבערייט. איצט פיהל איך זיך שטארק און באוואפענט... ניט קוקענדיג אויף דיינע פריהערדיגע באמערקונגען, וואס האבען ווייט ניט געטראפען אין ציעל, און פריהער פון אלץ ווייס איך איצט פעסט, וואס איך וויל.

דער אלטער האט געצוקט מיט די אקסלען.

— איך פארשטעה ווירקליך ניט, ווי מען קען ווארפען אן אמת'ע, א ניצליכע ארבייט... יע, דו וועסט זי מוזען ווארפען, ווייל צוויי זאכען דיענען מיט אמאל קען מען ניט... ווי קען מען ווארפען א נויטי־גע זאך, נאר צו... האלטען רעדעס פאר מענשען, וועמעס פראפעסיאן באשטעהט אין האבען פאראורטיילען, אדער צו באקעמפען פרינציפען, אין וועלכע די מעהרסטע מענשען, וואס פרעדיגען זיי גלויבען אליין ניט.

בערטאלד האט געשאקעלט מיט'ן קאפ:

— דאס מאל, איך פארזיכער דיך, פאטער, ציהט מיך ניט צו קיין רעדנערישער אדער דיאלעקטישער עהרגייץ. דאס מאל האב איך זיך אפגעטיילט א געביעט, וואו איך האף צו באשעפטיגען זיך מיט פונקט אזא פראדוקטיווער ארבייט, ווי אין א לאבאראטאריום. איך רעכען, אויב דאס וועט מיר געלינגען, צו באשעפטיגען זיך אויסשליס־ליך מיט פראגען פון עפענטליכער געזונדהייט. אויף אזא מין פאליטי־שער טעטיגקייט וועל איך אפשר האבען אויך דייי בענשונג פאטער.

— מיינע... יע. אבער דייז איינענע?...

— וואס מיינסטו?

— די בענשונג, וואס מען רופט אן אינערליכער בארוף.

— דו צווייפעלסט אפילו אין דעם? — האט מיט פארוואונ־דערונג געפרעגט בערטאלד. א דיענער איז אריינגעקומען און האט געגעבען דעם אלטען דאקטאר א וויזיט־קארטעל. דער דאקטאר האט איבערגעלעזען.

— איך קום באלד ארויס.

דער דיענער איז ארויסגעגאנגען.

און אויפגערעגטער, האָט בערטאָלד געזאָגט:

— איך מעג זאָגן, אַז מיין בילדונג, מיינע קענטניסען...

דער פּאַטער האָט איהם אונטערבראָכען, שפּיעלענדיג מיט'ן קאַרטעל:

— איך צווייפעל ניט אין דיינע קענטניסען, אין דיין ענערגיע, אין דיין פלייס, — האָט ער געזאָגט, — נאָר מיר דובט זיך, אַז אום עפּעס אויפצוטאָן אויפ'ן געביעט פון פּאָלקס געזונדהייט, דאַרף מען, אויסער אַט די אויסגעצייכענטע אייגענשאַפטען, האָבען נאָך איינע, וואָס דו האָסט, נאָך מיין מיינונג, צו ווייניג: מען דאַרף האָבען גוטס־קייט, ליעבער בערטאָלד, ליעבע צו דער מענשהייט.

בערטאָלד האָט ענערגיש געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— די גוטסקייט, פּאַטער, וואָס דו האָסט אין זינען, האַלט איך פאר גאַנץ איבריג, אפשר גאָר פאר שעדליך. רחמנות, — וואָס אנדערש קען סוף כל סוף זיין די ליעבע צו מענשען, ווען מען קען ניט פערזענליך? — פיהרט אונפארמיידליך צו סענטימענטאַליטעט, צו שוואַכקייט. פאַרקערט, אויב דו ווילסט העלפען אַ גאַנצער גרופּע מענשען, דאַרפסטו קענען אַמאָל זיין שטרענג צו איינצעלנע פּערזאָ־נען, דאַרפסט קענען אָפּפערען מיט זיי, אויב דאָס אַלגעמיינע וואוילזיין פאָדערט דאָס. דערמאָן זיך נאָר, פּאַטער, אַז די עהרליכסטע און לאָ־גיש־אויסגעהאַלטענסטע סאָציאַלע היגיענע פיהרט גאָר אמאָל צו דעם, אַז מען מוז די קראַנקע פארניכטען, אָדער ווייניגסטענס אויסשליסען פון אַלע גוטע זאַכען אין לעבען. איך לייקען ניט, אַז אין אַט דער היגזיכט האַלט איך זיך ביי אַנזיכטען, וואָס קענען אויסווייזען גרויזאַם. אָבער די צוקונפט געהערט אָט די אַנזיכטען, נאָך מיין מיינונג. האָב פונדעסטוועגען ניט מורא, פּאַטער, אַז איך וועל באַלד אָנהויבען פּרעדיגען די נויטיגקייט צו פארניכטען שעדליכע און איבריגע מענ־שען. אָבער מיין פּראָגראַם דערגעהט כמעט צו דעם אין אַ פילאָסאָ־פישען זין. ווייסטו, אַגב, מיט ווען איך האָב דאָ ניט לאַנג געהאַט אַ זעהר אינטערעסאַנטען געשפּרעך וועגען דעם?

— וועגען וואָס?

— געוויי אויסצודריקען זיך: וועגען דעם רעכט צו מאָרדען, מיט דעם שרייבער היינריך בערמאַן, דעם זוהן פון דעם פארשטאָרבענעם דעפּוטאַט.

— וואו האָסטו מיט איהם גערעדט?

— איך האָב איהם ניט לאַנג צוריק באַגעגענט אויף אַ פּאַרזאַמ־לונג. טערעזאַ גאַלאַווסקי האָט איהם אהין געבראַכט. דו קענסט דאָך איהם אויך, פּאַטער, ניט אמת?

— יע, — האָט דער אַלטער געענטפערט, — שוין לאַנג.

און ער האָט צוגעגעבען:

— דעם זומער האָב איך איהם ווידער באַגעגענט ביי אַנאַ ראָזנער.

בערטאַלד'ס ברעמען האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען קאָנוואַולסיוו. דאַן האָט ער געזאָגט אין אַן איראָנישען טאָן:

— איך האָב אַזוי געמיינט. בערמאַן האָט פאַרבייגעהענדיג דערמאָנט, אז ער האָט דיך ניט לאַנג צוריק געזעהן, האָט אבער ניט געוואָלט זאָגען וואו. איך האָב פון דעם געשלאָסען, אז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ דעליקאַטער אַנגעלעגענהייט. הייסט דאָס, דער הערר באַראָן איז געוועזען ליעבליך גענוג צו ברענגען איהר זיינע פריינד?

— דיין טאָן, ליעבער בערטאָלד, צווינגט מיך אָנצונעמען, אז דו האָסט נאָך ווייט ניט איבערוועלטיגט אין זיך געוויסע זאַכען, ווי דו האָסט פריהער פאַרזיכערט.

בערטאַלד האָט געצויגען מיט די אַקסלען.

— איך האָב קיינמאָל ניט געלייקענט, אז דער באַראָן ווערגענטין איז מיר אַנטיפּאַטיש.

— דעריבער?

— יע.

— און דאָך דוכט מיר, בערטאָלד, אז דו וואָלסט אַנדערש אויפ־גענומען די געשיכטע, ווען דו וואָלסט באַגעגענט אַנאַ ראָזנער ווי אַן אַלמנה, אפילו ווען איהר פאַרשטאָרבענער מאַן וואָלט דיר געווען נאָך אַנטיפּאַטישער, איידער באַראָן פאָן ווערגענטין.

— מעגליך, דאַן וואָלט מען באַטש געקענט אָננעמען, אז מען האָט זי געאַכט, ניט גענומען און אַוועקגעוואָרפען זי, ווי נאָר דער שפּיעל האָט דערעסען. אין דעם איז פאַראַן עפּעס... איך וויל זיך ניט אויס־דריקען געטויער.

דער אַלטער האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן זוהן און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— עס ווייזט ווירקליך אויס, אז אַלע פּאַרטנעשריטענע אַנזיכ־

מען ביי איך, יונגע לייט, פארשווינדען אין אן אויגענבליק, ווען אייערע ליידענשאפטען און אייגענליעבע ווערען אנגעריהרט.

— אין פראגען פון ריינקייט און אנשטענדיגקייט בין איך אין די אזוי גערופענע פארמגעשריטענע אנזיכטען ניט שולדיג, פאטער. און איך גלויב, אז דו וואלסט ניט זעהר ענטציקט געווען, ווען איך זאל וועלען ווערען דער נאכפאלגער פון א מעהר אדער ווענינער פער־שטארבענעם באראן ווערגענטין.

— געוויס ניט, בערטאלד. בעזונדערס, צוליעב איהר: דו וואלסט דאך זי פארמאטערט ביז טויט.

— זארג ניט, — האט בערטאלד געענטפערט, — עס איז פאר אנא'ן פון מיין זייט ניטא קיין געפאהר. אלץ איז געענדיגט.

— דאס, נאטירליך, איז א גוטער גרונד. אבער צום גליק איז פאראן נאך א בעסערער. באראן ווערגענטין איז ניט געשטארבען און ניט פארפאלען געווארען...

— דער אויסדרוק איז דאך דא ניט וויכטיג.

— ווי דו ווייסט שוין, האט ער באקומען א קאפעלמייסטער שטעל אין דייטשלאנד...

— דאס איז זעהר גוט. איהם האט בכלל אפגעגאלטען אין דער גאנצער געשיכטע. ער האט אפילו ניט געדארפט זארגען וועגען קינד!

— דו האסט צוויי פעהלערען, בערטאלד: ערשטענס, ביזטוווירק־ליך ניט קיין גוטער מענש, און צווייטענס, לאזטו ניט אויסרעדען. איך האב געוואלט זאגען, אז אנא און באראן ווערגענטין האבען זיך נארניט צושיידט. ערשט מיט צוויי טעג צוריק האט זי מיר איבער־געגעבען א גרוס פון איהם.

בערטאלד האט געצויגען מיט די אקסלען, ווי די גאנצע געשיכטע וואלט בכלל געווען פאר איהם געענדיגט.

— וואס מאכט דער אלטער ראזנער? — האט ער געפרעגט.

— דאס מאל וועט ער איבערקומען, — האט דער אלטער דאקטאר געענטפערט, — איבריגענס האב איך, בערטאלד, אז דו האסט נאך גענוג אביעקטיוויטעט צו פארשטעהן, אז די אורזאך פון זיינע אנפא־לען איז ניט די זארג וועגען זיין טאכטער, נאר, ליידער, א שטארק ענטוויקעלטער ארטעריאסקלעראז.

— אנא ניט ווידער לעקציאָנען? — האָט בערטאָלד געפרעגט, זייענדיג א ווײלע אונענטשלאָסען.

— יע, — האָט דער אלטער געענטפערט, — אָבער איצט וועט זי, וואַרשיינליך, זיי שוין לאנג ניט געבען. — און ער האָט געוויזען דעם זוהן דאָס וויזיט־קאַרטעל, וואָס ער האָט נאָך אלץ געהאלטען אין האנט.

בערטאָלד האָט א שמייכעל געטאָן.

— דו מיינסט, — האָט ער מיט שפּאָט געפרעגט, — אז ער איז געקומען אהער פייערען זיין חתונה?

— דאָס וועל איך באלד וויסען, — האָט דער אלטער געענטפערט. — יעדענפאלס פרעהט מיך זעהר איהם ווידער צו זעהן; איך פאַרזיכער דיך, אז ער איז איינער פון די סימפּאַטישסטע יונגע לייט, וואָס איך האָב ווען עס איז געקענט.

— מערקווירדיג! — האָט געזאָגט בערטאלד. — אן אונפאַר־גלייכליכער באַהערשער פון הערצער. טערעזא איז אויך ענטציקט פון איהם. און היינריך בערמאַן האָט ניט לאנג צוריק גערעדט וועגען איהם מיט ענטוזיאזם. עס איז כמעט קאָמיש... נו יע, א שעהנער, שלאנקער, בלאָנדער יונגערמאַן, דערצו נאָך א באַראָן, א דייטש, א קריסט, וואָס פאַר א איד וואָלט דאָס געקענט ווידערשטעהן אזא צוי־בער... אדיע, פאטער!

— בערטאלד!

— וואָס איז? — ער האָט פאַרביסען די ליפּען.

— באַדענק דיך! וויים, ווער דו ביזט.

— איך... וויים דאָס.

— ניין, דו ווייסט דאָס ניט. אנדערש וואָלסטו ניט געקענט אזוי אָפּט פאַרגעסען, ווער אנדערע זיינען.

ווי פרעגענד האָט בערטאלד אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— דו וואָלסט אמאָל באַדאַרפט באַזוכען די ראָזנערס. עס איז אונווירדיג, וואָס דו לאָזט אנא'ן אויף אזא קינדערישען אופן פיהלען דיין פאַראַכטונג... אויף ווידערזעהן... און פאַרברענג אנגענעם אין דער „זילבערנער ווייַנטרויב".

ער האָט איהם געגעבען די האנט און איז דאַן אוועק אין קאַבי־נעט. עפענענדיג די טיר אין וואַרטצימער, וואו געאַרג פאָן ווערגענטין

האָט געבלעטערט אין אַן אַלבאָם, האָט ער מיט אַ פריינדליכער פאַר־נייגונג איהם אריינגערופען צו זיך.

— פריהער פון אַלץ, — האָט געזאָגט געאָרג, זעצענדיג זיך, — מוז איך זיך ענטשולדיגען פאר אייך. מיין אָפּפאָהר איז אויסגעקומען אַזוי אומגעריכט... און איך האָב ליידער ניט געהאַט די מעגליכקייט צו זעגענען זיך מיט אייך, דאַנקען אייך פערזענליך פאר אייער גרויסע...

דאָקטאָר שטאָובער האָט זיך אָפּגעוועהרט פון דעם אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט.

— מיך פרעהט זעהר אייך ווידער צו זעהן, — האָט ער דאַן געזאָגט, — איהר זייט אין וויען מסתמא אויף אורלויב?

— נאַטירליך, — האָט געענטפערט געאָרג. — דאָס איז אַן אור־לויב נאָר אויף דריי טעג. אַזוי נויטיג בין איך זיי, — האָט ער צו־געגעבען מיט אַ באַשיידענעם שמייכעל.

דאָקטאָר שטאָובער איז געזעסען אנטקעגען איהם אין אַ שטול ביים שרייבטיש און האָט איהם פריינדליך באַטראַכט.

— איהר זייט זעהר צופרידען מיט אייער נייער שטעל, האָט מיר אַנאַ געזאָגט.

— יע. שוועריקייטען, נאַטירליך, זיינען פאַראַן אומעטום, ווען מען פאַלט פּלוצלונג אריין אין אַ נייע אומגעבונג. אבער אַלץ איז גאָר פיעל לייכטער, ווי איך האָב ערוואַרט.

— יע, איך האָב געהערט, און אין הויף האָט מען אייך אויך גוט אויפגענומען.

געאָרג האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— אַנאַ'ן, ווייזט אויס, שטעלט זיך דאָס פאָר אַ סך פייערלי־כער, ווי דאָס איז ווירקליך געוועזן. איך האָב איין מאָל געשפּיעלט ביים ערב־פרינץ, און איינע פון די זינגערינס פון אונזער אָפּערא האָט דאָרט געזונגען מיינע צוויי ליעדער, דאָס איז אַלץ. אַ סך וויכטי־גער איז, וואָס איך האָף נאָך דעם סעזאָן צו ווערען באַשטימט קאַפּעל־מייסטער.

— איך האָב געמיינט, אַז איהר האָט שוין די שטעל באַקומען.

— ניין, דאָקטאָר, קיין אָפיציעלע באַשטימונג איז נאָך ניט גע־וועזן. אמת, איך האָב דיריגירט עטליכע מאָל: אין „פריישוץ“, אין „אַידינאַ“; אָבער פאָרלויפיג בין איך נאָר קאָנצערט מייסטער.

אויף דעם ערשטס ווייטערדיגע פראגען האָט ער נאָך עפּעס דערצעהלט וועגען זיין טעטיגקייט אין דער דעטמאלדער אָפּערא. דאַן איז ער אויפגעשטאַנען און האָט זיך געזעגנט.

— אפשר קען איך אייך מיטנעמען? — האָט דער ארצט געפרעגט, — איך פאָהר אין רעמבראַנדטשטראַסע, צו די גאָלאָווסקים.

— אַ דאַנק, הערר דאָקטאָר, דאָס ליגט אבער ניט אין מיין וועג. איך קלייב זיך אויך באַזוכען פרוי גאָלאָווסקי מאָרגען אין דער פריה. זי איז דאָך ניט קראַנק?

— ניין, כאָטש די אויפרעגונגען פון די לעצטע וואָכען זיינען, נאַטירליך, ניט אריבערגעגאַנגען גאָר אָהן אַ שעדליכער ווירקונג אויף איהר.

נעאָרג האָט באַמערקט, אז באַלד נאָך דעם דועל האָט ער אָנגעשריבען איהר און לעאָ'ן עטליכע ווערטער.

— ווען מען דערמאָנט זיך נאָר, אז דאָס האָט זיך אויך געקענט ענדיגען אנדערש... — האָט ער צוגעגעבען.

— יע, — האָט דאָקטאָר שטאובער געזאָגט, — פאַר דאָס גליק פון האָבען קינדער מוז מען צאָהלען אין ראַטען... און מען ווייס ביי קיין אויסצאָהלונג ניט, צי דער אויבערשטער איז שוין ענדליך צופרידענגעשטעלט.

ביי דער טיר האָט געאָרג געזאָגט אביסעל אונענטשלאָסען:

— איך האָב אויך געוואָלט... פרעגען אייך, הערר דאָקטאָר, וואָס, אייגענטליך, איז דער צושטאַנד פון הערן ראַזנער... איך מוז זאָגען, אז איך האָב איהם געפונען אין אַ בעסערען אויסזעהן, ווי איך האָב ערוואַרט נאָך אַנאַ'ס בריף.

— איך האָף, אז ער וועט געזונט ווערען, — האָט געענטפערט שטאובער. מען מוז אבער געדענקען... אז ער איז אַן אַלטער, עלטער אפילו, ווי ער וואָלט געדאַרפט זיין נאָך זיינע יאָהרען.

— אָבער עפּעס ערנסטעס איז דאָך דאָ ניטאָ?

— אַלטקייט אַליין איז שוין אַן ערנסטע זאַך, — האָט געענטפערט דאָקטאָר שטאובער, — באַזונדערס ווען די פריהערדיגע צייטען, די יוגענד און מענליכקייט, זיינען אויך ניט פאַרבייגעגאַנגען אַזוי פרעהליך.

גערג האָט געוואָרפען א בליק אין צימער און האָט פּלוצלונג אויסגערופען:

— איך דערמאָן זיך איצט, איך האָב אייך נאָך אלץ ניט צוריק־געשיקט די ביכער, וואָס איהר זייט געווען אזוי פריינדליך מיר צו לייהען אין פריהלינג. און איצט ליגען אלע אונזערע זאכען ביים עקס־פּעדיטאָר: די ביכער, פּונקט ווי די זילבער, מעבעל, בילדער. איך וועל מוזען אייך בעטען, הערר דאָקטאָר, ווארטען ביז פריהלינג.

— ווען איהר האָט ניט קיין ערגערע זאָרגען, ליעבער באַראָן...

זיי זיינען צוזאמען אראָפּגעגאנגען די טרעפּ, און דאָקטאָר שטאו־בער האָט נאָכגעפרעגט וועגען פּעליציאַנ׳ען.

— ער איז אין אָטען, איך האָב נאָר צוויי בריף געהאט פון איהם, נאָך ניט קיין זעהר אויספיהרליכע... ווי זאָנדערבאר דאָס איז, הערר דאָקטאָר, צו קומען צוריק ווי א פרעמדער אין א שטאָדט, וואו מען איז נאָך ביז ניט לאנג געווען אין דער היים, און וואוינען אין א האָ־טעל, ווי א גאסט פון דעטמאלד....

דאָקטאָר שטאובער האָט זיך אריינגעזעצט אין עקיפּאזש. גערג האָט געבעטען גריסען פרוי גאָלאָווסקי׳ן.

— איך וועל איבערגעבען. און אייך, ליעבער באראָן, ווינש איך וויי‎טער פיעל גליק. אויף ווידערזעהן.

אויף דעם זיינער פון דער סטעפּאן קירך איז געווען פינף. גערג האָט געהאט א לעדיגע שעה. ער האָט באשלאָסען אביסעל צו וואנ־דערען אונטער דעם ווארימען הערבסט רעגען, וואָס איז איהם אויך אויסגעקומען, ווי א מין אָפּרוה. כמעט די גאַנצע נאכט אין קופּע איז ער געווען וואך, און שוין צוויי שעה נאָך זיין אָנקומען איז ער גע־ווען ביי די ראָזנערס. אנא אליין האָט איהם געעפענט די טיר און האָט איהם באגריסט מיט א צערטליכען קוש; אָבער באלד האָט זי איהם אריינגעפיהרט אין צימער, וואו איהרע עלטערען האָבען איהם באגריסט גיכער העפליך, ווי הארציג. די מוטער, צומישט און אביסעל באליידיגט, ווי אלעמאָל, האָט גערעדט ווייניג; דער פאטער, וואָס איז געזעסען אויפ׳ן דיוואן מיט די פיס פאַרוויקעלט אין א העלען פּלעד, האָט געהאלטען פאר זיין פליכט אויסצופרעגען וועגען דעם געזעל־שאַפטליכען און מוזיקאלישען צושטאנד פון דער קליינער רעזידענץ, פון וועלכער גערג איז געקומען. דאָ איז ער א ווייל[ע] געבליבען אליין

מיט אנא׳ן; צוערשט אין א צו האסטיגען געשפרעך, פול מיט פראגען און ענטפערס, דאן אין צערטליכקייטען, אין א שטימונג פון מיד־קייט און פארלעגענהייט. ביידע זיינען ווי ערשטוינט געווען, וואס דאס גליק פון ווידער זעהן זיך ווערט ניט אזוי געפיהלט, ווי די בענק־שאפט האט צוגעזאגט. באלד איז געקומען אנא׳ס א שילערין. געארג האט זיך געזעגענט און האט אין פארהויז שנעל אפגעמאכט מיט דער געליעבטער צו זעהן זיך אין אווענט; ער האט זי געוואלט נעמען צו די ביטנערס און דאן געהן מיט איהר אין די אפערא צו א פארשטעל־לונג פון „טריסטאן״, וועגען דער אינסצענירונג פון וועלכער זיין איני־טענדאנט האט איהם געבעטען באריכטען. דאן האט ער געהאט מיטאג, זיצענדיג ביים פענסטער אין א גרויסען רעסטאראן אויף רינגשטרא־סע, האט איינגעקויפט זאכען און געמאכט באשטעלונגען ביי זיינע ליפעראנטען, איז אוועק צו היינריכ׳ן, וועמען ער האט ניט געפונען אין דער היים, און דאן איז איהם איינגעפאלען צו מאכען א דאנק וויזיט ביי דאקטאר שטאובער.

איצט האט ער לאנגזאם שפאצירט דורך די גאסען, וואס זיינען איהם געווען אזוי גוט באקאנט, וואס האבען שוין אבער געהאט אבי־סעל דעם אויסזעהן פון דער פרעמד; און ער האט געקלערט וועגען דער שטאדט, פון וועלכער ער איז געקומען, און וואו ער האט זיך שנע־לער איינגעלעבט, ווי ער האט ערווארט. גראף מאלניץ האט פון דעם ערשטען אויגענבליק איהם ארויסגעוויזען זעהר פיעל פריינדליכקייט; ער האט זיך ארומגעטראגען מיט א פלאן צו רעפארמירען די הויף אפערא אין מאדערנעם גייסט און האט געוואלט צוציהען צו זיינע ברייטע אויפגאבען געארג׳ן, ווי דעם לעצטען האט אויסגעוויזען, פאר א מיטהעלפער און פריינד. דער ערשטער קאפעלמייסטער איז אפילו געווען א גוטער מוזיקער, אבער שוין גיכער א הויף בעאמטער, ווי אן ארטיסט. ער האט פארנומען זיין שטעל אלס א פינף און צוואנציג יאה־ריגער יונגער מאן און האט שוין אפגעלעבט דרייסיג יאהר אין דער קליינער שטאדט, האט געהאט זעקס קינדער, איז געווען געאכט פון אלעמען, צופרידען, און האט ניט געהאט קיין עהרגייציגע פלענער. באלד נאך זיין אנקומען האט געארג געהערט אויף א קאנצערט די ראמ־מאנסען, וואס האבען מיט פיעל יאהרען צוריק געמאכט דעם יונגען קאפעלמייסטער באריהמט, כמעט וועלט באריהמט; געארג האט ניט

געקענט פארשטעהן, מיט וואס זיי האבען דאן אזוי געקענט אויסנע־מען. פונדעסטוועגען האט ער זעהר ווארים זיי געליבט פאר דעם קאמפאניסט, מיטפיהלענדיג דעם עלטערען מענשען, אין וועמעס אויגען עס האט נאך, דוכט זיך, געברענט דאס ווייטע פייערל פון דער רייכער פארגאנגענהייט און פארגעסענע האפנונגען. געארג האט זיך אמאל גע־פרעגט, צי דער אלטער קאפעלמייסטער קלערט בכלל וועגן, אז מען האט איהם אמאל געהאלטען פאר א בארופענעם צו הויכע ציעלען? אדער אויך פאר איהם, ווי פאר א סך אנדערע איינגעזעסענע, ווייזט די קליינע שטאדט אויס ווי א מיטעלפונקט, פון וועלכען די שטראלען פון טע־טיגקייט און רוהם פארשפרייטען זיך ווייט ארום? די בענקשאפט נאך א גרעסערען און ברייטערען ווירקונגס־קרייז האט געארג געפונען נאר ביי ווענינע; אמאל פלעגט איהם אויסווייזען, אז זיי ווייזען איהם ארויס א סך מעהר גוטמוטיגען מיטלייד, ווייל ער איז געקומען פון א הויפטשטאדט, און נאך פון וויען. ווען נאר מען פלעגט ארויסריידען דעם נאמען פון אט דער שטאדט, פלעגט געארג באמערקען נאך דעם אויסדרוק פון די אביסעל שפאטישע געזיכטער, אז באלד האבען מיט דעם נאמען וויען, ווי מעלאדישע איבערטענער, גענומען קלינגען, כאטש מען האט זיי ניט ארויסגעבראכט אין דער הויך, אנדערע ווערטער: וואלצען... קאפע הייזער... פרויען... הוליאנקעס... פיאקערען... פאר־לאמענטארישע סקאנדאלען... צייטענווייז האט דאס געארג'ן גענער־גערט, און ער האט געטאן אלץ, וואס ער האט געקענט, צו פארבע־סערען אין דעטמאלד דעם נאמען פון זיינע לאנדסלייט: ער האט פון אנהויב אן ענערגיש און עהרענהאפטיג זיך גענומען צו דער ארבייט. מען האט איהם גערופען נאך דעם פלוצלונגען טויט פון דעם קאפעלמייס־טער, נאך גאר א יונגען מענשען, און געארג'ן איז שוין דעם ערשטען טאג אויסגעקומען צו זיצען אין קליינעם פראבע זאל ביים קלאוויר און אקאמפאנירען צום געזאנג. עס איז נעגאנגען אויסגעצייכענט, און ער האט זיך געפרעהט איבער זיין באגאבונג, וואס האט זיך ארויסגעוויזען א סך זיכערער און שטארקער, ווי ער אליין האט ערווארט; און אין דער ערשטער ...

ערעאינערונג האט איהם אויסגעוויזען, אז אויך אנא האט צו נידריג אפגעשאצט זיין טאלאנט. ער האט געארבייט איבער דער אואווערטור, וואס איז אויסגעוואקסען פון די מאטיוועו צו בערמאן'ס אפערא, האט אנגעהויבען א וויאלין סאנאטא; און דער קווינטעט, — דער

מיטישער קווינטעט, ווי עלזא האט איהם אמאל אנגערופען, — איז שוין כמעט געווען געענדיגט. נאך דעם ווינטער האט דאס געזאלט אויפגעפיהרט ווערען אויף איינעם פון די קאמער אווענטען, וואס פלע־גען ארגאניזירט ווערען פון דעם קאנצערט־מייסטער פון דעטמאלדער ארקעסטער, א באגאבטען יונגען מאן, דעם איינציגען מענשען, מיט וועלכען געארג איז נעהנטער געווארען אויפ׳ן נייעם ארט, און מיט וועלכען ער פלעגט געוועהנליך עסען אין „עלעפאנט“. געארג האט נאך אלץ געוואוינט אין יענעם האטעל, אין א שעהנעם צימער, מיט דער אויסזיכט אויף דעם גרויסען, מיט לינדען געפלאנצטען פלאץ, און האט פון טאג צו טאג אלץ אפגעלעגט דאס דינגען א וואוינונג. עס איז דאך נאך ניט געווען באשלאסען, צי ער וועט בלייבען אין דעט־מאלד אויף ווייטער, און אויסערדעם האט איהם אויסגעוויזען באליי־דיגענד פאר אנא׳ן איינצוארדנען זיך אויף א לאנגע צייט ווי אן אונ־פארהייראטער יונגערמאן. ער האט אבער קיין איין ווארט ניט גע־שריבען אין זיינע בריף וועגען די אויסזיכטען פאר דער צוקונפט, פונקט ווי זי האט זיך צו איהם ניט געווענדט מיט אומגעדולדיגע אדער צווייפ־לענדע פראגען. זיי האבען מיטגעטיילט איינער דעם אנדערען כמעט אויסשליסליך נאר פאקטען: זי האט איהם געשריבען, ווי זי איז בים־לעכווייז איבערגעגאנגען צו איהר פריהערדיגער ארט לעבען; ער האט געשריבען וועגען דער נייער אומגעבונג, אין וועלכער ער האט איצט געמוזט זיך איינלעבען. אבער כאטש ער האט גארנישט געהאט אזוינס, וועגען וואס ער וואלט געדארפט שווייגען, האט ער דאך גע־זעהן אויסצומיידען אלץ, וואס וואלט געקענט פיהרען צו מיספער־שטענדניסען. און ווי אזוי האט מען געקענט איבערגעבען אין ווערטער די זאנדערבארע שטימונג, וואס פלעגט אנגעוועהט ווערען אין דעם האלב־טונקעלען צושויער זאל אין דער פריה, ביי די פראבען, ווען דער גערוך פון געזיכט פארב, פארפום, קליידער, גאז, אלטען האלץ און נייע פארבען פלעגט פון דער ביהנע דערגרייכען צום פארקעט; ווען גע־שטאלטען, וואס מען דערקענט ניט גלייך, באוועגען זיך הין און הער צווישען די רייהען, אין אלטעגליכע קליידער אדער אין טעאטער קאס־טיומען, ווען מען דערפיהלט פון הינטען עמיצענס הייסען און דופטי־גען אטעם? אדער ווי באשרייבט מען דעם בליק, וואס גלאנצט אראפ פון די אויגען פון א יונגער זינגערין, ווען מען קוקט ארויף צו איהר

פון דער קלאַוויאַטור?... אדער ווען מען באַגלייט אַט די זינגערין אין העלען טאָג איבער דעם טעאַטער פּלאַץ אין די קעניג־שטראַסע צו איהר הויז, און מען רעדט מיט איהר דערביי ניט נאָר וועגען מיכאַעלאַ'ס טייל, וואָס מען האָט נאָר וואָס שטודירט מיט איהר, נאָר אויך וועגען אַנדערע, כּמעט גאַנץ אונשולדיגע זאַכען, קען מען דאָס שרייבען צו אַ געליעבטער אין וויען, און זי זאָל ניט זוכען עפּעס פּאַרדעכטיגעס צווי־שען די שורות? און ווען מען זאָל צוגעבען, אַז מיכאַעלאַ איז פאַרלאָבט מיט אַ יונגען אַרצט אין בערלין, וואָס פאַרגעטערט זי, פּונקט ווי זי איהם, וואָלט דאָס קוים געמאַכט בעסער; דאָס וואָלט אויסגעזעהן, ווי מען וואָלט זיך געפיהלט פאַרפליכטעט אָפּצואוועהרען פאַרדאַכט און צו באַרוהיגען.

„ווי זאָנדערבאַר, — האָט געקלערט געאָרג, — וואָס זי שפּיעלט ווירקליך היינט די מיכאַעלאַ, וואָס איך האָב מיט איהר שטו־דירט, און וואָס איך געה איצט אויף דעמזעלביגען וועג אין מאַריאַ־הילף, אויף וועלכען איך בין פאַראַיאָהרען געגאַנגען אַזוי אָפט און אַזוי גערן!" און ער האָט זיך דערמאָנט דעם אָוונט, ווען ער איז אריינ־געקומען נאָך אַנאַ'ן, האָט מיט איהר שפּאַצירט איבער די שטילע גאַ־סען, האָט באַטראַכט אונטער אַ טויער קאָמישע פאָטאָגראַפישע בילדער און איז דאַן געגאַנגען מיט איהר איבער דעם קיהלען שטיין פון דער אַלטער קירך, פיהרענדיג אַ שטילען געשפּרעך, פול מיט פאַרגעפיהלען, וועגען דער אונבאַוואוסטער צוקונפט... און איצט איז אַלץ אויסגעקו־מען גאָר אַנדערש, ווי ער האָט געטרוימט. אַנדערש?... פאַרוואָס, איי־גענטליך, ווייזט איהם אויס, אַז אַנדערש?... וואָס זשע האָט ער דאַן ערוואַרט? איז דען דאָס יאָהר, וואָס איז זינט דאַן אריבער, ניט געווען מערקווירדיג רייך מיט זיין גאַנצען גליק און אַלע זיינע ליידען? האָט ער דען איצט ניט געליעבט אַנאַ'ן מעהר און טיפער, ווי דאַן? און אין דער פרעמדער שטאָדט האָט ער דען ניט געבענקט נאָך איהר צייטענווייז אַזוי היים, ווי דאָס וואָלט געווען אַ פרוי, וואָס האָט איהם קיינמאָל ניט געהערט? מען דאַרף דאָך ניט אורטיילען נאָך דעם ווידער־זעהן זיך היינט אין דער פריה, אין דער שלעכטער שטימונג פון דער גרויער שעה, מיט דער מאַטער צערטליכקייט, ווי אין פאַרלעגענהייט, צום סוף...

ער איז געווען ביים ציעל. ווען ער האָט אַרויפגעקוקט צו די באַ־

ליכטענע פענסטער, הינטער וועלכע אנא האָט געגעבען איהר לעקציאָן האָט ער דערפיהלט א לייכטע אויפרעגונג. און ווען זי איז אין א מי־ גוט ארום ארויסגעקומען פון טיר אין אן איינפאכען ענגלישען קלייד מיט א גרויען פילץ הוט אויף די רייכע טונקעל־בלאָנדע האָר, מיט א בוך אין האנט, גאָר ווי פאראיאָהרען, האָט ער פּלוצלונג דערפיהלט אין זיך א שטראָם פון גליק. זי האָט איהם ניט באלד דערזעהן, ווייל ער איז געשטאנען אין שאָטען פון א הויז, האָט אויפגעפּעגט איהר שירעם און איז געגאנגען צום ראָג, וואו ער פלעגט פאראיאָהרען ווארטען אויף איהר. ער האָט איהר א ווײלע נאָכגעקוקט, האָט זיך געפרעהט מיט דעם, ווי אריסטאָקראַטיש און בראוו זי האָט אויסגעזעהן און איז דאן שנעל געגאנגען צו איהר און האָט איהר מיט עטליכע טריט אָנגע־ יאָגט.

זי האָט איהם באלד ערקלערט, אז זי קען היינט אָוועגט ניט געהן מיט איהם אין די אָפּערא, ווייל איהר פאָטער האָט זיך געפיהלט ניט גוט נאָכמיטאָג.

געאָרג איז געווען זעהר ענטוישט.

— געה ווענינגסטענס צום ערשטען אַקט.

זי האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— ניין, דאָס ליעב איך ניט. שענק בעסער דעם אָרט א באקאנ־ טען. נעם מיט נירענבערגער׳ן אָדער בערמאנ׳ן.

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — אויב דו ווערסט ניט געהן, וועל איך שוין בעסער געהן אליין. איך האָב זיך אזוי געפרעהט, וואָס מיר וועלען געהן צוזאמען. מיר פערזענליך ווילט זיך גאָר ניט אזוי זיין ביי דער פאָרשטעלונג. איך וואָלט בעסער געבליבען מיט דיר... פון מיינטוועגען אפילו ביי אייך אין הויז; אָבער איך מוז געהן, איך דארף אָפּגעבען א באריכט.

— נאַטירליך מוזטו געהן, — האָט אנא באשטעטיגט און צוגע־ געבען: — איך רוף דיך ניט צו אונז; ביי אונז איז ווירקליך ניט פרעה־ ליך.

ער האָט גענומען פון איהר האנט דעם שירעם, האָט איהם געהאל־ טען איבער איהר, און זי האָט אָנגענומען זיין אָרעם.

— הער, אנא, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל דיר מאכען א פאָרשלאָג. — ער האָט זיך געוואונדערט, וואס ער דארף געפינען אן

איינלייטונג און האָט אונזיכער געזאָגט: — מיינע פּאָר טעג אין וויען זיינען אזוי אומרוהיג, צוריסען, און דאָ איז נאָך די געדריקטע שטי־מונג ביי אייך אין הויז... מיר האָבען ווקליך גאָרנישט איינער פון אנדערען, ניט אמת?

זי האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ניט קוקענדיג אויף איהם.

— איז אָט וואָס, ווילסטו מיך ניט באגלייטען אביסעל, ווען איך וועל ווידער אוועקפאָהרען?

זי האָט פון דער זייט געוואָרפען אויף איהם איהר שלויען בליק און האָט גאָרניט געענטפערט.

ער האָט ווייטער גערעדט:

— איך קען לייכט באקומען נאָך א טאָג אורלויב, ווען איך וועל טעלעגראפירען אין טעאטער. בארעכען נאָר, ווי גוט עס וועט זיין, ווען מיר וועלען קענען זיין א פּאָר שעה איינגאנצען אליין.

זי האָט צוגעשטימט, זעהר הארציג, אָבער אָהן באגייסטערונג, און האָט געזאָגט, אז איהר ענטשיידונג הענגט אָפּ אָן איהר פאָטערס צו־שטאנד. דאַן האָט זי איהם געפרעגט, ווי ער האָט פארבראכט דעם טאָג. ער האָט איהר אלץ דערצעהלט אויספיהרליך און איבערגעגעבען אויך זיין פּראָגראם אויף מאָרגען.

— מיר וועלען זיך קענען זעהן ערשט אין אָוועגט, — האָט ער געענדיגט, — און דאַן וועלען מיר ריידען וועגען ווייטער.

— יע, — האָט געזאָגט אנאַ און האָט געקוקט פאר זיך, אויף די פייכטע ברוינליך־גרויע גאס.

ער האָט נאָכאמאָל געפּרוואווט זי איינריידען צו געהן מיט איהם אין די אָפּערא, אָבער אומזיסט. דאַן האָט ער אָנגעפרעגט וועגען איהרע לעקציאָנען און האָט באלד גענומען ריידען וועגען זיין טעטיגקייט, ווי ער וואָלט איהר געדאַרפט באווייזען, אז סוף כל סוף לעבט זיך איהם ניט בעסער, ווי איהר. ער האָט זיך בארופען אויף זיינע בריף, אין וועלכע ער האָט איהר געשריבען אויספיהרליך וועגען אלץ.

— נו, וואָס אָנבאטרעפט דאָס... — האָט זי פּלוצלונג געזאָגט זעהר הארט.

און ווען ער האָט ניט ווילענדיג צוריקגעוואָרפען דעם קאָפּ, ער־שטוינט פון איהר טאָן, האָט זי צוגעגעבען:

— **שטעהט דען וואָס אין די בריף, אפילו ווען זיי זיינען ווי אויספיהרליך?**

ער האָט געוואוסט, וועגען וואָס זי האָט געקלערט און וועגען וואָס זי האָט אזוי וועניג גערעדט, ווי קיינמאָל ניט פריהער, און עפּעס שווערעם האָט זיך איהם געלעגט אויפ'ן הארץ. איז דען אין דער אומערבארמליכקייט פון אָט דעם שווייגען ניט געווען גראָד אלץ, וואָס זי האָט פארשוויגען: פראַגע, פאָרוואורף און צאָרן? שוין היינט אין דער פריה האָט ער דאָס דערפיהלט און האָט איצט ווידער פארשטאַנען, אז אין איהר האָט זיך געריהרט קעגען איהם עפּעס א פיינדליך געפיהל, מיט וועלכען זי אליין האָט, ווייזט אויס, אומזיסט געקעמפט. נאָר היינט אין דער פריה?... איז דאָס שוין ניט געווען לאַנג?... אלעמאָל אפשר? פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, ווען זיי האָבען גענומען געהערען איינע דעם אנדערען, פונקט ווי אין דער צייט פון זייער העכסטען גליק? איז דאָס שוין ניט געווען דאַן, ווען זי האָט צוגעדריקט צו איהם איהר ברוסט אונטער די טענער פון אָן אָרגעל הינטער די טונקעלע פאָרהאַנגען? ווען זי האָט אויף איהם געוואַרט מיט פארוויינטע אויגען אין דעם האָטעל צימער אין רוים, ווען ער האָט מיט פארגניגען געקוקט פון מאָנטע פינטשיאָ אויף דעם זון אונטערגאַנג און האָט אין איינזאמקייט איבערגעלעבט די שעהנסטע שעה פון דער גאַנצער רייזע? איז דאָס שוין ניט געווען דאַן, ווען ער איז אין א הייסען מאָרגען געלאָפען איבער א שטעגעל, געפאַלען צו איהרע פיס און האָט געוויינט, ווי פאר א מוטער? און ווען ער איז געזעסען ביי איהר בעט, האָט געקוקט אויף דעם אין אָווענט שאָטענס איינגעהילטען גאָרטען, ווען אין צימער דערביי איז געלעגען א טויט קינד? איז דאָס דען ניט געווען אין יענער פארנאַכטיגער שעה, און נאָך דערצו פיעל פיינליכער, פיעל אומערטרעגליכער, ווען מען זאָל דאָס אפריהער ניט אָננעמען, ווי די אנדערע ליידען, וואָס קומען אָרויס פון דער טיף פון מענשליכע פארהעלטניסען? און איצט, ווי פיינליך האָט ער דאָס געפיהלט, פיהרענדיג זי געאָרעמט, זאָרגפעלטיג האַלטענדיג איבער איהר דעם שירעם און שפּאַצירענדיג מיט איהר איבער דער פייכטער גאַס; איצט איז דאָס ווידער געקומען, דאָס גוט באַקאַנטע, טרויעריגע און נאָהנטע. אין זיינע אויערען האָבען נאָך געקלונגען איהרע ווערטער: „**איז דען עפּעס געווען אין די בריף, ווי אויספיהרליך זיי זיינען ניט געווען?...**“

אָבער נאָך שווערער האָט מיט אַמ די ווערטער געקלונגען: „וואָס איז נאָך אַלעמען דער גליהענדסטער קוש, אין וועלכען ליבע און זעל שיינען צונויפצופגיסען זיך? וואָס באַדייט דאָס, וואָס מיר זיינען אין פאַר־לויף פון מאָנאַטען ארומגעפאָהרען צוזאַמען איבער פרעמדע לענדער? וואָס באַדייט דאָס, וואָס איך האָב פון דיר געהאַט אַ קינד? וואָס באַ־דייט דאָס, וואָס דו האָסט זיך אויסגעוויינט אין מיין שויס איבער דיין באַטרוג? וואָס באַדייט דאָס אַלץ, ווען דו האָסט מיך דאָך איבער־געלאָזען אַליין... אפילו דאַן, ווען מיין ליבע האָט אריינגענומען אין זיך דעם עמבריאָ פון אַ נייעם באַשעפעניש, וואָס איך האָב געטראָגען אין זיך ניין מאָנאַטען, וואָס איז באַשטימט געווען צו לעבען ביי פרעמדע מענשען, ווי אונזער קינד, און וואָס האָט ניט געוואָלט בלייבען אויף דער ערד?"

אָבער ווען דאָס אַלץ האָט זיך שווער געלעגט אויף זיין זעל, האָט ער אין אַ טאָן פון שפּאָס איינגעשטימט מיט איהר, צוגעבענדיג, אַז זי איז גערעכט, אַז בריף, אפילו פון צוואַנציג זייטען, קענען ניט האָבען אין זיך פיעל; און ווען אַ פייניגענד מיטגעפיהל מיט איהר איז אויפגעשטאַנען אין איהם, האָט ער איהר אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז אַ צייט וועט קומען, ווען זיי וועלען ניט דאַרפען זיך באַנוצען מיט בריף. דאַן האָט ער גענומען ריידען אין אַ צערטליכערען טאָן, האָט דערצעהלט וועגען זיינע איינזאַמע שפּאַצירען איבער דעם ארומיגען געגענד פון דער פרעמדער שטאָדט, וואו ער האָט געקלערט וועגען איהר; וועגען די שעה'ן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין האָטעל צימער מיט דער אויסזיכט אויף דעם מיט לינדען געפלאַנצטען פּלאַץ, און וועגען דעם, אַז זיין בענקשאַפט נאָך איהר איז ניט שטילער גע־וואָרען, צי ער איז געזעסען ביי זיין ארבייט, צי ער האָט באַגלייט אויפ'ן קלאַוויר, צי ער איז געווען מיט מענשען. אָבער ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט איהר ביי דער טיר פון איהר הויז, האַלטענדיג איהר האַנט אין זיינער, און האָט איהר געקוקט אין די אויגען, זאָגענדיג: „אויף ווידערזעהן!" האָט ער מיט פאַרוואונדערונג דערזעהן אין זיי אַ מידע, אפילו גאָר ניט קיין שמערצליכע ענטוישונג. און ער האָט געוואוסט: אַלע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט, האָבען ניט גע־האַט די מינדסטע באַדייטונג פאַר איהר, ווייל דאָס איינציגע, אויף

וואָס זי האָט שוין קוים מעהר געוואַרט, און נאָך וואָס זי האָט אַזוי פּיינליך געבענקט, איז ניט געזאָגט געוואָרען.

אין אַ פערטעל שעה אַרום איז שוין געאָרג געזעסען אין זיין שטול אין פּאַרטער; צוערשט איז ער געווען מיד און אומצופרידען, אָבער באַלד האָט די פרייד פון פאַרגניגען גענומען שטראָמען דורך זיין בלוט. און ווען בראַנגענא האָט אַרויפגעוואָרפען אויף די אַקסלען פון איהר האַרין די קעניגליכע מאַנטיע, ווען קורווענאַל האָט אַנגעזאָגט די אָנקונפט פון קעניג און די מאַטראָזען האָבען מיט פרייד געשרייען פון דעק באַגריסט די דערנעהנטערונג צו דער ערד אין דעם שיין פון דעם אויפלויכטענדען הימעל, האָט געאָרג שוין לאַנג פאַרגעסען וועגען דער שלעכט פאַרבראַכטער נאַכט אין קופּע, וועגען די לאַנגווייליגע באַשטעלונגען, וועגען דעם אַביסעל אַנגעצויגענעם געשפּרעך מיט אַן אַלטען אידישען דאָקטאָר און וועגען אַ שפּאַציר איבער פייכטע טראָטוארען, אין וועלכע דאָס ליכט פון לאַנטערנען האָט זיך אָפּגעשפּי־געלט, ביי דער זייט פון אַ יונגער דאַמע, וואָס האָט אויסגעזעהן בראַוו, אַריסטאָקראַטיש און אַביסעל אין אַ געדריקטער שטימונג. און ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזען נאָך דעם ערשטען אַקט, און דאָס ליכט האָט באַנאָסען די ריזיגע רויט־גאָלדענע געביידע, האָט ער ניט געפיהלט, ווי אין אומאַנגענעמער ערוואַכונג; איהם האָט גיכער אויסגעוויזען, ווי ער וואָלט איבערגעגאַנגען פון איין טרוים אין אַן אַנדערען, און די ווירקליכקייט מיט איהרע זאָרגען און אומאַנגענעמ־ליכקייטען וואָלט ערגעץ דרויסען פאַרבייגעפלאָסען מאַכטלאָז. איהם האָט זיך געדוכט, אַז נאָך קיינמאָל האָט אָט די אַטמאָספער פון אָט דער געביידע איהם ניט אַרומגערינגעלט מיט אַזוי פיעל גליק, קיינ־מאָל איז נאָך איהם ניט געווען אַזוי קלאָר, אַז אַלע מענשען זיינען אויף זייער גאַנץ לעבען באַשיצט פון אַלע ליידען און פון דעם שמוץ פון לעבען. ער איז געשטאַנען אין דורכגאַנג ביים עק פון זיין אָרט, האָט געזעהן געפעליגע בליקען, געווענדט אויף איהם, און האָט גע־וואוסט, אַז ער איז שעהן, עלעגאַנט און טיילט זיך אפילו אַביסעל אויס. און אויסערדעם, — דאָס האָט געהויבען זיין שטימונג, — איז ער געווען אַ מענש מיט אַ באַרוף און אַ שטאַנד, און אפילו דאָ אין טעאַטער איז ער געזעסען מיט אַן אויפטראַג, ווי אַ פאַראַנטוואָרט־ליכער פאַרטרעטער פון אַ דייטשער הויף ביהנע. ער האָט גענומען

באטראכטען דעם עולם מיט'ן בינאָקל. פון די הינטערשטע רייהען פון פארטער האָט איהם מיט אַן אביסעל צו אינטימער פארנייגונג באגריסט גלאסנער, וואָס איז, ווייזט אויס, באַלד אויפגעשטאַנען צו ערקלערען דער דאמע, וואָס איז געזעסען לעבען איהם, ווער געאָרג איז. ווער איז די פרוי? איז דאָס געווען א גאַסען פרוי, וואָס ער האָט געוואָלט מאַכען פאַר א הייליגע, אָדער א הייליגע, וואָס ער האָט געוואָלט פארוואַנדלען אין א גאַסען פרוי? „שווער צו ענטשיידען, האָט געקלערט געאָרג. אינמיטען וועג קענען זיי גלייך אויסזעהן“. פלוצלונג האָט ער דערפיהלט, אַז פון אויבען איז זעהר אויפמערקזאַם געווענדט אויף איהם עמיצענס בינאָקל. ער האָט א קוק געטאָן ארויף. דאָס איז געווען עלזאַ, וואָס האָט אראָפּגעקוקט אויף איהם פון א לאָזשע אויפ'ן ערשטען שטאָק. איהר מוטער איז געזעסען לעבען איהר, און צווישען זיי האָט זיך אריבערגעבויגען איבער'ן באריער א הויכער יונגער מאַן, וואָס איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דזשיימס ווײַנער. געאָרג האָט זיך פארנייגט, און אין צוויי מינוט ארום איז ער אריינגעגאַנגען אין די לאָזשע און איז באגריסט געוואָרען פריינדליך, אָבער גאָר ניט מיט ערשטוינונג. עלזאַ איז געווען אין א שווארצען סאמעטענעם, אויסגעשניטענעם קלייד, מיט א שמאָלער פערעל קייט אויפ'ן האלז, מיט אַן אביסעל פרעמדער, אָבער אינטערעסאַנטער פריזור; זי האָט איהם אויסגעשטרעקט די האַנט.

— ווי אַזוי זייט איהר דאָ? מען האָט אייך געגעבען אורלויב? מען האָט אייך אָפּגעזאָגט? זייט איהר אַנטלאָפען?

געאָרג האָט קורץ און אין א פרעהליכען טאָן געגעבען אַן ערקלערונג.

— זעהר ליעבליך געווען פון אייך, — האָט געזאָגט פרוי עהרענבערג, — צו שרייבען אונז א פּאָר ווערטער פון דעטמאָלד.

— דאָס זאָל ער נאָך ניט טאָן! — האָט געזאָגט עלזאַ. — דאַן וואָלט מען געקענט מיינען, אַז ער איז אַנטלאָפען מיט עמיצען אין אמעריקאַ.

דזשיימס איז געשטאַנען אין מיטען לאָזשע, א הויכער, א דארער, מיט אַן אָפּגעטאָקטען געזיכט; די טונקעלע, גלאַטע האָר זיינען געווען פארקעמט מיט א שייטעל אויף דער זייט.

— זאָגט, געאָרג, ווי פיהלט איהר זיך אין דעטמאָלד?

עלזאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף דזשיימס'ן דורך אַראָפּגעלאָזענע ברעמען. זי האָט געשיינט צו זיין ענטציקט פון זיין אַרט ריידען דייטש, ווי ער וואָלט דאָס געמוזט איבערזעצען פון ענגליש. דאָך האָט זי זיך באַנוצט מיט זיין פראַגע פאַר אַ וויץ און האָט געזאָגט:

— ווי געאָרג פיהלט זיך אין דעטמאָלד? איך האָב מורא, דזשיימס, דיין פראַגע איז ניט דעליקאַט. — דאַן האָט זי זיך געווענדט צו געאָרג'ן: — מיר זיינען פאַרלאָבט.

— קיין קאַרטען זיינען נאָך ניט אַרויסגעשיקט געוואָרען, — האָט פרוי עהרענבערג צוגעגעבען.

געאָרג האָט געוואונשען גליק.

— קומט צו אונז מאָרגען צו פריהשטיק,—האָט געזאָגט פרוי עהרענבערג. — איהר וועט באַגעגנען נאָר אַ פּאָר מענשען, און זיי אַלע־מען, נאַטירליך, וועט פרעהען אייך צו זעהן. זיסי, פרוי אָבערבערגער, ווילי אייסלער.

געאָרג האָט זיך ענטשולדיגט. ער קען זיך ניט פאַרבינדען מיט אַ באַשטימטער צייט, אָבער אין פאַרלויף פון טאָג, אויב דאָס וועט נאָר זיין מעגליך, וועט ער מיט פאַרגניגען אריינקומען.

— נו יע, — האָט שטיל געזאָגט עלזאַ און האָט מיד געלעגט די האַנט אין אַ לאַנגער ווייסער הענטשקע אויף'ן באַריער. — מיטאָג פאַרברענגט איהר וואַהרשיינליך אין דעם פאַמיליען קרייז.

געאָרג האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט ניט געהערט, און האָט געלויבט די היינטיגע פאָרשטעלונג. דזשיימס האָט געזאָגט, אַז ער ליעבט „טריסטאַן" מעהר פון אַלע אַנדערע אָפּערען פון וואַגנער'ן, איינשליסענדיג די „מייסטערזינגער".

עלזאַ האָט איינפאַך באַמערקט:

— עס איז, פאַרשטעהט זיך, זעהר שעהן, אָבער איך בין איי־גענטליך געגען ליעבעס געטראַנקען און עהנליכע געשיכטען.

געאָרג האָט געזאָגט, אַז דעם ליעבעס געטראַנק דאַרף מען פאַר־שטעהן, ווי אַ סימוואָל. אויף דעם האָט עלזאַ ערקלערט, אַז זי איז אויך געגען סימוואָלען. עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער קלונג צום צווייטען אַקט, געאָרג האָט זיך געזעגענט, האָט געאיילט אַראָפּ און האָט קוים צייט געהאַט זיך צו זעצען אויף זיין אָרט, ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער

איז דאָ אין טעאַטער, ווי אַ האַלב אָפּיציעלער פּאַרטרעטער, און האָט באַשלאָסען אויף ווייטער ווידערהצושטעהן די ערשטע איינדרוקען. באַלד האָט ער ענטדעקט, אַז די ליעבעס סצענע וואָלט מען געקענט גאַנץ אַנדערש דורכפיהרען, ווי זי איז דורכגעפיהרט דאָ, און אַז מעלאָט, דורך וועמעס האַנט טריסטאַן דאַרף אומקומען, וואָלט גאָר ניט געדאַרפט פאַרגעשטעלט ווערען פון אַ צווייט־קלאַסיגען זינגער, ווי דאָס ווערט, איבריגענס, געטאָן כמעט אומעטום. נאָך דעם צווייטען אַקט איז ער אויפגעשטאַנען אַביסעל מיט אַ געהויבענעם זעלבסטגעפיהל, איז געבליבען שטעהן אויף זיין אָרט און האָט נאָר צייטענווייז געקוקט אין די לאָזשע אויפ'ן ערשטען שטאָק, פון וואַנען פּרוי עהרענבערג האָט איהם געפעליג צוגעניקט. עלזאַ האָט גערעדט מיט דזשיימס'ן, וואָס איז אומבאַוועגליך געשטאַנען הינטער איהר מיט די הענט פאַרלעגט אויף דער ברוסט. געאָרג האָט זיך דערמאָנט, אַז מאָרגען וועט ער ווידער זעהן דזשיימס'עס שוועסטער. דערמאָנט זי זיך ווען עס איז וועגען יענער וואונדערליכער נאָכמיטאָג שעה אין פּאַרק, דער שטיקענדער לופט און דער טונקעל־גרינער אומגעבונג, און דעם דופט פון מאָך און טאַנענבוימער? ווי ווייט דאָס איז איצט! דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אָן אַנדער קוש אין דעם שאָטען פון דער גאָרטען וואַנט אין לוגאַנאָ. ווי ווייט איז אויך דאָס! ער האָט זיך דערמאָנט דעם אָוועגט אונטער די פּלאַטאַנען און דעם געשפּרעך וועגען לעאָ'ן. אייגענטליך האָט מען שוין דאַן געקענט פאָראויסזעהן. ווירקליך, אַ מערקווירדיגער מענש אָט דער לעאָ! ווי ער האָט דאָס געהאַלטען זיין פּלאַן פאַרבאָרגען אין זיך! ווייל דאָס האָט דאָך נאַטירליך געמוזט זיין אַ פריהער אויסגעאַרבייטער פּלאַן. און ער האָט נאָר געוואַרט אויפ'ן טאָג, ווען ער וועט אויסטאָן די אוניפאָרם, אום דעם פּלאַן אויסצופיהרען. ווי נאָר געאָרג האָט באַקומען די נאָכריכט וועגען דועל, האָט ער איהם באַלד אָנגעשריבען עטליכע ווערטער, אָבער קיין ענטפער האָט ער ניט באַקומען. ער האָט באַשלאָסען צו באַזוכען לעאָ'ן, אויב דאָס וועט זיין מעגליך, אין געפענגניס.

אַ הערר אין דער ערשטער רייה האָט איהם געגריסט. דאָס איז געווען ראַלף סקעלטאָן. געאָרג האָט מיט אַ בליק אָפּגעמאַכט מיט איהם צו באַגעגנען זיך נאָך דער פאָרשטעלונג.

מען האָט פאַרלאָשען דאָס ליכט, און דער פאַרשפּיעל צום דריטען אקט האָט זיך אָנגעהויבען. געאָרג האָט געהערט, ווי מידע וועלען שלאָגען זיך אָפּ אָן דעם ווייסטען ים־ברעג, און אין דער בלויליך דינער לופט טראָגען זיך די שווערע זיפצען פון דעם טויטליך פאַרוואונדעטען העלד. וואו האָט ער דאָס געהערט צום לעצטען מאָל? ניט אין מינכען?... ניין, אזוי לאַנג האָט דאָס ניט געקענט זיין. און פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט די שעה, ווען אויפ׳ן באַלקאָן, אונטער דעם היל־צערנעם פּראָנטאָן איז פאַר איהם געלעגען די אָפענע פּאַרטיטור פון „טריסטאַן“. אין דער ווייט, צווישען וואַלד און לאָנקעס, האָט זיך גע־צויגען א זוניגער וועג צום בית עולם, א קרייץ האָט געלויכטען ווי גאָלד; אונטען אין הויז האָט געקרעכצט אין וועהען א געליעבטע פרוי, און איהם האָט וועה געטאָן פאַר איהר. אָבער אויך אָט די עראײנערונג האָט געהאַט איהר טרויעריגען צויבער, ווי אַלץ, וואָס איז איינגאַנצען פאַרשוואונדען. דער באַלקאָן, דער קליינער בלויער מלאך צווישען בלומען, די ווייסע באַנק אונטער דעם באַרענבוים... וואו איז דאָס אַלץ איצט? ער וועט מוזען נאָך איין מאָל זעהן דאָס הויז, איידער ער וועט פאַרלאָזען וויען.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען. בענקשאַפט האָט זיך גע־הערט אין די טענער פון א פייפיאַל; אונטער דעם בלייבען, גלייכ־גילטיג צושפּרייטען הימעל, אין שאָטען פון די לינדען צווייגען האָט געדרעמעלט דער פאַרוואונדעטער העלד, און איהם צוקאָפען האָט גע־וואַכט דער טרייער קורוועגאַל. דער פייפיאַל איז אַנטשוויגען גע־וואָרען, אויף דער וואַנט האָט זיך אריבערגעבויגען דער פאַסטוך, האָט געפרעגט און קורוועגאַל האָט געענטפערט. ווירקליך, דאָס איז געווען א שטים פון א באַזונדערען קלאַנג. „ווען מיר וואָלטען געהאַט אזא באַ־ריטאָן, — האָט געקלערט געאָרג, — און נאָך אַנדערע זאַכען, וואָס פעהלען אונז“. ווען מען וואָלט איהם נאָר געגעבען די נויטיגע מאַכט, וואָלט ער געקענט מאַכען פון דעם באַשיידענעם טעאַטער, וואו ער האָט איצט געאַרבייט, אַן ערשט־קלאַסיגע ביהנע. ער האָט געטרוימט וועגען מוסטערהאַפטע אויפפיהרונגען, צו וועלכע מענשען וועלען שטראָמען פון אומעטום; ער האָט זיך שוין געפיהלט ניט ווי אַן אָפיציעלער פאַרטרעטער, נאָר ווי איינער, וועמען עס איז אפשר באַשערט צו ווערען אין דער נאָהנטער צוקונפט אליין אַן אָנפיהרער. **אַלץ העבער און**

העבער זיינען געשטיגען זיינע האָפנונגען. אפשר וועלען נאָך אריבער־געהן עטליכע יאָהר, און אין דעם גרויסען רייכען זאַל וועלען קלינגען זיינע אייגענע מעלאָדיען; און די צוהערער וועלען ענטציקטע הערען, ווי עס הערען היינט די אָפּערא די פאַרזאַמעלטע דאָ, אין דער צייט, ווען ערגעץ אָן אַ זייט וועט פאַרבייפליסען דער אָהנמעכטיגער שטראָם פון דער ווירקליכקייט. אָהנמעכטיגער? איז דאָס אין דער אמת׳ען אַזוי?... איז ער זיכער, אַז ער וועט קענען באַצויבערען די מענשען מיט זיין קונסט, ווי יענער מייסטער, צו וועמען מען האָט זיך דאָ היינט צוגעהערט? אַז ער וועט באַזינגען די זאָרגען, אומאַנגענעמליכקייטען און אומגליקען פון אַלטעגליכען לעבען? אומגעדולד און צווייפעל האָבען איהם ארומגענומען, אָבער ווילען און פאַרשטאַנד האָבען זיי באַלד פאַרטריבען, און ער האָט זיך ווידער געפיהלט ריין באַגליקט, ווי אַלע־מאָל, ווען ער האָט געהערט גוטע מוזיק, ניט קלערענדיג וועגען דעם, אַז ער אַליין האָט אויך געוואָלט שאַפען און ווערען אַנערקענט. אין אַזעלכע מאָמענטען איז פון אַלע זיינע באַציהונגען צו דער באַליעבטער קונסט געבליבען נאָר די איין שטרעבונג, זי טיפער אויפצונעמען, ווי ווער עס איז אַנדערש. און ער האָט געפיהלט, אַז היינריך האָט געזאָגט דעם אמת, ווען זיי זיינען געפאָהרען צוזאַמען איבער דעם מיט טוי באַדעקטען וואַלד: פאַר איהם איז גענוג נאָר די איין אַטמאָספער פון קונסט; איבער איהם איז ניט געהאַנגען קיין קללה, ווי איבער היינ־ריכ׳ן, וועמען דער פאַרלאַנג אומצופאַסען, פאָרמירען, איינהאַלטען האָט אַלעמאָל געפייניגט, און פאַר וועמען די וועלט איז צופאַלען אין שטיק־לאַך,ווי נאָר זי האָט זיך ארויסגעגליטשט פון זיינע הענט.

איזאָלדע אין בראַנגעזא׳ס אָרעמס איז אומגעפאַלען טויט איבער טריסטאַנ׳ס טויטען קערפער, די לעצטע טענער האָבען אָפּגעקלונגען, דער פאָרהאַנג איז געפאַלען. געאָרג האָט ארויפגעקוקט אין לאָזשע פון ערשטען שטאָק. עלזא איז געשטאַנען ביים באַריער, ווענדענדיג איהר בליק צו איהם, אין דער צייט ווען דזשיימס האָט איהר אָנגעטאָן אויף די אַקסלען דעם טונקעל רויטען מאַנטעל. צושאָקלענדיג איהם מיט׳ן קאָפּ שנעל, ווי קיינער וואָלט דאָס ניט געדאַרפט באַמערקען, האָט זי זיך אומגעקערט צום ארויסגאַנג. „מערקווירדיג,—האָט געאָרג געקלערט, — פון ווייטען האָבען איהר האַלטונג און איהרע באַוועגונגען עפּעס... מעלאַנכאָליש־ראָמאַנטישעס. אין אַזעלכע אויגענבליקען דער־

מאַנט זי מיר מעהר פון אַלץ דאָס ציגיינער מיידעל, וואָס זי האָט פאַר־געשטעלט אין ניצא, אָדער יענע זאַנדערבאַרע יונגע באַשעפעניש, מיט וועמען איך בין געשטאַנען פאַר טיצאַנ׳ס ווענוס אין פלאָרענץ... האָט זי מיך ווען עס איז געליעבט? ניין. און איהר דזשיימס׳ען ליעבט זי אויך ניט. וועמען דען?... אפשר... דאָך דעם משוגענעם לעהרער פון צייכנונג אין פלאָרענץ? אָדער קיינעם ניט. אָדער גאָר היינריכ׳ן?

אין פאָיע האָט ער באַגעגענט סקעלטאָנ׳ען.

— זייט איהר ווידער געקומען צוריק? — האָט סקעלטאָן גע־פרעגט.

— נאָר אויף עטליכע טעג, — האָט געאָרג געענטפערט.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז סקעלטאָן האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט געאָרג׳ן איז אין דער צייט פאָרגעקומען, און האָט געמיינט, אַז ער פאָהרט אַרום איבער דייטשלאַנד צו שטודירען מוזיק. ער איז געוועזען ערשטוינט צו הערען, אַז געאָרג איז דאָ אויף אורלויב און זעהט די נייע אינסצענירונג פון „טריסטאַן" אויף דעם אויפטראַג פון אַ טעאַ־טער אינטענדאַנט.

— איך האָב אָפּגעמאַכט מיט ברייטנער׳ן, — האָט סקעלטאָן גע־זאָגט, — צו באַגעגנען זיך היינט אין „אימפּעריאַל", אין ווייסען זאַל. האָט איהר גאָרנישט געגען דעם?

— אויסגעצייכענט, — האָט געאָרג געענטפערט, — איך וואוין דאָרט.

דאָקטאָר ברייטנער האָט שוין געראויכערט איינע פון זיינע באַ־ריהמטע ריזיגע ציגאַרען, ווען געאָרג און סקעלטאָן זיינען צוגעקומען צו זיין טיש.

— וואָס פאַר אַן איבערראַשונג! — האָט ער אויסגערופען, ווען געאָרג האָט איהם באַגריסט. ער האָט געהערט, אַז געאָרג איז קאַפּעל־מייסטער אין דיסעלדאָרף...

— דערטמאָלד, — האָט געאָרג געזאָגט און האָט אַ קלער געטאָן: „זעהר פיעל אינטערעסירט מען זיך דאָ מיט מיר... אָבער וואָס אַרט דאָס מיר!..."

סקעלטאַן האָט דערצעהלט וועגען דער אויפפיהרונג פון „טרי־סטאַן", און געאָרג האָט דערמאָנט, אַז ער האָט געזעהן אין טעאַטער די עהרענבערגס.

— ווייסט איהר, אז אָסקאַר עהרענבערג געפינט זיך איצט אויפ'ן וועג אין אינדיען אָדער ציילאָן, — האָט געפרעגט דאָקטאָר פאָן ברייטנער.

— אזוי? — האָט געזאָגט געאָרג.

— און ווייסט איהר מיט וועמען?

— געוויס אין פרויען געזעלשאַפט!

— נאַטירליך; איך האָב אפילו געהערט, אז זיי האָבען מיט זיך פינף אָדער זיבען פרויען.

— ווער זיינען דאָס?

— אָסקאַר עהרענבערג און... פּראַוואַט טרעפּען... דער פּרינץ פון גוואַנסטאַלאַ.

— אוממעגליך!

— אמת, דאָס איז קאָמיש? זיי האָבען זיך זעהר נאַהנט באַפריינדט דעם זומען אין אָסטענדע אָדער אין ספּאַ. שערעש... און אזוי ווייטער. ווי עס זיינען פאַראַן פרויען, איבער וועלכע מען שלאָגט זיך, אזוי זיינען, דוכט זיך, אויך פאַראַן אזעלכע, איבער וועלכע מען ווערט פריינד... איצט האָבען זיי צוזאַמען פערלאָזען אייראָפּאַ. אפשר וועלען זיי גרינדען אַ קעניגרייך ערגעץ אויף אַן אינזעל, און אָסקאַר עהרענבערג וועט זיין מיניסטער.

ווילי אייסלער איז אָנגעקומען, מיט אַ בלייך געלען, אויסגעצערטען געזיכט און אַ הייזעריגער.

— וואָס מאַכט איהר, באַראָן? ענטשולדיגט, וואָס איך האָב ניט גע'חלש'ט פון פאַרוואונדערונג, אָבער איך האָב שוין געהערט, אז איהר זייט דאָ. עמיצער האָט אייך געזעהן אויף קערטנערשטראַסע.

געאָרג האָט געבעטען ווילי'ן איבערגעבען דעם פאָטער אַ גרוס פון גראַף מאַלניץ: אליין וועט ער דאָס מאָל לײדער ניט האָבען קיין צייט צו באַזוכען דעם אַלטען, וועמען, — ווי ער האָט אביסעל קאָקעטיש צוגעגעבען, — ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין שטעל אין דעטמאָלד.

— וועגען אייער צוקונפט, ליעבער באַראָן, — האָט ווילי געזאָגט, — האָב איך קיינמאָל ניט געזאָרגט; באַזונדערס ווען איך האָב פאַריגען יאָהר, — אָדער איז דאָס געווען פריהער? — געהערט בעליני'ן זינגען אייערע ליעדער. אָבער דאָס איז געווען אַ גוטע אידעע, וואָס איהר האָט באַשלאָסען צו פאַרלאָזען וויען. דאָ וואָלט מען נאָך עטליכע

צעהנדליג יאָהר געהאַלטען פאַר אַ דילעטאַנט. אַזוי איז דאָס שוין אין וויען. איך ווייס דאָס גוט. אויב מען ווייס, אַז אַ מענש שטאַמט פון אַ גוטער פאַמיליע, האָט אַ געשמאַק פאַר שעהנע קראַוואַטען, גוטע ציגאַרעטען און אַלערליי אַנדערע אַנגענעמליכקייטען פון לעבען, גלויבען זיי ניט אין זיין קינסטלערישען טאַלאַנט. אָהן אַ צייגניס פון אויס־לאַנד וועט מען אייך דאָ ניט נעמען ערנסט... איז ברענגט מיט וואָס שנעלער עטליכע שעהנע דיפּלאָמען, באַראָן.

— איך וועל זעהן צו טאָן אַליץ, האָט געענטפערט געאָרג.

— האָט איהר שוין געהערט, מיינע הערען, די נייעס? — האָט ווידער אָנגעהויבען ווילי. — לעאָ גאַלאַוסקי, דער איינ־יאָהריגער, וואָס האָט דערשאָסען דעם אויבערלייטענאַנט סעפּראַנעק, איז פריי.

— ארויסגעלאָזען פון דער אונטערזוכונגס געפענגניס? — האָט געאָרג געפרעגט.

— ניין, אינגאַנצען פריי... זיין אַדוואָקאַט האָט געשיקט אַ באַ־גנאַדיגונגס פּעטיציאָן צום קייזער, און היינט איז אָנגעקומען אַ גינ־סטיגע ענטשיידונג.

— אומגלויבליך! — האָט ברייטנער אויסגערופען.

— פאַרוואָס וואונדערט איהר זיך אַזוי, ברייטנער? — האָט גע־פרעגט ווילי. — קען דאָך אַמאָל אין עסטרייך אויך געשעהן עפּעס, וואָס איז פאַרנינפטיג.

— אַ דועל איז קיינמאָל ניט פאַרנינפטיג, — האָט געזאָגט סקעלטאַן, — און דעריבער קען אויך אַ באַגנאַדיגונג פאַר אַ דועל ניט זיין פאַרנינפטיג.

— אַ דועל, ליעבער סקעלטאַן, איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז אָדער בעסער, אָדער ערגער ווי איינפאַך פאַרנינפטיג, — האָט געענטפערט ווילי, — אָדער אַן אונערהערטער אונזין, אָדער אַן אומפאַרמיידליכע נויטווענדיגקייט. אָדער אַ פאַרברעכען, אָדער אַן ערלייזונג. פאַר־נינפטיג איז דאָס ניט און דאַרף ניט זיין. מיט אויסגעמספּאַלען האָט פאַרנונפט בכלל גאַרנישט צו טאָן. און אַז אין אַזאַ פאַל, ווי דער, וועגען וועלכען מיר רעדען, איז אַ דועל געווען אומפאַרמיידליך, וועט איהר, סקעלטאַן, אויך איינשטימען.

— אַבסאָלוט, — האָט געזאָגט ברייטנער.

— איך קען מיר פאָרשטעלען אַ שטאַאַטס אָרדנונג, — האָט באַ־

מערקט סקעלטאן, — וואו אפילו אזעלכע קאנפליקטען וואלטען גע־קענט אויסגעגליכען ווערען אין געריכט.

— אזעלכע קאנפליקטען אין געריכט!... מיינט איהר ווירקליך, סקעלטאן, אז ווען עס האנדעלט זיך ניט וועגען פראגען פון רעכט אדער אייגענטום, נאר ווען גלאט מענשען פיהלען אן אומגעהויערען האס איי־נער צום צווייטען, קען מען דאס אויסגלייכען דורך ארעסטירען אדער ארויפלעגען געלט שטראפען? עס איז גאנץ פארשטענדליך און גערעכט, מיינע הערען, וואס די אויסמיידונג פון א דועל ווערט גערעכענט ביי אלע מענשען, וואס האבען אין זיך טעמפעראמענט, עהרע און אויפ־ריכטיגקייט, פאר איינפאכע פייגהייט. ביי די אידען וועניגסטענס,— האט ער צוגעגעבען. — די קאטויליקען, ווי באקאנט, האלט די פרומ־קייט אפ פון שלאגען זיך.

— דאס קומט זיכער פאר, — האט געענטפערט ברייטנער.

געארג האט געוואלט וויסען, וואס אייגענטליך איז פארגעקומען צווישען לעא גאלאווסקי׳ן און דעם אויבערלייטענאנט.

— יע, ריכטיג, איהר זייט דאך א גאסט, — האט געזאגט ווילי.

— איז אט וואס: דער אויבערלייטענאנט האט א גאנץ יאהר ניט געלאזען לעא גאלאווסקי׳ן צורוה און האט אפילו...

— דעם פראלאג ווייס איך שוין, — האט געארג אונטערבראכען, טיילווייז פון א דירעקטען קוואל.

— גוט. איז דעם ערשטען אקטאבער האט זיך דער פראלאג, ווי איהר רופט דאס אן, געענדיגט, דאס הייסט, לעא גאלאווסקי האט גע־ענדיגט זיין דיענסט טערמין פון אן אייניאהריגען. און דעם צווייטען אקטאבער אין דער פריה איז ער צוגעקומען צו דער קאזארמע און האט רוהיג געווארט, ביז דער אויבערלייטענאנט וועט ארויסקומען פון טויער. דאן איז ער צו איהם צוגעגאנגען, דער אויבערלייטענאנט האט געוואלט ארויסנעמען זיין סאבעל, אבער לעא גאלאווסקי האט אנגע־כאפט זיין האנט און ניט אפגעלאזען און צוגעטראגען דעם אנדערען פויסט איהם צום שטערן. דאס האט שוין פאראויסבאשטימט דאס ווייטערדיגע. מען דערצעהלט אויך, אגב, אז לעא זאל האבען געוואר־פען דעם אויבערלייטענאנט אין געזיכט אזעלכע ווערטער... אבער איך ווייס ניט, צי דאס איז אמת.

— וואָס פאַר ווערטער? — האָט געפרעגט דער פאַראינטערע־סירטער געאָרג.

— ער האָט געזאָגט: „נעכטען, הערר אויבערלייטענאַנט, האָט איהר געהאַט מעהר באַדייטונג פון מיר, היינט זיינען מיר גלייך, אָבער מאָרגען צו דער צייט וועט ווידער איינער פון אונז זיין עפּעס מעהר פון דעם אַנדערען".

— אַביסעל תלמודיש, — האָט באַמערקט ברייטנער.

— דאָס איז פאַר אייך אָם בעסטען צו אורטיילען, — האָט גע־ענטפערט ווילי און האָט ווייטער דערצעהלט: — אויף מאָרגען אין דער פריה, אויף דער לאַנקע ביים ברעג פון דאַנוי, איז פאָרגעקומען דער דועל. דריי שאָסען, צוואַנציג טריט אָהן אַוואַנס. אויב אָהן אַ רעזולטאַט, איז מיט'ן סאַבעל ביז אומפעהיגקייט צו שלאָגען זיך... די ערשטע שאָסען פוןביידע זייטען זיינען פאַרבייגעפלויגען, און נאָכ'ן צווייטען... נאָכ'ן צווייטען איז גאַלאָווסקי ווירקליך געוואָרען עפּעס מעהר פון דעם אויבערלייטענאַנט, ווייל יענער איז געוואָרען גאָרנישט, ווייניגער פון גאָרנישט: אַ טויטער.

— דער אָרימער! — האָט געזאָגט ברייטנער.

ווילי האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען.

— מיר איז איהם אויך אַ שאָד. אָבער איך מוז זאָגען, אַז אַ סך זאַכען וואָלטען אין עסטרייך גאָרנישט געוואָרען, ווען אַלע אידען וואָל־טען אין אַזאַ פאַל זיך באַנומען ווי לעאָ גאַלאָווסקי. ליידער...

סקעלטאַן האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— איהר ווייסט, ווילי, אין מיין אַנוועזענהייט טאָר מען גאָרנישט זאָגען קעגען די אידען; איך האָב זיי ליעב. און מיר וואָלט זעהר לייד געטאָן, ווען מען וואָלט ערלויבט צו לעזען די אידישע פראַגע דורך אַ רייהע דועלען, ווייל דאַן וואָלט פון אָט דער שעהנער ראַסע סוף כל סוף ניט געבליבען קיין איין פאָרשטעהער פון מענליכען געשלעכט.

צום סוף פון געשפּרעך האָט סקעלטאַן געמוזט צוגעבען, אַז ביי דער איצטיגער צייט קען מען אין עסטרייך ניט אויסקומען אָהן דועלען. ער האָט זיך אָבער ערלויבט צו פרעגען, צי רעדט דאָס ניט גיכער קעגען עסטרייך ווי פאַר דועלען, ווייל אייניגע אַנדערע לענדער, — פון באַ־שיידענהייט האָט ער זיי ניט געוואָלט אָנרופען, — ווייסען שוין עט־ליכע צעהנדליגער יאָהרען ניט פון קיין דועלען. און ער האָט צוגע־

נעבען, אז ער וועט אפשר ניט געהן צו ווייט, ווען ער וועט באצייכנען עסטרייך, וואו ער פיהלט זיך, איבריגענס, גאָר ווי אין דער היים פאַר די לעצטע זעקס יאָהר, ווי אַ לאַנד פון סאָציאַלע אומאויפריכטיגקייטען. דאָ קומען פאָר די העפטיגסטע שטרייטען אָהן אַ שפור פון האַס און אַ מין צערטליכע ליעבע אָהן אַ באַדערפניש אין טרייהייט. צווישען פאָליטישע געגנער עקזיסטירען אָדער ענטוויקלען זיך קאָמישע פערזענליכע סימפאַטיען; פאַרקערט, פאַרטיי־פריינד שימפען, פאַרלוימדען און פאַרראַטען איינער דעם אַנדערען. נאָר ביי וועניגע קען מען באַגעגנען באַשטימטע אַנזיכטען אויף זאַכען און מענשען; אָבער יעדענפאַלס זיינען אויך אָט די וועניגע צו שנעל גרייט אַריינצוטראָגען באַגרענצונגען און צו אַנערקענען אויסנאַמען. אין צייט פון פּאָליטישען קאַמף באַקומט מען דאָ דעם איינדרוק, ווי די ביטערסטע געגנער וואָלטען צווישען די ערגסטע ווערטער צוגעווינקט איינער צום אַנדערען: „דאָס איז גאָר ניט אַזוי שלעכט געמיינט“.

— און ווי מיינגט איהר, סקעלטאָן: ווינקען זיי אויך צו, ווען קוילען פליהען? — האָט געפרעגט ווילי.

— זיי וואָלטען דאָס געוויס געטאָן, ווילי, ווען הינטער'ן רוקען וואָלט זיי ניט געהיט דער טויט. אָבער אָט דער אומשטאַנד באַאיינפלוסט, אין מיין מיינונג, ניט די אַרט פון דענקען, נאָר די האַלטונג.

זיי זיינען נאָך לאַנג געזעסען צוזאַמען און גערעדט. געאָרג האָט זיך דערוואוסט אַלערליי נייעס. צווישען אַנדערע זאַכען האָט ער ערפאַהרען, אַז דעמעטער סטאַנצידעס האָט אָפּגעשלאָסען דעם קויף פון דעם גוט אויף דעם אונגאַריש־קראָאַטישען גרענעץ, און אַז אַ פרעהליכע געשעהעניש ווערט ערוואַרט ביי דער ראַטענמאַדעמואַזעל. ווילי איימלער איז געוועזן זעהר פאַראינטערעסירט מיט אָט דער צוזאַמענקונפט פון ראַסען און האָט זיך דערווייל באַגנוגענט מיט דעם, וואָס ער האָט געזוכט נעמען פאַר דעם קומענדען קינד, ווי ישראל פּיאוס, רבקה פּאַרטיאונקולאַ.

שפּעטער איז די געזעלשאַפט איבערגעגאַנגען אין אַ דערבייאיגע קאַפע. געאָרג האָט געשפּיעלט מיט ברייטנער'ן אַ פּאַרטיי ביליאַרד, דאַן איז ער אַרויף צו זיך אין צימער. אין בעט האָט ער זיך פאַרנאַטירט אַ צייט איינטיילונג פאַר דעם נעקסטען טאָג און האָט זיך דאַן פאַרגעסען אין אַ טיפען און זיסען שלאָף.

אין דער פריה האָט מען איהם צוזאמען מיט דעם טיי געגעבען די צייטונג, וואָס ער האָט נעכטען אָווענט באשטעלט, און א דעפּעש. דער אינטענדאנט פון זיין טעאטער האָט איהם געבעטען אינפאָרמירען איהם וועגען א זינגער. דאָס איז, צו געאָרג'ס פרייד, געווען דערזעלביגער זינגער, וועמען ער האָט נעכטען געהערט אין דער ראָל פון קורוועגאל. דאן, „אום ער זאָל קענען בעסער באזאָרגען זיינע געשעפטען", האָט מען איהם פאָרגעשלאָגען צו פארלענגערען זיין אורלויב נאָך אויף דריי טעג, ווייל דאָס האָט ערלויבט דער צופעליג געענדערטער רעפּערטואַר. „ווי ליעבליך דאָס איז!" האָט געאָרג געקלערט. איהם איז איינגעפאלען, אז ער האָט כמעט פארגעסען וועגען זיין אבזיכט אליין צו בעטען טעלעגראפיש א פארלענגערונג פון זיין אורלויב. „איצט האָב איך נאָך מעהר צייט פאר אנא'ן, ווי איך האָב געמיינט. מען וועט אפשר קענען פאָהרען אין די בערג. דער הערבסט איז שעהן און מילד. אומעטום וואָלטען מיר געווען כמעט אליין. אָבער אויב אן אומגליק וועט ווידער געשעהן!" אן אומגליק... וועט געשעהן! אזוי און ניט אנדערש זיינען די ווערטער איהם געקומען אויפ'ן זין. ער האָט פארביסען די ליפּען. איז אָט ווי איהם האָט זיך גענומען פאָרשטעלען די גאנצע געשיכטע! אן אומגליק!... וואו איז די צייט, ווען ער האָט כמעט מיט שטאָלץ זיך גערעכענט פאר א רינג אין דער אומענדליכער קייט, וואָס געהט פון אורעלטערען צו אוראייניקלאך? און א פּאָר מינוט האָט ער זיך אליין אויסגעוויזען, ווי א באדויערנסווערטער קרבן פון ליעבע.

ער איז דורכגעלאָפען די צייטונג. דורך א קייזערליכען באגנאדיגונגס אקט איז די אונטערזוכונג קעגען לעאָ גאָלאָווסקי'ן אָפּגעשטעלט געוואָרען; נעכטען אָווענט האָט מען איהם באפרייט. געאָרג האָט זיך דערהפרעהט און באשלאָסען נאָך היינט צו באזוכען לעאָ'ן. דאן האָט ער אָנגעשריבען א דעפּעש צום גראף און האָט איהם אויספיהרליך מיטגעטיילט וועגען דער נעכטיגער פאָרשטעלונג. ווען ער איז ארויס אין גאַס, איז געווען ארום עלף אזייגער. די לופט איז געווען הערבסטיג קיהל און קלאָר. געאָרג האָט זיך געפיהלט אויסגעשלאָפען, פריש און אין דער בעסטער שטימונג. דער טאָג איז געווען פול מיט האָפנונג פאר איהם און האָט צוגעזאָגט אלערליי אינטערעסאנטע אָנרעגונגען. נאָר עפּעס האָט געשטערט, און ער האָט צוערשט ניט געוואוסט

וואָס. אַך, יע... אַ באַזוך אויף פּאָולאַנער גאַס, טריבע צימערען, אַ קראַנקער פאָטער, אַ באַליידיגטע מוטער... „איך וועל איינפאַך אַריינ־קומען נעמען אַנאַ'ן, האָט ער געקלערט, וועל געהן מיט איהר שפּאַ־צירען און דאַן ערגעץ וואו האָבען מיט איהר אָווענטברויט". פאַרביי־געהענדיג אַ בלומען געשעפט, האָט ער געקויפט וואונדערליכע טונקעל־רויטע רויזען און זיי אָפּגעשיקט אַנאַ'ן מיט זיין קאַרטעל, אויף וועל־כען ער האָט אָנגעשריבען: „אַ טויזענד מאָרגען גרוסען. אויף ווידער־זעהן!" נאָכדעם ווי ער האָט דאָס געטאָן, איז איהם געוואָרען לייכטער. דאַן איז ער אַוועק צום אינערליכען טייל פון שטאָדט, צו דעם אַלטען הויז, וואו נירענבערגער האָט געוואוינט. ער איז אַרויף אויפ'ן פינפטען עטאַזש. אַ פלינקע אַלטע דיענסט מיט אַ טונקעלען טיכעל אויפ'ן קאָפּ האָט איהם געעפענט די טיר און אַריינגעלאָזען אין צימער פון איהר בעל הבית. נירענבערגער איז געשטאַנען ביים פענסטער מיט אַ לייכט אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, אין דעם ברוינעם, הויך פאַרקנעפּעלטען רעקעל, וואָס ער האָט ליעב געהאַט צו טראָגען אין דער היים. ער איז ניט געווען אַליין. פון אַ שטול ביים שרייבטיש האָט זיך אויפגעהויבען היינריך מיט אַ מאַנוסקריפּט אין דער האַנט. געאָרג איז האַרציג אויפ־גענומען געוואָרען.

— איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג צווישען אייער זיין איצט אין וויען און דעם דירעקציאָנס קריזיס אין דער אָפּערא? — האָט נירענ־בערגער געפרעגט ניט איינגאַנצען אין שפּאַס. — באַרעכענט נאָר, — האָט ער ווייטער געזאָגט,—ווען מען נעמט אײנגלאַך, וועמעס באַציהונג צו דער דייטשער ליטעראַטור האָט זיך ביז ניט לאַנג אַרויסגעוויזען נאָר אין דעם רעגעלמעסיגען באַזוך פון אַ ליטעראַטען קאַפע, און מען באַשטימט זיי פאַר דראַמאַטורגען אין בערלינער טעאַטערען, זעה איך ניט איין קיין גרונד זיך צו וואונדערען, ווען מען וואָלט מיט פאַראַד־איינגעלאַדען אין וויענער אָפּערא דעם באַראָן ווערגענטין, נאָך אַ זעקס־וואָכיגער און ווי ניט ווי שווערער טעטיגקייט פון קאַפּעלמייסטער אין אַ דייטשען הויף טעאַטער.

געאָרג האָט פעסטגעשטעלט דעם אמת, ערקלערענדיג, אַז ער האָט באַקומען אַ קורצען אורלויב, צו באַזאָרגען זיינע וויענער אַנגעלעגענ־הייטען, און האָט ניט פאַרגעסען צו דערמאָנען, אַז ער איז נעכטען גע־ווען ביי דער נייער אינסצענירונג פון „טריסטאַן" אין אַ געוויסער

מאָס אויף דעם אויפטראג פון זיין דירעקציאָן; אָבער זאָגענדיג דאָס, האָט ער איראָניש געשמייכעלט אויף זיין אייגענער רעכנונג. דאַן האָט ער אָפּגעגעבן אַ קורצען און גאַנץ הומאָריסטישען באַריכט פון זיין לעבען אין דער קליינער רעזידענץ. און וועגען דעם קאָנצערט ביים הויף האָט ער דערצעהלט פאַרביילויפיג און אויך אַביסעל שפּאַסיג, ווי ער וואָלט געוועזן ווייט פון דעם געדאַנק צוצוגעבען אַ גרויסע בעדייטונג זיין שטעל, זיינע איצטיגע ערפאָלגען, אַלע טעאַטער אַנגעלעגענהייטען און דעם גאַנצען לעבען בכלל. מיט דעם האָט ער געוואָלט זיך דער־הויבען אין נירענבערגער'ס אויגען. דאַן איז דער געשפּרעך אַריבער־געגאַנגען צו דער בעפרייאונג פון לעאָ גאָלאָווסקי'ן. נירענבערגער האָט זיך זעהר געפרעהט מיט דעם אומגעריכטען גינסטיגען אויסגאַנג, האָט אָבער צוגעגעבען, אַז דאָ איז ניטאָ וואָס זיך צו וואונדערען, ווייל אויף דער וועלט, און באַזונדערס אין עסטרייך, געשעהען די אומוואַר־שיינליכסטע זאַכען. דער נייעס, אַז אָסקאַר עהרענבערג איז מיט דעם פּרינץ אַוועקגעפאָהרען אויף אַ יאַכט, וואָס געאָרג האָט איהם דער־צעהלט, ווי אַ נייעם באַווייז פון דער ריכטיגקייט פון זיין, נירענבער־גער'ס, אויפפאַסונג, האָט ער פונדעסטוועגען צוערשט ניט אינגאַנצען געגלויבט. סוף כל סוף האָט ער צוגעגעבען, אַז דאָס איז מעגליך, זיין פאַנטאַזיע, ווי ער האָט דאָס שוין לאַנג געוואוסט, האָט אַלעמאָל נאָכ־געגעבען דער ווירקליכקייט.

היינריך האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער. פאַר איהם איז צייט געווען אַוועקצוגעהן.

— איך האָב אייך ניט געשטערט? — האָט געפרעגט געאָרג. — איהר האָט, דוכט זיך, עפּעס געלעזען, ווען איך בין אָנגעקומען.

— איך האָב שוין געהאַלטען ביים סוף, — האָט געענטפערט היינריך.

— דעם לעצטען אַקט וועט איהר איבערלעזען מאָרגען, היינריך, — האָט געזאָגט נירענבערגער.

— מיר וועט דאָס גאָר ניט איינפאַלען, — האָט לאַכענדיג געענט־פערט היינריך. — אויב די ערשטע צוויי אַקטען וועלען אין טעאַטער דורכפאַלען אַזוי, ווי זיי זיינען נאָר וואָס דורכגעפאַלען ביי אייך, ליעבער נירענבערגער, וועט מען די פּיעסע ניט ענדיגען שפּיעלען. לאָמיר נאָר אָננעמען, נירענבערגער, אַז איהר זייט מיט שרעק אַרויסגעלאָפען פון

טעאטער. פון דעם שליסעל און די פּוילע אייער באַפרייַ איך אייך שוין.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטען ? — האָט געאָרג אויסגערופען.

— איהר איבערטרייבט ווידער, היינריך, — האָט געזאָגט נירענ־בערגער. — איך האָב מיר נאָר ערלויבט צו מאַכען עטליכע איינווענ־דונגען, — האָט ער זיך געווענדט צו געאָרג׳ן, — דאָס אַלץ. אָבער ער איז דאָך אַן אויטאָר.

— אַלץ ווענדט זיך אָן דעם, ווי מען קוקט אויף זאַכען, — האָט געענטפערט היינריך. — ווען איהר זאָלט צושפּאַלטען אַ מענשען דעם קאָפּ מיט אַ האַק, איז דאָס דאָך אויך ניט מעהר ווי אַן איינווענדונג קעגען זיין לעבען, מעהר ניט אַ זעהר איבערצייגענדע.

אָנווייזענדיג אויף זיין מאַנוסקריפּט, האָט ער זיך געווענדט צו געאָרג׳ן :

— איהר ווייסט, וואָס דאָס איז ? מיין פּאָליטישע טראַגי־קאָמעדיע. די קראַנצען אויפ׳ן קבר ווערען מיט דאַנקבאַרקייט צוריק־געוויזען.

נירענבערגער האָט געלאַכט.

— איך פאַרזיכער אייך, פון דעם סוזשעט וואָלט מען נאָך גע־קענט מאַכען אַן אויסגעצייכענטע זאַך. איהר וואָלט געקענט איבער־לאָזען כמעט די גאַנצע אינסצענירונג און אַ געוויסע צאָהל פיגורען. איהר מוזט זיך נאָר ענטשליסען צו זיין וועניגער גערעכט, און איהר וועט ווידער אויפנעמען די ארבייט.

— דאָס אָבער איז דאָך אייגענטליך שעהן, וואָס ער איז גערעכט. — האָט געזאָגט געאָרג.

נירענבערגער האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— אומעטום מעג מען דאָס זיין, אָבער ניט אין אַ דראַמע.

און ווענדענדיג זיך צו היינריכ׳ן, האָט ער געזאָגט :

— אין אַ ווערק, ווי אייערס, וואָס באַריהרט מאָדערנע פראַגען, קען מען קיינמאָל גאָרנישט דערגרייכען מיט אָביעקטיוויטעט. דער עולם אין טעאַטער פאָדערט, אַז די פראַגען, וואָס דער דראַמאַטורג באַריהרט, זאָלען געלעזט ווערען, אָדער זיי זאָלען וועניגסטענס באַקומען אַזאַ אילוזיאָן. קיין ווירקליכע לעזונג קען, נאַטירליך, ניט זיין. געבען אַ שיינבאַרע לעזונג קען נאָר דער, וואָס האָט דעם מוט, אָדער איז גענוג

נאאיוו אליין אנצונעמען דעם אדער יענעם צד. איהר וועט אליין איינ־זעהן, ליעבער היינריך, אז מיט גערעכטיגקייט קען מען ווייט ניט אוועקגעהן.

— איהר ווייסט וואס, נירענבערגער, — האט היינריך געזאגט, — די גערעכטיגקייט וואלט מיר אפילו ניט געשטערט. מיר דוכט אבער, אז זי איז ביי מיר ניט די ריכטיגע. איך האב אייגענטליך ניט דעם מינדסטען פארלאנג צו זיין גערעכט. איך שטעל מיר פאר אפילו, ווי אויסגעצייכענט עס איז צו זיין אומגערעכט. מיר דוכט, אז דאס איז די געזונטסטע גימנאסטיק פאר דער נשמה, וואס קען נאר געבען. ווי גוט דאס דארף זיין צו האסען די מענשען, וועמעס אנזיכטען מען באַ־קעמפט. דאס פארשפארט אזוי פיעל אינערליכע קראפט, וואס דארף פארוועגדט ווערען אין דעם קאמף. יע, ווען מען האט נאך גערעכ־טיגקייט אין הארצען... נאר ביי מיר איז זי נאר אט דא, — ער האט אנגעוויזען אויפ'ן שטערן. — אויסערדעם שטעה איך ניט איבער די פארטייען, נאר געהער אין א געוויסער מאס צו אלע, אדער בין געגען אלע. מיין גערעכטיגקייט איז ניט קיין געטליכע, נאר א דיאלעקטישע. און דעריבער... — ער האט גענומען אין האנט זיין מאנוסקריפט, — איז ביי מיר ארויסגעקומען אזא לאנגווייליגע און אומפרוכטבארע פלוידעריי.

— וועה איז דעם, וואס וואלט געוואגט אנצושרייבען וועגען אייך אזא זאך! — האט געזאגט נירענבערגער.

— נו יע, — האט לאכענדיג געענטפערט היינריך. — ווען דאס רעדט אן אנדערער, קען מען קיינמאל ניט בייקומען א לייכטען פאר־דאכט, אז ער איז אפשר גערעכט. אבער איך מוז איצט ווירקליך געהן. אדיע, געארג. מיר טוט זעהר לייד, וואס איהר האט מיך נעכטען ניט געפונען אין דער היים. ווען פאהרט איהר אוועק?

— מארגען.

— איהר וועט דאך אבער אריינקומען פאר'ן אפפאהרען? היינט בין איך אין דער היים די גאנצע צייט נאכמיטאג. קומט אריין, ווען איך וועט זיין באקוועם. איהר וועט דערזעהן א מענשען, וואס קערט זיך ענטשידען אפ פון אלע מאדערנע פראגען און באשעפטיגט זיך נאר מיט די צוויי אייביגע פראבלעמען: טויט און ליעבע... און איהר

גלויבט אין טויט, נירענבערגער? ווענען ליעבע וועל איך גאָר ניט פרעגען...

— דער וויץ, וואָס איז פאַר אייך צו ביליג, — האָט נירענבערגער געענטפערט, — צווינגט מיך אָנצונעמען, אַז ניט קוקענדיג אויף די ווירדע, מיט וועלכער איהר האַלט זיך, האָט דאָך מיין קריטיק...

— ניין, נירענבערגער, איך שווער אייך, איך בין גאָר ניט באַליידיגט. איך בין גאָר גיכער צופרידען, וואָס דאָס האָט זיך געענדיגט.

— געענדיגט? פאַרוואָס? עס איז דאָך נאָך מעגליך, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות, און אַז גראָד אָט די פּיעסע, וואָס איך האַלט פאַר די אַם ווענגיגסטען געלונגענע, וועט האָבען אַן אומגעהויערען ערפאָלג אויף דער ביהנע און וועט אייך מאַכען פאַר אַ מיליאָנער. איך וואָלט קיין טרייסט זיך ניט געפונען, ווען צוליעב מיין אפשר גאָר אומקאָמפּעטענטער קריטיק...

— געוויס, געוויס, נירענבערגער, יעדערער פון אונז דאַרף וויסען, אַז מיר האָבען געקענט אַ טעות האָבען אין יעדען איינצעלנעם פאַל. און אין דער צוקונפט וועל איך אָנשרייבען אַ פּיעסע מיט אַזאַ טיטעל: „איך וועל קיינעם קיינמאָל ניט גלויבען, אפילו זיך אליין אויך ניט". און איהר, נירענבערגער, וועט זיין דער העלד פון דער פּיעסע.

נירענבערגער האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— איך? דאָס הייסט, אַז איהר וועט אַרויספיהרען אַ מענשען, וועמען, ווי איהר מיינט, איהר קענט, וועט נעמען גראָד יענע זייטען פון זיין כאַראַקטער, וואָס פּאַסען פאַר אייך, און וועט אָפּוואַרפען אַלץ, וואָס אייך איז ניט נויטיג. און נאָך אַלעמען...

— נאָך אַלעמען, — האָט איהם היינריך אונטערבראָכען, — וועט זיך באַקומען אַ פּאָרטרעט, אַראָפּגענומען פון אַ משוגע'נעם פאָטאָגראַף מיט אַ פאַרדאָרבענעם אַפּאַראַט אין צייט פון אַן ערדציטערניש אָדער אַ לקוי חמה. ריכטיג, אָדער עפּעס פעהלט נאָך?

— די כאַראַקטעריסטיק קען מען אָננעמען פאַר אַן ערשעפּענדע, — האָט געזאָגט נירענבערגער.

היינריך האָט זיך געזעגענט מיט אַן איבערטריבענער פרעהליכקייט און איז אוועק מיט זיין צוזאַמענגעראַלטען מאַנוסקריפּט. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט געאָרג באַמערקט:

— מיר דוכט, אז זיין פרעהליכקייט איז דאָך אביסעל א געמאכטע.

— איהר מיינט אזוי ? אין דער לעצטער צייט איז ער ווירקליך אין אַן אויפפּאַלענד גוטער שטימונג.

— פאַרוואָס ניט ! מענשען, וואָס זיינען אזוי פּיעל, כמעט אויס־שליסליך פאַרנומען מיט זיך אליין, קומען איבער נשמה־ליידען איבער־ראַשענד שנעל. אויף אַזעלכע נאַטורען, און ניט נאָר אויף אזעלכע, ווירקט די לייכטסטע פּיזישע אומבאַקוועמליכקייט א סך דריקענדער, ווי גייסטיגע ליידען, ווי די אונטרייהייט און טויט פון א געליעבטען מענשען. דאָס קומט, ווייזט אויס, פון דעם, וואָס יעדער גייסטיגער פּיין שמייכעלט אזוי צי אזוי אונזער אייגענליעבע, און ווענען א טיפוס אָדער א מאָגען קאַטאַר קען מען דאָס שוין ניט זאָגען. און ביים קינסטלער קומט נאָך צו דאָס, וואָס פון א מאָגען קאַטאַר קען מען נאָר־נישט ארויסציהען... וועניגסטענס, זיינען אלע ביז ניט לאַנג געווען אין דעם גאַנץ פעסט איבערצייגט... פון גייסטיגע ליידען אָבער קען מען ארויסציהען אלץ, פון א לירישען געדיכט ביז צו א פילאָסאָפישען ווערק.

— זיינען דאָך אָבער פאַראַן פאַרשידענע גייסטיגע ליידען, — האָט געענטפערט געאָרג, — און עס איז גאָר אַנדערש, ווען א געליעבטע נאַרט אָפּ אָדער וואַרפט אַוועק... אפילו ווען זי שטאַרבט א נאַטירליכען טויט, צי ווען זי באַגעהט זעלבסטמאָרד צוליעב אייך.

— איהר זייט זיכער, אז היינריכ׳ס געליעבטע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד גראָד צוליעב איהם ?— האָט געפרעגט נירענבערגער.

— האָט אייך דען היינריך ניט דערצעהלט ?

— דערצעהלט. אָבער דאָס באַווייזט נאָך גאָרנישט. אין דעם, וואָס ריהרט אָן אונז אליין, טרעפען מיר קיינמאָל ניט, אפילו די קלוגסטע צווישען אונז.

אזעלכע באַמערקונגען פון נירענבערגער׳ס ליפּען האָבען געהאַט אין זיך פאַר געאָרג׳ן עפּעס זעהר באַאומרוהיגענדעס. זיי האָבען גע־הערט צו די באַמערקונגען, וואָס נירענבערגער פלעגט אזוי גערן ארויס־זאָגען, און האָבען, ווי היינריך האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט, אָפּגע־נומען יעדען זין פון די מענשליכע באַציהונגען און אפילו פון יעדען פאַרקער צווישען מענשען.

נירענבערגער האָט ווייטער גערעדט :

— מיר ווייסען נאָר צוויי פאַקטען. דער ערשטער, אַז אונזער פריינד איז אַמאָל געווען פאַרבונדען מיט אַ יונגער דאַמע; דער צווייטער, אַז די יונגע דאַמע האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין וואַסער. וועגען אַלץ, וואָס איז געלעגען צווישען אָט די צוויי פאַקטען, ווייסען מיר גאָר־נישט, און היינריך ווייס מסתמא אויך ניט. פאַרוואָס זי איז באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד, קענען מיר ניט וויסען, און אפשר האָט דאָס די אָרימע אַליין ניט געוואוסט.

געאָרג האָט אַרויסגעקוקט אין פענסטער און האָט דערזעהן דעם־בער, קוימענס, פאַרראָסטע רעהרען, און גאָר נאָהנט — אַ העל־גרויען טורעם מיט אַ דורכזיכטיגען קופּעל. דער הימעל איז געווען בלייך און לער. געאָרג האָט אַ קלער געטאָן וועגען דעם, אַז נירענבערגער האָט מיט קיין וואָרט ניט אָנגעפרעגט וועגען אַנאַ'ן. וואָס האָט ער גע־קענט מיינען? אפשר אַז געאָרג האָט זי אָוועקגעוואָרפען, און זי האָט זיך שוין געטרייסט מיט אַן אַנדער געליעבטען? „צו וואָס בין איך געקומען אין וויען!" — האָט ער פאַרביילויפיג געקלערט, ווי דער ציעל פון זיין רייזע וואָלט געווען אויסצוהערען נירענבערגער'ס געדאַנ־קען וועגען לעבען און זיינע טרויעריגע שלוסען. עס האָט געשלאָגען צוועלף. געאָרג האָט זיך געזעגענט. נירענבערגער האָט איהם בעגלייט ביז צום טיר און באַדאַנקט פאַר דעם באַזוך. מיט אַ האַרציגקייט, ווי דער פאָריגער געשפּרעך וועגען געאָרג'ס נייעם אַרט וואָלט בכלל ניט געהאַט קיין באַדייטונג, האָט ער אָנגעפרעגט וועגען געאָרג'ס באַשעפ־טיגונג, אַרבייטען, נייע באַקאַנטע, און האָט ערשט איצט ערפאַהרען, וואָס פאַר אַ צופאַל געאָרג האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען די אומגעריכטע איינלאַדונג אין די קליינע שטאָדט.

— אָט דאָס איז גראָד וואָס איך האָב אַלעמאָל געזאָגט, — האָט ער נאָכדעם באַמערקט: — אונזער שיקזאַל ווערט געמאַכט ניט פון אונז אַליין, נאָר פון אַ וועלכען עס איז אומשטאַנד, אויף וועלכען מיר האָבען ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו ווירקען, וועלכען מיר האָבען אפילו ניט געקענט איינשליסען אין דעם קרייז פון אונזערע אויס־רעכנונגען. נאָך אַלעמען, ווי הויך איך שאַץ ניט אָב אייער טאַלאַנט, וועל איך דאָך פרעגען: איז דאָס אייער פאַרדיענסט אָדער דער פאַר־דיענסט פון דעם אַלטען אייסלער, וועגען וועמעס אַנטייל אין דער זאַך איהר האָט מיר אַמאָל דערצעהלט, וואָס איהר זייט טעלעגראַפיש

ארויסגערופען געוואָרען אין דעטמאלד און האָט דאָרט אזוי שנעל גע־פונען אייער אָרט? ניין. א גאַנץ אונשולדיגער מענש, וועמען איהר קענט ניט, האָט געדארפט שטארבען פּלוצלונג, אז דאָרט זאָל זיין א פרייע שטעל. און וויפיעל אַנדערע אומשטענדען, אויף וועלכע איהר האָט אויך ניט געקענט האָבען קיין איינפלוס און וועלכע איהר האָט ניט געקענט פאראויסזעהן, האָבען געמוזט פּאַרקומען, אז איהר זאָלט מיט א לייכטען הארצען קענען אוועקפאָהרען פון וויען?

— וואָס הייסט, מיט א לייכטען הארצען? — האָט געאָרג גע־פרעגט פארוואונדערט.

— איך האָב געוואָלט זאָגען: מיט א לייכטערען הארצען, איי־דער אונטער אנדערע באדינגונגען. ווען דאָס קליינע באַשעפעניש וואָלט געבליבען לעבען, ווער ווייס...

— איהר מעגט זיין זיכער, אז איך וואָלט דאַן אויך אוועקגע־פאָהרען. פאַר אַנאַ'ן וואָלט מיין אָפּפאָהר געוועזען פונקט אזוי נאַטיר־ליך, ווי איצט. איהר גלויבט ניט? אפשר וואָלט איך גאָר אוועק־געפאָהרען מיט א לייכטערען הארצען, ווען יענע געשיכטע וואָלט זיך אַנדערש געענדיגט. אַנאַ איז דאָס געוועזען, וואָס האָט מיך צוגערעדט אַנצונעמען דעם פאָרשלאָג. איך בין אַלץ געוועזען אונענטשלאָסען. איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי גוט און קלוג אַנאַ איז.

— איך צווייפעל ניט אין דעם. אורטיילענדיג נאָך אַלץ, וואָס איהר האָט מיר דערצעהלט וועגען איהר, האָט זי, ווייזט אויס, אָנגענומען איהר לאַגע מיט א סך מעהר ווירדע, ווי געוועהנליכע יונגע דאַמען פון איהר קרייז ווייזען ארויס אונטער אזעלכע אומשטענדען.

— ליעבער הערר נירענבערגער, איהר לאַגע איז גאָר ניט געוועזען אזוי שרעקליך.

— נו, זאָגט דאָס ניט. אויב אייער איידעלקייט און דעליקאַט־קייט האָט אפילו מילדער געמאכט איהר לאַגע, מעגט איהר אָבער זי־כער זיין, אז פריילײַן אַנאַ האָט אין יענער צייט אָפט געליטען פון איהר אויסנאַמס לאַגע. עס איז ניטאָ אזא פרוי אויף דער וועלט, ווי מוטיג און ערהאָבען זי זאָל זיך ניט האַלטען, וואָס וואָלט אין אזא פאַל ניט געוואָלט ליעבער טראָגען דעם רינג אויפ'ן פינגער. דאָס רעדט מאַקי פאַר די קלוגקייט און איידעלקייט פון אייער פריינדין, וואָס זי האָט אייך קיינמאָל ניט ארויסגעוויזען איהרע געפיהלען, און וואָס זי

האָט רוהיג און מיט זעלבסטבאהערשונג אָנגענומען די ביטערע ענ־טוישונג, וואָס איז אָנגעקומען פאר איהר נאָך די ניט זעהר אנגענעמע ניין מאָנאַטען.

— ענטוישונג איז א מילד וואָרט. זאָגט בעסער: ליידען.

— עס זיינען געווען ביידע זאַכען. אָבער ווי אין די מעהרסטע פאַלען, האָט זיך אויך דאָ די ברענענדע וואונד פון ליידען פארהיילט שנעלער, ווי דאָס קוועלענדע, בויערענדע געפיהל פון ענטוישונג.

— איך פארשטעה אייך ניט אינגאַנצען.

— איהר וועט דאָך ניט צווייפלען אין דעם, ליעבער געאָרג, אז ווען דאָס קליינע באשעפעניש וואָלט געבליבען לעבען, וואָלט איהר שנעל, אפילו שוין איצט, געווען פארהייראַט.

— און איהר מיינט, אז איצט, ווען מיר האָבען ניט קיין קינד... יע, איהר מיינט, דוכט זיך, אז... אז... אלץ איז בכלל צווישען אונז געענדיגט? האָט איהר א גרויסען טעות, ליעבער פריינד:

— ליעבער געאָרג, — האָט געענטפערט נירענבערגער, — לאָמיר בעסער ניט רעדען וועגען דער צוקונפט. ניט איהר, ניט איך וויים, וואו עס ווערט איצט געוועבט דער פאָדים פון אונזער שיקזאַל. האָט איהר דאָך אין דעם אויגענבליק, ווען יענער קאפעלמייסטער איז פלוצלונג געשטאָרבען, אויך גאָרניט געפיהלט. און ווען איך ווינש אייך איצט גליק אויף אייער ווייטערדיגען וועג, ווייס איך ניט, אויף וועמען איך רוף דעם טויט מיט מיין גליקסוואונש.

זיי האָבען זיך געזעגענט אין פאָרהויז. ווען געאָרג איז ארויס פון טיר, האָט נירענבערגער איהם נאָכגעשריען:

— לאָזט אמאָל הערען פון זיך.

געאָרג האָט זיך נאָכאמאָל אומגעקערט און געזאָגט:

— און איהר אויך!...

ער האָט נאָר געזעהן נירענבערגער'ס אפוועהרענד רעזיגנירטע באַ־וועגונג מיט דער האנט, האָט ניט ווילענדיג א שמייכעל געטאָן און איז איילענדיג אראָפּגעגאַנגען. אויף דעם נעקסטען ראָג האָט ער גענומען אן עקיפאַזש. אויפ'ן וועג צו די גאַלאָווסקי'ס האָט ער געקלערט וועגען נירענבערגער'ן און בערמאַן'ען. זאָנדערבאַרע באציהונגען צווישען זיי! געאָרג האָט זיך פאָרגעשטעלט א בילד, וואָס, ווי איהם האָט זיך גע־דוכט, ער האָט געזעהן אין חלום. זיי זיינען ביידע געזעסען איינער

אנטקעגען דעם אנדערען; יעדערער האט געהאלטען פאר דעם אנדערען א שפיגעל, אין וועלכען יענער האט געזעהן זיך, און אין יענעם שפיגעל — ווידער דעם אנדערען מיט א שפיגעל אין דער האנט, און אזוי ווייטער אהן א סוף. האבען זיי געקענט זעהן איינער דעם אנדערען און זיך אליין? געארג'ן האט דער קאפ גענומען שווינדלען. דאן האט ער געקלערט וועגען אנא'ן. וועט נירענבערגער ווידער זיין גערעכט? איז דען ווירקליך אלץ געענדיגט? האט דאס בכלל געקענט ענדיגען זיך ווען עס איז?... דאס לעבען איז לאנג... אבער איז שוין דען געווען א געפאהר אין די נעקסטע מאנאטען? מיכאעלא אפשר... ניין. דאס וועט ערנסט ניט זיין, וואס עס זאל ניט ארויסקומען. און אויף פסח וועט ער ווידער זיין אין וויען, דאן וועט ער קומען צו פאהרען זומער; זיי וועלען דעם זומער פארברענגען צוזאמען. און דאן? יע, וואס דאן? הייראטען? זיין דער איידעם פון הערר און פרוי ראזנער און יאזעף'ס שוואגער? אך, וואס געהט איהם אן די פאמיליע! זיין פרוי וועט דאך זיין אנא, די גוטע, מילדע, קלוגע אנא.

דער עקיפאזש האט זיך אפגעשטעלט פאר א גאנץ נייעם, העסליכען, געל געפארבטען הויז אין א ברייטער, איינפארמיגער גאס. געארג האט געהייסען דעם קוטשער ווארטען און איז אריינגעגאנגען אין טויער. אינוועניג האט דאס הויז אויסגעוויזען אינגאנצען פארלאזען. פון די ווענט האבען שטיקלאך זיך אפגעברעקעלט אין א סך ערטער, און די שטיגען זיינען געווען שמוציג. פון קיך פענסטער האט זיך דערטראגען דער גערוך פון שלעכטען פעטס. אויף דער פלאטפארם פון ערשטען עטאזש האבען צוויי דיקע אידישע פרויען געפיהרט א געשפרעך אויף א זשארגאן, וואס איז פאר געארג'ן געווען אונערטרעגליך, און איינע פון זיי האט געזאגט צו א אינגעל, וואס זי האט געהאלטען ביי דער האנט: מאריץ, לאז דעם הערר פארביי...“ „צו וואס האט זי דאס געזאגט? — האט געקלערט געארג, — דא איז דאך פאראן גענוג ארט. מסתמא וויל זי מיך פארגיטיגען, אזוי ווי איך וואלט איהר געקענט שאדען אדער עפעס א טובה טאן“. און איהם איז ארויפגעקומען אויפ'ן זין א ווארט פון א געשפרעך, וואס ער האט געהאט מיט היינריכ'ן: „א פיינדליכער לאגער“...

די דיענסט האט איהם אריינגעפיהרט אין א צימער, וואס ער האט באלד דערקענט ווי לעא'ס. אויפ'ן שרייבטיש זיינען געלעגען

ביכער און פּאַפּירען, דאָס קלאַוויר איז געווען אָפען. אויפ'ן דיוואַן איז געלעגען אַ געעפענטער, נאָך ניט אינגאַנצען אויסגעפּאַקטער סאַקוואַיאַזש. אין נעקסטען אויגענבליק האָט זיך געעפענט די טיר; לעאָ איז אַריינגעקומען, האָט אַרומגענומען דעם גאַסט און איהם אַזוי שנעל געקושט אויף ביידע באַקען, אַז דער אַזוי הערצליך באַגריסטער געאָרג האָט אַפילו קיין צייט ניט געהאַט צו קומען אין פאַרלעגענהייט.

— ווי ליעבליך דאָס איז פון אייך, — האָט געזאָגט לעאָ און האָט איהם געדריקט ביידע הענט.

— איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי איך האָב זיך געפרעהט... — האָט געאָרג אָנגעהויבען.

— איך גלויב אייך... אבער איך בעט אייך, קומט מיט מיר ווייטער, מיר עסען נאָך, אבער באַלד וועלען מיר זיין פאַרטיג.

ער האָט איהם אַריינגעפיהרט אין נעקסטען צימער, וואו די גאַנצע פאַמיליע איז געווען פאַרזאַמעלט ביים טיש.

— מיט מיין פאָטער זייט איהר נאָך, דוכט זיך, ניט באַקאַנט, — האָט געזאָגט לעאָ און האָט זיי פאָרגעשטעלט.

דער אַלטער גאַלאַווסקי איז אויפגעשטאַנען, האָט אַוועקגעלעגט די סערוועטקע, וואָס איז געווען ביי איהם פאַרבונדען אַרום האַלז, און האָט געגעבען געאָרג'ן די האַנט.

געאָרג האָט זיך געוואונדערט, וואָס לעאָ'ס פאָטער איז גאָר ניט געווען אַזאַ, ווי ער האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט: ניט פּאַטריאַרכאַליש, גרויבאָרדיג און עהרווירדיג, נאָר גלאַט ראַזירט און מיט אַ שלויער מינע, זעהר עהנליך צו אַ פּראָווינציעלען קאָמיקער.

— מיך פרעהט זעהר, הערר באַראָן, אייך צו קענען, — האָט ער געזאָגט, און אין זיינע שלויע אויגען האָט מען געקענט לעזען: „איך ווייס שׁוין אַלץ“.

טערעזאַ האָט האַסטיג געשטעלט געאָרג'ן אַ רייהע געוועהנליכע פראַגען, האָט געפרעגט, ווען ער איז געקומען, ווי לאַנג ער וועט דאָ בלייבען, וואָס ער מאַכט. ער האָט געענטפערט געדולדיג און ליעבליך, און זי האָט נייגעריג און לעבהאַפט געקוקט איהם אין געזיכט. דאַן האָט ער געפרעגט לעאָ'ן וועגען זיינע אויסזיכטען פאַר דער נעקסטער צוקונפט.

— פריהער פון אַלץ וועל איך מוזען פלייסיג שפּיעלען קלאַוויר,

אום ניט צו ווערען פארשעמט פאר מיינע שילער. אלע זיינען דאך גע־ווען אזוי גוט צו מיר. ביכער האב איך געהאט, וויפיעל איך האב אליין געוואלט. אבער א קלאוויר האבען זיי מיר דארט ניט אוועק־געשטעלט.

ער האט זיך געווענדט צו טערעזא'ן:

— וועגען דעם דארפסטו אונבאדינגט דערמאנען אין איינער פון דיינע נעקסטע רעדען. אזא שלעכטע באהאנדלונג אין אונטערזוכונגס־געפענגנים מוז אויפהערען.

— נעכטען אין דער צייט, — האט געזאגט דער אלטער גאלאור־סקי, — וואלט ער זיך נאך ניט געוויצעלט.

— אויב דו מיינסט אפשר, — האט טערעזא געזאגט, — אז דער גליקליכער אויסגאנג פון דיין פראצעס וועט ענדערען מיינע אנזיכטען, האסטו א גרויסען טעות. פארקערט.

ווענדענדיג זיך צו געארג'ן, האט זי ווייטער געזאגט:

— טעארעטיש בין איך דורכאויס געגען דעם, וואס מען האט איהם ארויסגעלאזען.

זי האט זיך ווידער געווענדט צו לעא'ן:

— ווען דו וואלסט איינפאך גע'הרג'עט יענעם מענשען, ווי דו האסט געהאט א רעכט צו טאן, אהן דער העסליכער קאמעדיע פון א דועל, וואלט מען דיך פאר קיין פאל ניט ארויסגעלאזען, און דו וואלסט געווים אפגעזעסען פינף אדער צעהן יאהר. אבער ווייל דו האסט זיך אריינגעלאזען אין דעם העסליכען שפיעל אויף לעבען און טויט, וואס איז סאנקציאנירט פון שטאאט, און ווייל דו האסט מיט דעם אנער־קענט דעם מיליטאריזם, האט מען דיך באגנאדיגט. בין איך ניט גערעכט? — האט זי זיך ווידער געווענדט צו געארג'ן.

געארג האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און האט געקלערט וועגען דעם אונגליקליכען יונגען מאן, וועמען לעא האט דערשאסען, און וואס האט גארנישט געהאט קעגען די אידען, אויסער וואס זיי זיינען איהם געווען צוואווידער, ווי זיי זיינען פאר א סך מענשען; און זיין שולד איז באשטאנען נאר אין דעם, וואס ער האט געווענדט זיין אנטיפאטיע אויף איינעם, וואס האט דאס ניט פארדיענט. לעא האט געגלעט זיין שוועסטער איבער'ן קאפ און האט געזאגט:

— זעהסטו, ווען דו וועסט ארויסזאָגען עפּענטליך דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט דאָ אין די פיער ווענט, וועסטו מיר איםפּאָנירען.

— און דו וועסט מיר איםפּאָנירען, — האָט טערעזא געענט־פערט, — ווען דו וועסט מאָרגען צוזאמען מיט דעם אַלטען עהרענ־בערג'ן קויפען א בילעט אין ירושלים.

זי איז אויפגעשטאַנען פון טיש. לעאָ האָט אריינגערופען געאָרג'ן צו זיך אין צימער.

— איך וועל איך ניט שטערען? — האָט טערעזא געפרעגט.— איך וויל אויך זיין אביסעל מיט איהם.

זיי זיינען אַלע דריי געזעסען אין לעאָ'ס צימער און גערעדט. לעאָ האָט זיך געפרעהט מיט דער ניי ערהאַלטענער פרייהייט אָהן שווערע געדאַנקען און אָהן חרטה, און דאָס איז געאָרג'ן אויסגעקומען זאָנ־דערבאר. טערעזא איז געזעסען אויפ'ן דיוואַן אין א טונקעלען, גלאַט ליגענדען קלייד און איז היינט צום ערשטען מאָל ווידער געווען עהנליך צו יענער דאמע, וואָס האָט געטרונקען אסטי אונטער די פּלאַטאַנען אין לוגאַנאָ, איז געווען די געליעבטע פון א קאוואַלעריע אָפיציר און האָט געקושט אין דער פינסטער אַן אנדערען. זי האָט געבעטען געאָרג'ן שפּיעלען אויפ'ן קלאַוויר, זאָגענדיג, אַז זי האָט איהם קיינמאָל ניט געהערט. ער האָט זיך געזעצט, האָט געשפּיעלט עפּעס פון „טריסטאַן“ און האָט דאַן פאַנטאַזירט זעהר געלונגען. לעאָ האָט געלויבט זיין שפּיעלען.

— א שאָד, וואָס ער בלייבט דאָ ניט, — האָט געזאָגט טערעזא און האָט זיך אָנגעשפּארט אָן וואַנט און פארלעגט איהרע הענט אין א קרייץ איבער איהר הויכער פריזור.

— אויף פסח וועל איך ווידער קומען צו פאָהרען, — האָט געאָרג געענטפערט און א קוק געטאָן אויף איהר.

—יע, אבער דאַן וועט איהר ווידער באַלד פארשווינדען, — האָט געזאָגט טערעזא.

— יע, געוויס, — האָט געענטפערט געאָרג, און איהם איז פּלוצלונג שווער געוואָרען ביים געדאַנק, אז ער איז שוין אין וויען ניט אין דער היים און אז ער וועט בכלל נאָך לאנג ניט זיין אין ערגעץ אין דער היים.

— און וואָס, — האָט געזאָגט לעאָ, — ווען מיר זאָלען צוזאמען

פאַהרען ערגעץ וואו זומער, איהר, בערמאַן און איך. איך זאָג איך צו, אז מיר וועלען אייך ניט דערעסען מיט טעאָרעטישע געשפּרעכען, ווי פאַריגען הערבסט... איהר געדענקט?

— אַך, — האָט געזאָגט טערעזא און האָט זיך א ציה געטאָן,— פון רעדען קומט סאַי ווי גאָרנישט ארויס. טאַטען, מיינע העררן!

— און וואָס קומט ארויס פון טאַטען? — האָט געפרעגט געאָרג.

— זיי זיינען העכסטענס פּריוואַטע לעזונגען פאַר דעם מאָמענט.

— יע, ווען עס האנדעלט זיך וועגען טאַטען, וואָס מען באגעהט פאַר זיך אליין, — האָט טערעזא געזאָגט. — איך רוף אָן א טאָט דאָס, וואָס ווערט געטאָן פאַר אַנדערע, אָהן נקמה און, אויף ווי ווייט מעגליך, אָהן פּערזענליכען עהרגייץ.

געאָרג האָט געמוזט געהן. ער האָט נאָך געהאַט אַזוי פיעל זאַכען צו באזאָרגען.

— איך וועל אייך אביסעל באגלייטען, — האָט געזאָגט טערעזא צו איהם.

לעאָ האָט איהם נאָכאמאָל ארומגענומען און געזאָגט:

— עס איז ווירקליך גוט, וואָס איהר זייט אריינגעקומען.

טערעזא איז אוועק נעמען איהר הוט און זשאַקעט. געאָרג איז ארויסגעגאַנגען אין נעקסטען צימער; די אַלטע פרוי גאלאווסקי האָט, ווייזט אויס, דאָרט אויף איהם געוואַרט. זי איז צוגעגאַנגען צו איהם מיט א זאָנדערבאר אנגסטליכען געזיכט און האָט איהם געגעבען אין האַנט א קאָנווערט.

— וואָס איז דאָס?

— א מעטרישע צייגניס, העדר באראָן; איך האָב דאָס ניט גע־וואָלט אָפּגעבען אַנאַ'ן... דאָס וואָלט זי אפשר צופיעל אויפגערעגט.

— אַך, יע... — ער האָט באהאַלטען דעם קאָנווערט, און איהם האָט אויסגעוויזען, אז אָט דער קאָנווערט פיהלט זיך אין האַנט גאָר אַנדערש, ווי אַנדערע קאָנווערטען.

טערעזא איז אָנגעקומען אין א שפּאַנישען הוט, גרייט אוועק־צוגעהן.

— אָט בין איך. אויף ווידערזעהן, מאַמאַ. צום אָווענטברויט וועל איך ניט זיין.

זי איז מיט געאָרג'ן אראָפּגעגאנגען פון די טרעפּ און האָט פון דער זייט מיט פארגניגען געקוקט אויף איהם.

— וואוהין זאָל איך אייך אָפּפיהרען? — האָט געאָרג געפרעגט.

— איהר נעמט מיך נאָר מיט; איך וועל ערגעץ וואו אראָפּגעהן.

זיי האָבען זיך אריינגעזעצט, און דער עקיפּאזש איז אָפּגעפאָהרען. טערעזא האָט גענומען פרעגען געאָרג'ן וועגען דעם, אויף וואָס ער האָט שוין געענטפערט אין איהר הויז, ווי זי וואָלט אנגענומען, אז איצט, זייענדיג אליין מיט איהר, וועט ער זיין אויפריכטיגער, ווי אין דער אנוועזענהייט פון אנדערע. זי האָט אָבער גאָרנישט ערפאהרען, אויסער דעם, אז ער פיהלט זיך זעהר גוט אין דער נייער אומגעבונג, און אז די ארבייט געפעלט איהם. איז זיין אָנקומען געווען א גרויסער סורפּריז פאר אנא'ן? — האָט זי געפרעגט. — ניין, ער האָט דאָך איהר געלאָזט וויסען. — און איז אמת, אז אויף פּסח וועט ער ווידער קומען? — יע, אזוי האָט ער פעסט באשלאָסען.

זי האָט געשיינט צו זיין פארוואונדערט.

— ווייסט איהר, אין וואָס איך בין געווען פעסט איבערציינגט?

— אין וואָס?

— אז איהר וועט מעהר ניט קומען צוריק.

ער איז געווען אביסעל ערשטוינט און האָט גאָרניט געענטפערט. דאַן איז איהם דורכגעלאָפען דער געדאנק: „אפשר וואָלט דאָס געווען פארגינפטיג?"... ער איז געזעסען גאָר נאָהנט צו טערעזא'ן, האָט געפיהלט די ווארימקייט פון איהר קערפּער, ווי דאַן אין לוגאנא. אין וועלכען פון איהרע טרוימען האָט זי איצט געשוועבט? אין דעם ווילד פארפלאָנטערטען טרוים צו רעטען די גאנצע מענשהייט, אָדער אין דעם לייכטען טרוים וועגען א נייער ליעבעס אוואנטור? זי האָט אלץ געקוקט אין פענסטער. ער האָט אָנגענומען איהר האנט, וועלכע זי האָט ניט אָפּגענומען, און האָט זי צוגעטראָגען צו די ליפּען. פּלוצלונג האָט זי זיך אומגעקערט צו איהם און האָט ווייך געזאָגט:

— נו, איצט הייסט אָפּשטעלען; איך וועל דאָ אראָפּגעהן.

ער האָט ארויסגעלאָזען איהר האנט און א קוק געטאָן אויף איהר.

— יע, ליעבער געאָרג, צו וואָס מען וואָלט געקאָנט דערגעהן, ווען מען וואָלט ניט געדאַרפט, — זי האָט שפּאָטיש פארצויגען די ליפּען, — זיך אָפּפערען פאר דער מענשהייט! ווייסט איהר, וואָס איך קלער

אמאָל?... אפשר איז דאָס אַלץ ביי מיר נאָר א מין אַנטלויפען פון זיך אַליין.

— פאַרוואָס... פאַרוואָס אַנטלויפּט איהר?

— אַדיע, גנעאָרג.

דער עקיפּאַזש האָט זיך אָפּגעשטעלט. טערעזאַ איז אַראָפּגעגאַנגען, עפּעס א יונגערמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען קוקען אויף איהר; זי איז פאַרשוואונדען אין דער מאַסע. „איך גלויב ניט, אַז זי וועט ענדיגען אויפ׳ן עשאַפאָט,“ — האָט געאָרג א קלער געטאָן. ער האָט זיך אומגעקערט אין האָטעל, האָט פאַררויכערט א ציגאַרעט, זיך איבערגעטאָן און איז אַוועקגעגאַנגען צו די עהרענבערגס.

אין עסצימער, ביים שוואַרצען קאַווע, זיינען צוזאַמען מיט די הויז־ווירטינס געזעסען דזשיימס, זיסי, ווילי אייסלער און פרוי אָבערבערגער. געאָרג האָט זיך געזעצט צווישען עלזאַ׳ן און זיסי׳ן, האָט אויסגעטרונקען א גלעזעל בענעדיקטינער און האָט געדולדיג און מיט הומאָר געענטפערט אויף אַלע פראַגען וועגען זיין טעטיגקייט. באַלד איז מען איבערגעגאַנגען אין גאַסטצימער, און ער איז א ווײלע געזעסען מיט פרוי אָבערבערגער, וואָס האָט דאָס מאָל ווידער אויסגעוויזען גאָר יונג און האָט פריהער פון אַלץ געוואָלט אויסגעפינען די איינצעלהייטען פון געאָרג׳ס פערזענליכע איבערלעבונגען אין דעטמאָלד. זי האָט ניט געגלויבט, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין פאַרהעלטניסען מיט אַלע זינגערינס, ווייל דאָס טעאַטער לעבען האָט איהר בכלל אויסגעוויזען נאָר ווי אַן אויסרעד און א צודעק פאַר אַלערליי ליעבעס אוואַנטורען; יעדענפאַלס איז זי באַשטאַנען אויף דעם, אַז זי האָט זיך אָנגעהערט אַלערליי שרעקען וועגען דעם, וואָס געהט אָן הינטער די קוליסען, אין די גאַרדעראָבען און אין דעם דירעקטאָרס. קאַנצעלאַריע. אין; ווען געאָרג האָט זי געמוזט ענטוישען, דערצעהלענדיג איהר וועגען דער בירגערליך־אַנשטענדיגער, כמעט פיליסטערשער אַרט לעבען פון זיינע קאָלעגען אויף דער ביהנע און וועגען זיין אייגענער אַרבייטזאַמער עקזיסטענץ, האָט זי גענומען עלטער ווערען אין זיינע אויגען און האָט זיך באַלד פאַרוואַנדעלט אין די עלטערע פרוי, וואָס ער האָט פאַריגען זומער געזעהן, צוערשט אין א לאַזשע פון דעם וויים־רויטען קליינעם טעאַטער און דאַן אין א כמעט פאַרגעסענעם חלום. דאַן איז ער געשטאַנען מיט זיסי׳ן לעבען א מאַרמאָרנער איזים, און

צוויּשען דעם רוהיגסטען געשפּרעך האָבען זיי געזוכט איינע ביים אנ־דערען אין די אויגען אן עראינערונג וועגען א גליהענדער שעה אונטער דעם טיפען נאָכמיטאג שאטען פון א טונקעל־גרינעם פּארק. אבער יענע שעה האָט פּאר בײדען געשיינט צו זיין פּארזונקען אין אונצו־גענגליכע טיפען. ענדליך איז ער געזעסען מיט עלזאן ביים קליינעם טישעל, אויף וועלכען פאָטאָגראַפיען און ביכער זיינען געלעגען. אויך זי האָט צוערשט געשטעלט גלייכגילטיגע פראַגען, ווי אַלע אַנדערע. פּלוצלונג אָבער, גאַנץ אומגעריכט און אביסעל שטילער האָט זי גע־פרעגט:

— וואָס מאכט אייער קינד?

— מיין קינד?... — ער איז א ווײלע געווען אונענטשלאָסען.— זאָגט מיר, עלזא, פּארוואָס פרעגט איהר מיך אייגענטליך?... דאָס איז דאָך נאָר נייגעריגקייט.

— איהר האָט א טעות, געאָרג, — האָט זי געענטפּערט רוהיג און ערנסט, — ווי איהר האָט כמעט אלעמאָל אין מיר א טעות גע־האַט. איהר האַלט מיך פאר זעהר אויבערפלעכליך און בכלל פּאר גאָט ווייס וואָס. נו, עס האָט קיין זין ניט צו רעדען ווייטער וועגען דעם. אָבער יעדענפאַלס איז גאָר ניט אזוי זאָנדערבאר, וואָס איך פרעג וועגען קינד, איך וואָלט עס געוואָלט זעהן.

— איהר וואָלט עס געוואָלט זעהן? — ער איז געווען גע־ריהרט.

— יע. איך האָב אפילו געהאַט נאָך אן אנדער אידעע, וואָס וועט אייך מסתמא אויסווייזען גאָר משוגע.

— זאָגט, עלזא.

— איך האָב גערעכענט, אז מיר וואָלטען עס געקענט נעמען מיט זיך.

— ווער — מיר?

— דזשיימס און איך.

— אין ענגלאנד?

— ווער האָט אייך געזאָגט, אז מיר פאָהרען אין ענגלאנד? מיר בלייבען דאָ. מיר האָבען שוין גענומען א וואוינונג אין א קאטעדזש הינטער'ן שטאָדט. קיינער דארף דאָך ניט וויסען, אז דאָס איז אייער קינד.

— וואָס פאַר אַ ראָמאַנטישער געדאַנק!

— פאַרוואָס ראָמאַנטיש? אַנאַ קען עס דאָך ניט האָבען מיט זיך, און איהר דאַרף געווים ניט. וואו וועט עס זיין אין צייט פון פראָבען? אין סופליאַר קאַסטען אפשר?

געאָרג האָט געשמייכעלט.

— איהר זייט זעהר גוט, עלזאַ.

— איך בין גאָר ניט גוט. איך קלער נאָר, פאַרוואָס זאָל אַזאַ אונשולדיגע קליינע באַשעפעניש באַצאָהלען פאַר דעם... אָדער ליידען פאַר דעם... נו, איך וויל זאָגען, אַז ער איז דאָך ניט שולדיג, וואָס... נו, אַלץ איינס... איז דאָס אַ אינגעל?

— יע... געוועזען אַ אינגעל. — ער איז אנשווויגען געוואָרען און האָט דאַן שטיל געזאָגט: — ער איז דאָך געשטאָרבען.

— וואָס? אַך, יע, איהר ווילט זיך... באַשיצען פון מיין צודרינגליכקייט.

— עלזאַ, ווי קענט איהר דען... ניין, עלזאַ, אין אַזעלכע זאַכען זאָגט מען ניט קיין ליגען.

— איז דאָס אַן אמת? יע, ווי איז דען דאָס...

— ער איז געבאָרען געוואָרען אַ טויטער.

זי האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען.

— ניין, ווי שרעקליך! — זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — ווי שרעקליך! מיט אַמאָל האָט זי איצט מעהר גאָרנישט.

געאָרג האָט לייכט אַ ציטער געטאָן, האָט גאָרניט געקענט ענטפערען. ווי זיכער אַלע זיינען דאָס, אַז די געשיכטע מיט אַנאַ'ן איז געענדיגט! איהם אליין האָט עלזאַ גאָר ניט באַרויערט. זי האָט גאָר אפילו ניט פאַרדעכטיגט, ווי שרעקליך דער טויט פון דעם קינד האָט אייף איהם געווירקט. און ווי אַזוי האָט זי געקענט אריינקוקען אין זיין נשמה? וואָס האָט זי געוואוסט וועגען דער שעה, ווען דער גאָרטען האָט פאַר איהם פאַרלאָרען זיינע פאַרבען, דער הימעל — זיין ליכט, ווייל זיין שעהן קינד איז געלעגען אין צימער טויט?

פרוי עהרענבערג איז צוגעקומען. זי האָט אויסגעדריקט געאָרג'ן איהר באַזונדערע פרייד מיט זיין ערפאָלג. זי האָט איבריגענס קיינמאָל ניט געצווייפעלט אין דעם, אַז ער וועט זיך אַרויסווייזען, ווי נאָר ער וועט אריינפאַלען אין די פּאַסיגע אומגעבונג. זי איז געווען פעסט

איבערצייגט, אז אין דריי אָדער פינף יאָהר ארום וועט ער זיין קאַ־פעלמייסטער אין וויען. געאָרג האָט ניט געוואָלט הערען וועגען אזא מעגליכקייט. ער האָט פארלויפיג גאָרניט געקלערט וועגען אומקערען זיך אין וויען. ער האָט געפיהלט, אז אין דייטשלאנד ארבייט מען מעהר און ערנסטער. דאָ איז מען שטענדיג אין געפאהר זיך צו פער־לירען.

פרוי עהרענבערג האָט צוגעשטימט און האָט זיך בארופען אויף היינריך בערמאן, וואָס האָט אויפגעהערט שרייבען און באווייזט זיך איצט בכלל אין ערגעץ ניט.

געאָרג האָט איהם גענומען אונטער זיין שוץ און האָט זיך גע־פיהלט פארפליכטעט בעסטצושטעלען, אז היינריך ארבייט איצט פליי־סיגער ווי ווען עס איז פריהער. אָבער פרוי עהרענבערג האָט געהאַט נאָך אנדערע ביישפיעלען פון דעם פארדאָרבענדען איינפלוס פון דער וויענער לופט. פריהער פון אלץ נירענבערגער, וואָס האָט איצט, ווייזט אויס, איינגאנצען זיך אָפגעשלאָסען פון דער וועלט. און דאָס, וואָס איז געשעהן מיט אָסקאר׳ן... האָט דאָס דען געקענט געשעהן אין אַן אנ־דער שטאָדט, ניט אין וויען? וויים, אגב, געאָרג, אז אָסקאר פאָהרט ארום מיט דעם פרינץ פון גוואסטאלא? — זי האָט דאָס געזאָגט אין אזא טאָן, ווי דאָס וואָלט איהר אויסגעקומען ווי אַ גאַנץ געוועהנליכע זאך, אָבער געאָרג האָט קלאָר געזעהן, אז זי איז שטאָלץ מיט דעם, און אז ביי איהר איז ערגעץ פארבאָרגען דער געדאנק, אז אין אָסקאר׳ס לעבען האָט סוף כל סוף אלץ זיך דאָך געענדערט צום בעסערען.

ווען געאָרג האָט גערעדט מיט פרוי עהרענבערג, האָט ער פון צייט צו צייט באמערקט אויף איהם געווענדעטע בליקען פון עלזא׳ן, וואָס האָט זיך מיט דושיימס׳ן צוריקגעצויגען צום בויגען פענסטער; די דורכדרינגליכע, טרויעריגע בליקען האָבען אין איהם ארויסגערופען אַ שרעק. ער האָט זיך באלד געזעגענט, האָט געפיהלט דעם אומבאַ־גרייפליך קאלטען אויסדרוק פון עלזא׳ן, דעם גלייכגילטיג־ליעבליכען פון די אנדערע און איז אוועקגעגאנגען.

„ווי זאָנדערבאר! — האָט ער געקלערט אין עקיפאזש אויפ׳ן וועג צו היינריכ׳ן. — אנדערע האָבען אלץ געוואוסט וועגען איהם פריהער פון איהם אליין. וועגען זיין פארבינדונג מיט אנא׳ן האָט מען זיך דערוואוסט נאָך איידער זי האָט זיך אָנגעהויבען, און איצט האָט מען

שוין געוואוסט פריהער פון איהם, אַז אַלץ איז געענדיגט. איהם האָט זיך זעהר געוואָלט ווייזען זיי אַלעמען, אַז זיי האָבען אַ טעות. נאַטירליך, אין אַזעלכע זאַכען דאַרף מען זיך ווענִיגער פון אַלץ לאָזען באַאיינפלוסען פון איינגעשפּאַרטקייט. גוט, וואָס איצט וועלען קומען אַ פּאָר מאָנאַטען, אין וועלכע ער וועט קענען וועגען אַלץ זיך גוט איבערלעגען. פּאַר אַנאַ'ן וועט דאָס אויך זיין גוט. איהם האָט זיך דערמאָנט דער נעכטיגער שפּאַציר מיט איהר אין רעגען, איבער די פייכטע ברוינליכע גאַסען, און איז איהם אויסגעקומען עפּעס אַזוי אומאויסשפּרעכליך טרויעריג. אַך, יענע שעה'ן אין דעם הויכען צימער, וואוהין די קלאַנגען פון אַן אָרגעל זיינען אריינגעקומען דורך דעם וועליגען שנייפאָרהאַנג! וואו זיינען זיי! די און אַזוי פיעל אַנדערע וואונדערליכע שעה'ן, וואוהין זיינען זיי פאַרשוואונדען! ער האָט געזעהן אין פאָרשטעלונג זיך און אַנאַ'ן, אַ יונגע פּאָר אויף דער האָכצייט רייזע, וואַנדערענדיג דורך די גאַסען, וואו עס וועהט דער וואונדערליכער אָטעם פון דער פרעמד; איהם האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט די באַנאַלע האָטעל צימערען, וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט איהר נאָר אויף אַ קורצע צייט, און פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגען דער דופּט פון עראינערונג... דאַן האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט די געליעבטע אויף אַ ווייסער באַנק, אונטער שווערע צווייגען, מיט'ן הויכען שטערן, וואָס איז געווען באַלויכטען פון דעם פאָרפיהרערישען פאָרגעפיהל פון אַ מילדער מוטערשאַפט. און ענדליך איז זי געשטאַנען פאַר איהם מיט אַ בלאַט נאָטען אין דער האַנט, און ווייסע פאָרהאַנגען האָבען זיך שטיל באַוועגט אין דעם ווינט. און ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז געווען דערזעלביגער צימער, וואו זי האָט איצט געוואַרט אויף איהם, און אַז ניט מעהר ווי אַ יאָהר איז אַריבערגעגאַנגען, זינט יענער שפּעטער שעה אין זומער, ווען זי האָט צום ערשטען מאָל אונטער זיין באַגלייטונג געזונגען זיין ראָמאַנס, האָט ער שווער און כמעט מיט אַנגסט אויפגעאָטעמט אין ווינקעל פון עקיפּאַזש.

ווען נעאָרג איז אין עטליכע מינוט אַרום געשטאַנען ביי הײנריכ'ן אין צימער, האָט ער איהם געבעטען ניט אָנצונעמען דאָס פאַר אַ וויזיט. ער האָט איהם נאָר געוואָלט דריקען די האַנט, און מאָרגען פאַר מיטאָג, אויב הײנריך האָט גאָרנישט נעגען דעם, וועט ער מיט פאַרגניגען אַריינקומען איהם נעהמען אויף אַ שפּאַציר... יע, דאָס איז איהם איצט

איינגעפאַלען, אויף אַן אַפּשידס שפּאַציר אין וואַלד פון סאַלמאַנסדאָרף.

היינריך האָט איינגעשטימט און האָט איהם געבעטען זיצען ביי איהם נאָך עטליכע מינוט.

געאָרג האָט איהם אין שפּאַס געפרעגט, צי ער האָט זיך אָפּגע־רוהט נאָך זיין דורכפאַל אין דער פּריה.

היינריך האָט איהם אָנגעוויזען אויפ׳ן שרייבטיש, וואו בלעטער זיינען געלעגען צוואָוואָרפען, באַדעקט מיט אַ גרויסער, אויפגערעגטער האַנטשריפט.

— ווייסט איהר, וואָס דאָס איז? — האָט ער געפרעגט. — איך האָב זיך ווידער גענומען פאַר מיין עגידים׳ן. און גראָד פאַר אייער אַנקומען איז מיר איינגעפאַלען אַ מעגליכער סוף. אויב דאָס אינטע־רעסירט אייך, וועל איך אייך מאָרגען דערצעהלען וועגען דעם אויס־פיהרליכער.

— נאַטירליך, מיך אינטערעסירט דאָס זעהר. ווי גוט דאָס איז, וואָס איהר האָט זיך באַלד גענומען פאַר אַן אַנדער אַרבייט.

— יע, מיין ליעבער געאָרג, איך האָב ניט ליעב צו בלייבען איינ־זאַם. באַלד מוז איך מיר באַשאַפען אַ געזעלשאַפט נאָך מיין אויס־וואַהל... אַנדערש קען דאָך אַנקומען ווער עס וויל, און איך קען ניט רעדען מיט יעדען שאָטען.

געאָרג האָט דערצעהלט, אַז ער האָט באַזוכט לעאָ׳ן, און אַז לעאָ איז געוועזען אַזוי פרעהליך, ווי ער האָט קוים ערוואַרט איהם צו גע־פינען.

היינריך האָט זיך אָנגעלעהנט אויפ׳ן שרייבטיש, מיט די הענט אין די הויזען קעשענעס און דעם קאָפּ לייכט אַראָפּגעלאָזען; דער לאָמפּ אונטער׳ן אַבאַזשור האָט פון אונטען געצייכענט אונזיכערע שאָטענס אויף זיין געזיכט.

— פאַרוואָס האָט איהר ניט ערוואַרט צו געפינען איהם אַ פרעה־ליכען? מיר... וועניגסטענס, איך וואָלט אויך געוועזען פרעהליך אויף זיין אָרט.

געאָרג איז געזעסען אויף אַ לעהן זייט פון אַ שוואַרצען לעדערנעם פאָטעל, פאַרוואָרפען אַ פוס אויף אַ פוס, מיט הוט אוז שטעקען אין האַנט.

— אפשר זייט איהר גערעכט, — האָט ער געזאָגט, — אָבער איך

קען ניט באהאלטען פון אייך, אז ווען איך האב געזעהן זיין פרעהליך געזיכט, איז מיר אויסגעקומען זאנדערבאר צו דענקען, אז ער האט א מענשליך לעבען אויף זיין געוויסען.

— דאס הייסט, — האט היינריך געזאגט און האט גענומען געהן הין און צוריק איבער'ן צימער, — דאס איז איינער פון יענע פאלען, ווען דער צוזאמענהאנג צווישען אורזאך און פאלגע איז אזוי אויגענשיינליך, אז מען קען דא רוהיג זאגען: „ער האט ערמארדעט!" זעהט איהר דען אבער ניט איין, געארג, אז אזא אורטייל איז אביסעל אויבערפלעכליך? דארף מען דען זעהן, ווי דער קינזשאל האט א בליץ געטאן, הערען, ווי די קויל פייפט, צו פארשטעהן, אז א מארד איז געשעהן. איינער, וואס דערלאזט, אז א צווייטער זאל שטארבען, אונטערשיידט זיך ניט פון דעם מערדער מיט קיין אנדער זאך, ווי נאר מיט דעם, וואס ער איז פויל און פייג...

— מאכט איהר זיך פארוואורפען, היינריך? ווען איהר וואלט געוואוסט, אז אזוי ועט זיך ענדיגען, וואלט איהר דאך ניט דערלאזען, אז זי זאל שטארבען.

— אפשר. איך וויים ניט. אבער איינס קען איך אייך זאגען, געארג, ווען זי וואלט נאר געלעבט... דאס הייסט, ווען איך וואלט איהר פארגעבען, ווי איהר האט זיך עטליכע מאל אויסגעדריקט, וואלט איך מיר אויסגעקומען נאך שולדיגער ווי איצט. יע, יע, אזוי איז דאס. איך וועל פון אייך ניט באהאלטען, געארג, עס איז געוועז א נאכט... אפילו עטליכע נעכט, און מיך האט שרעקליך געמאטערט פיין, פארצוויפלונג... נו, אנדערע וואלטען דאס אנגערופען חרפה. דאס איז אבער געוועז ניט דאס. ביי אלע מיינע ליידען און פארצווייפלונג האב איך געוואוסט, אז אט דער טויט איז עפעס פארענדיגענדעס, עפעס, וואס מאכט שלום און רייניגט. ווען איך וואלט געוועז שוואך, אדער ווען מיין אייגענליעבע וואלט ניט געוועז אזוי גרויס... ווי איהר ווילט... ווען זי וואלט ווידער געווארען מיין געליעבטע, וואלט ארויסגעקומען עפעס ערגערס, ווי אט דער טויט, אפילו פאר איהר... עקעל און פיין, וואהנזיניגער צארן און האס וואלטען געקראכען ארום אונזער בעט... אונזערע עראינערונגען וואלטען איינע נאך דער אנדערער פארפוילט געווארען, און ביי א לעבעדיגען לייב וואלט די ליעבע אויסגעלאשען געווארען. דאס האט ניט געטארט זיין. א פארברעכען

וואָלט דאָס געווען, ווייטער צו ציהען די קראַנקע פאַרהעלטניס, וואָס איז פאַראורטיילט צום טויט, פונקט ווי עס איז אַ פאַרברעכען, — און אין דער צוקונפט וועט זיך דאָס אַזוי רעכענען, — ווייטער צו ציהען דאָס לעבען פון אַ מענשען, פאַר וועמען אַ פיינליכער טויט איז באַשטימט. דאָס וועט אייך זאָגען יעדער פאַרנינפטיגער אַרצט. און דעריבער בין איך זעהר ווייט פון דעם געדאַנק צו מאַכען זיך פאָר־וואורפען. איך וויל מיך אויך ניט פאַרענטפערען פאַר אייך אָדער פאַר וועמען ניט איז אויף דער וועלט, אָבער אַזוי איז דאָס: איך ק ע ן זיך ניט פיהלען שולדיג. עס איז מיר אַמאָל זעהר שווער, אָבער מיט דעם באַוואוסטזיין פון שולד האָט דאָס גאָרנישט צו טאָן.

— איהר זייט אַהין געפאָהרען? — האָט געאָרג געפרעגט.

— יע, איך בין געפאָהרען. איך בין אפילו געווען דערביי, ווען מען האָט דעם ארון אַריינגעלעגט אין קבר. יע. מיט דער מוטער צוזאַמען בין איך געפאָהרען.

ער איז געשטאַנען ביים פענסטער, אינגאַנצען אין שאָטען, און האָט אויפגעציטערט.

— ניין, איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסען. איבריגענס, דאָס איז אויך אַ ליגען, אַז מענשען קומען זיך צונויף אין אַ געמיינ־שאַפטליכען אומגליק. מענשען קומען זיך קיינמאָל ניט צוזאַמען, ווען זיי געהערען ניט איינער דעם אַנדערען. נאָך מעהר דערווייטערען זיי זיך אין שווערע שעה׳ן. די רייזע! ווען איך דערמאָן זיך נאָר! איך האָב, איבריגענס, כמעט די גאַנצע צייט געלעזען. עס איז פאַר מיר געווען אומערטרעגליך צו רעדען מיט דער נאַרישער אַלטער פרוי. מען האָסט דאָך קיינעם ניט מעהר, ווי אַ מענשען, צו וועמען מען איז גלייכ־גילטיג און וואָס פאָדערט צו זיך מיטלייד. מיר זיינען אויך געשטאַנען צוזאַמען ביי איהר קבר, די מוטער און איך. איך, די מוטער און אַ פאָר קאָמעדיאַנטען פון דעם קליינעם טעאַטער... און דאַן בין איך גע־זעסען מיט איהר אין אַ רעסטאָראַן נאָך דער לויה. סעודת אבלים זאַלבעצווייט. אַ שרעקליכע זאַך, זאָג איך אייך. און ווייסט איהר, וואו מען האָט זי באַגראָבען? ביי אייער לאַנדזעע, געאָרג. איך האָב אָפט זיך דערמאָנט אָן אייך. איהר ווייסט דאָך, וואו דער בית עולם איז? ביי אַ הונדערט טריט פון אוהאָף. פון דאָרטען עפענט זיך

אַ באַצויבערענדע אויסזיכט אויף דעם לאַנדזעע,געאָרג. דאָס איז אָבער נאָר וויכטיג פאַר לעבעדיגע.

געאָרג האָט דערפּיהלט אַ לייכטען שרעק. ער איז אויפגעשטאַנען.

— ליידער מוז איך אייך פאַרלאָזען, היינריך. מען וואַרט אויף מיר. איהר וועט מיר ענטשולדיגען.

היינריך איז אַרויסגעקומען צו איהם פון דער טולקעלקייט ביים פענסטער.

— איך דאַנק אייך זעהר פאַר אייער באַזוך. איז מאַרגען, אָפּגעמאַכט? איהר געהט דאָך איצט צו אַנאַ'ן? בעט איך אייך, גריסט זי הערצליך. איך האָב געהערט, אַז זי פיהלט זיך זעהר גוט. טערעזאַ האָט מיר דערצעהלט.

— יע, זי קוקט אוים אויסגעצייכענט. זי איז פאַלשטענדיג אויס־גערוהט.

— דאָס פרעהט מיך. איז מאָרגען, אָפּגעמאַכט? מיך פרעהט זעהר, וואָס איך וועל אייך נאָכאַמאָל קענען זעהן פאַר אייער אָפּפאָהרען. איהר דאַרפט מיר נאָך אַ סך זאַכען דערצעהלען. איך האָב דאָך ווידער גערעדט נאָר וועגען זיך.

געאָרג האָט אַ שמייכעל געטאָן. ער איז אַזוי געוועהנט געווען צו דעם אין די געשפּרעכען מיט היינריכ'ן.

— אויף ווידערזעהן! — האָט ער געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

אַ סך פון דעם, וואָס היינריך האָט געזאָגט, האָט נאָך געקלונגען אין זיינע אויערען, ווען ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין עקיפּאַזש. „מיר דאַרפען זעהן, ווי אַ קינזשאַל האָט אַ בליץ געטאָן, צו באַגרייפען, אַז אַ מאָרד איז געשעהן." געאָרג האָט געשפּירט, אַז פון דעם זין פון אָט די ווערטער האָט זיך געצויגען עפּעס אַ פאַרבאָרגענער, אָבער אַ לאַנג פאָראויסגעזעהענער צוזאַמענהאַנג מיט דער טעמפּער אומצופרידענהייט מיט זיך אַליין, וואָס ער האָט צייטענווייז געשפּירט אין זיין נשמה. ער האָט זיך דערמאָנט די שעה, ווען איהם האָט אויסגעוויזען, ווי אין הימעל וואָלט אָנגעגאַנגען אַ שפּיעל פאַר דאָס לעבען פון זיין נאָך ניט געבאָרענעם קינד, און איהם איז אויסגעקומען זאָנדערבאַר, וואָס אַנאַ האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען דעם טויט פון קינד, וואָס אפילו אין די בריף האָבען זיי אויסגעמידען יעדע אָנדייטונג ניט נאָר אויף דעם אומגליקליכען אויסגאַנג, נאָר אויף די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט

געטראָגען דאָס קינד אונטער איהר הארצען. דער עקיפּאַזש האָט זיך דערנעהנטערט צום ציעל. „פּאַרוואָס קלאַפּט אַזוי מיין הארץ? — האָט געאַרג געקלערט. — פון פרייד?... פון געוויסענסביסען?... פאַרוואָס זיינען זיי גראָד היינט אָנגעקומען? זי באַשולדיגט דאָך מיך ניט?... וואָס פאַר אַן אונזין! איך בין איינפאַך מיד און אויפגערעגט — דאָס אַלץ. איך האָב גאָר ניט געדאַרפט קומען אַהער. צו וואָס האָב איך געדאַרפט זעהן אָט די אַלע מענשען? איז מיר דען, ניט קוקענדיג אויף מיין גאַנצע בענקשאַפט, ניט געווען טויזענד מאָל בעסער אין דער קליינער שטאָדט, וואו אַ נייע לעבען האָט זיך אָנגעהויבען פאַר מיר?... איך וואָלט געקענט באַגעגנען זיך מיט אַנאַ'ן ערגעץ אויף אַן אַנדער אָרט. אפשר וועט זי פאָהרען מיט מיר?... דאַן קען סוף כל סוף נאָך אַלץ גוט ווערען. איז דען עפּעס שלעכט איצט?... זיינען אויך אונזערע באַציהונגען געוואָרען קראַנקהאַפט, און ווייטער זיי צו ציהען איז אַ פאַרברעכען?... דאָס וואָלט געקענט זיין אַ באַקוועמער אויסרייד".

ווען ער איז אַריינגעקומען צו די ראָזנערס, איז די מוטער געזעסען אַליין ביים טיש; זי האָט אויפגעהויבען די אויגען פון אַ בוך און האָט עס פאַרמאַכט. איבער'ן טיש האָט דער שיין פון אַ הענגלאָמפּ, וואָס האָט זיך לייכט געוויגט הין און הער, גלייכמעסיג באַלויכטען אַלע זייטען. יאָזעף איז אויפגעשטאַנען פון אַ דיוואַן. אַנאַ איז באַלד ארויסגעקומען פון איהר צימער, האָט געפיהרט מיטביידע הענט איבער איהרע הויך פאַרקעמטע, וועליגע האָר, האָט באַגריסט געאָרג'ן מיט אַ לייכטער פאַרנייגונג און האָט איהם אין דעם מאָמענט אויסגעוויזען גיכער ווי אַ שאָטען, איידער ווי אַ לעבעדיגע באַשעפעניש. געאָרג האָט אַלעמען געדריקט די האַנט און האָט נאָכגעפרעגט וועגען הערר ראָזנער'ס געזונט.

— איהם איז בעסער, אָבער אויפשטעהן איז איהם נאָך שווער,— האָט געזאָגט פרוי ראָזנער.

יאָזעף האָט זיך ענטשולדיגט, וואָס מען האָט איהם געפונען שלאָפענדיג אויפ'ן דיוואַן. ער האָט זיך געמוזט באַנוצען מיט זונטאָג, אום זיך אויסצורהען. זיין באַשעפטיגונג אין ציייטונג איז אַזאַ, אַז איהם קומט אמאָל אויס צו זיצען ביז דריי אַזייגער ביינאַכט.

— ער איז איצט זעהר פלייסיג, — האָט אויך די מוטער באַ־שטעטיגט.

— יע, — האָט יאָזעף באַשיידען געזאָגט, — ווען מען האָט ביז אַ געוויסען גראַד אַ ווירקונגס קרייז...

ער האָט נאָך צוגעגעבען, אַז דער „קריסטליכער פאָלקס קוריער" פאַרכאַפּט אַלע ברייטערע קרייזען און דרינגט אפילו אַריין אין דייטש־לאַנד. דאַן האָט ער זיך געווענדט צו געאָרג'ן מיט פראַגען וועגען דער נייער שטאָדט, האָט מיט דעם גרעסטען אינטערעס נאָכגעפרעגט וועגען דער באַפעלקערונגס צאָהל, דעם צושטאַנד פון די גאַסען, דער פערשפרייטונג פון וועלאָסיפּעד ספּאָרט און דער אומגעבונג פון שטאָדט.

פון איהר זייט האָט פרוי ראָזנער אָנגעפרעגט וועגען דעם רע־פּערטואַר. געאָרג האָט איבערגעגעבען די איינצעלהייטען, און באַלד האָט זיך פאַרבונדען אַן אַלגעמיינער געשפּרעך, אין וועלכען אַנאַ האָט זיך אויך באַטייליגט. געאָרג האָט זיך פלוצלונג דערפיהלט ווי אַ גאַסט אין אַ ליעבער בירגערליכער פאַמיליע, וואו די טאָכטער באַשעפטיגט זיך מיט מוזיק. דער געשפּרעך איז סוף כל סוף געקומען צו אַ פּונקט, ווען געאָרג האָט געפונען פאַר נויטיג צו בעטען די טאָכטער זינגען, און האָט געמוזט מאַכען אַן אָנשטרענגונג, צו דערמאָנען זיך, אַז דאָס איז דאָך אַנאַ, און אַז איהם ווילט זיך ווירקליך זי הערען.

יאָזעף האָט זיך ענטשולדיגט: די מיטגלידער פון זיין קלוב האָ־בען אויף איהם געוואַרט אין קאַפע...

— איהר געדענקט אפשר, הערר באַראָן... די פּרעהליכע קאָמפּאַניע אין די בערג?

— געוויס, — האָט געאָרג שמייכלענדיג געענטפערט. און ער האָט ציטירט די ווערטער פון אַ ליעד: „דער גאָט, וואָס האָט אונז באַשאַפען אייזען..."

— „האָט ניט געוואָלט קיין קנעכט", — האָט יאָזעף דערזאָגט.— איצט אָבער זינגען מיר דאָס שוין ניט. דאָס איז צו ענליך צו „וואַכט אַם רהיין", זאָל מען אונז ניט זאָגען, אַז מיר קוקען צו יענער זייט גרענעץ. אין קאָמיטעט ביי אונז זיינען וועגען דעם געוועזען הייסע דיספּוטען. איין הערר איז אפילו אַרויסגעטראָטען פון קאָ־

מיטעט. דאָס איז דער סעקרעטאַר אין דער קאַנצעלאַריע פון דאָקטאָר פוקס, דעם דייטש־נאַציאָנאַלען דעפּוטאַט. יע, אַלץ איז פּאָליטיק.

ער האָט צוגעווינקט, ווי וועלענדיג ווייזען, אַז ער נעמט אַליין ניט ערנסט אָט די גאַנצע קאָמעדיע, זינט ער האָט זיך נעהנטער צוגעקוקט צום מעכאַניזם פון געזעלשאַפטליכען לעבען. ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט דער קוים מעהר איבערראַשענדער באַמערקונג, אַז ער וואָלט בכלל געקענט עפּעס דערצעהלען, ווען ער וויל נאָר. פרוי ראָזנער האָט געפונען פאַר נויטיג צו געהן זעהן, וואָס איהר מאַן מאַכט.

געאָרג איז געזעסען אַנטקעגען אַנאַ'ן, אַליין מיט איהר, ביים רונדען טיש, אויף וועלכען עס איז געפאַלען דאָס ליכט פון דעם הענגלאָמפּ.

— איך דאַנק דיך פאַר די שעהנע רויזען, — האָט געזאָגט אַנאַ, — זיי זיינען דאָרט, אין מיין צימער.

זי האָט זיך אויפגעהויבען, און געאָרג איז איהר נאָכגעגאַנגען. ער האָט גאָר פאַרגעסען, אַז ער האָט איהר געשיקט רויזען. זיי זיינען געשטאַנען אין אַ הויכער וואַזע פאַר אַ שפּיגעל, טונקעל־רויטע, און האָבען זיך פאַרבלאָזן און טונקעל אָפּגעשפּיגעלט אין גלאָז. דאָס פּיאַנינאָ איז געווען אָפען, די נאָטען צולעגט, צוויי ליכט האָבען געברענט ביי די זייטען. אויסער דעם איז נאָר געווען דאָס ליכט, וואָס איז אַריינגעקומען דורך די האַלב אָפענע טיר פון דערבייאיגען צימער.

— האָסט געשפּיעלט, אַנאַ? — ער איז צוגעקומען נעהנטער. — דער גרעפּינ'ס אַריע? און האָסט געזונגען אויך?

— יע, איך האָב געפּרואווט.

— עס געהט?

— פאַר אַן אָנהויב... ניט שלעכט. מיר וועלען זעהן. אָבער פריהער פון אַלץ דערצעהל מיר, וואָס דו האָסט היינט אַ גאַנצען טאָג געטאָן.

— באַלד. מיר האָבען זיך נאָך אפילו ניט באַגריסט.

ער האָט זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן.

— דאָס איז שוין לאַנג ניט געווען, — האָט זי געזאָגט שמייכלענדיג און ניט קוקענדיג אויף איהם.

— נו, — האָט ער לעבהאַפטיג געפרעגט, — פאַהרסטו מיט מיר? אַנאַ איז געווען אומענטשלאָסען.

— אָבער ווי שטעלסטו זיך דאָס אייגענטליך פאָר?

— זעהר איינפאַך. מאָרגען נאָכמיטאָג וואָלטען מיר געקענט אוועקפאָהרען. אויסקלייבען אַן אָרט מעגסטו אַליין. רייכענאַו, זעמערינג, בריל, — וואוהין דו ווילסט... און איבערמאָרגען גאָר פריה וועל איך דיך אָפּפיהרען צוריק.

עפּעס האָט איהם געשטערט צו דערצעהלען וועגען דער דעפּעש, וואָס האָט איהם געגעבען גאַנצע דריי פרייע טעג.

אַנאַ האָט געקוקט פאַר זיך אין רוים.

— דאָס וואָלט געווען זעהר שעהן, — האָט זי געזאָגט שטיל, — אָבער דאָס איז כמעט אוממעגליך, געאָרג.

— צוליעב דעם פאָטער?

זי האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איהם איז דאָך אָבער בעסער?

— ניין, ער פיהלט זיך ניט גאָר גוט. ער איז אַזוי שוואַך. מען וועט מיר, נאַטירליך, ניט מאַכען קיין דירעקטען פאָרוואורף. אָבער איך... ק ע ן נ י ט איבערלאָזען איצט די מוטער אַליין צוליעב אַזא לוסטרייזע.

ער האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען, ווי אַביסעל באַליידיגט פון דעם עפּיטעט, וואָס זי האָט אויסגעקליבען.

— זאָג מיר אויפריכטיג, — האָט זי צוגעגעבען ווי אין שפּאַס, — איז דאָס פאַר דיר אַזוי וויכטיג?

ער האָט געשאָקעלט כמעט שמערצליך מיט'ן קאָפּ, האָט אָבער געפיהלט, אַז אפילו אָט דעם זשעסט האָט אויך געפעהלט אויפריכטיגקייט.

— איך פאַרשטעה דיך ניט, אַנאַ, — האָט ער דאַן געזאָגט שוואַכער, ווי ער האָט דאָס געוואָלט, — אַז עטליכע וואָכען פון צושיידונג, אַז... נו, איך ווייס ניט, ווי דאָס אָנצורופען... מיר זיינען דאָך געוואָרען ווי פרעמדע איינע דעם אַנדערען. דאָס בין א י ך דאָך, אַנאַ, א י ך בין דאָס דאָך... — האָט ער ווידערהאָלט העפטיג, אָבער מיד.

ער איז געזעסען אויפ'ן שטול ביים פּיאַנינאָ. אָננעמענדיג איהרע הענט, האָט ער זיי צוגעטראָגען צו די ליפּען צושטרייט און אַביסעל אויפגערעגט.

— נו, ווי איז געווען „טריסטאַן"? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט איהר אויספיהרליך דערצעהלט וועגען דער פאַרשטע־לונג, האָט ניט פאַרשוויגען זיין באזוך אין דער לאָזשע פון די עה־רענבערגס, האָט אויך דערצעהלט וועגען די אַלע אַנדערע מענשען, וועמען ער האָט געזעהן, און האָט איהר איבערגעגעבען היינריך בער־מאַנ'ס גרוס. דאַן האָט ער זי צוגעצויגען צו זיך אויף די קניה און האָט זי אַ קוש געטאָן. ווען ער האָט אויפגעהויבען זיין געזיכט, האָט ער דערזעהן, ווי טרערען רינען איבער איהרע באַקען. ער האָט געמאַכט אַן אַנשטעל, ווי ער וואָלט געווען ערשטוינט.

— וואָס איז מיט דיר, מיין טייערע?... פאַרוואָס... פאַרוואָס?...

זי איז אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, אָפּקע־רענדיג פון איהם איהר געזיכט. ער איז אויך אויפגעשטאַנען, איז עטליכע מאָל אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צימער, איז דאַן צוגעגאַנגען צו איהר נאָר נאָהנט און האָט גענומען ריידען איילענדיג און אויפגערעגט:

— אַנאַ! באַדענק דאָס נאָכאמאָל, אפשר קענסטו דאָך פאָהרען מיט מיר! אַלץ וואָלט דאָך געווען גאָר אַנדערש, ווי דאָ. מיר וואָל־טען זיך געקענט דורכרעדען. מיר דאַרפען דאָך אַרומרעדען אַזוי פיעל וויכטיגע זאַכען. אויסער דעם דאַרף איך האָבען דיין ראַט וועגען מיינע פּלענער פאַר'ן נעקסטען יאָהר. איך האָב דאָך דיר געשריבען. עס איז זעהר וואַרשיינליך, אַז די טעג ווען מען צושיקען אונטער־צושרייבען אַ קאָנטראַקט אויף דריי יאָהר.

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו ראַטען? — האָט זי געזאָגט. — דו וועסט אַליין בעסער וויסען, צי דו וועסט זיך דאָרט פיהלען גוט, צי ניט.

ער האָט גענומען דערצעהלען וועגען דעם ליעבענסווירדיגען און באַגאַבטען אינטענדאַנט, וואָס האָט, ווייזט אויס, געוואָלט איהם צו־ציהען ווי זיין מיטאַרבייטער; וועגען דעם סימפּאַטישען אַלטען קאַ־פּעלמייסטער, וואָס איז אַמאָל געווען זעהר באַריהמט; וועגען עפּעס אַ זעהר קליינעם אָפּערא אַרטיסט, וועמען מען האָט גערופען אַלעקסאַנ־דער דער גרויסער; וועגען דער יונגער זינגערין, מיט וועלכער ער האָט שטודירט די ראָל פון מיכאעלאַ, און וואָס איז געווען פאַרלאָבט מיט אַ בערלינער אַרצט; וועגען אַ טענאָר, וואָס איז שוין זיבען און צוואַנציג יאָהר אָפּגעווען אויף דער ביהנע און האָט שרעקליך געהאַסט וואַגנער'ן.

דאַן האָט ער גענומען רעדן וועגן זיינע אייגענע אויסזיכטן אין קינסטלערישער און מאַטעריעלער הינזיכט. ער וואָלט אָהן צווייפעל געקענט, בלייבענדיג אין קליינעם הויף טעאַטער, פאַרנעמען אַ גוטע געזיכערטע שטעל. פון דער אַנדער זייט, מוז מען אַ קלער טאָן, ווי געפעהרליך דאָס איז צו פאַרבינדען זיך אויף אַ צו לאַנגע צייט; די קאַריערע פון דעם אַלטען קאַפּעלמייסטער, וועגען וועמען ער האָט איהר דערצעהלט, איז געווען ניט נאָך זיין געשמאַק. אָבער עס פאַרשטעהט זיך... די טעמפּעראַמענטען זיינען פאַרשידען, און ער האָט פון זיין זייט זיך געהאַלטען פאַר געזיכערט קעגען אַזאַ שיקזאַל.

אַנאַ האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף איהם און האָט ענדליך געזאָגט אין אַ גוטמוטיג־שפּאָטישען טאָן, ווי זי וואָלט גערעדט צו אַ קינד:

— נײַן, ווי ער שטרענגט זיך דאָס אָן.

ער איז געווען ערשטוינט.

— וואָס הייסט דאָס, איך שטרענג זיך אָן?

— דו ביזט דאָך ניט פאַרפּליכטעט, געאָרג, מיר צו געבען וועלכע ניט איז ערקלערונגען.

— ערקלערונגען? דו ביזט אָבער ווירקליך... איך גיב דיר ניט קיין ערקלערונגען, אַנאַ. איך באַשרייב דיר נאָר, ווי איך לעב, און מיט וואָס פאַר מענשען איך האָב צו טאָן... ווייל איך ערלויב זיך צו האָפען, אַז דאָס אַלץ אינטערעסירט דיך; איך האָב דיר דאָס דערצעהלט, ווי איך האָב דיר דערצעהלט, וואו איך בין געווען נעכטען און היינט.

זי האָט געשוויגען. און געאָרג האָט ווידער דערפיהלט, אַז זי גלויבט איהם ניט, אַז זי האָט אַ רעכט איהם ניט צו גלויבען, אפילו ווען פון זיינע ליפּען רייסט זיך צופעליג אַראָפּ אַ וואָרט אמת. אַלערליי ווערטער האָבען זיך איהם געדרעהט אויפ׳ן צונג, ווערטער פון ער־נערניש, צאָרן, צערטליכקייט, אָבער יעדעס וואָרט האָט איהם אויס־געוויזען ווערטלאָז און לער. ער האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט זיך געזעצט צום פּיאַנינאָ און האָט שטיל גענומען אַקאָרדען. איצט האָט איהם ווידער אויסגעוויזען, אַז ער ליעבט זי, נאָר ער קען דאָס איהר ניט זאָגען, און אַז אַט די שעה פון ווידערזעהן נאָך אַ צושיידונג איז גאָר ניט אַזאַ, ווען זי וואָלט געווען אויף אַן אַנדער אָרט. ניט אין אַט דעם צימער, ניט אין אַט דער שטאָדט; אַם בעסטען וואָלט געווען

אויף אַן אָרט, וואָס איז זיי ביידען אומבאַקאַנט, אין אַ פרעמדער, נייער אומגעבונג. יע, דאַן אפשר וואָלט אַלץ ווידער געווען ווי פריהער. דאַן וואָלטען זיי זיך אפשר ווידער געוואָרפען אין די אָרעמס, ווי אַמאָל, אין בענקשאַפט און ליידענשאַפט. אַ געדאַנק איז איהם דורכגעלאָפען: „ווען איך וואָלט איהר איצט געזאָגט: „אַנאַ! דריי טעג און דריי נעכט געהערען אונז!" ווען איך וואָלט זי געבעטען... מיט די ריכטיגע ווערטער... אויף די קניה... ווען איך וואָלט זי געבעטען... „קום מיט מיר, קום!..." זי וואָלט לאַנג ניט געקענט ווידערשטעהן! זי וואָלט מיט מיר געגאַנגען"... ער האָט דאָס געוואוסט. פאַרוואָס זשע האָט ער ניט געזאָגט די ריכטיגע ווערטער? פאַרוואָס האָט ער זי ניט געבעטען? פאַרוואָס האָט ער געשוויגען, פאַרוואָס איז ער געזעסען אָפּגעקערט צום פּיאַנינאָ און האָט שטיל גענומען אַקאָרדען?... פאַרוואָס?... פּלוצלונג האָט ער דערפיהלט אויף זיין קאָפּ איהר ווייכע האַנט. זיינע פינגער האָבען זיך שווער געלעגט אויף די קלאַוויאַטור, עפּעס אַן אַקאָרד האָט נאָך אַלץ געקלונגען. ער האָט ניט געוואַגט זיך אומצוקערען און האָט געפיהלט, אַז זי ווייס דאָס... אָבער וואָס ווייס זי?... איז דאָס דען אמת?... יע... דאָס איז אמת. און ער האָט געקלערט וועגען יענער שעה, נאָך דער געבורט פון זיין טויטען קינד, ווען ער איז געזעסען אויף איהר בעט, און זי איז שווייגענדיג געלעגען, איהר בליק געווענדט אין דעם באַשאָטענטען גאָרטען... שוין אין יענער שעה האָט זי געוואוסט, פריהער פון איהם, אַז אַלץ איז געענדיגט. און ער האָט אויפגעהויבען די הענט פון פּיאַנינאָ, האָט אָנגענומען איהרע הענט, וואָס זיינען נאָך אַלץ געלעגען אויף זיין קאָפּ, האָט זיי צוגעטראָגען צו זיינע באַקען און האָט זי צוגעצויגען אַזוי, אַז זי איז געווען גאָר נאָהנט צו איהם און האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזען אויף זיינע קניה. און אין אַ שרעקעדיגען טאָן האָט ער ווידער גענומען רעדען:

— אַנאַ... אפשר... וואָלסטו זיך דאָך געקענט ענטשליסען... אפשר וואָלט מיר געלונגען... ווען איך וואָלט טעלעגראַפירט, צו פאַרלענגערען דעם אורלויב נאָך אויף עטליכע טעג. הער, אַנאַ... דאָס וואָלט דאָך געווען אַזוי גוט...

ערגעץ טיף אין זיין נשמה האָט זיך אויפגעהויבען אַ נייער געדאַנק: עס וואָלט ווירקליך געווען גוט אוועקצופאָהרען מיט איהר אויף עטליכע טעג און דאַן איהר עהרליך זאָגען: „אַלץ איז געענדיגט,

אנא! אָבער זאָל דער סוף פון אונזער ליעבע זיין שעהן, ווי איהר אָנהויב איז געווען שעהן... ניט מאט און טרויעריג, ווי איצט אין דעם הויז פון דיינע עלטערען"... „ווען איך וואָלט דאָס איהר עהרליך געזאָגט... ערגעץ אין דאָרף... וואָלט דאָס דען ניט געווען ווירדיגער אי פאר איהר, אי פאר מיר, אי פאר אונזער פארגאנגענעם גליק?" און קלערענדיג אזוי, איז ער געוואָרען צודרינגליכער, וואגענדער, כמעט ליידענשאפטליך... זיינע ווערטער האָבען ווידער געקלונגען, ווי אמאָל, לאנג, לאנג צוריק...

זיצענדיג אויף זיינע קניה און ארומנעמענדיג מיט די הענט זיין האלז, האָט זי שטיל געענטפערט:

— נאָכאמאָל, געאָרג, וועל איך דאָס ניט קענען איבערטראָגען.

ער וואָלט איהר געקענט זאָגען איין וואָרט, וואָס וואָלט באלד פארטריבען איהר גאנצען שרעק. אָבער ער האָט דאָס וואָרט צוריקגעהאלטען. ווייל ארויסגעזאָגט וואָלט דאָס דאָך געמיינט, אז ער וויל ווירקליך ווידער דורכלעבען מיט איהר עטליכע שעה'ן פון לוסט, אָבער ער איז ניט געניינט צו נעמען אויף זיך א וועלכע עס איז פארפליכטונג. ער האָט געפיהלט, אז עס איז פאראן איין מיטעל ניט צו באליידיגען זי. דאָס איז זאָגען: „ביזט מיינע אויף אייביג! דו זאָלסט האָבען פון מיר א קינד. אויף וויינאכטען, שפעטסטענס אויף פסח וועל איך דיך נעמען צו זיך, און מיר וועלען זיך שוין קיינמאָל מעהר ניט צושיידען". ער האָט געפיהלט, ווי זי האָט מיט דעם לעצטען שטראל פון האָפנונג געוואָרט אויף אָט די ווערטער, אליין כמעט ניט גלויבענדיג, אז ער וועט זיי ארויסברענגען. אָבער ער האָט געשוויגען. ווען ער וואָלט געזאָגט דאָס, וואָס זי האָט אזוי ליידענשאפטליך ערוואַרט, וואָלט ער זיך ווידער פארבונדען, און איצט האָט ער געוואוסט, און אזוי טיף, ווי נאָך קיינמאָל ניט פריהער, אז ער וויל זיין פריי.

זי איז נאָך אלץ געזעסען ביי איהם אויף די קניה, איהר באַק אויף זיין געזיכט; זיי האָבען לאנג געשוויגען און געוואוסט, אז דאָס איז געווען דער אָפשיד...

ענדליך האָט געאָרג געזאָגט ענטשלאָסען:

— אויב דו ווילסט ניט פאָהרען מיט מיר, אנא, וועל איך אוועקפאָהרען גלייך צוריק נאָך מאָרגען. און מיר וועלען זיך זעהן ווידער ערשט אין פריהלינג. ביז יענער צייט וועלען מיר ווידער מוזען זיך

צופרידענשטעלען מיט בריף. מעגליך אויף ווייהנאַכטען, אויב דאָס וועט זיין מעגליך...

זי איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ'ן פּיאַנינאָ.

— איז דען נאָך אַלעמען ניט בעסער, אַז מיר וועלען זיך זעהן ערשט נאָך פּסח?

— פאַרוואָס בעסער?

— ווייל צו יענער צייט וועט אַלץ ווערען נאָך קלערער.

ער האָט זי ניט געוואָלט פאַרשטעהן.

— דו רעדסט וועגען דעם קאָנטראַקט? אָבער מען וועט דאַרפען ענטשיידען שוין נעקסטע וואָך. זיי ווילען דאָך וויסען באַשטימט. פון דער אַנדער זייט, ווען איך וועל אפילו אונטערשרייבען אויף דריי יאָהר, און איך וועל באַקומען נייע שאַנסען, וועלען זיי דאָך מיך ניט האַלטען קעגען מיין ווילען. אָבער ביז איצט האָט מיר ווירקליך אויס־געוויזען, אַז מיין זיין אין דער קליינער שטאָדט איז פאַר מיר זעהר וויכטיג. נאָך קיינמאָל האָב איך ניט געקענט אַרבייטען אַזוי קאָנ־צענטרירט, ווי דאָרט. האָב איך דען דיר ניט געשריבען, אַז איך פלעג אַמאָל אָפּזיצען אין טעאַטער ביים שרייבטיש ביז דריי אַזייגער ביינאַכט. און אַכט אַזייגער פלעג איך שוין אויפשטעהן, אויסגעשלאָפען און פריש!

זי האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף איהם מיט אַ בליק, וואָס איז צו דערזעלבער צייט געווען אי טרויעריג, אי גוטמוטיג, און אין וועלכען ער האָט געלעזען אומצוטרוי. אָבער אַמאָל האָט זי דאָך אין איהם גע־גלויבט! ווי צוטרוייליך און צאַרט זי האָט איהם געזאָגט אין דער האַלב טונקעלקייט פון דער קירך: „איך וויל בעטען גאָט, אַז פון דיר זאָל אַרויסקומען אַ גרויסער קינסטלער". ווידער האָט איהם אויס־געוויזען, אַז זי האָט אויפגעהערט צו האַלטען פון איהם אַזוי פיעל ווי פריהער. ער האָט זיך דערפיהלט באַאונרוהיגט און האָט זי געפרעגט:

— דו וועסט דאָך ערלויבען צו שיקען דיר מיין וויאָלין סאָנאַטאַ, ווי נאָר זי וועט זיין פאַרטיג? דו ווייסט דאָך, אויף קיינעמס אורטייל פאַרלאָז איך זיך ניט אַזוי פיעל, ווי אויף דיינעם.

און ער האָט געקלערט: „ווען איך וואָלט זי געקענט אָנהאַלטען

ווי אַ פֿריינדין... אָדער ווידער געווינען... ווי אַ פֿריינדין... איז דאָס מעגליך?"

זי האָט געזאָגט:

— דו האָסט מיר אויסערדעם געשריבען וועגען איינינע פֿאַנטאַזיען פֿאַר קלאַוויר.

— דאָס איז אמת. אָבער זיי זיינען נאָך ניט אינגאַנצען פֿאַרטיג. אָבער איך האָב אַן אַנדער זאַך, וואָס איך... וואָס איך... — איהם איז אַליין אויסגעקומען נאַריש, וואָס ער האָט מורא דאָס ארויסצוזאָגען, — האָב קאָמפּאָנירט דעם זומער אויף דעם לאַנדזוטע, וואו די אָרימע פרוי, היינריכ'ס געליעבטע, האָט זיך דערטרונקען. קען איך... איך וועל דאָס דיר פֿאָרשפּיעלען זעהר שטיל, ווילסט?

זי האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט פֿאַרמאַכט די טיר. און ווען ער האָט אָנגעהויבען, איז זי געשטאַנען הינטער איהם, ניט ריהרענדיג זיך פֿון אָרט...

און ער האָט געשפּיעלט. ער האָט געשפּיעלט די קליינע, ליידענשאַפֿטליך־טרויעריגע זאַך, וואָס ער האָט קאָמפּאָנירט אויף זיין לאַנדזעע, ווען ער האָט אינגאַנצען פֿאַרגעסען אָן אַנאַ'ן און דאָס קינד. ער האָט זיך דערפֿיהלט זעהר ערלייכטערט, וואָס ער קען דאָס איהר פֿאָרשפּיעלען. זי מוז דאָך פֿאַרשטעהן, וואָס די טענער רעדען צו איהר. עס איז דאָך ניט מעגליך, אַז זי זאָל ניט פֿאַרשטעהן. ער האָט זיך אַליין געהערט אין די טענער. איהם האָט אפילו אויסגעוויזען, אַז ער האָט נאָר איצט פֿאַרשטאַנען זיך אַליין... „אדיע, געליעבטע, אדיע! שעהן איז דאָס געווען, און איצט איז דאָס געענדיגט... אדיע, געליעבטע... וואָס איז אונז באַשערט געווען דורכצולעבען צוזאַמען, האָבען מיר דורכגעלעבט. און וואָס עס זאָל איצט ניט קומען, פֿאַר דיר און פֿאַר מיר, וועלען מיר איינער דעם אַנדערען ניט פֿאַרגעסען. איצט געהט מיין לעבען אויף אַן אַנדער וועג... און דיינס אויך. דאָס מוז זיין געענדיגט. איך האָב דיך געליעבט. איך קוש דיינע אויגען... איך דאַנק דיר, דו גוטע, מילדע, שוויינענדע. אדיע, געליעבטע... אדיע..." די טענער האָבען פֿאַרקלונגען. ער האָט ניט אויפגעהויבען זיין בליק פֿון דער קלאַוויאַטור, ווען ער האָט געשפּיעלט; איצט האָט ער זיך לאַנגזאַם אומגעקערט צו איהר. אַן ערנסטע, מיט לייכט צי־

טערענדע ליפּען, איז זי געשטאַנען הינטער איהם. ער האָט אָנגעכאַפּט איהרע הענט און זיי געקושט.

— אַנאַ... אַנאַ !... — האָט ער אויסגערופען. ער האָט געפיהלט, ווי זיין הארץ וועט איהם באַלד פּלאַצען.

— פאַרגעס מיך ניט אינגאַנצען, — האָט זי שטיל געזאָגט.

— איך וועל דיר שרייבען באַלד נאָך מיין אָנקומען אַהין.

זי האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און דו אויך, אַנאַ... און אַלץ... פאַרשטעהסט ?

זי האָט ווידער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און... און... מאָרגען אין דער פריה וועל איך דיך ווידער זעהן.

זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין. ער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערען, ווי פאַרוואונדערט, ווי עס וואָלט דאָך געווען זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז ער מוז זי זעהן נאָך איין מאָל פאַר'ן אָפּפאָהרען. זי האָט לייכט אויפגעהויבען די האַנט, ווי בעטענדיג איהם, ער זאָל שווייגען. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זי צוגעדריקט צו זיך, אַ קוש געטאָן איהרע ליפּען, וואָס זיינען געבליבען קאַלט און האָבען ניט גע־ענטפערט אויף זיין קוש, און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. זי איז געבליבען שטעהן אויף איהר אָרט, מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט, צוגע־מאַכטע אויגען... ער איז האַסטיג אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ. אונטען אין גאַס האָט ער פּלוצלונג דערפיהלט, אַז ער מוז נאָכאַמאָל אַרויפגעהן און איהר זאָגען : „דאָס איז דאָך אַלץ ניט אמת ! דאָס איז ניט דער אָפּשיד. איך ליעב דאָך דיך. איך בין דיינער. דאָס קען דאָך ניט זיין דער סוף !...“

אָבער ער האָט געפיהלט, אַז ער קען דאָס ניט טאָן. ניט איצט. אפשר מאָרגען. פון היינט אָוועגט ביז מאָרגען אין דער פריה וועט זי פון איהם ניט פאַרשווינדען... און ער האָט גענומען איילענדיג געהן אַהין אַ ציעל דורך די לערע גאַסען, ווי לייכט באַרוישט פון פיין און פון פרייהייט. איהם האָט געפרעהט, וואָס ער האָט מיט קיינעם ניט אָפּגערעדט צו טרעפען זיך און האָט געקענט בלייבען אַליין. ערגעץ הינטער דער שטאָדט, אין אַ נידריגען, אַלטען, פאַררויכערטען רעסטאָ־ראַן, וואו ביי די דערבייאיגע טישען זיינען געזעסען מענשען פון אַן אַנדער וועלט, האָט ער אין שטילען ווינקעל געגעסען זיין אָוונט־ברויט, און איהם האָט אויסגעוויזען, ווי ער וואָלט געווען אין אַ פרעמ־

דער שטאָדט: איינזאַם, אַביסעל שטאָלץ מיט זיין איינזאַמקייט און אַביסעל דערשראָקען פון זיין שטאָלץ...

אויף מאָרגען אַרום מיטאָגצייט איז געאָרג געגאַנגען מיט היינ־ריכ׳ן דורך די אַלעען פון דאָרנבאַכער פּאַרק. די לופט אַרום זיי איז געווען שווער אָנגעפּילט מיט אַ דינעם נעבעל, די דורכגענעצטע בלע־טער האָבען געראַושט און געגליטשט אונטער די פיס, און פון צווישען די ביימער האָט דורכגעלויכטען דערזעלביגער וועג, אויף וועלכען זיי זיינען מיט אַ יאָהר צוריק געגאַנגען אַנטקעגען די רויטליך־געלע בערג־לאַך. די צוויי האָבען זיך ניט געריהרט, ווי צוגעדריקט פון דער ווייטער היץ פון דער זון, וואָס איז געווען באַהאַלטען הינטער דעם גרויען פאַרהאַנג.

היינריך האָט געהאַלטען אין דערצעהלען דעם סוף פון זיין דראַמאַ, וואָס איז איהם נעכטען איינגעפאַלען. עגידיוס איז צוגעקומען צום אינזעל, גרייט נאָך אַ וואָך פאַהרען אַנטקעגען דעם טויט זיך אונטער־צוגעבען זיין שיקזאַל, וואָס איז איהם פאָראויס אָנגעזאָגט געוואָרען. דער פירשט שענקט איהם דאָס לעבען; עגידיוס נעמט ניט אָן זיין געשאַנק און וואַרפט זיך אַראָפּ פון אַ פעלז אין ים.

געאָרג איז ניט געווען צופרידען.

— פאַרוואָס מוז עגידיוס שטאַרבען?

איהם איז דאָס אויסגעקומען אומנאַטירליך.

היינריך האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מען דאַרף דאָ נאָך ער־קלערען.

— ווי אַזוי קען ער דען בלייבען לעבען? — האָט ער אויסגע־רופען. — ער איז געווען פאַראורטיילט צום טויט. מיט דעם אייביגען געדאַנק וועגען דעם סוף איז ער געווען דער אומבאַגרענצטער הערשער אויפ׳ן שיף, דער געליעבטער פון דער פרינצעסין, דער פריינד פון די ווייזע, די זינגער, די אַסטראַלאָגען; מיט דערזעלביגער זיכערהייט אין דער נאָהנטקייט פון סוף האָט ער דורכגעלעבט די שעהנסטע טעג, וואָס זיינען ווען עס איז אויסגעפאַלען אויף אַ מענשענס שיקזאַל. אַט דאָס גאַנצע רייכטום וואָלט, אַזוי צו זאָגען, פאַרלאָרען יעדען זין, די הויכע און ווירדיגע ערוואַרטונג פון דעם לעצטען אויגענבליק וואָלט גע־מוזט זיך פאַרוואַנדלען אין עגידיוס׳עס עראינערונג אין אַ לעבערליכען

שרעק פאר׳ן טויט, ווען די גאנצע רייזע אנטקעגען טויט זאָל זיך ארויס־שטעלען ווי א ביליגער וויץ. דעריבער מוז ער שטאַרבען.

— און איהר האַלט דאָס פאר ווארשיינליך? — האָט גע־פרעגט געאָרג מיט נאָך א שטארקערען צווייפעל, ווי פריהער. — איך — ניט, איך קען מיר ניט העלפען.

—דאָס מאַכט ניט אויס, — האָט היינריך געענטפערט. — ווען אייך וואָלט דאָס שוין איצט אויסגעוויזען ווי א ווארשיינליכקייט, וואָלט געווען צו לייכט צו שרייבען. אָבער ווען די לעצטע זילבע פון מיין דראמא וועט אויפגעשריבען ווערען, וועט דאָס שוין זיין ווארשיינליך. אָדער...

ער האָט מעהר גאָרנישט געזאָגט. זיי האָבען זיך אראָפגעלאָזען אויף א לאָנקע, און באַלד האָט זיך ביי זייערע פיס אויסגעשפּרייט א גוט בעקאַנטער טאָל. רעכטס, אויף דער זייט פון בערגעל, האָט געשימערט דער וועג פון די זומערדיגע לאָנקעס. אויף דער אַנ־דערער זייט, הארט ביים וואלד, האָט זיך געזעהן דער געל געפאַרב־טער גאסט־הויף מיט דער רויטער הילצערנער טעראַסע, און ניט וויית פון איהר — דאָס קליינע הויז מיט דעם טונקעל־גרויען פראָנ־טאָן. אין דעם אונזיכערען נעבעל האָט זיך געפיהלט די שטאָדט, נאָך ווייטער האָט זיך דער טאָל געהויבען ארויף, און גאָר וויית האָבען געשימערט די בלייבע ליניען פון די בערג. איצט איז גע־בליבען דורכצוגעהן א ברייטען שאָסע, און א פעלד האָט געפיהרט פאַרביי לאָנקעס און פעלדער אראָב־צו. וויית אָפּגערוקט צוביידע זייטען איז געשטאַנען דער וואלד.

געאָרג האָט געהאַט א פאָרגעפיהל פון דער בענקשאַפט, וואָס וועט ערוואַכען אין איהם, אפשר איבער א יאָהר, אפשר מאָרגען, נאָך אָט דעם פעיזאַזש, וואָס האָט אויפגעהערט צו זיין זיין היימאַט.

ענדליך האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט ביים קליינעם הויז מיט דעם פראָנטאָן, אויף וועלכען געאָרג האָט געוואָלט א קוק טאָן צום לעצטען מאָל. טיר און פענסטער זיינען געווען פארשלאָגען מיט ברעטער; באווינטיגט און ווי אַלט געוואָרען פאר דער צייט, איז עס געשטאַנען און האָט גאָרנישט געוואָלט וויסען וועגען דער וועלט.

— נו, איצט דאַרף מען זיך זעגענען, — האָט געאָרג געזאָגט אין א לייכטען טאָן.

זיין בליק איז געפאַלן אויף די ליימענע פיגור צווישן די אָפּ־געבליהטע ביימער.

— קאַמיש, — האָט ער געזאָגט, — וואָס איך האָב אַלעמאָל אָנגענומען אָט דעם בלויען אינגל פאַר אַ מלאך. דאָס הייסט, איך האָב איהם, אייגענטליך, אַזוי גערופען; ווייל איך האָב אַלעמאָל גע־וואוסט, ווי ער זעהט אויס, האָב געוואוסט, אַז דאָס איז אַ אינגעל מיט לאָקען, אַ באָרוויסער, אין אַ רעקעל און אַ גאַרטעל.

— און אין אַ יאָהר אַרום, — האָט היינריך געזאָגט, — וואָלט איהר געקענט שווערען, אַז דער בלויער אינגעל האָט געהאַט פליגלען.

געאָרג האָט געוואָרפען אַ בליק אַרויף צו דער מאַנסאַרדע. איהם האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועט ווער עס איז אַרויסקומען אויף'ן באַלקאָן. אפשר לאַבינסקי, וואָס האָט זיך שוין מעהר ניט געוויזען פון יענעם חלום אָן? אָדער ער אַליין, געאָרג ווערגענטין פון אַמאָל, געאָרג פון דער זומערדיגער צייט, וואָס האָט דאָרט אויבען געוואוינט? נאַרישע געדאַנקען! אן ענטטוישטער האָט געאָרג זיך אָפּגערוקט.

— קומט, — האָט ער געזאָגט צו היינריכ'ן. זיי זיינען געגאַנגען אויף דער גאַס צום וועג פון די זומערדיגע לאָנקעס.

— ווי וואַרים דאָס איז געוואָרען! — האָט געזאָגט היינריך, האָט אַראָפּגענומען דעם מאַנטעל און פון געוואוינהייט איהם אַריבער־געוואָרפען איבער'ן אַקסעל.

אין געאָרג'ס נשמה איז נאָר געווען עפּעס אַ לערע, אַביסעל טרו־קענע עראינערונג. ער האָט זיך אומגעקערט צו היינריך'ן:

— איך וועל דאָס איידך בעסער איצט זאָגען. ביי מיר מיט אַנאַ'ן איז אַלץ געענדיגט.

היינריך האָט שנעל אַ קוק געטאָן אויף איהם פון דער זייט. ער איז ניט געווען באַזונדערס שטאַרק איבעראַשט.

— אָבער, — האָט אין אַ שוואַכען פאַרזוך צו שפּאַסען צוגע־געבען געאָרג, — איך בעט אייך זעהר ניט קלערען דערביי וועגען דעם אינגעל, וואָס איז עהנליך צו אַ מלאך.

היינריך האָט ערנסט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אַ דאַנק. די פּאַבעל וועגען דעם בלויען מלאך קענט איהר ווידמען נירענבערגער'ן.

— ער איז דאָך ווידער גערעכט, — האָט געזאָגט געאָרג.

— ער איז אַלעמאָל גערעכט, ליעבער געאָרג. מען קען זיך דאָך קיינמאָל ניט אָפּנאַרען, ווען מען גלויבט ניט קיין זאַך אויף דער וועלט, אַפילו ניט דעם אייגענעם אונצוטרוי. אפילו ווען איהר וואָלט געהייראַט מיט אַנאַ'ן, וואָלט ער אויך געווען גערעכט... אָדער, ווענינגסטענס, אַזוי וואָלט אייך אויסגעוויזען. יעדענפאַלס גלויב איך... איהר וועט מיר דאָס ערלויבען אַרויסצוזאָגען ?... גוט, וואָס דאָס האָט זיך געענדיגט.

— גוט ? פאַר מיר געוויס, — האָט געענטפערט געאָרג מיט אַבזיכטליכער שאַרפקייט, ווי ניט האָבענדיג דעם מינדסטען פאַרלאַנג שעהנער אַרויסצושטעלען זיין האַנדלונג. — אין אייער זין, היינריך, איז דאָס אפשר געווען מיין פליכט צו זיך אַליין צו מאַכען אַ סוף.

— אויסערדעם איז דאָס נאָך געווען אייער פליכט צו אַנאַ'ן.

— נו, דאָס בלייבט נאָך צו זעהן. ווער ווייס, צי איך האָב זי ניט אַראָפּגעפיהרט פון איהר וועג.

— פון איהר וועג ?

— איהר געדענקט, לעאָ גאָלאַווסקי האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַנאַ'ן איז בעשערט צו ענדיגען אין בירגערליכקייט.

— איהר מיינט, געאָרג, אַז איהר הייראַט מיט אייך וואָלט גע־ווען עפּעס בירגערליכס ? אַנאַ איז אפשר באַשאַפען געוואָרען צו ווערען אייער געליעבטע, ניט אייער פרוי. ווער ווייס, אפשר וועט דער, וואָס וועט ווען עס איז הייראַטען מיט איהר, האָבען אַלע גרונדען צו זיין אייך דאַנקבאַר, ווען די מענער וואָלטען נאָר ניט געווען אַזוי שרעקליך נאַריש. ריינע עראינערונגען בלייבען ביי מענשען נאָר דאַן, ווען זיי האָבען עפּעס איבערגעלעבט. ביי פרויען, פּונקט ווי ביי אונז.

זיי זיינען ווייטער געגאַנגען אויפ'ן וועג פון די זומערדיגע לאַנ־קעס אין דער ריכטונג פון שטאָדט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון דעם גרויען נעבעל, און האָבען זיך דערנעהנטערט צום בית עולם.

— איז פאַראַן עפּעס אַ זין, — האָט געאָרג אונענטשלאָסען גע־פרעגט, — צו געהן אויפ'ן קבר פון אַ באַשעפעניש, וואָס האָט קיינ־מאָל ניט געלעבט ?

— דאָרט ליגט אייער קינד ?

געאָרג האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. זיין קינד ! ווי זאָנדער־באַר דאָס וואָרט האָט אַלעמאָל געקלונגען !

זיי זיינען געגאַנגען אין דער לענג פון דעם ברוינעם הילצערנעם פּלויט, פון איבער וועלכען עס האָבען זיך געזעהן דענקמאָלען און צלמים, צום אריינגאַנג ביי דער נידריגער ציגעלנער וואַנט. אַ וועכ־טער, וועמען זיי האָבען אָנגעפרעגט, האָט זיי געוויזען אויפ'ן מי־טעלסטען וועג, וואָס איז געווען באַפּלאַנצט מיט ווערבעס. אויף אַ לאַנקע, הארט ביים פּאַרקאַן, אויף נידריגע, ווי צום שפּיעל אויפגע־וואָרפענע בערגלאך, האָבען אין אַ רייהע געשטעקט אין דער ערד אָוואַלע ברעטלאך, יעדעס מיט צוויי קורצע פיסלאך. דאָס בערגעל, וואָס גע־אָרג האָט געזוכט, איז געווען אינמיטען לאַנקע. טונקעל רויטע רויזען זיינען אויף איהם געלעגען. געאָרג האָט זיי דערקענט. זיין הארץ האָט אויפגעהערט קלאַפּען.

„ווי גוט דאָס איז, האָט ער געקלערט, וואָס מיר האָבען זיך דאָ ניט באַגעגענט. האָט זי אפשר אויף דעם געהאַפּט?"

— דאָרט, וואו די רויזען ליגען? — האָט היינריך געפרעגט.

געאָרג האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

זיי זיינען אַ ווײַלע געשטאַנען און געשוויגען.

— ניט אמת, — האָט היינריך דאַן געפרעגט, — וועגען דער מעגליכקייט פון אַזאַ אויסגאַנג האָט איהר פאַר דער גאַנצער צייט קיינמאָל ניט געקלערט?

— קיינמאָל ניט? איך ווייס ניט. אַלערליי מעגליכקייטען קומען דאָך אויפ'ן זין. אָבער ערנסט האָב איך, נאַטירליך, קיינמאָל וועגען דעם ניט געקלערט. און צוליעב וואָס וואָלט איך דאָס גע־קלערט?

ער האָט איצט שוין ניט צום ערשטען מאָל דערצעהלט היינריך'ן, ווי דער פּראָפעסאָר האָט ערקלערט דעם טויט פון דעם קינד. דאָס איז געווען אַן אונגליקספאַל, פון וועלכען עס קומען אום פון איינעם ביז צוויי פּראָצענט פון די נייגעבאָרענע. פאַרוואָס אַזאַ פאַל האָט גראָד דאָ געמוזט זיין, דאָס, פאַרשטעהט זיך, האָט דער פּראָפעסאָר ניט געקענט זאָגען. אָבער איז דען ניט צופאַל נאָר אַ וואָרט? האָט דען דער צופאַל אויך ניט זיינע אורזאַכען?...

היינריך האָט געצויגען מיט די אַקסלען.

— נאַטירליך... איין אורזאַך קומט נאָך דער אַנדערער, און דער לעצטער גרונד איז אין דער ערשטער אורזאַך. מיר וואָלטען, נאַ־

טירליך, געקענט שטערן די אזוי גערופענע צופאלן, ווען מיר וואלטן געווען מעהר ווייטזיכטיג, וויסענד און מעכטיג. ווער ווייס, צי מען וואלט אין א געוויסען מאמענט ניט געקענט אפּווענדען דעם טויט פון אייער קינד?

— און דאס איז אפשר געווען אין מיין מאכט? — האט געארג לאנגזאם געזאגט.

— דאס פערשטעה איך ניט. זיינען דען געווען עפּעס ציי־כענס, אדער...

געארג איז געשטאנען, קוקענדיג מיט א שטארען בליק אויף דאס קליינע בערגעל.

— איך האב אייך געוואלט עפּעס פרעגען, היינריך, אבער לאכט מיך ניט אויס. האלט איהר דאס פאר מעגליך, אז א ניט געבארען קינד זאל שטארבען פון דעם, וואס מען וויל עס ניט האבען אזוי ליידענשאפטליך, ווי מען וואלט געדארפט, דאס הייסט, פון ווייניג ליעבע?

היינריך האט איהם ארויפגעלייגט די האנט אויפ׳ן אקסעל.

— געארג, ווי זייט איהר, אזא פארנינפטיגער מענש, דערגאנגען צו אזעלכע מעטאפיזישע פאנטאזיען?

— רופט דאס אן ווי איהר ווילט, מעטאפיזישע פאנטאזיען אדער איינפאך נארישקייטען, אבער פון א געוויסער צייט אן קען איך זיך ניט באפרייען פון דעם געדאנק, אז טיילוויוז בין איך אליין שולדיג אין אט דעם אויסגאנג.

— איהר?

— ווען איך האב פריהער געזאגט, אז איך האב ניט גענוג ליידענשאפטליך געוואלט האבען דאס קינד, האב איך זיך אויסגע־דריקט ניט ריכטיג. דער אמת איז, אז איך האב די לעצטע צייט פאר זיין געבורט גאר אן איהם פארגעסען. אנדערש קען איך דאס ניט אנרופען. איך האב, פארשטעהט זיך, געוואוסט, וואס מיר איז פארגעשטאנען, אבער דאס האט, אזוי צו זאגען, מיך ניט אנגעריהרט. נאר אפּט, און באזונדערס זומער, אויפ׳ן לאנדזעע, אויף מיין לאנד־זעע, ווי איהר רופט עס... דארט בין איך ווי... איך האב דארט איינ־פאך פארגעסען, אז ביי מיר דארף געבארען ווערען א קינד.

— מען האט מיר עפּעס דערצעהלט, — האט געזאגט היינריך.

גערג האט א קוק געטאן אויף איהם.

— נו, ווייסט איהר, וואס איך מיין. איך בין געווען עפעס אזוי אונהיימליך ווייט ניט נאר פון מיין קינד, וואס איז נאך ניט געבאָרען געווארען, נאר אויך פון דער מוטער. ביים בעסטען ווילען וואלט איך אייך אפילו ניט געקענט ערקלערען דאס זאנדערבארע געפיהל פון פרעמדקייט. איך קען דאס איצט אליין ניט בעגרייפען. און עס זיינען פאראן מאמענטען, ווען איך קען זיך ניט באפרייען פון דעם געדאנק, אז צווישען יענעם פערגעסען און דעם טויט פון מיין קינד איז פאראן עפעס א צוזאמענהאנג. און איהר האלט דאס פאר נאר אוממעגליך?

אויף היינריך׳ס שטערן האבען זיך באוויזען טיפע קנייטשען.

— נאר אוממעגליך, דאס קען מען ניט זאגען. די ווארצלען פון אלץ געהען אזוי טיף, אז אפטמאל קען מען צו זיי ניט דערגעהן. יע, אפשר איז אזא צוזאמענהאנג מעגליך. אבער יעדענפאלס... ניט פאר אייך, געארג! פאר אייך האבען אזעלכע צוזאמענהאנגען קיין באדייטונג ניט, אפילו ווען זיי עקזיסטירען.

— פארוואס?

דער גאנצער איינפאל, וואס איהר האט דא ארויסגעזאגט, פאסט ניט צו אייך. ער קומט ניט פון אייער נשמה. קיינמאל אין לעבען וואלט אייך אזא זאך ניט געקומען אויפ׳ן זין, ווען איהר וואלט זיך ניט געזעהן אפט מיט אזא מענשען, ווי איך, און ווען איהר וואלט אמאל ניט געהאט די געוואוינהייט צו דענקען ניט אייערע געדאנקען, נאר די געדאנקען פון מענשען, וואל זיינען שטארקער, אדער אפילו שוואכער פון אייך. און איך פארזיכער אייך: וואס איהר זאלט דארט ניט האבען דורכגעלעבט אויפ׳ן לאנדזועג, אויף אייער... לאנדזעג... האט איהר מיט דעם אויף זיך קיין אזוי גערופענע שולד ניט גענומען. ביי אן אנדער מענשען וואלט דאס אפשר געווען א שולד. אבער ביי אייך, א מענשען, וואס איז פון דער נאטור, — איהר וועט מיר מוזען מוחל זיין, — גענוג לייכטזיניג און אביסעל געוויסענלאָז, איז דאס קיין שולד, נאטירליך, ניט געווען. ווייסט איהר וואס? איהר פיהלט זיך, איינגענטליך, גאר ניט שולדיג; דאס אומאנגענעמע געפיהל, וואס איהר האט איצט, קומט נאר פון דעם, וואס איהר האלט פאר אייער פליכט צו פיהלען זיך שולדיג. זעהט איהר, ווען איך

וואָלט איבערגעלעבט עפּעס עהנליכס צו אייער אוואַנטור, וואָלט איך אפשר געווען שולדיג, ווייל איך וואָלט זיך אפשר ווירקליך געפיהלט שולדיג.

— איז וואָלט איהר, היינריך, זיך געפיהלט שולדיג אויף מיין אָרט?

— און אפשר ניט. ווער ווייס? איהר קלערט מסתמא וועגען דעם, וואָס איך האָב דאָ ניט לאַנג דירעקט געטריבען אַ מענשען צום טויט און דאָך פיהל איך זיך, אַזוי צו זאָגען, ניט שולדיג?

— יע, וועגען דעם האָב איך געקלערט. און דעריבער פאַרשטעה איך ניט...

היינריך האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען.

,— יע, איך האָב זיך געפיהלט ניט שולדיג. ערגעץ דאָרט אין דער נשמה האָב איך זיך געפיהלט שולדיג... און דאַן נאָך טיפער — אונ־שולדיג; אַלעמאָל הענגט אַלץ אָפּ פון דעם, ווי טיף מיר קוקען אין זיך אריין. און ווען ליכט זאָל אָנגעצונדען ווערען מיט אמאָל אין אַלע עטאַזשען, זיינען מיר דאָך אַלץ מיט אמאָל: שולדיג און אומ־שולדיג, פייגלינגען און העלדען, נאַרען און חכמים... „מיר" — דאָס איז שוין אפשר אַ צו אַלגעמיינער אויסדרוק. ביי אייך, צום ביי־שפּיעל, געאָרג, קומט דאָס אַלץ פאַר אַ סך איינפאַכער, וועניגסטענס דאַן, ווען אויף אייך ווירקט ניט די אַטמאָספער, מיט וועלכער איך רינגעל אייך צייטענווייז אַרום. און דעריבער לעבט זיך אייך בעסער ווי מיר. אַ סך בעסער. אין מיין נשמה איז דאָך שרעקליך. האָט איהר דאָס נאָך ניט באַמערקט? וואָס קומט מיר, נאָך אַלעמען, אַרויס פון דעם, וואָס אַלע עטאַזשען ביי מיר זיינען באַלויכטען? וואָס קען מיר העלפען מיין וויסען און פאַרשטעהן די מענשען, מיין שאַרפע דורכדרינגליכקייט? גאָרנישט... וועניגער ווי גאָרנישט. איי־גענטליך וואָלט איך נאָר איין זאַך געוואָלט, געאָרג, — אַז דער גאַנצער שרעק פון דער לעצטער צייט זאָל זיך אַרויסשטעלען ווי אַ בייזער חלום. איך שווער אייך, געאָרג, איך וואָלט פאַר דעם אָפּגעגעבען מיין גאַנצע צוקונפט און אַלץ, וואָס איהר ווילט, ווען דאָס געשעהענע זאָל קענען ווערען דאָס ניט געשעהענע. אָבער ווען דאָס אַלץ וואָלט אפילו ניט געשעהן, וואָלט איך אַלץ וואַרשיינליך געווען פּונקט אַזוי עלענד, ווי איצט.

זיין געזיכט האָט זיך אַזוי צוקרימט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַ געשריי טאָן. באַלד אָבער איז ער ווידער געוואָרען אומבאַוועגליך, שטאַר, גרוי, ווי אויסגעלאָשען. און ער האָט געזאָגט:

— גלויבט מיר, געאָרג, עס זיינען פאַראַן מינוטען, ווען איך בין מקנא די מענשען, וואָס האָבען די אַזוי גערופענע „וועלטאַנשוי־אונג". און איך, ווען איך וויל האָבען אַ וואָויל איינגעאָרדענטע וועלט, מוז איך זי ערשט אַליין באַשאַפען. דאָס איז זעהר אָנשטרענגענד פאַר וועמען ניט איז, וואָס איז ניט דער ליעבער גאָט אַליין.

ער האָט שווער אָפּגעזיפצט. געאָרג האָט איהם ניט געענטפערט. ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט איהם אונטער די ווערבעס צום אַרויס־גאַנג. ער האָט געוואוסט, אַז אַט דעם מענשען קען מען מיט קיין זאַך ניט העלפען. ווען עס איז איהם שוין בעשערט צו פאַלען פון דעם הויכען טורעם, אויף וועלכען ער וועט זיך אַרויפדרעהען אויף זיינע ספּיראַלען, אַראָפּ אין אָפּגרונט; און דאָס וועט זיין זיין סוף. געאָרג אָבער האָט זיך געפיהלט גוט און פריי. ער האָט בעשלאָסען אויסצונוצען די דריי טעג, וואָס זיינען איהם געבליבען, אַזוי פאַר־גינעפטיג, ווי נאָר מעגליך. דאָס בעסטע, פאַרשטעהט זיך, וואָלט געווען צו זיין אַליין ערגעץ־וואו אין אַ שעהנעם, שטילען ווינקעל אויפ'ן לאַנד, וואו ער וואָלט געקענט זיך אויסרוהען און צוגרייטען צו נייער אַרבייט. דעם מאַנוסקריפּט פון דער וויאָלין סאָנאַטאַ האָט ער מיטגענומען אין וויען. דאָס האָט ער געוואָלט ענדיגען פריהער פון אַלץ.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון טויער און האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן וועג. געאָרג האָט זיך אומגעקוקט, אָבער די וואַנט פון דעם בית עולם האָט אָפּגעשטעלט זיין בליק. ערשט עטליכע טריט ווייטער האָט זיך געעפענט אַן אויסזיכט טיף אין טאָל. אָבער איצט האָט ער שוין געקענט נאָר טרעפען, וואו דאָס קליינע הויז מיט דעם גרויען פראָנטאָן געפינט זיך. פון דאַנען האָט מען שוין ניט געזעהן. איבער די רויט־געלע בערגלאַך, וואָס האָבען אָפּגעשלאָסען דעם טאָל, איז אַראָפּגעזונקען דער הימעל אין מאַטען הערבסט־שיין. אין געאָרג'ס נשמה האָט געציטערט אַ מילדער אָבשיד מיט דעם גליק און די ליי־דען, וואָס זיינען פאַר איהם פאַרגאַנגען אין אַט דעם טאָל, וועלכען

ער פארלאזט איצט אויף א לאנגע צייט; און צו דערזעלבער צייט האָ־
בען איהם געקלונגען גרוסען פון די אומבאקאנטע טעג, וואָס האָבען
זיך געטראָגען פון דער ווייט אנטקעגען זיין יוגענד.

סוף.